STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05165

IN ROD FUN TSORN

Shlomo Shtokfish

Permanent preservation of this book was made possible
by Jim & Janis Warren
in honor of
Rabbi Robert Schreibman's retirement

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שטאָקפיש

אין ראָד פון צאָרן

פון דער ביכער־סעריע „שפורן"
מעמוארן און גביות־עדות
פון די מלחמה־יאָרן און פון דער שואה



Shtokfish

שלמה שטאָקפיש

אין ראָד פון צאָרן

מיינע איבערלעבונגען
אין צווייטן וועלטקריג

In rod fun tsorn

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ו — 1975

SHLOMO SHTOKFISH / IN ROD FUN ZORN
Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

שלמה שטאָקפיש / אין ראָד פון צאָרן
פאַרלאַג „ישׂראל-בוך", תּל-אביב, רח׳ איתּמר בן-אבי 4

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון קולטור-פאָנד בײַ דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישׂראל, עטאַבלירט פון יואל און מערי גאָלדמאַן פון לאָס אַנדזשעלעס; פון צעשע און סימאָן זײַדנווערג, צום אָנדענק פון זײערע ברידער און שוועסטער, קרבנות פון די היטלעריסטישע רציחות; פון לובאַ און משה קאָרן, לזכר זײערע עלטערן; פון יוסף און זאָשע ראַכמאַן צו פאַראײביקן זײערע עלטערן שמחה דוד און רבקה ראַכמאַן (פון דער הײם: הערשענפעלד); חיים שמואל און רבקה גאָלדשטײן (פון דער הײם: שטאָקפיש); אליעזר און דאָבע בערלין (פון דער הײם: זאַלקינד) צו פאַראײביקן אירע און מײנע שוויגער-עלטערן: אליעזר און ראַשל און מײַן שוואָגער משה — אומגעקומען אין ווילנער געטאָ.

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1975 נדפס בישראל

דפוס „להב", רח׳ המסגר 60, תּל-אביב, טל. 36564

Y B SE
Shtokfish

דאָס בוך איז געווידמעט

מײַנע פאַרשטאָרבענע עלטערן שלום און הענדל־צלאָווע שטאָקפיש;

מײַן פרוי פייגע צוקער מיט אונדזערע צוויי קינדערלעך מולי און שרהלע;

מײַנע שוועסטערן: רויזע, איר מאַן הערשל ראַפּאַפּאָרט מיט זייערע צוויי קינדערלעך;

רחל באַלער מיט אירע צוויי קינדערלעך.

מײַן שוועגערין רוכטשע שטאָקפיש און אירע דרײַ קינדערלעך —

אַלע אומגעקומען אין לובלינער געטאָ;

מײַן ייִנגסטן ברודער יידל, געשטאָרבן אין רוסלאַנד;

מײַן שוועסטערן־זון יהודה האָכבוים, געפאַלן ווי אַ פּאַראַשוטיסט פון צה״ל אין ישׂראל;

זײַן פאָטער און מײַן שוואָגער עזריאל האָכבוים

און מײַן ברודער יחיאל — ביידע ניפטר געוואָרן אין ישׂראל.

JAN 5 1977

9/30

מיטן אָנהייב פון דער 2טער וועלט־מלחמה

ס׳איז מיר שווער אָנצוהייבן באַשרייבן מיינע איבערלעבונגען פון דער 2טער וועלט־מלחמה נישט דערמאָנענדיק אייניקע עפּיזאָדן פון דער 1טער וועלט־מלחמה, ווי אַזוי כ׳האָב דעמאָלט איבערגעלעבט אַלס קליין קינד, און אויף וויפל אייניקע פון די געשעענישן האָבן זיך טיף איינגע־קריצט אין מיין קינדערישן זכרון.

כ׳געדענק נאָך ווי היינט, ווי ייִדן האָבן, אין יאָר 1914, זיצנדיק אין סוכּה געזאָגט: „השם יתברך זאָל אָפּהיטן, אַז די מלחמה זאָל, חלילה, דאַרפן דויערן אַ יאָר צייט. פאָניע גנב וועט איינס־צוויי צעקלאַפּן עסטרייך און ס׳וועט גלייך זיין שלום״.

אונדזער גורל אַלס ייִדן אין דער 1טער וועלט־מלחמה איז אויך געווען גענוג טראַגיש און האָט געדינט ווי אַן אַריינפיר צום גרויסן ייִדישן חורבן פון דער 2טער וועלט־מלחמה. דער פאַקט, וואָס כּמעט אין אַלע קעמפנדיקע אַרמייען זענען אויך געווען ייִדן, האָט ממילא אויך געבערענגט דערצו, אַז ייִדן האָבן זיך קעגנזייטיק געמאָרדעט.

מיין מוטער, די צדקת, פלעגט דעמאָלט, אין די מלחמה־טעג, אויפ־שטיין יעדן פרימאָרגן און מיט נאָך גבאיטעס אַרויסגיין צום וואָקזאַל און צווישן די הונדערטער רוסישע זעלנער אָפּזוכן ייִדן, כּדי זיי מכבד זיין מיט טיי און קיכל. זיי האָבן פּשוט ריזיקירט מיטן לעבן, ווייל מיטן מכבד זיין ייִדישע זעלנער האָבן זיי אַרויסגערופן ווילדן צאָרן ביי די רוסן און פּאַליאַקן, צו וועמען קיינער איז נישט געקומען.

אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָט מיך מיין מוטער אויפגעוועקט און געבעטן, כ׳זאָל איר העלפן טראָגן דאָס קײשל מיטן געבעקס, ווייל די צווייטע פרוי, די גבאיטע, איז נישט געקומען. מיט פּחד האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַן עשאַלאָן מיט פאַרווונדעטע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זענען פון פראָנט אָפּגעשיקט געוואָרן צום הינטערלאַנד, אין די שפּיטעלער. אויף מיין מוטערס פראַגע, צי ס׳זענען דאָ צווישן די פאַרווונדעטע זעלנער אויך ייִדן, האָט מען איר אָנגעוויזן אויף אַ ייִדישן זעלנער, דווקא נישט קיין פאַרווונדעטער, וועלכער איז אָבער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואַגאָן און מיט וואַנזיניקע אויגן געקוקט אויף די אַרומיקע. נאָכן אויסטרינקען

צווײ טעפּלעך טײ מיט קיכלעך, איז ער אַ ביסל געקומען צו זיך און האָט דערצײלט אויף ייִדיש אַ שרעקלעכע פּאַסירונג:

ווען זײ זענען אַרויס אין אַן אַטאַקע קעגן די עסטרײכער, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח אַרײנגערוקט זײן באַגנעט אינעם בויך פון אַן עסטרײכישן זעלנער. דער עסטרײכער האָט נאָך באַוויזן אויסצושרײען: „שמע ישראל, האָסט דערהרגעט אַ טאַטן פון 5 קינדער!" און איז געפאַלן אַ טויטער. דער ייִדישער זעלנער איז נאָך דעם פאַל פון גרויס צער משוגע געוואָרן.

כ'געדענק אויך דעם שרעקלעכן פּאָגראָם, וואָס רוסישע זעלנער, וועלכע מ'האָט דעמאָלט געשיקט אויפן דײטשן פראָנט, האָבן אָרגאַניזירט איבער ייִדן און ייִדישע געשעפטן אין דער סביבה פון לובלינער וואָקזאַל און אויף דער אַנווײזונג פון די פּאָליאַקן אויפגעריסן די טירן, אַרויסגעוואָרפן די סחורות, וואָס די פּאָליאַקן האָבן גלײך צעכאַפּט און אַהײם געטראָגן. מיט גרויס מי איז דעם גובערנאַטאָר מיט דער הילף פון אַ 2 סאָטניעס קאָזאַקן געלונגען צוריקצוטרײבן מיט נאַהײקעס די צעבושעוועטע זעלנער אין די וואַגאָנען. די ייִדישע סוחרים זענען שפּעטער אַרומגעגאַנגען מיט דער פּאָליצײ אָפּצוגעפינען די צוגערויבטע סחורות. נאָר אַ טײל פּוילישע שכנים האָבן, צוליב חרטה אָדער מורא, אַלײן אָפּגעבראַכט דאָס צוגערויבטע.

אויך נאָכן פּאַרנעמען פּשעמישל דורך די רוסן איז געקומען צום אויסדרוק די ייִדישע סאָלידאַריטעט. ווען דורך לובלין האָט מען מיט קלײנע הפסקות אין משך פון 4 מעת־לעתן דורכגעפירט 110,000 געפאַנגענע עסטרײכער, האָבן אויך דעמאָלט אײניקע נשים צדקניות געזוכט, צווישן די דורכגײענדיקע, געפאַנגענע ייִדן, כּדי זײ מכבד זײן מיט זעמל, פרוכטן און ציגאַרעטן. זײ זענען דערבײ געווען אויסגעשטעלט אויף קלעפּ פון רײטנדיקע קאָזאַקן מיט נאַהײקעס אין די הענט, וואָס האָבן מיט כּוח פאַר־טריבן די ייִדישע פרויען.

נאָך 4 יאָר קריג איז ענדלעך געקומען דער צוזאַמענברוך פון דער דײטש־עסטרײכישער אַרמײ, וועלכע פּאָליאַקן האָבן מיט די גאָלע הענט אַנטוואָפנט, אַרײנגעשטויסן זײ אין וואַגאָנען און אָפּגעשיקט אַהײם. ס'איז אַנטשטאַנען די נײע פּוילישע רעפּובליק און ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײע כוואַליע פון ייִדן־רדיפות, פּאָגראָמען און מאַסן־צעשיסונ־גען פון ייִדן, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע 3 יאָר, ביזן שליסן דעם שלום מיט די באָלשעוויקעס אין בריסק און מיט די דײטשן אין אויבערשלעזיע.

דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן האָט אָנגעהויבן זיך צו נאָרמאַליזירן און איז דערגאַנגען צו אַ געוואַלדיקן אויפשוווּנג אויף אַלע געביטן. דאָס איז

געווען ווי אַ דאָרן אין אויג פון די פּוילישע בעלי־בתּים, וואָס האָבן זיך פאַרקלאָגט, אַז ווען מען גייט אַרויס שבת אויף אַ ייִדישער גאַס, מיינט מען, אַז מ׳געפינט זיך אין פּאַלעסטינע און נישט אין פּוילן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון שיקאַנעס, פּאָגראָמען און אַרעסטן צווישן ייִדן, איבערהויפּט נאָך היטלערס איבערנעמען די מאַכט און נאָכן טויט פון פּילסודסקין. דער באָיקאָט קעגן ייִדן איז כּמעט לעגאַליזירט געוואָרן. געדונגענע פּוילישע אַרבעטסלאָזע זענען געשטאַנען פאַר די גרעסטע ייִדישע געשעפטן אויף די פּוילישע פּרינציפּאַלע גאַסן און נישט אַריינגעלאָזט קיין קונים.

דאָ דערמאָן איך זיך אַ טראַגיש־קאָמישן פאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין אַ פּרייטיק־פאַרנאַכט, אין 1937סטן יאָר, עטלעכע טעג פאַר די ווייַנאַכט־יום־טובים: פאַר דעם גרויסן מאַגאַזין פון גרייטע מלבושים פון קאָרמאַן־פישמאַן, אין לובלין. ביים ראָג פון קראָקעווער פּאָרשטאָט און קרולעווסקי, זענען געשטאַנען עטלעכע פּאָליאַקן מיט באָיקאָט־אויפרופן אין די הענט און נישט אַריינגעלאָזט קיין קונים. די אייגנטימער פון געשעפט האָבן אַפילו מורא געהאַט אַרויסצוגיין און זיי אַוועקטרייבן. פּלוצלינג האָט זיך צום געשעפט דערנענטערט אַ יונגער אָפיציר, אין אַ שיינעם מונדיר מיט אַ פּעלערינע, דאָס פּירקאַנטיקע היטל איז געווען באַפּוצט מיט פעדערן, וועלכע ס׳האָט געטראָגן נאָר דער פּולק פון די פּאָדהאַלער שיסער. די פּיקעטניקעס זענען צוגעלאָפן צום אָפיציר, פון אַלע זייטן גענומען אים שטופּן אין האַנט די באָיקאָט־בלעטלעך און געשריִען: „דאָס איז אַ ייִדיש געשעפט! קויפט נישט ביי אַ ייִדן! אַ ייִד איז אַ שונא!" דער פּאָרוטשניק האָט זיך נישט געמאַכט ווויסנדיק, מיט זיכערע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר. ווען ר׳האָט שוין אָנגענומען די קליאַמקע, האָט איינער פון די פּיקעטניקעס זיך נישט איינגעהאַלטן און אים אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל... דאָ איז אָבער געשען אַן אומדערוואַרטעטע זאַך: דער יונגער אָפיציר האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, אָנגעכאַפּט דעם אָנגרייפער פאַרן האַלדז און צו אים געשריגן: „ווי האָסטו געוואַגט באַליידיקן דעם מונדיר פון אַ פּוילישן אָפיציר — קום מיט מיר אין פּאָליציי!" דער פּאָליאַק האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ער זאָל אים אָפּלאָזן, ווייל ער איז אַן אַרבעטסלאָזער, אַ פּיקעטניק איז ער פאַר 2 זלאָטעס אַ טאָג, כּדי צו פאַרדינען אויף יום־טוב. אויך די אַנדערע פּיקעטניקעס האָבן זיך ביי אים געבעטן: „הער פּאָרוטשניק, לאָזט אים אָפּ!" אָבער דער אָפיציר האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און אים געשלעפּט אין דער פּאָליציי אויף דער זשעלאַנע גאַס, און אַ פּאָליציאַנט האָט איבערגענומען דעם פּיקעטניק אין זיין רשות. אָבער באַלד נאָך דעם האָט דער פּאָליציימאַן

נאָכן אָפּפירן דעם פּיקעטניק עטלעכע שריט, אים באַפרייט און געהייסן זיך אָפּטראָגן...

ס׳איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער יוגנט האָט אַלס פּראָטעסט קעגן דער דיסקרימינאַציע און אויס־גאַנגלאָזיקייט אין יענער צייט, זיך אַ לאָז געטאָן צו די 2 עקסטרעמען: קאָמוניזם און רעוויזיאָניזם.

אויך איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער אידעע, כ׳בין אַוועק פון די לינקע פּועלי־ציון און אַנגעהויבן אין די שווערע און פינצטע־רע יאָרן צו פירן אַן אונטערערדישע טעטיקייט.

נאָך דעם ווי קיין לובלין איז אין יאָר 1937 געקומען דער וויצע־פּראָ־קוראָר באַריטשקאָ, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו דעם קאָמוניזם, וואָס האָט זיך אין דעם יאָר געוואַלדיק פונאַנדערגעשפּרייט אין לובלין און אַפילו אַריינגעדרונגען אין די העכסטע און רייכסטע ספערן אין דער ייִדישער און אין אַ קלענער מאָס אויך אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. באַריטשקאָ האָט אינסצעניזירט אין לובלין אַ פּראָצעס פון 40 קאָמוניסטן, וואָס האָט דעמאָלט אויפגערודערט גאַנץ פּוילן. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען געזעסן: יאַנינאַ ביער, די טאָכטער פונעם פּרעזעס פון דער לובלינער האַנדלס־ און אינדוסטריע־קאַמער אַדוואָקאַט ביער, אַ גביר מופלג; וואַנדאַ לעוויצקאַ, די טאָכטער פון שול־קוראַטאָר פון לובלינער ראַיאָן; יוזשוויאַק, שפּעטערדיקער גענעראַל ווימאַלד, אַ גימנאַזיע־לערער און רעזערוו־אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי; אַ גאַנצע ריי טוער פון „טור״ (אַרבעטער אוני־ווערסיטעט); און מיט זיי אַ סך פון עמך, שער און אייזן — ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך. דער פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט שווערע שטראָפן און האָט געדינט ווי אַן אַריינפיר צו ווייטערדיקע אַרעסטן, איבערהויפּט צווישן די ייִדישע יוגנטלעכע — צווישן זיי אויך איך, מיין ברודער און שוואָגער.

בעת אונדזער פּראָצעס אין יאָר 1938 האָט דער אַנטיסעמיטישער „גלאָס לובעלסקי״ געשריבן: „אַ פאַמיליען פּראָצעס, וואָס באַווייזט אַז אונדזער טעזע איז אַ גערעכטע, נעמלעך: 1 ייִד — 1 קאָמוניסט; 10 ייִדן — 10 קאָמוניסטן; 100 ייִדן — 100 קאָמוניסטן; 1000 ייִדן — 1000 קאָמוניסטן; אַ מיליאָן ייִדן — אַ מיליאָן קאָמוניסטן״.

און אַזוי האָט מיך דער אויסברוך פונעם 2טן וועלט־קריג געטראָפן ווי אַ פאַרמשפּטן קאָמוניסט אויף 4 יאָר, נאָכן אָפּזיצן 20 מאָנאַטן פון דער שטראָף.

די באַדינגונגען אין לובלינער „זאַמעק" פאַר די אַרעסטירטע קאָמוניסטן זענען געווען שוידערלעכע. דער אַספּיראַנט רענקאָוועק האָט זיך מוראדיק איזדעקעוועט איבער די אַרעסטירטע, געשלאָגן ביי יעדער געלעגנהייט און באַשטראָפט מיט תענית, אָדער קאַרצער. ער פלעגט אַרויסגעבן אַזעלכע דראַקאָנישע פאַראָרדענונגען, וואָס די קאָמוניסטן האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אָננעמען, ווי: זונטיק שטיין אויף באַטשנאַשטש אין משך פון די 2 שעה גאָטס-דינסט אין דער קאַפּליצע פון דער תפיסה; סאַלוטירן און מעלדן דעם נומער ביים ווענדן זיך צו דער תפיסה-אַדמיניסטראַציע, אַזוי צו זאָגן: „הער אַדזשיאַלאָווי, אָדער פשאָדאָווניק, אָדער אַספּיראַנט, דער אַרעסטאַנט נומער..... מעלדעט געהאָרכזאַם, אַז ער וויל שרייבן אַ בריוו" א.אַ.וו. אַלס שטראָף פאַר נישט אויספירן די פאַראָרדענונגען זענען מיר אין משך פון זומער 1939 באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ לאַנג דויערנדיקן תענית און נישט באַקומען קיין געקעכטס 2 מאָל אין טאָג, נאָר אין דער פרי אַ טעפל קאַווע מיט 400 גראַם שוואַרץ ברויט. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אין תפיסה ווי שאָטנס. אויך צוליב דעם נישט וועלן זיך מעלדן האָבן מיר נישט געקאָנט באַקומען קיין פעקלעך, שרייבן בריוו, אָדער קויפן צוגאָב-עסן אין תפיסה-קאַנטין פאַר אייגן געלט. ביז מיר האָבן זיך איינגעבראָכן אויפן רוף פון אוקראַינישע גרויסע קאָמוניסטן-פירער, וואָס מ'האָט געבראַכט נאָך אַן איינגעבראָכענעם הונגער-שטרייק פון לעמבערגער טורמע. זיי האָבן אונדז דורך גריפסן (אייגענע תפיסה-פּאָסט) געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב מיר ווילן דערלעבן די באַפרייונג מוזן מיר זיך אונטערגעבן. און מיר האָבן זיך אונטערגעגעבן... בפרט, אַז אונדזערע פרויען, קינדער, עלטערן און קרובים האָבן בעת די באַזוכן אונדז צעבראָכן די הערצער מיט זייערע געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך אונטערגעבן.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג 1939, ווען היטלער האָט זיין געטרייען דינער, פוילן, אַריינגעשיקט דעם אולטימאַטום, וועגן דעם דאַנציקער קאָרידאָר, און פוילן, וואָס האָט שוין געזען די מפּלה פון טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט דעם אולטימאַטום אָפּגעוואָרפן.

אין אַ געוויסער נאַכט, בעתן שלאָפן אויף אונדזערע האַרטע געלעגערס אין דער מיטלאַלטערלעכער באַשטע, אין לובלינער „זאַמעק", האָבן מיר פלוצלינג דערהערט טריט אויף די געדרייטע שטיגן. מיר זענען אויפגעציטערט געוואָרן, ווייל ס'איז נאָך נישט געשען, אַז אין אַזאַ שפּעטער שעה זאָל מען אונדז באַזוכן. מיר האָבן זיך געריכט אויף דאָס ערגסטע. בעת די

שווערע אייזערנע טיר האָט זיך געעפנט און דער סאַמעראָדנער תּפיסה־נאַטשאַלניק אין באַגלייטונג פון זיינע 3 אַספּיראַנטן, 2 פּשאָדאָווניקעס און עטלעכע וועכטער מיט גומי־שטעקנס אין די הענט זענען אַריינגעקומען אין דער קיילעכדיקער קאַמער פון דער באַשטע. מיר זענען אויפגעשפּרונגען פון די געלעגערס און זיך געוואָלט שטעלן אויף „אַכטונג", ווי מיר זענען געווען פאַרפליכטעט אין אַזאַ פאַל, אָבער אַ לייכטע באַוועגונג מיט דער האַנט האָט אונדז דערלויבט זיצן אויף די געלעגערס, און דער נאַטשאַלניק האָט פאַר אונדז געלאָזט הערן: „הערן אַרעסטאַנטן, אונדזער אייביקער שונא, די דייטשן, מיט זייער משוגענעם פירער, היטלער, האָבן געוואָגט אונדז שיקן אַן אולטימאַטום, מיר זאָלן אים אָפּגעבן דעם דאַנציקער קאָרידאָר, א.אַ.וו. מיר וועלן אים באַווייזן, אַז ביי אונדז וועט ער צעברעכן די ציין. מיר זענען נישט טשעכאָסלאָוואַקיע. אין דעם ערנסטן מאָמענט פאַר אונדזער פאָטערלאַנד דאַרפן מיר זיין אייניק, ווייל אין אייניקייט איז אונדזער כּוח. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אויך אייך, הערן פּאָליטישע אַרעסטירטע, באַטייליקן אין צוגרייטן פּוילן צו אַ קריג מיט היטלערן. מיר פאַרשטייען, אַז אייער הילף קאָן זיין אַ קליינע, אָבער דאָס וועט האָבן אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג, ווייל דאָס וועט באַווייזן, אַז אפילו די וואָס זיצן אַרעסטירט פאַר אַנטי־מלוכהשער טעטיקייט באַטייליקן זיך אויך אין דער אַקציע. צו דעם צוועק דאַרף יעדער פון אייך, וואָס האָט געלט אין דעפּאָזיט, שפּענדן אויף באַוואָפענונגס צוועקן. ווער ס'האָט נישט קיין געלט אין תּפיסה־דעפּאָזיט קאָן שרייבן צו די קרובים מ'זאָל שיקן געלט, אָדער שפּענדן געלט אויף אייער נאָמען. מאָרגן פרי וועלן מיר אָנהייבן די אַקציע".

נאָכן אָוועקגיין פון תּפיסה־נאַטשאַלניק און זיין סוויטע זענען מיר שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. ס'איז אָוועק אַ שאַרפע דיסקוסיע — פאַר און קעגן: צי זאָלן מיר זיך שטעלן אויף דער זייט פון דער פּוילישער פאַשיסטישער רעגירונג, צי נישט... אָבער דאָ האָט זיך די דיסקוסיע אָפּגעהאַקט, ווייל ס'איז נאָך געווען פאַרן ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּמאַך, און מיר האָבן אַלע געזען אין היטלערן, אין פאַשיזם, דעם גרעסטן דם־שונא פון קאָמוניזם, פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט.

צו מאָרגנס איז גאָרנישט געוואָרן פון די אַלע רייד. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַרומגעזען, אַז די געפאַר איז נאָך נישט אַזוי גרויס, אַז מ'זאָל אַזש דאַרפן נעמען שפּענדונגען ביי קאָמוניסטן. די שווערע פאַר־

פֿאַלגונגען און דראַקאָנישע געזעצן האָבן זיך נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט. מ'האָט ביי אונדז צוגענומען אַפֿילו די צייטונגען. קיין ראַדיאָ האָבן מיר אויך נישט געהערט. נאָר בעת מיר זענען פֿרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער אין דער פֿרי אַרויס אויפֿן הויף, אין קלאָזעט, האָט מען צו אונדז פֿון דער קיך אַרויסגעשריגן, אַז דער קריג איז אויסגעבראָכן. מיר האָבן דאָס אויפֿגענומען מיט געמישטע געפֿילן...

איך, פֿערזענלעך, בין געווען צופֿרידן, ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס באַדייט אַ נאָענטע באַפֿרייונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואָך פֿון אויסער־געוויינטלעכע איבערלעבונגען. בעת דעם שפּאַציר אין טורמע־הויף האָבן מיר נישט איין מאָל אָבסערווירט איינצלנע לופֿט־שלאַכטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ממש איבער אונדזערע קעפּ.

דערווייל זענען די טורמע־וועכטער קאָשאַרירט געוואָרן אין „זאַמעק" און צוזאַמען מיט זייערע משפּחות זיך באַזעצט אין דער באַשטע, ווו די דיקע, איין־מעטערדיקע ווענט זענען געווען אַ גוטער שוץ פֿאַר די באָמ־באַרדירונגען. אונדז האָט מען באַלד, שבת דעם 2טן סעפּטעמבער, פֿון דאָרטן איבערגעפֿירט אין גרויסע, געראַמע, ליכטיקע צימערן, וואָס זענען געבליבן לער נאָך דער פֿראָקלאַמירטער אַמנעסטיע פֿאַר אַלע פּאָספּאָליטע פֿאַרברעכער. די צימערן האָבן אָבער געהאַט איין גרויסן חסרון — זיי זענען געווען אַבסאָלוט שוצלאָז קעגן באָמבעס.

זענען מיר אַזוי געזעסן אין כסדרדיקער טויט־שרעק און איבערגע־לעבט איין באָמבאַרדירונג נאָך דער צווייטער, ביז שבת דעם 9טן סעפּ־טעמבער. אין דעם פֿאַרמיטאָג האָבן די דייטשן שווער באָמבאַרדירט לובּ־לין און די נאָענטסטע געגנט פֿון „זאַמעק". מיר האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע מינוטן און אַרומגעלאָפֿן אין פֿאַרשלאָסענעם קאַמער ווי מייז אין אַ שׂרפֿה. די אַרעסטירטע האָבן שווער רעאַגירט אויף דער טויט־געפֿאַר, וואָס האָט יעדע מינוט געדראָט. אַלע זענען געווען טויט־בלאַס און מיט גרויס מי זיך געוואַלט באַהערשן. ביי אַ שטאַרקער עקספּלאָזיע האָב איך זיך געוואָרפֿן אונטער דער „קאָסטקע" (אַ קוואַדראַט פֿון צונויפֿ־געלייגטע שטרויזעק). איינער האָט מיט אַ רעקל זיך פֿאַרדעקט דעם קאָפּ; אַ דריטער האָט אין פּאַניק געקלאַפּט אין די טירן און געשריִען, מ'זאָל זיי עפֿענען. צוזאַגנדיק אַז מיר וועלן זיך נאָר באַהאַלטן פֿון די באָמבעס און אַליין צוריק זיך אומקערן אין די קאַמערן.

נישט פֿאַרגעסלעך איז געווען דאָס בילד פֿון אַן אוקראַאינער, אַ קאַפּ־ראַל אין דער פּוילישער אַרמיי, וועלכער האָט באַקומען 6 יאָר פֿאַר קאָמו־

ניסטישער אַגיטאַציע אין מיליטער. ער איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ באַנק און מיט אַ סטאָיִשער רויִקייט אויסגעקנעטן פון ברויט שאָך־פיגורן. גלייך נישט אים מיינט מען. בלויז ביי אַ גרעסערן אויפרייס פלעגט ער אויפ־הייבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן צום פענצטער, צי דאָס הויז שטייט נאָך, און גלייך ווידער גענומען קנעטן די פיגורן.

ענדלעך האָט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן פון אַ צווייטער אָפּטיילונג אויפ־געריסן די טיר און אַרויס אויפן הויף, אָבער די וועכטער האָבן זיי גלייך מיט רעוואָלווערן צוריק אַריינגעטריבן אין די קאַמערן און זיי פאַרשפאַרט.

דעם טאָג נאָכן באָמבאַרדירן האָט מען אונדז געפירט אין באָד אַריין, געטוישט די וועש און די מלבושים אויף נייע. נאָך דעם האָט מען אונדז געגעבן אָפּצועסן אַ גוטן מיטאָג. מיר זענען געווען זיכער, אַז מען גייט אונדז עוואַקויִרן צוזאַמען מיט אַלע אַרעסטאַנטן.

6 אין אָוונט, נאָכן אָפּעסן, איז נאָך פאַרגעקומען, ווי געוויינטלעך, דער אַפּעל, אָבער אַנשטאָט אַ סטאַרשי אַדזשיאַלאָווי, אָדער פּשאָדאָווניק, איז געקומען אַן אַלטיטשקער וועכטער, וואָס האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אונדז אָפּגעציילט און צוריק פאַרמאַכט. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צום שלאָפן.

ווי ס'איז אָבער נאָר פינצטער געוואָרן האָבן די פּרויען־אַרעסטאַנטקעס, וואָס די פענצטער אין זייערע קאַמערן זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס, אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז לובלין ברענט און דאָס פייער דערנענ־טערט זיך צו דער טורמע. מער האָט מען נישט באַדאַרפט. אַ שרעקלעכע פּאַניק האָט באַהערשט די טורמע. די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעהויבן שרייען, מ'זאָל זיי גלייך אַרויסלאָזן. פון הויף איז נישט געקומען קיין שום ענט־פער. דאָס האָט נאָך מער דענערווירט די אַרעסטירטע, וועלכע האָבן אָנ־געהויבן אַ קאַצן־מוזיק. אויך אויף דעם איז נישט געווען קיין שום רעאַק־ציע. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אונדז אַ פאַרדאַכט, אַז די וועכטער האָבן פאַרלאָזט די טורמע. דאַן האָבן 10 פּאָר הענט גענומען אַ לאַנגע, היל־צערנע באַנק און מיטן גאַנצן כּוח אָנגעהויבן קלאַפּן, פריִער אין דער אייזערנער קראַטן־טיר, וועלכע איז גלייך מיט די זאַוויאַסעס אַרויסגע־שפּרונגען פון דער וואַנט; דאַן איז געקומען די ריי אויף דער אויסער־לעכער, מיט אייזן באַשלאָגענער דעמבענער טיר, וועלכע האָט אויך נישט אויסגעהאַלטן די שטויסן פון דער באַנק און די קאַמער איז געשטאַנען אָפן. דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן די העלדישע גרויסקייט פון איינצל־נע חברים. אַנשטאָט גלייך אַליין אַנטלויפן, האָבן זיי געהאַט גענוג מוט און

אויסדויער אויך צו געדענקען אין אַנדערע. זיי האָבן אויפגעריסן די טירן פון די צעלעס פון די סאָוויעטישע שפּיאָנען, וועלכע זענען געזעסן אין איינצלנע קאַמערן אין דער ערשטער אָפּטיילונג; אויך באַפרייט די קראַנקע, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין שפּיטאָל און אַפילו 2 חברים פאַרשפּאַרטע אין קאַרצער. דאַן האָבן די פרויען גענומען רופן מען זאָל זיי אויך באַפרייען. כּהרף עין האָבן די אַרעסטאַנטן זיך געלאָזט צו דער פרויען־אָפּטיילונג, אויפגעריסן די טירן און אויך באַפרייט די חברטעס.

דאָ איז געשען דאָס אומגלייבלעכע: ביידע געשלעכטער, וואָס זענען געווען שרעקלעך אויסגעהונגערט סעקסועל, נאָך פיל טורמע־יאָרן, האָבן זיך גלייך אַרומגעכאַפּט, און ווער באַקאַנט און ווער אומבאַקאַנט, האָבן זיך אויפן גראָז אין תפיסה־הויף גלייך אַנגעזעטיקט... כ׳בין עטלעכע מאָל געשטרויכלט געוואָרן, אויפן וועג צום טורמע־טויער, אַנשטויסנדיק זיך אויף אַזעלכע ליגנדיקע פּאָרלעך.

מיט גרויס אומרו האָב איך פּאַמעלעך געעפנט דאָס טירל, וואָס פירט צו דער גאַס, מורא האָבנדיק פאַר אַ פּראָוואָקאַציע, אַז ס׳שטייען דאָרט תפיסה־וועכטער מיט מאַשין־געווער כּדי צו עפענען אויף אונדז אַ פייער, גלייך ווי מיר וועלן אַרויס אויף דער פריי. אָבער אַנשטאָט מאַשין־געווער זענען ביי דער טורמע געשטאַנען באַקאַנטע מענטשן, יידן און ייִדענעס, וואָס האָבן געהערט די געשרייען אין טורמע און נישט געוווסט זייער באַדייטונג. זיי האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין, פּונקט ווי מיר האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין.

אַ באַקאַנטער האָט מיר געזאָגט, אַז מיין פרוי, שוויגער און ביידע קינדער זענען נישט ביי מיר אין דער היים, ווייל יענע גאַסן האָט מען באָמבאַרדירט, זיי זענען ביים ברודער אויף יאַטעטשנע.

כ׳האָב זיך שווער אָריענטירט אין די פינצטערע, אָפּגעשטאָרבענע גאַסן. ביי יעדן הויז זענען געשטאַנען וועכטער מיט גאַז־מאַסקעס און טאָרבעס און נישט אַריינגעלאָזט קיין פרעמדע. אויף די גאַסן איז נישט געווען קיין פּאָליציי און קיין מיליטער.

מיין פרוי האָט מיר דערציילט, ווי הילפלאָז און הפקר מען איז ביים דייטש. די פּוילישע אַרמיי טרעט אָפּ אַ צעקלאָפּטע און די שטאָט וואַרט אויפן אַריינטריט פון די דייטשן. ווער ס׳האָט אַ האַנט מיט אַ פוס אַנטלויפט אויף מיזרח, צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. אויך מיט אַפּראָוויזאַציע האַלט שמאָל. גוט, וואָס מענטשן האָבן זיך אַנגעגרייט אַ ביסל פּראָוויאַנט. די קינדער זענען געשלאָפן אין אַנטועכץ און דערוואַקסענע

זענען בכלל נישט געשלאָפן, געזעסן אַ גאַנצע נאַכט אויף די שטיגן, מורא האָבנדיק פאַר נאַכט־לופט־אָנגריפן, וואָס זענען נאָך דעמאָלט גע־ווען אַ זעלטנהייט. יעדער גערויש פון אַ מאָטאָר, אַפילו פון אַ מאָטאָר־ציקל האָט אַרויסגערופן אַ פּאַנישע שרעק. מען האָט געכאַפּט די קינדער און מ׳האָט זיי אָוועקגעשטעלט אונטן אין אָפענעם קאָרידאָר, כּדי יעדע מינוט צו קאָנען אַנטלויפן אויב דאָס הויז וועט געטראָפן ווערן.

די דייטשן פאַרנעמען לובלין

אויף להכעיס איז דאַן געשטאַנען אַ פּרעכטיקער האַרבסט איבער פּוילן און די דייטשע אַרמייען און אַוויאַציע האָבן געקאָנט ביי גינסטיקע וועטער־באַדינגונגען טאָן זייער מאָרד־מלאכה. מיט אומגעדולד האָבן מיר אויסגעקוקט די נאַכט, וואָס האָט אונדז אין אַ געוויסער מאָס באַפרייט פון דעם שרעקלעכן און שטענדיקן פחד פאַר די באָמבאַרדירונגען, מחמת די דייטשע אַוויאַציע איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי אַנטוויקלט, כדי דורכצופירן נאַכט־אָפּעראַציעס.

דורך דער שטאָט זענען דורכגעגאַנגען איינצלנע און גרופּן זעלנער און אָפיצירן פון די צעקלאַפּטע פּוילישע אַרמייען אין אַ שווידערלעכן צושטאַנד, אָן שיך, אין אָפּגעריסענע מונדירן, טיילווייז אַפילו אָן געווער.

זעענדיק די שרייענדיקע פּלאַקאַטן אויף די ווענט פון פאַרן קריג־אויסברוך, ווי רידז־שמיגלי רעדט און פון זיין מויל פליִען קוילן אַנשטאָט ווערטער, און אונטן די אויפשריפט מיט ריזן־אותיות: „אונדזער ענטפער די דייטשן!", האָב איך דאָס פאַרגליכן מיטן טרויעריקן מצב פון דער צעקלאַפּטער פּוילישער אַרמיי. איך האָב זיך פאַרטראַכט איבער די פּוסטע באַרימערייען פון די פּאָליאַקן וועגן זייער שטאַרקייט. אַנשטאָט ווי געהעריק זיך צוגרייטן אָפּצושלאָגן דעם טויט־שונא פון פּוילישן פאָלק, האָבן זיי אַנטייל גענומען אין צעברעקלען טשעכאָסלאָוואַקיע, זיך פאַרנומען מיט פאַרווערן די כשרע שחיטה, מיט באַיקאָטירן דעם ייִדישן האַנדל, מיט זוכן קאָמוניסטן; איינגעריסן מיט אַלע דעמאָקראַטישע כוחות אין אייגענעם לאַנד, מיט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פּאַוואָריזירנדיק די דייטשע מינדערהייט, וועלכע האָט מיט אכזריותדיקן שווונג געהאָלפן אומברענגען פּוילן.

די גרעסטע שימחה האָבן מיר איבערגעלעבט, ווען דעם 17טן סעפּטעמבער האָט דער ראַדיאָ אַנגעזאָגט, אַז די סאָוויעטן קאָנען מער נישט צוקוקן, ווי די דייטשן פאַרנעמען גאַנץ פּוילן, זיי קומען צו הילף און לויט אַן אָפּמאַך מיט די דייטשן פאַרנעמען זיי אויך אַ העלפט פּוילן ביז צו דער ווייסל. אַזוי, אַז אונדזער שטאָט לובלין וועט אָנגעהערן צו די סאָוויעטן.

כ'האָב געפילט אַ נקמה אין מיינע חברים, די קאָמוניסטן, וואָס האָבן באַלד נאָכן אַנטלויפן פון טורמע, זיך אַפילו נישט לייטיש געפרייט מיט די משפחות, נאָר באַלד געצויגן אויף מיזרח, צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. איך בין געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן נישט געוואָלט אין אַזאַ שווערער צייט איבערלאָזן די משפחה אָן אַ שיצער און אַליין אַנט־לויפן. איצט האָבן זיי אָנגעהויבן צוריק קומען.

אָבער טראָץ דעם זענען די דייטשן דעם 19טן אַריין קיין לובלין. אַ באַהאַלטענע פרייד האָט אונדז באַהערשט. ענדלעך איז די געפאַר פון באָמבאַרדירונגען און באַשיסונגען פאַרשוווּנדן. עס האָט זיך אונדז גע־דאַכט, אַז דער קריג האָט זיך געענדיקט.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן באַפרייט די זאַקלאַדניקעס און אויפגע־הערט שיסן אויף מענטשן, האָט זיך איינגעשטעלט אַ וואָך פון אַ נאָר־מאַלן לעבן. דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך געדרייט אין די גאַסן און גע־וואָרפן זיסוואַרג פאַר די שפּאַצירנדיקע קינדער און מיידלעך. זיי האָבן פאַר אַלץ געצאָלט. זייערע פעלד־קיכן האָבן געטיילט דאָס איבערגעבלי־בענע עסן דער אָרעמער באַפעלקערונג. כ'האָב פראַנק און פריי שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט מיין 2־יאָריק טעכטערל אויף די הענט. ס'האָט מיך דאַן קיינער נישט פאַרהאַלטן, אַפילו ווען מען האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט. כ'האָב דעמאָלט איבערגעלעבט פאַלן, וואָס האָבן מיך באַווירקט צו טראַכטן, אַז דאָס פאָלק פון געטהע און שילער קאָן נישט זיין אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים:

כ'האָב מיט גרויס מי באַקומען צו קויפן 2 געבייטלטע ברויט פון 4 קילאָ. מיט גרויס צופרידנקייט בין איך געגאַנגען אַהיים אויף זאַמאָיסקי גאַס, ווו איך בין צוריק אַריין אין מיין דירה. פאַר מיר איז געגאַנגען אַ פּאָליאַק און געטראָגן איין ברייטל. אויף ראָג קרולעווסקי און זאַמאָיסקי, ביי די „אייזנס" איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ דייטשער זעלנער, וועל־כער האָט ביים גוי געוואָלט קויפן דאָס ברויט, אָבער אָן דערפאָלג. ער האָט מיט כּוח געפּרוּווט אַרויסרייסן פון אים דאָס ברויט און ווען דער פּאָליאַק האָט זיך נישט געלאָזן, האָט ער אים אָפּגעלאָזט און איז צו צו מיר און פאַרגעלייגט זייער העפלעך כ'זאָל אים פאַרקויפן איין ברויט. כ'האָב אים דערקלערט, אַז כ'האָב אַ גרויסע פאַמיליע, פון 8 פּערזאָן, וואָס קוקט אויס מיט ליכט כ'זאָל ברענגען אַ שטיקל ברויט, און אַז צו מיין גרויסן באַדויער קאָן איך אים נישט פאַרקויפן דאָס ברויט, נאָר אויב

ער האָט אַ טאַשן־מעסערל, וועל איך אָפּשנײַדן פֿאַר אים אַ שטיקל ברויט. ער האָט מיך העפֿלעך באַדאַנקט און דורכגעלאָזן.

צו מאָרגנס, גאַנץ פֿרי, בין איך געשטאַנען מיט מײַן קליין טעכטערל אויף דער האַנט בײַם טויער פֿון מײַן הויז און זיך צוגעקוקט ווי אַן אָפּ־טיילונג דײַטשן, מידע און הונגעריקע, זענען נאָך אַ גאַנצער נאַכט מאַר־שירן אָנגעקומען קיין לובלין. מיט דער דערלויבעניש פֿון זייער יונגן אָפֿיציר, וואָס איז געריטן אויף אַ פֿערד, האָבן זיי זיך צעלייגט אויפֿן טראָטואַר זיך אָפּרוען. פּלוצלינג איז דערשינען אַ ייִד מיט אַ גרויסן בעקן עפּל־פּלאָדן און אָנגעבאָטן די ליגנדיקע סאָלדאַטן זיי זאָלן קויפֿן. די הונגעריקע זעלנער זענען דעם ייִד באַפֿאַלן, געשטופּט אין זײַנע הענט באַנקנאָטן און געבעטן אַ שטיקל שטרודל. דער ייִד האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס דײַטשע געלט. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין קליינגעלט צו געבן רעשט. אין שרעק האָט ער זיך פֿון זיי אַרויסגעריסן און צוגע־לאָפֿן צו מיר, כ׳זאָל אים ראַטעווען. כ׳האָב אויף אים אָנגעשריגן, קודם כּל פֿאַר וואָס ער איז בכלל געקומען פֿאַרקויפֿן, און איבער שוין יאָ, פֿאַר וואָס ער וויל נישט נעמען קיין מאַרקן און צו לעצט, ווי וואָגט ער גאָר צו אַנטלויפֿן? וואָס פֿאַר אַ שוץ קאָן איך אים געבן מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט? די זעלנער זענען צו אים צו, און אָנגעהויבן כאַפּן דעם שטרודל פֿון בעקן און געשטופּט אין מויל אַרײַן. אָבער, אומגעריכט איז דער אָפֿיציר אַרויפֿגעריטן אויפֿן טראָטואַר, און מיט אַ דונערדיקער שטימע צעטריבן די סאָלדאַטן, שרײַענדיק: „ווי שעמט איר אײַך נישט, דײַטשע סאָלדאַטן, צו באַפֿאַלן און באַרויבן אַן עלטערן הער!” בייזע און פֿאַר־שעמטע זענען די סאָלדאַטן אָפּגעטראָטן. ער האָט באַפֿוילן דעם סער־זשאַנט צונויפֿצונעמען בײַ די זעלנער געלט, אָפּקויפֿן בײַם ייִד דעם גאַנצן עפּל־פּלאָדן און איינטיילן צווישן די זעלנער.

דער ייִד האָט מיך נאָך דעם געפֿרעגט, צי מעג ער נאָך אַ מאָל אַרויסקומען פֿאַרקויפֿן שטרודל. כ׳האָב אים נאָר שטרענג אָנגעקוקט און זיך שנעל אָפּגעטראָגן אַהיים.

פּאָליציי־אָפּטיילונגען האָבן אָנגעצייכנט צוויי ווײַסע פּאַסן אויף ראָגן פֿון די גאַסן און געלערנט יונג און אַלט אַריבערגיין די גאַס. דאָס איז געווען אין לובלין אַ נײַס און די דײַטשע פּאָליציי האָט מיט איבערגעטרי־בענער העפֿלעכקייט אָנגענומען בײַ דער האַנט און ממש אַריבערגע־פֿירט די אַדורכגייער איבער דער גאַס. די שפּיל איז די מענטשן זייער

געפעלן געוואָרן און פיל פון זיי האָבן זיך געלאָזט פירן ביי דער האַנט אַהין און צוריק איבער דער גאַס.

ענדלעך האָבן זיך באַשטעטיקט די קלאַנגען, אַז די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו לובלין. ס׳האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען פיל פון די וואָס זענען פריִער אַוועק פון די דייטשן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיך באַוויזן אייניקע סאָוועטישע פּאַנצער־אויטאָס, וואָס זענען פאַרפאָרן צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור, כּדי אונטערצוהאַנדלען ווען און ווי אַזוי צו פאַרנעמען די שטאָט.

איצט האָט אַ בהלה אַרומגעכאַפּט דעם פּוילישן צד. הויכע באַאַמטע, פּאָליציסטן, געהיים־אַגענטן, תּפיסה־וועכטער, פּראָוואָקאַטאָרן און מאַג־נאַטן האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן אויפנעם־קאָמיטעטן און מען האָט אויפגעשטעלט טריִומף־טויערן, כּדי ווי געהעריק צו באַגריסן די רויטע אַרמיי. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראייניגען אין לובלין, און ווי אַ מיטגליד אין דער אויפנעם־דעלעגאַ־ציע, האָב איך באַדאַרפט באַגריסןביים טויער, וואָס האָט געזאָלט אויפגע־שטעלט ווערן ביי דער עראָפּלאַן־פאַבריק פון „פּלאַגע לאַשקעוויטש” (ל.וו.ט.), מיטן אַריינפאָר אין שטאָט אַריין פון דער זיגרייכער, באַ־פרייענדיקער רויטער אַרמיי.

די ידיעה וועגן מיין אויסוואַל האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן מיינע באַקאַנטע, און געוויסע מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַקלט וואָס צו טאָן, אַוועקגיין מיט די דייטשן, אָדער בלייבן ביי די סאָוויעטן — זענען געקומען צו מיר אַהיים פרעגן עצות, צי ס׳דראָט זיי נישט קיין געפאַר צוליב זייער שטאַנד, ווי רייכע סוחרים, אָדער אייגנטימער פון מייסטער־הייזער. כ׳האָב זיי אַלעמען געזאָגט, אַז ווער עס וועט נאָר ווילן אַרבעטן און וועט פאַרציכטן אויפן פאַרמעגן, וועט קאָנען ביי די סאָוויעטן לעבן רויִק ווי אין אַ גן־עדן. אַפילו אַ טורמע־וועכטער, וואָס האָט מיך גע־טראָפן אויף דער גאַס האָט ביי מיר געפרעגט, צי כ׳דערקען אים און צי כ׳געדענק ווי גוט ער האָט זיך צו אונדז באַצויגן, ווען ער איז געווען אַן אויפזעער אין קיך — און אַז ער האָט קיין מאָל נישט געפּייניקט די אַרעסטאַנטן.

אונדזער פרייד איז געוואַקסן, ווען מיר האָבן געהערט ביי נאַכט, אַז די דייטשן עוואַקויִרן די שטאָט. אָבער דער יום־טוב האָט לאַנג נישט גע־

דויערט. ריבענטראָפּ איז נאָך אַ מאָל געפלויגן קיין מאָסקווע און מען האָט דעמאָלט געענדערט די חלוקה פון פוילן: די סאָוויעטן גייען נאָר ביז צום טייך בוג, אַזוי אַרום בלייבן די דייטשן אין לובלין.

אַ גרויסע פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט דער ייִדישער באַפעלקערונג, איבער־הויפּט די וואָס האָבן זיך אַנגאַזשירט אין די אויפנעם־קאָמיטעטן, וואָס האָבן געזאָלט מיט רויטע פענער אויפנעמען די סאָוויעטן.

די באַציִונג פון די דייטשן צו די ייִדן האָט זיך מאָמענטאַל געענ־דערט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעקוויזיציעס. קליינע שקצימלעך זע־נען אַרומגעגאַנגען און אָנגעוויזן, ווו ייִדן האָבן מאַגאַזינען.

ביי אַ ייִדישן מילנער, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערן פון זיין זאַ־פּאַס, האָב איך געקויפט אַ זעקל מעל, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט פאַר מיין פרוי מיט די 2 קינדער און כ'האָב איינגעפּאַקט די נייטיקסטע זאַכן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיין פרוי האָט מיך באַגלייט ביז באַראַנאָ־וויטש, מיך געזעגנט מיט אַ געוויין און פאַרויסזעענדיק, געזאָגט: „ווער ווייס צי מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל זען?" מיר האָבן זיך שוין מער קיין מאָל נישט געזען...

ביי דער אוויאָן־פאַבריק האָט אונדז פאַרהאַלטן דער דייטשער פּאָסטן און געפרעגט וווהין מיר גייען. מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר וווינען אין פּיאַסק, 21 קמ. פון לובלין אויפן וועג קיין כעלם און מיר גייען אַהיים. זיי האָבן געזוכט געווער אין מיינע רענצלעך. דערזעענדיק ביי מיר אַ האַנטעך האָט ער עס ביי מיר געבעטן. כ'האָב אים אָנטזאָגט און אָנגע־וויזן, אַז אין שטאָט באַקומט מען עס זייער ביליק. מען האָט אונדז דורכ־געלאָזט און מיר זענען אַריין אין אַ זאַנגע וואָס באַלאַנגט נישט צו קיינעם, אַ שטרעקע פון אַ 12 קמ.

ביז קרעמפּיץ האָבן מיר זיך נישט אָנגעשטויסן אין קיין שום מאַכט. מיר האָבן אָבער אָנגעטראָפן פּאַליאַקן, וואָס זענען פריִער אַנטלאָפן פון די סאָוויעטן און קערן זיך אום צו די דייטשן. מיר האָבן זיך געטווישט מיט אינפאָרמאַציעס. מיך האָט אינטערעסירט ווי אַזוי עס איז ביי די סאָוויעטן, און באַזונדערס, ווו עס שטייט דער ערשטער סאָוויעטישער פּאָסטן און צי ער לאָזט דורך. כ'האָב אויך אָנגעטראָפן מיינעם אַ גע־וועזענעם שול־חבר, אַן אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי, אַן ענדעק און אַ שונא־ישראל. ער איז געווען פאַרוווּנדעט אין פוס און איך האָב אויף אים פּשוט געהאַט רחמנות, ווייל סיי ביי די סאָוויעטן און סיי ביי די דייטשן

האָט אים נישט דערוואַרט קיין גוטס. ער האָט טאַקע נישט געקאָנט באַ־שליסן וווהין צו גיין און דער פאַרווונדעטער פוס האָט באַדאַרפט אָפּע־רירט ווערן.

ענדלעך האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם ערשטן סאָוויעטישן פּאָסטן. דאָס איז געווען אַ שווערער טאַנק, וועלכער איז געשטאַנען אין דער ברייט פונעם שאָסיי און אויף אים 4 זעלנער. זיי האָבן געפרעגט וווהין מיר גייען. מיר האָבן געענטפערט דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געזאָגט די דייטשן. אַז מיר גייען קיין פּיאַסק. זיי האָבן אונדז פאַרהאַלטן ביז ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסער פויערישער וואָגן, וועלכן זיי האָבן דורכגעלאָזט מיטן באַדינג, אַז מען זאָל אונדז מיטנעמען.

אין אָונט זענען מיר אָנגעקומען קיין פּיאַסק, ווו ס'האָט געהערשט אַ גרויסע פרייד, וואָס די סאָוויעטן הערשן שוין דאָרט און די גאַנצע מאַכט האָבן געהאַלטן אונדזערע אחינו בני ישראל. באַוואָפנטע מיט ביקסן האָבן זיי געהאַלטן אין אַרעסט די פוילישע פּאָליציי און באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן.

איך האָב אויך דאָרט געטראָפן מיינע 2 ברידער און זייערע חברים, וועלכע האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן דער ענדערונג, אַז די דייטשן בלייבן אין לובלין. זיי האָבן זיך געקליבן צוריקצוגיין אַהיים גלייך ווי די רויטע אַרמיי וועט אַריין אין שטאָט, און האָבן נישט געוואָלט גלייבן, אַז מיין אינפאָרמאַציע איז אמת.

די ידיעה, וואָס מיר האָבן געלאָזט הערן, איז דערגאַנגען צו דער מיליץ און דער עלטסטער האָט מיך געפרעגט פון וואַנען איך ווייס דאָס און ווי וואָג איך פאַרשפּרייטן אַזעלכע גרויל־קלאַנגען? כ'האָב אים רויִק געענט־פערט, אַז אַזוי האָט איבערגעגעבן ראַדיאָ ברעסלאַו אויף פויליש און אויך די וואָס פאַרשטייען רוסיש האָבן עס געהערט אין סאָוויעטישן ראַדיאָ. דאָ האָט מיך דער מיליציאָנער אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרק און אויסגעשריִען: „דו שפּיאָן, דו ווערסט אַרעסטירט פאַר פאַרשפּרייטן ליגנס. די רויטע אַר־מיי גייט קיין מאָל נישט צוריק". נאָר די אינטערווענץ פון אייניקע געווע־זענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס האָבן מיך געקענט אַלס קאָמוניסט, וועל־כער איז נאָר־וואָס, אין קריג, באַפרייט געוואָרן פון טורמע, האָט מיך באַפרייט פון זיינע הענט. אַזוי בין איך לעבן געבליבן, ווייל ווי ער האָט זיך שפּעטער פאַרטרויט, האָט ער געהאַט בדעה מיך צו ענדיקן נאָך אין דער זעלבער נאַכט.

מיר האָבן שוין נישט געוואָלט אין אַזעלכע אומשטאַנדן אַפילו איבער־

נעכטיקן אין דער „גאַסטפּריינדלעכער" שטאָט פּיאַסק און זענען נאָך די זעלבע נאַכט אַוועק צו פוס קיין כעלם. ביי יעדן שיידוועג האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף סאָוויעטישע לויערונגען, וואָס זענען געווען אַזוי גוט מאַסקירט, אַז מיר האָבן זיי קיין איין מאָל נישט באַמערקט, נאָר געהערט דעם באַפעל: „סטאַי! קטאָ אידיאָט?" נאָר אונדזער כּישוף־ענטפער: „בעזשענצי" (אַנטלאָפענע) האָט פאַר אונדז פריי געמאַכט דעם וועג. ערשט צו מאָרגנס ביי טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין כעלם, וועלכע איז געווען אין גאַנצן אין ייִדישע הענט, ד.ה. דער בירגערמייסטער, די פּאָליציי און די גאַנצע שטאָט־פאַרוואַלטונג זענען באַשטאַנען פון ייִדישע קאָמוניסטן. אויף אַ רפואה זענען צווישן זיי אויך געווען עטלעכע פּאָליאַקן.

אויך דאָ האָט קיינער נישט געוואָלט גלייבן, אַז די סאָוויעטן ציִען זיך צוריק ביז איבערן בוג. אָבער דער שטראָם פון פּליטים איז געוואַקסן פון שעה צו שעה און צוזאַמען מיט זיי האָט זיך באַשטעטיקט די ידיעה, אַז די סאָוויעטן טרעטן אָפּ. טראָץ דעם איז דער ייִדישער בירגערמייסטער אַלע מאָל אַרויס אויפן באַלקאָן פון שטאָטראָט און דורך אַ הילכער אויסגערופן: „האָט צוטרוי צו דער ראַטנמאַכט. די רויטע אַרמיי גייט קיין מאָל נישט צוריק". דער עולם פאַרן מאַגיסטראַט איז געוואַקסן און אַרום 9 אַזייגער אין אָוונט איז ער ווידער אַרויס און געמאָלדן, אַז ליידער האָט זיך די ידיעה באַשטעטיקט. די סאָוויעטן ציִען זיך צוריק און די וואָס ווילן פאַר־לאָזן כעלם און אַריבער דעם בוג, זאָלן עס טאָן נאָך די נאַכט, גיין גרופּנ־ווייז, ווייל אויף די וועגן גראַסירן אוקראַיִנישע פאַשיסטישע באַנדעס און זיי מאָרדן די פּליטים. געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע וועלן באַקומען באַשטעטיקונגען.

נאָך דעם, ווי כ'האָב אַרום 12 ביי נאַכט באַקומען אויף פּויליש אַ „פּראָפּוסק", מען זאָל מיך דורכלאָזן דורכן בוג, זענען מיר פאַר טאָג אָנ־געקומען אין אַ שטעטל ביים בוג. מיר זענען אַריין אין דער דאָרטיקער שולע זיך צולייגן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ סך פּוילישע פאַמיליעס מיט קינדער, וואָס האָבן זיך געקליבן צוריקצוגיין קיין לובלין, ווייל דאָרט בלייבן די דייטשן. און ווידער אינפאָרמאַציעס: ווי אַזוי איז אין לובלין, ווען קאָן מען אַריבערגיין דעם בוג?

גאַנץ פרי האָב איך אין דעם שטעטעלע סוועררישטש געטראָפן מיינע אַ ווייטע קרובה, אַ דאָרטיקע איינוווינערין, וועלכע האָט אונדז אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און געגעבן אָפּצועסן אַ גוטן פרישטיק, נישט נעמענדיק באַצאָלט. איר איידעם, אַן אָרטאָדאָקסישער טוער אין לובלין, וועלכער

האָט זיך אַקטיוו געהאַט אַנגאַזשירט אין פּראָקלאַמירן דעם אַנטי־היטלער־באָיקאָט, האָט געהאַט אַ הורט־סקלאַד פון לעדער און אויס מורא פאַר די דייטשן, האָט ער פאַרלאָזט לובלין און זיך אויסבאַהאַלטן ביי שווער און שוויגער אין סווערישטש. איצט האָט ער פון מיר געהערט אַ לעבעדיקן גרוס פון זיין פרוי און 2 קינדער, וואָס ער האָט געלאָזן אין לובלין. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער אַריבערגיין מיט אונדז צוזאַמען דעם בוג, אָדער צוריקגיין קיין לובלין, צו זיין הייסגעליבטער פרוי און קינדער צו וועלכע ער האָט זייער געבענקט. אָבער ווי פיל ייִדן, וועלכע האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען, און טייל מאָל צוליב נישט־וויכטיקע סיבות, פאַרבליבן—האָט ער באַשלאָסן צוריקצוגיין קיין לובלין, פאַרקויפן דעם זאַפּאַס לעדער, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן ביי זיך אין וווינונג, נעמען פרוי און קינדער און קומען צום בוג, וועלכן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, ער וועט קאָנען צו יעדער צייט אַריבערגיין. אָבער יאַנקל גרינשפּאַן, דער אָרטאָדאָקסישער ייִד, דער הורט לעדער־סוחר (געוווינט אויף רוסקע נר. 2, אָדער 4) איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. דאָס איז נאָר איינער פון די צענדליקער טויזנטער פאַקטן פון דער צעטומלטקייט, וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט די ייִדישע מאַסן. נאָר אַ קליינע צאָל האָט באַוויזן זיך דעצידירן צו פאַרלאָזן משפחה און אַריבערגיין דעם בוג, ווו ס׳האָט זיך פאַר זיי אָנגעהייבן דער אמתער גיהנום, אָבער זייער לעבן איז נישט געווען באַדראָט.

אויף יענער זייט בוג

אין סווערישטש האָט מען אונדז געזאָגט, אַז נישט תּמיד קאָן מען אַריבער אומגעשטערט דעם בוג, ס'איז אָפּהענגיק פון די וואַכן, וועלכע בייטן זיך 3 מאָל אין מעת־לעת. ביי נאַכט קאָן מען נישט אַריבער די בריק, נאָר אומלעגאַל מיט שיפלעך. דערביי קאָן מען געכאַפּט ווערן און ווערן באַטראַכט אַלס שפּיאָן. ביי טאָג, אַזייגער 10 פאַר מיטאָג, זענען דאָ טייל מאָל גוטע אָפיצירן, וואָס קוקן נישט אויף די פּראָפּוסקן און לאָזן אַדורכגיין.

מיר האָבן געפּרווט מזל נאָך דעם זעלבן טאָג און אַרום 10 אַזייגער האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דער בריק, האַלטנדיק אין דער האַנט די פּראָפּוסקן אין דער פּוילישער שפּראַך, וואָס עס האָט אונדז אַרויסגעגעבן דער כעלמער, קאָמוניסטישער שטאָטראָט. טראָץ דעם, וואָס די סאָוויעטישע זעלנער און אָפיצירן האָבן נישט געקאָנט לייענען, וואָס אין פּראָפּוסק איז געשריבן, האָט אָבער דער רויטער שטעמפּל, הגם אין דער פּוילישער שפּראַך, פאַר אונדז געעפנט דעם וועג. צוזאַמען מיט אונדז זענען שוין גלייכצייטיק אַריבער די בריק נאָך אַ צענדליק ייִדן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פּראָפּוסקן, נאָר מיר האָבן פאַר זיי גאַראַנטירט, אַז זיי זענען בעזשענצעס.

מיר זענען אַריבער דעם בוג און מיר האָבן גענומען שפּאַנען צום שאָסיי. איך האָב זיך שווער אָפּגעריבן די פיס, אַזוי אַז מיינע באַגלייטער האָבן מיך געמוזט אונטערהאַלטן. ס'איז אָנגעפאָרן אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ און ער האָט אונדז אויפגענומען קיין לובאָמיל.

לובאָמיל איז געווען אַ „גליקלעך" שטעטל ביי די סאָוויעטן. די ייִדן זענען געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן אַהין נישט קומען, ווייל זיי וווי־נען אויף דער מיזרח־זייט פון בוג.

אָבער גאָר גיך איז געקומען די אַנטוישונג. אַלע אַמטן זענען געווען באַזעצט מיט אוקראַיִנער, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל נאַציאָנאַליסטן און פאַשיסטן. זיי האָבן זיך באַצויגן צו די אַנטלאָפענע ייִדן מיט חוזק און שׂינאה. מיר האָבן געבעטן אַ נאַכטלעגער, עסן און מעגלעכקייט ווייטער צו פאָרן, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז ס'רוב פון אונדז זענען קאָמוניסטן נאָר

וואָס באַפרייטע פון די פוילישע טורמעס, אָן געלט, ממש אינוואַלידן און מיר בעטן פון דער ראַטנמאַכט אַ ביסל הילף. אויף דעם האָבן זיי אונדז געענטפערט, אַז קאָמוניסטן „דעזערטירן" קיין מאָל נישט פון קאַמפּס־פּלאַץ, אַז מיר האָבן באַדאַרפט בלייבן אויפן אָרט און פון אונטערגרונט קעמפן מיט די דייטשן, אַזוי ווי מיר האָבן באַקעמפט פוילן. און בעסער, מיר זאָלן זיך נישט באַרימען, אַז מיר זענען געוועזענע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, ווייל די סאָוועטן אַליין קאָנען אונדז נאָך צוריקוואַרפן ווי זייער אַ פאַרפאַסטן אין דעם דייטשן געביט פון געוועזענעם פוילן. ס'האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַזאַ שרעקלעכער יִיאוש, אַז אייניקע פון אונדז מיט עקיבא מאַנגנשטיין בראש, האָבן זיך באַלד אָרגאַניזירט און נאָך דעם זעלבן אָוונט אָנגעהויבן גיין צוריק צום בוג.

אין לובאָמיל האָב איך געטראָפן די ערשטע גרופּע פוילישע סאָלדאַטן — קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך כּמעט פריי באַוועגט אין זייערע מונדירן, נאָר אָן געווער. צווישן זיי אַפילו אונטעראָפיצירן. די אָפיצירן האָבן זיי נישט באַפרייט.

דאָ האָב איך געזען פוילנס גרויסן בראָך. אין לובלין האָב איך גע־זען 4 דייטשן מיט אויטאָמאַטן פירן הונדערטער פוילישע קריגס־געפאַנגע־נע, וועלכע זענען ביי יעדער געלעגנהייט זיך צעלאָפן אין די דערבייִיקע טויערן און די פוילישע באַפעלקערונג האָט זיי באַלד באַזאָרגט מיט ציווילע קליידער. אָבער דאָ, אין לובאָמיל, האָב איך אויך געטראָפן פוילישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע זענען געהאַלטן געוואָרן אין לאַגערן. אָבער אויף די גאַסן האָבן זיי געמעגט זיך פריי באַוועגן אָן אַ וואַך, און זייער גורל איז אין קורצן קלאָר געוואָרן: די ייִדישע און פוילישע זעלנער און אונ־טעראָפיצירן האָט מען באַפרייט, די אָפיצירן האָט מען פאַרהאַלטן.

ס'האָבן מיך אַרומגערינגלט אייניקע ייִדישע קריגס־געפאַנגענע, צווישן זיי איינער פון מיינע בעסטע חברים אַ טשעכוווער אברהם גאָלדבערג (היינט אין ישראל) און מיך געפרעגט וואָס צו טאָן, וועמען אויסוויילן: דעם דייטש צי דעם רוס? איך האָב זיי, נאַטירלעך געעצהט צו בלייבן אויף דער זייט, ווייל ביים דייטש דערוואַרט זיי דער טויט. די וועלכע האָבן מיך דעמאָלט געפאָלגט, זענען לעבן געבליבן און די וועלכע זענען אַוועק צוריק, זענען אַלע אומגעקומען. כ'האָב זיי געשילדערט דעם גורל פון די פוילישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע מען פירט אונטער אַ קאָנוואָי, און זיי דאָ דרייען זיך פאַרט אַרום אויף דער פריי. אַז די דייטשן וועלן

אויך פֿאַרניכטן פֿרויען און קינדער, האָט קיינער אַפֿילו נישט געוואָלט גלייבן. פֿאַרט דאָס קולטורעלסטע פֿאָלק אין אייראָפּע.

בלית ברירה זענען מיר אַריין אין בית-מדרש. ס'איז שוין געווען נאָך מעריב און מיר האָבן זיך אויסגעלייגט, ווער אויף די טישן, ווער אויף בענק און אַפֿילו אויף דער ערד. צו מאָרגנס האָט אַ ריזיקער שטראָם פֿון נייע פּליטים אָנגעפֿילט דאָס שטעטל. דאָס מאָל זענען עס געווען די וואָס האָבן שוין דערלעבט די ראַטנמאַכט, זיך שוין געהאַט גוט אָנגעאַזשירט און אַפֿילו אויך צוגעהאָלפֿן די סאָוויעטן רעגירן. איצט זענען די אַלע פּשוט עוואַקויִרט געוואָרן. די רויטע אַרמיי האָט צוגעשטעלט לאַסט-אויטאָס און גאַנצע פֿאַמיליעס מיט האַק און פּאַק זענען אַנטלאָפֿן פֿון אָנקומענדיקן דייטש. אַ טייל פֿון זיי זענען אויך אַנטרונען אויף אייגענע אָדער געדונגענע פֿערד און וואָגן.

אין לובאָמיל האָט אָנגעהויבן אויספֿעלן עסנוואַרג. צום גליק איז דעם זעלבן נאָכמיטאָג אָפּגעגאַנגען אַ צוג קיין ראָוונע דורך קאָוועל, און ווער זאַט און ווער הונגעריק, האָבן אָנגעפֿילט דעם צוג. דערביי איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן מיין שוואָגער (היינט אין ישראל) און דעם לובלי־נער קאָמוניסט פֿראַנצישעק יוזשוויאַק, וועלכער האָט מיט נאָך אַ גרופּע קאָמוניסטן, געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, פֿאַרכאַפּט אַ וואַגאָן און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. מיין שוואָגער, אַ געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטירטער, וועלכער איז צוזאַמען מיט יוזשוויאַקן געזעסן אין איין קאַמער אין דער באַשטע פֿון לובלינער „זאַמעק", האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ עגאָיִסטישער האַנדלונג און ס'איז שיִער נישט דערגאַנגען צו קלעפּ. ענדלעך האָבן מיר זיך צעשפּרייט איבערן עשאַלאָן און יעדער איינער האָט זיך אַריינגעפּאַקט ווו ער האָט געקאָנט.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין איין „קופּע" מיט אַ גרופּע לובלי־נער, אַזוי גערופֿענע „סאַלאָן־קאָמוניסטן". דאָס זענען געווען זין און טעכ־טער פֿון רייכע, אָרטאָדאָקסישע, ציוניסטישע, אָדער אַסימילירטע היימען, וואָס די עלטערן האָבן אויסגעגעבן אַ פֿאַרמעגן זיי צו בילדן און מאַכן „פּאַר מענטשן" און זיי זענען „פֿאַרכאַפּט" געוואָרן פֿון דער קאָמוניסטישער אידעע און זענען געווען אויף דעם געביט פֿאַנאַטיש. זיי האָבן שטילער־הייט, אָדער אָפֿן געהאַסט זייערע אייגענע רייכע עלטערן און זיך געשעמט, וואָס זיי שטאַמען פֿון בורזשואַזיע. נאָך דעם, ווי זיי האָבן אַ ביסל געשטילט דעם הונגער מיטן ברייטל, וואָס ס'איז מיר געלונגען צו קויפֿן, און נאָך דעם ווי זיי איז נישט געלונגען, האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע.

זיי האָבן מיט הונדערט פּראָצענט באַרעכטיקט דעם „4טן צעטייל״ פון פּוילן. לויט זייער מיינונג האָבן די סאָוויעטן גוט געטאָן: מיטן פאַרכאַפּן אַ העלפט פון פּוילן האָבן זיי „באַפרייט״ זייערע ברידער, די אוקראַיִנער און ווייסרוסן פון די פּוילישע פּריצים. זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו מיינע אַרגומענטן (איך בין דאָך געווען דער איינציקער פּראָלעטאַריער צווישן זיי), אַז בשום אופן האָבן די סאָוויעטן נישט געטאָרט אָנפאַלן אויף פּוילן פון הינטן, ווען זי איז געשטאַנען אין אַזאַ אומגלייכן קאַמף מיט דעם שרעקלעכן שונא, אַז מעגלעך דווקא ביי די קרעסן, וואָלטן אפשר די צעקלאַפּטע פּוילישע אַרמייען זיך געווען צונויפגענומען און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אָבער ווי געזאָגט זענען זיי מיט מיר נישט מסכּים געווען.

נאָכן פאָרן אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָוועל, ווו איך מיט מיינע 2 ברידער זענען אויסגעשטיגן און מיין שוואָגער מיט זיינע 2 ברידער זענען אַוועק קיין ראָוונע.

אין קאָוועל

קאָוועל, ראָוונע, לוצק, לעמבערג און ביאַליסטאָק זענען געווען די הויפּט־צענטרען, ווו ס׳האָבן זיך גרופּירט די בערך 300 טויזנט בעזשענ־צעס, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטש. די לאַגע זייערע איז געווען אַ טרויעריקע. אין אַנדערע אומשטאַנדן, נישט ביי די סאָוויעטן, וואָלטן שוין יידן אָרגאַניזירט הילפס־קאָמיטעטן, אומזיסטע קיכן און אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס. אָבער ביי די סאָוויעטן האָט מען אַפילו מורא געהאַט צו טראַכטן דערפון. אין גרויסן יקרות האָבן די אָרעמע פּליטים באַלד געליטן דחקות און נויט. מ׳האָט זיך דעריבער גלייך אָנגעהויבן אַרומקוקן וועגן עפּעס אַ תכלית, אַן אַרבעט, אָדער אַן אמט, כּדי צו פאַרדינען אויף חיונה. די מערסטע טייל האָבן זיך גענומען צו האַנדל־וואַנדל, וואָס עס מיינט אין קאָמוניסטישן לשון „שפּעקולאַציע״. די ראַטנמאַכט האָט אָרגאַניזירט אומ־זיסטע קיכן, צוערשט פאַר אַלע און שפּעטער נאָר פאַר יחידי סגולה. נאָר געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, קאָמוניסטן און אַדמיניסטראַטיווע באַ־אַמטע האָבן געקאָנט אָפּעסן אַ באַשיידענעם מיטאָג. די רייען צו די קיכן זענען געווען אומגעהויערע. ביז מען איז אָנגעקומען אינעווייניק איז מען גוט געפרוירן געוואָרן. שפּעטער, נאָכן איינפירן דעם טאַלאָנען סיסטעם איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער.

אין קאָוועל איז אַזאַ קיך געווען אין דער געוועזענער עלעגאַנטער „רעסורסאַ אָביוואַטעלסקאַ״, ווו אין די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען האָבן טויזנטער פּליטים, טעגלעך, געקאָנט אָפּעסן אַ מיטאָג. כ׳בין געוואָרן שטאַרק איבערראַשט, ווען כ׳האָב געהערט, אַז דעם גרעסטן לובלינער גבירס זון הערשל זילבער (וועלכער איז אויך געווען פּרעזעס אין דער יידישער קהילה מצד די אָרטאָדאָקסן) איז גאָר פאַרוואַלטער פון דער קיך. און איך און אַנדערע געליטענע פאַרן קאָמוניזם מוזן שטיין צו 3—4 שעה אין דער ריי כּדי צו באַקומען עפּעס צו עסן.

אָבער צו ביסלעך האָט זיך די לאַגע געבעסערט. די שנעל געגרינדעטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן אָנגעהויבן ווערבירן אַרבעטער צו פאַר־שיידענע אַרבעטן, איבערהויפּט פּאַכלייט. בעיקר האָט מען זיך געניי־טיקט אין בעקערס, ווייל דער מאַנגל אין ברויט איז געווען גרויס; אין סטאַ־

ליערס, צו פֿאַרענדיקן בוי־אַרבעטן, וואָס די פּוילישע מאַכט האָט נישט פֿאַרענדיקט, און אויך אין שוואַרצע אַרבעטער צו פּוצן געווער און אַמו־ניציע, וואָס איז פֿאַרבליבן אין גרויסע זאַפּאַסן אין די אַרסענאַלן פֿונעם פּוילישן מיליטער.

ס׳איז אויך געעפֿנט געוואָרן אַ הויז פֿאַר געוועזענע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, ווו זיי האָבן, אין שרעקלעכער ענגשאַפֿט און שמוץ, געקאָנט אויפֿן הוילן באָדן איבערנעכטיקן. דאָרט זענען אויך געווען טעטיק די פּראָפּע־סיאָנעלע פּאַראַיינען, וועלכע האָבן ווערבירט מענטשן פֿאַר דער מיליץ. די פֿאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פֿון 2 לובלינער וויכטיקע קאָמוניסטן — יוזשוויאַק און לערנער, און פֿון נאָך אייניקע פֿון אַנדערע שטעט, וועלכע כ׳האָב נישט געקענט. דער אָנפֿירער איז געווען אַ וואַרשעווער קאָמוניסט, אַ ייִד, וועמענס נאָמען כ׳האָב פֿאַרגעסן, אָן אויסוואורף, אָן שום מענטשלעכע געפֿילן. נאָר אין זכות פֿון זיין זיצן צוזאַמען אין לעמבערגער תּפֿיסה מיט אַ חשובֿן אוקראַיִנישן קאָמוניסט, וואָס איז ביי די סאָוויעטן עולה לגדולה געוואָרן אַלס שטאָט־פּרעזידענט פֿון קאָוועל, איז דער דערמאָנטער וואַר־שעווער ייִדישער קאָמוניסט דורך אים באַשטימט געוואָרן פֿאַר זיין געהילף. ער האָט זיך געפֿילט אין זאָטל און געהערשט ביד חזקה. ער האָט אָרגאַני־זירט אַן „אָרדענונגס־גרופּע״ פֿון געזונטע שקצים — אוקראַיִנער, ווייסרוסן, פּאָליאַקן און אויך אייניקע ייִדן. פֿאַר דער מינדסטער קלייניקייט האָבן זיי אַרויסגעוואָרפֿן פֿון „הויז״ ייִדן, וואָס האָט געוואָגט עפּעס קריטיקירן, אָדער פֿאַרלייגן. ער האָט דערביי זיך נישט גערעכנט מיט קיינעם און פֿלעגט הייסן מיט כּוח באַזייטיקן אַפֿילו אין מיטן נאַכט.

אויך מיך האָט געטראָפֿן דער זעלבער סוף. איך בין געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג, אַז יעדע גרופּע, וואָס ענדיקט דאָס עסן זאָל גלייך פֿאַרלאָזן דעם זאַל און אים באַפֿרייען פֿאַר די וואָס וואַרטן אין דרויסן אין קעלט. ביז איצט פֿלעגן מענטשן נאָכן פֿאַרענדיקן דאָס עסן זיך ערשט צוזעצן, ווער פֿאַרציִען אַ ציגאַרעט, לייענען אַ צייטונג, אָדער גאָר סתּם שמועסן צווישן זיך. איך האָב אויך געפּרוּווט פּראָטעסטירן קעגן באַזייטיקן פֿון „הויז״ מענטשן אין מיטן דער נאַכט, נישט געקוקט אויפֿן שלעכטן וועטער. מען קאָן, האָב איך געזאָגט, צוואַרטן ביז אין דער פֿרי. אויף דעם האָט ער מיר געענטפֿערט ברוטאַל מיט אַ ווייז אויף דער טיר און אַ געשריי: „אַרויס!״ איידער כ׳האָב זיך געכאַפּט, בין איך שוין געווען אַרומגערינגלט מיט דער פּויסט־באַיוווקע. טראָץ דעם האָב איך צו זיי געזאָגט: „זאָל קיינער מיך נישט וואַגן אָנרירן, כ׳וועל אַליין אַרויסגיין. אָבער וויסן זאָלט איר, אַז

איר באַזייטיקט פונעם „הויז" אַ געוועזענעם פּאָליטישן אַרעסטירטן און אַ גוטן קאָמוניסט". זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער האָט מיך געפרעגט: „ווו ביסטו געזעסן?" איך האָב אים געענטפערט, אַז אין לובלינער „זאַמעק". אויף דעם האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אויך איך בין געזעסן אין 36סטן יאָר אין „זאַמעק" און איך קען דיך נישט". ס'האָט נישט געהאָלפן מיין אויפקלערן, אַז מיך האָט מען אַרעסטירט ערשט אין 38סטן יאָר. בחרפּתי האָב איך געמוזט צונויפנעמען מיין פּעקל שמאַטעס און פאַרלאָזן דאָס „הויז".

אומעטום, ווו כ'האָב געוואָלט קומען מיט אַן אָנקלאַגע וועגן דער עוולה, וואָס איז מיר געשען, האָבן מיך די וואַכן, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווינונגען פון די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן נישט אַריינגעלאָזט צוליב דער שפּעטער נאַכט־שעה, אַפילו ווען כ'האָב זיך געקלאָגט, אַז כ'האָב נישט ווו איבערצונעכטיקן אין דער קאַלטער האַרבסט־נאַכט.

צום גליק האָב איך באַגעגנט באַקאַנטע לובלינער, וועלכע זענען געגאַנגען שלאָפן אין אַ פּריוואַטער דירה פון אַ באַוווסטן קאָוועלער ייִדישן דאָקטער, ביי וועמען די סאָוויעטן האָבן רעקווירירט איינעם פון זיינע פיל צימערן פאַר די פּליטים. זיי האָבן מיך אויסגעלאַכט וואָס כ'בין בכלל געגאַנגען אין „הויז", ווייל די מיליטערישע מאַכט האָט באַזאָרגט נאַכטלעגער פאַר אַלע פּליטים. צו דעם צוועק האָט זי מיט, אָדער קעגן דעם ווילן פון די באַזיצער פון גרויסע דירות רעקווירירט צימערן און אַריינגעזעצט 4, אָדער 6 מענטשן אין אַ צימער, נאָר צום שלאָפן.

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט האָב איך, פול מיט אויפרעגונג, זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען פון אַ וואַרשעווער פּליט, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט קעגן די דייטשן... און צו מאָרגנס בין איך אַוועק צום סאָוויעטישן מיליטערישן קאָמענדאַנט זיך באַקלאָגן אויפן אַרויסטרייבן מיך פון „הויז" שפּעט ביי נאַכט. דאָרט האָט מען מיר געענטפערט, כ'זאָל זיך ווענדן צום ציווילן שטאָט־פּרעזידענט, ווייל דאָס מיליטער פאַרנעמט זיך נישט מיט אַזעלכע ענינים.

ביים שטאָט־פּרעזידענט האָב איך געטראָפן טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געקומען דערליידיקן זייערע ענינים. דער באַלאַגאַן איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז כ'האָב באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון דער אָנקלאַגע.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך רעגיסטרירט אַלס סטאָליער צו

פאַרענדיקן די מיליטערישע קאַזאַרמעס אין קאָוועל, וועלכע זענען געווען באַזעצט דורך דער רויטער אַרמיי. מיר האָבן געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו, אויף אַבסאָלוטע גלייכע יסודות, צווישן מייסטערס און אַרבעטער, קוואַלי־פיצירטע און נישט קוואַליפיצירטע — אַ זאַך, וואָס איז אַפילו נישט געווען בנימצא אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא.

מיר האָבן באַקומען אַ באַשטעלונג אויסצופאַרטיקן אין אַ קורצער צייט הונדערטער לאַנגע טישן, בענק, טאַבורעטקעס און בעטן. געהילץ איז געווען לרוב, אויפן הויף פון די קאַשאַרן, אויך טשוועקעס האָבן נישט גע־פעלט. עס האָבן אָבער געפעלט כּלים צו דער אַרבעט. נאָר עטלעכע קאָווע־לער איינוווינער, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צום קאָאָפּעראַטיוו האָבן גע־האַט אַרבעטס־געצייג. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין ראָוונע קאָן מען באַקומען געצייג צו ביליקע פּרייזן אויב מען באַקומט אַ באַשטעטיקונג פון דער שטאָטישער מאַכט, אַז די כּלים זענען נייטיק צו אַרבעטן פאַר דער אַרמיי, אַנדערש מוז מען צאָלן שוואַרצע פּרייזן.

אין ראָוונע איז מיין שוואָגער, אַ געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטיר־טער, געווען אַ וויכטיקער קאָמיסאַר און זיינס אַ צעטל האָט אויפגעטאָן ווּנדער. איך האָב, דעריבער, געשיקט קיין ראָוונע מיינעם אַ צווייטן שוואָ־גער מיט אַ בריוו און 100 רובל, וואָס כ׳האָב באַקומען אַלס האַנט־געלט אויף צו קויפן כּלים, ער זאָל ברענגען 2 קאָמפּלעטן כּלים, פאַרן אָפיציעלן רעגירונגס פּרייז. אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען דער שוואָ־גער איז צוריקגעקומען פון ראָוונע און געברענגט נאָר אַ האַלבן קאָמפּלעט כּלים, געקויפטע אויפן שוואַרצן מאַרק, ווייל מיין שוואָגער, דער גרויסער קאָמיסאַר, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן פאַר מיר אַ טאַלאָן אויף כּלים, מיט דער טענה, אַז ביי דער ראַטנמאַכט איז נישטאָ קיין פּראָטעקציע און קיין שום פאַמיליע־סענטימענטן.

דער זעלבער האָט אויך אָפּגעשטעלט די מילך־צוטיילונג פאַר זיין איינציק טעכטערל, וועלכע איז אין פעברואַר 1940 אַלט געוואָרן 3 יאָר. מען האָט פאַר איר נאָך געקאָנט געבן מילך ביזן סוף יאָר, ווייל מען האָט נישט געקוקט אויפן געבורטס־חודש, נאָר אויפן געבורטס־יאָר. און זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1937.

אַזוי האָבן אונדזערע ייִדישע קאָמוניסטן פאַרשטאַנען טריי צו דינען דער ראַטנמאַכט, וועלכע האָט זיי שפּעטער אָפּגעדינט מיט טורמעס, לאַגערן, פאַרשיקונגען און פייניקונגען. מען האָט נאָך פון זיי אָפּגעחוזקט: „אַ קאָ־מוניסט טאָר זיך נישט פאַרזינדיקן״.

איך האָב אויך אין קאָוועל געפונען אַרבעט פאַר מײַנע 2 ברידער, אויך געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָך עטלעכע סקאַנדאַלן, וואָס כ'האָב געמאַכט דעם אוקראַיִנישן פאַרוואַלטער פון דער גאָרקיד, וואָס האָט גע־קאָכט מיטאָגן פאַר די פּליטים, האָבן זיי אָנגעהויבן שיילן קאַרטאָפל אין קיך 12 שעה אַ טאָג, און כאַטש געגעסן צו דער זעט. זיי האָבן זיך שפּע־טער דערוואַרט אויף זייערע פּרויען, וואָס זענען צו זיי געקומען פון לובּ־לין, זיך ווערבירט קיין רוסלאַנד אויף אַרבעט. דער ייִנגסטער ברודער איז געשטאָרבן אין בוכאַרע פון הונגער.

מײַן לאַגע האָט זיך באַדײַטנדיק פאַרבעסערט. די סאָוויעטן האָבן גע־צאָלט גוטע פּרײַזן פאַר אונדזער אַרבעט מיט די מיליאָנען פּוילישע זלאָ־טעס, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין קאָוועל, ווּהין די פּאָליאַקן זענען אָפּ־געטראָטן פאַרן דײַטש, האָפנדיק זיך דאָ אָפּשטעלן און שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. די סאָוויעטן האָבן זיי אָבער אַזוי פּלוצלינג איבערגעפאַלן, אַז זיי האָבן נישט באַוויזן עפּעס אַרויסצופירן. טייל זענען אַרײַנגעפאַלן אין סאָ־וויעטישער געפאַנגענשאַפט און די גאָר גרויסע האָבן קוים באַוויזן צו אַנט־לויפן קיין רומעניע, איבערלאָזנדיק אויך דאָס געלט פון דער מלוכה־באַנק.

אונדזער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויסגעפירט פּינקטלעך דעם פּלאַן און צוליב גרויס צופרידנקייט פון אונדז האָבן מיר באַקומען דאָס איבערבליי־בעכץ פון מיטאָג פון די מיליטערישע קיכן. ס'איז אונדז אויך דערלויבט געוואָרן אַהיים צו נעמען די אָפּפאַלנדיקע שפּענער צו הייצן אונדזערע קאַלטע דירות. דאָס האָט מיר דערמעגלעכט צו דינגען פּריוואַט אַ צימער בײַ אַן אָנשטענדיקער פאַמיליע, וואָס האָט נישט געוואָלט קיין דירה־געלט, נאָר דאָס ביסל געהילץ, וואָס כ'האָב יעדן טאָג אַהיים געבראַכט פון דער אַרבעט. איך האָב אויך אַרײַנגענומען אין צימער מײַנע ברידער, וועלכע האָבן געקאָנט נאָך לאַנגע חדשים, נאָרמאַל זיך וואַשן, עסן צו דער זעט און שלאָפן אין אַ ריין בעט.

אין אַ געוויסן זונטיק האָב איך געטראָפן מײַן חבר יחיאל שניטבערג. ער איז געווען אין מײַן עלטער. אין אויגוסט 1939 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי, אַרײַנגעפאַלן אין דער סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט. נאָך דעם ווי ער איז באַפרײַט געוואָרן האָט ער זײַער געוואָלט אַהיים פאָרן, קיין לובלין, ווּ ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, נישט לאַנג נאָך דער חתונה. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים העלפן מען זאָל אים אַלס געוועזענעם קריגס־געפאַנגענעם צוריקקערן קיין פּוילן

אין די ראַמען פון אויסטויש פון געפאַנגענע. אין קאָוועל האָבן זיך אַרומ־געדרייט צענדליקער יידישע און פוילישע געוועזענע זעלנער, וועלכע האָבן געוואָלט אַהיים, אויף יענער זייט בוג, ווו די דייטשן האָבן געהערשט. טייל פון זיי האָבן שוין געהאַט גע‎דינט צוויי, אָדער אַנדערטהאַלבן יאָר און דער אויסברוך פון קריג האָט זיי אָפּגעריסן פון דער היים. זיי האָבן גע־זוכט אַ וועג ווי אַהיים צו קומען, וואַרטנדיק אויף אַן אָפּמאַך מיט היטלערן וועגן רעגולירן די פראַגע פון די פוילישע קריגס־געפאַנגענע ביי די רוסן און ביי די דייטשן. אַזאַ אָפּמאַך איז אָבער קיין מאָל נישט אונטערגעשריבן געוואָרן. בײדע צדדים האָבן אָנגעהויבן באַפרייען די פוילישע קריגס־גע־פאַנגענע פון די לאַגערן. גרופּעס, אָדער אײנצלנע האָבן זיך אומלעגאַל אומגעקערט אַהיים איבער די נאָך דאַן פאַרהעלטענישמעסיק אָפענע גרענעצן, וועלכע האָבן זיך אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער און שטרענגער פאַרמאַכט.

אַזוי האָט זיך פלוצלינג די קאָוועלער גרופּע דערזען אָפּגעשניטן פון דער היים. זיי האָבן דעריבער אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל זיי צוריקשיקן אַהיים אָפיציעל, ווי ס׳פאָדערט די זשענעווער קאָנווענץ. זייער צאָל איז געוואַקסן, ווייל אויך פון אַנדערע שטעט פון מערב אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד האָבן זיי זיך געזאַמלט אין קאָוועל. די סאָוויעטן האָבן זיך גע־זען געצווונגען זיי אַריינזעצן אין אַן עשאַלאָן, פאַרמאַכן אין וואַגאָנען און אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן אַריבערפירן זיי דורך לובאָמיל קיין כעלם.

אומזיסט איז געווען מיין וואָרענונג דעם דערמאָנטן חבר מיינעם, ווי עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע וואָרענונגען פון די פליטים פון די דייטשע געביטן, צו די יידישע זעלנער, אַז עס דערוואַרט זיי דאָרט דער טויט; אַז דער דייטש האָט שוין איינגעפירט די געלע לאַטע; אַז מען שמועסט שוין וועגן געטאָס און מען שיקט יידן אויף צוואַנגס־אַרבעט, פון וואַנען פיל קערן זיך נישט מער צוריק. די בענקשאַפט אַהיים איז געווען אַזוי גרויס אַז זי האָט נישט דערלאָזט דעם גלויבן אין דעם אַלעמען. די פליטים, וואָס זענען אַוועק פריִער, ווען די דייטשן האָבן נאָך געפרוווט שפּילן די־ראָל פון קולטורעלע דעראָבערער און נישט פון הונען, האָבן גאָר אָפּגעגעבן וועגן די דייטשן די בעסטע מיינונג. זיי האָבן אָפן אויסגעדריקט חרטה, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דער ערשטער פּאַניק. אין די שווערע באַדינגונגען פון קאָוועלער פליטים־לעבן, האָבן פיל פון זיי גע־קלערט און געפּלאַנט צו פאָרן צוריק.

דער חבר האָט מיר דורך אַ פּוילישן באַן־באַאַמטן, וועלכער איז גלייך ווי אַנדערע צוריקגערופן געוואָרן דורך דער ראַטנמאַכט צו אַרבעט, צו וויסן געטאָן, אַז פאַר נאַכט גייט אָפּ דער צוג קיין כעלם מיט די קריגס־געפאַנגענע, און אויב כ׳האָב צייט זאָל איך צוקומען, ער וויל מיר עפּעס אָנזאָגן. פאַר נאַכט בין איך צוגעקומען צו דער קאָוועלער באַן־ראַמפּע, ווו ס׳איז געשטאַנען דער לאַנגער צוג מיט די רויטע פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אין וועלכע ס׳זענען געווען פאַרשפּאַרט הונדערטער פּוילישע געוועזענע זעלנער און צווישן זיי צענדליקער ייִדן, וועלכע מען האָט דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך אַריינגעוואָרפן דעם פּאַיאָק, וואָס איז באַשטאַנען פון שוואַרץ ברויט מיט הערינג. כ׳בין דורכגעגאַנגען אַלע וואַגאָנען און געפּרוּווט אָפּזוכן מיין חבר, אָבער כ׳האָב אים ביי קיין שום פאַרקראַטעוועט פענצטערל נישט געזען. דער צוג איז לאַנגזאַם אָפּגעפאָרן און איך האָב מיין חבר מער אין לעבן נישט געזען. זיין סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער.

וועגן דעם האָט מיר דערציילט אַן אַנטלאָפענער קאָוועלער איינוווינער, אַ באַן־אַרבעטער, וואָס האָט דאַן געאַרבעט אין כעלם און איז נאָך דעם פאַל אַנטלאָפן פון די דייטשן, און די סאָוויעטן האָבן אים שפּעטער אַרעסטירט. כ׳האָב אים געטראָפן אין קאָוועלער טורמע. דער עשאַלאָן מיט די פּוילישע קריגס־געפאַנגענע זעלנער איז אָנגעקומען אין אַ געוויסן פאַרטאָג קיין כעלם. די דייטשן האָבן דערלויבט דעם סאָוויעטישן לאָקאָמאָטיוו צוריקפאָרן קיין קאָוועל, נאָך דעם ווי זיי האָבן אונטערגעשריבן, אַז זיי האָבן דערהאַלטן כך וכך געפאַנגענע. זיי האָבן געלאָזט שטיין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען 2 טעג אויף אַ זייטיקער ליניע, נישט דערלאָזנדיק צו די געפאַנגענע קיין עסן און וואַסער. די וועלכע האָבן געפילט, אַז די לעצטע כּוחות פאַרלאָזן זיי, האָבן אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען. די דייטשן האָבן דאַן קעגן די וואַגאָנען אויסגעשטעלט מאַשין־געווער, געעפנט די טירן, צונויפגעזאַמלט אַלע פּאַליאַקן און זיי ערגעץ אַוועקגעפירט. די עטלעכע און פופציק ייִדן האָבן זיי אויסגעשטעלט לענג־אויס די וואַגאָנען און אַלע דערשאָסן.

דער שרעקלעכער פאַקט איז שנעל באַוווּסט געוואָרן אין לובאָמיל און זיך פאַרשפּרייט אויף יענער זייט בוג דורך די פּוילישע באַן־אַרבעטער, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען פון דער ווייטנס. נאָך דעם האָבן די באַן־אַרבעטער אָנגעהויבן מאַסנווייז אַנטלויפן, מורא האָבנדיק פאַרן אייגענעם גורל.

אונדז איז שוין געווען פּאַרהעלטנישמעסיק „גוט” אין קאָוועל און איך האָבן שוין געטראַכט וועגן ברענגען מיין פרוי מיטביידע קינדער. אין דער צייט זענען דערשינען מודעות, אַז די סאָוויעטן ווערבירן מענטשן אין טיף־רוסלאַנד אויף אַרבעט און מ׳קאָן זיך פאַרשרייבן.

פאַרן רעגיסטראַציע־אַמט האָבן זיך גלייך געשאַפן לאַנגע רייען פון מענער און פרויען, וואָס האָבן געוואָלט וואָס שנעלער אָנפאַנגען אַ נאָרמאַל לעבן און אויפהערן זיך וואַלגערן. אָבער די מעדיצינישע קאָמיסיע האָט נישט יעדן איינעם אָנגענומען. לגבי פאַכלייט, למשל, האָט מען נישט אַזוי מקפּיד געווען אויף זייער געזונט־צושטאַנד. דאַקעגן שוואַרצע אַרבעטער, וועלכע מען האָט געמיינט צו שיקן אין די וועלדער שניידן ביימער, אָדער צו די פעלדער פון סאָווכאָזן, האָט מען גוט איבערגעקליבן.

איך מיט איינעם פון מיינע ברידער האָבן זיך צוגעשטעלט אויף אַר־בעט קיין קיִעוו. דער ייִנגסטער ברודער האָט געוואַרט אויף זיין פרוי, און האָט זיך צוליב דעם נישט פאַרשריבן און איז פאַרבליבן אין קאָוועל. אין דעם באַשטימטן טערמין האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אויפן קאָוועלער וואָק־זאַל, יעדער איינער מיט זיינע פאַכאָווע אינסטרומענטן. אין אַ פיינעם פאַ־סאַזשיר־צוג זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין קיִעוו. מיט געמישטע געפילן האָבן אונדז געזעגנט אונדזערע באַקאַנטע, נאָענטע און ווייטע קרובים, טייל מיט קינאה, טייל מיט באַדויער. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן זענען ביידע געווען גערעכט.

אין קיִעוו

פון קאָוועל ביז שעפּעטעווקע זענען מיר געפאָרן אין אַ פּוילישן פּאַ־סאַזשיר־צוג און די רייזע איז געווען זייער אַן אָנגענעמע.

די עטלעכע הונדערט פאַרשריבענע אויף אַרבעט זענען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער יִדישער עוואַקויִרטער באַפעלקערונג, אַ קלענער טייל פּאָליאַקן און נאָך אַ קלענערער טייל אוקראַיִנער — ס׳רוב יונגע מענטשן, יונגע פּאָר־פעלקער מיט קינדער. צווישן די מענער זענען געווען פיל צעשיידטע פאַמיליעס, טייל אַפילו מיט קינדער, וועמענס פרויען עס זענען געבליבן ביים דייטש. אויף די סטאַציעס האָט זיך אין אָנהייב געמערקט זייער אַ דיסקרעטע וואַך פון באַוואָפנטע רויט־אַרמייער, וואָס האָבן אונדז דערקלערט, אַז זיי באַגלייטן אונדז כּדי אונדז צו באַשיצן פון פאַרטיזאַנער, ווייסע פּאָליאַקן, וואָס גראַסירן נאָך אין די וועלדער. ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ סימפּאַטישער, הויכער ברונעט, אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט אויף יעדער סטאַציע געפּרוּווט אַריינצוּיִען אין אַ געשפּרעך די געציילטע רויט־אַרמייער, אָדער דעם „ציווילן" נאַטשאַלניק פון עשאַלאָן. דערביי האָט ער יעדן איינעם דערציילט, אַז ער איז אַ טיכטיקער קאָמוניסט, וואָס איז געזעסן אין פּוילישע טורמעס גאַנצע 12 יאָר און דער קריג האָט אים באַפרייט. ביי די רויט־אַרמייער האָט ער נישט אַרויסגערופן קיין שום אינטערעס, דאַקעגן מיר, די געוועזענע קורץ־טערמיניקע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, מיט אורטיילן פון 3, 4, 5, אַפילו 6 יאָר, האָבן אים באַוווּנדערט און אָפּגעשאַצט, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז ער געווען באָלעם־לאָזו ביערוט, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פונעם באַפרייטן פּוילן, וועלכער איז ווי מען שמועסט געהיים דערמאָרדעט געוואָרן אין מאָסקווע אין 1956 בעתן באַרימטן 20סטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַדאַנק אונדזער פאַרמיטלונג איז אים ענדלעך געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן סאָוויעטישן עשאַלאָן־פירער און דער האָט אים באַשטימט ווי זיין פּאַרטרעטער. די ערשטע גזרה זיינע איז געווען: איינפירן אין גאַנצן צוג אַ קאָמונע פונעם עסנוואַרג אויפן מוסטער פון די קאָמונעס אין די פּוילישע טורמעס. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט ביי די פאַרשריבענע אויף אַרבעט, ווייל אין זייער לעבן האָבן זיי זיך אַזעלכעס

נישט פאַרגעשטעלט. אָבער מיר, זיינע משרתים, האָבן ממש מיט כּוח איינ־
געפירט די קאָמונעס אין יעדן וואַגאָן באַזונדער. אַלע האָבן געמוזט עסן
אין איין צייט און וואָס מ׳האָט צוגעטיילט. ס׳האָבן זיך דאָך געפונען איי־
ניקע דרייסטע מענטשן, וועלכע האָבן אים פאַרמסרט פאַרן סאָוויעטישן
עשאַלאָן־פירער און דער האָט אים אין אונדזער קעגנוואַרט גוט אויסגע־
זידלט פאַר זיינע „טראָצקיסטישע״ שטיק, ווייל אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד
וווהין מיר פאָרן זענען נישטאָ קיין קאָמונעס אויף פּריוואַטע געברויכס־
מיטלען, ווי עסנוואַרג, מלבושים, וווינונג, געלט א.א.וו. מיט אַ גרויסן
„הורא״ זענען זיך אַלע נישט־קאָמוניסטן צעלאָפן אין די וואַגאָנען, כּדי
צו ליקווידירן די קאָמונעס. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז דאָס איינ־
פירן די קאָמונעס איז געווען פיל לייכטער ווי זיי פונאַנדערטיילן. מיר זענען
שוין אַזוי דעריבער פאַרבליבן „קאָמונאַרן״ ביז מיר זענען נאָכן איבער־
גיין אויף אַ ברייטליניקן פראַכט־צוג אין שעפּעטאָווקע אָנגעקומען אין
אַ טריבן, קאַלטן פרימאָרגן קיין קיִעוו.

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי קיין קיִעוו. מ׳האָט אונדז נאָך גרויסע פּייערלעכע
רעדעס פונאַנדערגעטיילט אין פאַרשיידענע ערטער אַרום קיִעוו.

מיין ברודער מיט זיין פרוי און שוואָגער זענען געשיקט געוואָרן צום
לינקן ברעג פון דניעפּר אין קראַסני כוטאָר. אַהין איז אויך געשיקט גע־
וואָרן באַלעסלאַוו ביערוט, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס אַרעמער סשטשאַ־
טאָוואָד, און האָט פאַרדינט נאָך ווייניקער פון אַ שוואַרצן אַרבעטער.

מיט אונדזער באַווייזן זיך אויף די שיינע קיִעווער גאַסן האָבן מיר פּשוט
אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. גרופּעס מענטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט
און געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן. ס׳האָבן זיך תּמיד געפונען אומגעבעט־
טענע איבערזעצער, וואָס האָבן איבערזעצט די פראַגן און ענטפערס פון
רוסיש און אוקראַיִניש אויף פּויליש, אָדער ייִדיש. דער געדראַנג אַרום
אונדז איז טייל מאָל געוואָרן אַזוי גרויס, אַז עס האָט געשטערט די באַוועג־
גונג און די העפלעכע קיִעווער מיליץ איז געווען פיל מאָל געצוווּנגען צו
אינטערוועניִרן. אין אָנהייב, נישט וויסנדיק די סיבה פונעם צוזאַמענגעלויף,
פלעגן זיי שטרענג אויפפאָדערן: „בירגער צעגייט זיך״, אָבער דערוויסנ־
דיק זיך די סיבה, פלעגן זיי אַליין בלייבן שטיין און אויסהערן די ענט־
פערס און פראַגן.

בכלל האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק, אַז די מענטשן זענען צענדלי־
קער יאָרן געווען אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט און האָבן נישט
געזען קיין אויסלענדער. דערפאַר האָבן זיך די הויפּט־פראַגן געדרייט

אַרום די עקאָנאָמישע לעבנס־באַדינגונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער. צי איז אמת, אַז די פּויערים אין פּוילן פּלעגן טיילן אַ שוועבעלע אויף 4 און דערמיט 4 מאָל אָנצינדן פייער? צי איז אמת, אַז די שולן פּוסטע־ווען אין ווינטער, ווייל אין יעדער שטוב איז נאָר דאָ 1 פּאָר שיך פאַר פיל קינדער און יעדעס קינד גייט אין אַן אַנדער טאָג אין שול לויט דער ריי? צי שטייען גרויסע רייען אויף שפּייז־פּראָדוקטן און קליידונג און צי צו־קער באַקומט מען נאָר אויף קאַרטן? צי דאַרף מען צאָלן פאַר לערע? צי פאַרדינט מען גענוג אויפן לעבן?

איך בין טייל מאָל געבליבן צעמישט פון די אויסטערלישע פראַגן, אַז כ׳האָב פּשוט נישט געוווּסט וואָס אויף זיי צו ענטפערן. פון פאַרלעגנהייט פלעגט מיר טייל מאָל אַרויסנעמען דער מיליציאָנער, וועלכער פלעגט פו־נאַנדערטרייבן דעם עולם, אָדער עפּעס אַ ייִד, וועלכער פלעגט פּשוט אָנ־שרייען אויף די פרעגער, זיי זאָלן נישט זיין אַזוי צודרינגלעך צו די באַ־פרייטע ברידער פון מערב אוקראַיִנע און ווייס־רוסלאַנד און זיי לאָזן פריי שפּאַצירן און באַוווּנדערן דעם שיינעם קרעשטשאַטיק.

עס איז טאַקע געווען טייל נייע זאַכן צו באַוווּנדערן, וואָס מיר האָבן נאָך אין פּוילן אין די קלענערע שטעט נישט געהאַט. די גאַסן־באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען מיט ליכטער, וואָס אַ מיליציאָנער פלעגט אָנצינדן מיט דער האַנט, דרייענדיק אַ קנעפּל. איבער דער גאַנצער לענג פון דער פּרעכטי־קער גאַס קרעשטשאַטיק איז געווען איינגעריכטעט אַ נעץ פון ראַדיאָ־הילכער, וועלכע האָבן אין די אָוונטן איבערגעגעבן די שפּאַצירנדיקע וויכטיקע נייסן און רעדעס, און מען האָט דאָס אַלץ געקאָנט הערן אין שפּאַצירן. מיר האָבן אויך דאָרט געזען אויטאָמאַטישע בעזעמער, איינגע־מאָנטירטע אין אויטאָס, וועלכע האָבן גערייניקט דעם שניי אין די גאַסן. ס׳זענען אויך געווען אָנגעצייכנטע פּאַסן, ווי אַריבערצוגיין די גאַסן. מי־ליציאָנערן מיט פייפעלעך אין מויל פלעגן צוריקקערן די דורכגייער, וואָס האָבן געפּרוּווט אַריבערגיין די גאַס אויף נישט דערלויבטע ערטער און האָבן באַשטראָפט די יעניקע וואָס זענען אַזוי אַריבער אויף יענער זייט גאַס. מחוץ די דערלויבטע איבערגאַנגס־פּונקטן אין שטאָט האָט זיך נישט געפילט קיין מאַנגל אין עסנוואַרג און מ׳האָט געקאָנט אַלץ באַקומען פריי. עס האָט נאָר געקאָסט טייער. קינאָס, טראַמווייען, פּאָסט און אַנדערע באַ־דינונגען האָבן געקאָסט זייער ביליק. דאַקעגן איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין אָנטועכץ, שיך, מאַנופאַקטור און מעבל, ביי וועלכן פּאַרקויף עס זענען תּמיד געשטאַנען זייער לאַנגע רייען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מער־

הייט קאָן נישט קויפן די אַלע זאַכן צוליב 2 טעמים: ערשטנס — ווייל זיי קאָסטן צו טייער און צווייטנס — אַז מען פאַרקויפט זיי ס'רוב ביים אויסאַרבעטן, און פיל אויפקויפער און שפעקולאַנטן קויפן זיי אויס לויטן אָפיציעלן פרייז און פאַרקויפן עס שפעטער אויפן טאָלטשאָק (שוואַרצן מאַרק) צו גאָר הויכע פרייזן. כדי דאָס אויסצומיידן פלעגט מען נישט פאַרקויפן צו איין מענטשן מער ווי איין פאָר שיך, אָדער קאָלאָשן; 2, אָדער 3 מעטער מאַנופאַקטור; איין פאָר הויזן; איין רעקל א.אַ.וו. מיליציאַנערן פלעגן שטיין און אָפּהיטן די רייען. זיי פלעגן אַריינלאָזן נאָר עטלעכע קונים מיט אַ מאָל. די פיפיקע שפעקולאַנטן האָבן זיך אָבער אַן עצה געגעבן און אָוועקגעשטעלט אייניקע פון אונדז, פליטים, אין די רייען, זיי געגעבן געלט און באַצאָלט פאַר דער טירחה און די געקויפטע סחורה האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, צוגענומען. אין אָנהייב פלעגט מען אונדז אַריינלאָזן אויסער דער ריי צוליב רחמנות: „לאָזט זיי נעבעך, זיי האָבן דאָך שוין יאָרן נישט געזען קיין נייעם שוך, אָדער נישט פאַרזוכט קיין צוקער".

עס זענען אַנטשטאַנען אייניקע גרופּן, וואָס האָבן דאָס שטיין אין די רייען פאַרוואַנדלט אין אַ פרנסה. די אייניקע פאַראַזיטן האָבן באַפלעקט אַ ציבור פון הונדערטער טויזנטער פליטים, וועלכע די רוסישע און אוקראַיִנישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער האַסן און די באַציִונג צו אונדז איז געוואָרן אַלץ מער און מער שטרענגער.

מיר זענען אָנגעקומען געציילטע טעג פאַרן אָקטאָבער יום־טוב (7טער נאָוועמבער). די שטאָט האָט אויסגעזען פייערלעך באַצירט און די מענטשן האָבן געיובלט.

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען, צופרידענע וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט די אָנגעפּאַקטע, פאַרלייזיקטע שטעט פון מערב־אוקראַיִנע. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך איינשאַפן פריינד — ייִדן. קיִעוו איז געווען אַ ייִדישע שטאָט מיט אַ גרויסער און רייכער ייִדישער ביבליאָטעק, מיט אַ ייִדישער טאָג־צייטונג, מיט אַ ייִדישן טעאַטער, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעפירט די עכט ייִדישע פיעסע „בר־כוכבא". כאָטש דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט מיט אַ ייִדישן עולם פון יערלעכע אַבאָנענטן, האָט אונדז דער דירעקטאָר אַריינגעלאָזט צו די פאָרשטעלונגען און מיר זענען געזעסן אויף צוגעשטעלטע שטולן. מיר האָבן געזען די פרעכטיקע פאָרשטעלונג, וואָס אויסער עטלעכע צוגעגעבענע רעוואָלוציאָנערע פראַזן, ווי: „היט אונדז גאָט פאַר אונדזערע פריינד, פאַר די שונאים וועלן מיר זיך אַליין היטן", איז כמעט אומגעענדערט אויסגעפירט געוואָרן. דער דירעק־

טאָר האָט אונדז שפּעטער געזאָגט, אַז טראָץ דעם וואָס דער עלטערער דור ייִדן האָבן יערלעכע בילעטן אין טעאַטער, האָט דאָס טעאַטער גרויסע דע־פיציטן און די רעגירונג מוז זיי דעקן און אים אויסהאַלטן.

מיטן אָנקום פֿונעם גרויסן יום־טוב פֿון דער זיגרייכער אָקטאָבער־רע־וואָלוציע, איז געקומען אַ באַפֿעל, אַז מיר באַטייליקן זיך צוזאַמען מיטן מיליטער און דער באַפֿעלקערונג אין דער גרויסער דעפֿילאַדע, וואָס כרוש־טשאָוו, דער דעמאָלטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער אוקראַיִנישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי וועט אויפֿנעמען. מען האָט אָבער געמוזט אָפּקלייבן ווער ס׳זאָל אָנטייל נעמען, ווייל אַ טייל פֿון אונדז איז געווען אַזוי שלעכט געקליידט, אַז די קיִעווער האָבן זיך מיט זיי אָנגעהויבן שעמען.

די דעפֿילאַדע אין יאָר 1939 אין קיִעוו האָט געדויערט עטלעכע שעה. מיליאָנען מענטשן מיט בילדער, טראַנספּאַראַנטן און פֿענער לויט צעכן און פֿאַראיינען, קאָלכאָזן און מיליטערישע פֿאָרמאַציעס, שולן און אינסטי־טוטן, מיט וואָס קיִעוו איז געווען דאַן אַזוי רייך, האָבן מאַרשירט פֿאַרביי דער טריבונע, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען כרושטשאָוו מיטן גאַנצן צ.ק. און מיליטערישן קאָמענדאַנט פֿון קיִעוו. באַלד ווי מען איז נאָר פֿאַרביי דער טריבונע, האָבן זיך די מאַרשירנדיקע אויסגעמישט מיט אונדז און ס׳זענען ווידער אָנגעקומען שאלות און תשובות.

אַ יונג ייִדיש פּאָרפֿאָלק האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים פֿייערן דעם יום־טוב. זיי האָבן דערמיט געבראַכט אין אַ שטיקל פֿאַרלעגנהייט זייערע עלטערן, מיט וועלכע זיי האָבן געוווינט צוזאַמען. די עלטערן האָבן אָפֿן אַרויסגעוויזן אומצופֿרידנקייט, וואָס זייערע קינדער האָבן צו זיי אין שטוב געבראַכט אַן אויסלענדער. כ׳האָב אָפּגעגעסן אַ גאַנץ גוטן מיטאָג, פֿאַרטרונקען מיט סאָוויעטישער שאַמפּאַניע, וועלכע איז, דרך אגב, נישט אָפּגעשטאַנען פֿון פֿראַנצייזישער. אויף מיין פֿראַגע, ווי קומט צו זיי אַזאַ שפֿע, האָט מיר דער יונגערמאַן געענטפֿערט, אַז ער איז אַ שטעל־פֿאַרקויפֿער אין קאָלכאָזנעם באַזאַר, וווּ עס פֿאַרקויפֿן זייערע פּראָדוקטן די קאָל־כאָזניקעס פֿון דער סביבה און אים פֿעלט גאָרנישט.

איך בין שפּעטער געוואָרן אַן אָפֿטער איינגייער אין זייער שטוב און זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער גוט־האַרציקע ייִדישע מענטשן. די פֿרוי האָט מיר אַפֿילו גענומען רעדן אַ שידוך מיט אירער אַ שוועסטער, אַ וויכטיקע פּאַרטיי־טוערין. אָבער ווען כ׳האָב זיי דערציילט, אַז איך האָב אין פּוילן געלאָזן אַ פֿרוי מיט 2 קינדער, האָט זי מיך מער נישט באַלעס־טיקט און זייער באַציִונג צו מיר האָט זיך אויך נישט געביטן.

נאָך די אָקטאָבער־פּייערונגען, ווען מ'האָט זיך מיט אונדז אומעטום געצאַצקעט און פּשוט געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן מיט רעדעס, אין יעדער שפּראַך וואָס איינער האָט נאָר געקענט, האָט מען אונדז אָנגעהויבן פֿאַר־נאַנדערוואַרפֿן צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן, אין פֿאַרשיידענע אַרבעטס־פּלע־צער אַרום קיִעוו. נאָר אַ קליינע טייל פֿון אונדז איז מגולגל געוואָרן אין סאָווכאָזן (מלוכהשע „ברויט־פֿאַבריקן", ווו די פּויערים ווערן באַ־טראַכט ווי פֿאַבריק־אַרבעטער). אויך די זענען נאָך אַ קורצער צייט געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן די סאָווכאָזן, ווייל זיי זענען כּמעט געשטאָרבן פֿון הונגער.

מיך האָט מען איבערגעפֿירט אין דאָרף קאַרטשעוואַטאַ הינטער קיִעוו אין אַ רעמ.־באַזע (רעמאָנסאַיאַ באַזאַ), ווו פֿאַכלייט זענען באַשעפֿטיקט געוואָרן ביי זייערע פֿאַכן און נישט שלעכט פֿאַרדינט. צוליבן באַזיצן אייגענע כּלים, וועלכע כ'האָב מיטגעשלעפּט אַזש פֿון קאָוועל, האָב איך מיט נאָך איינעם באַקומען אַרבעט ביים צונויפֿשטעלן קאַראָסעריעס פֿון לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען אָנגעקומען פֿון דער גרויסער אויטאָמאָבילן פֿאַבריק אין גאָרקי נאָר מיט דער קאַבינע פֿון שאָפֿער און 2 אייזערנע שינעס איף 4 רעדער, אויף וועלכע מיר האָבן פֿון ברעטער באַדאַרפֿט צו־נויפֿשטעלן דעם הילצערנעם קאַסטן מיט די 4 באָרטן.

אין אָנהייב איז די אַרבעט אונדז אַלס מעבל־סטאָליערס געגאַנגען זייער שוואַך. שפּעטער האָבן מיר זיך ספּעציאַליזירט, אַז מיר האָבן גע־מאַכט מיט דער האַנט 3 קאַראָסעריעס אַ מאָנאַט און יעדער איינער האָט פֿאַרדינט צו 600 רובל אַ מאָנאַט. אין יענער צייט איז עס געווען אַ גרויסע סומע, וואָס נאָר אינזשענירן און גרויסע נאַטשאַלניקעס האָבן פֿאַרדינט, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע, וועלכע האָבן קוים פֿאַרדינט ביים דעקן דעכער, אָדער שטעלן פּאַרקאַנעס 250 ביז 300 רובל מאָנאַטלעך. מער פֿון אַלע האָבן געליטן טיפּיש יידישע פֿאַכלייט ווי שוסטערס, שניידערס, היטלמאַכערס א.אַנד. זיי, אַלס שוואַרצע אַרבעטער האָבן ביי קאַטאָרזשנער אַרבעט אַפּילו נישט פֿאַרדינט גענוג אויפֿן עסן, צוליב די גרויסע נאָרמעס.

אָבער נישט נאָר זיי האָבן שלעכט פֿאַרדינט. אויך די אוקראַיִנישע אַרבעטער האָבן נאָך אַ מאָנאַט שווערער פּראַצע באַקומען אַזאַ לוין, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרשאַרט אין אַ ווינקל און געוויינט. אין די דאָרפֿישע ראַיאָנען אַרום קיִעוו, אין קעגנזאַץ צו די שטאָטישע, האָבן מיר זיך אָנגעטראָפֿן אויף עקספּלואַטאַציע, נויט און אָרעמקייט, וואָס האָט אויף אונדז קעמפֿנ־דיקע קאָמוניסטן אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד.

עס האָט מיר געפלאַמט דאָס פּנים פאַר בושה, בעת אינזשענירן האָבן באַוואונדערט די שיד־פּאַסטע־שעכטלעך פון „דאַבראַלין" מיטן קליינעם שטי־קעלע בלעך, וואָס עפנט עס מיט איין דריי. זיי האָבן צווישן זיך גע־שעפטשעט: „וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע מאַשין". פאַר מיינעם אַ מעטאַ־לענעם מעטער מיט אַ ציגל אין אָנהייב, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַר־טשעפּען אין קעגנשטאַנדן, אויסציִען זיך און מעסטן, האָט מיר דער הויפּט־אינזשעניר פון דער באַזע געוואָלט געבן גאַנצע 10 רובל.

די אַרבעטס־וואָך איז באַשטאַנען פון 5 טעג און יעדער 6טער טאָג איז געווען „וויכאַדנאָי". אַזוי אַרום האָט מען סטאַביל געהאַט 6 אַפּרו־טעג אין מאָנאַט (אין קריג האָט מען עס אָפּגעשאַפט).

ס'איז אויך געווען אויפפאַלנדיק, וואָס מ'הייסט אונדז בײַדע תּמיד בלייבן כּדי צוגרייטן האַלץ פאַר די קאַראַסעריעס דווקא אין אַ פרייען טאָג, געבנדיק אונדז אין מיטן דער וואָך אַן אַנדער רו־טאָג. מ'האָט אונדז דאָן געוויזן אַ שטויס מיט ברעטער און געזאָגט, אַז פון דאָרטן קאָנען מיר פאַר זיך אָנגרייטן האָלץ אויף אַ גאַנצער וואָך. ס'האָט אַזוי געדויערט עטלעכע „וויכאַדנאָיס", ביז איין מאָל, בעת מיר האָבן געשלעפּט די ברעטער, איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ לויערונג אַ באַוואָפנטער וועכטער און אונדז אַרעסטירט אַלס גנבים, וואָס גנבענען האָלץ וואָס געהערט צו דער אייזנ־באַן. כ'מוז מודה זיין, אַז דאָס איז געווען אַן אמת אידעלער אוקראַינער. ווען ער האָט אויסגעהערט אונדזערע טענות און געזען, אַז ער האָט צו טאָן מיט 2 זאַפּאַדניקעס, ייִדן, האָט ער אונדז פריי געלאָזט און שעלטנדיק מיט טויטע קללות די לייטונג פון דער באַזע, האָט ער זיי געדראָט מיט אַ משפּט. וואָס ס'איז פון דעם געוואָרן ווייס איך נישט. מער האָבן מיר נישט געוואָלט נעמען קיין ברעטער און די באַזע האָט געמוזט קויפן האָלץ אין טאַרטאַק.

מיט עסן זענען מיר געווען גוט באַזאָרגט. פרישטיק און אָוונט־ברויט האָבן מיר געגעסן אין „אָבשעזשיטיע"; ברויט, פּאָווידלע, טיי און צוקער האָבן מיר באַקומען אין מאַגאַזין פון דער רעמ.־באַזע. וווּרשט, הערינג און אַנדערע זאַכן האָבן מיר געקויפט אין קיִעוו, וווּ מיר האָבן געקאָנט מיטן טראַמוויי, אָדער צוג פאָרן יעדן אָוונט, אָדער אין די רו־טעג. מיטאָג האָבן מיר געגעסן אין עסזאַל, פאַר 6—7 רובל מיט פלייש און ביר. נאָר גוטע פאַרדינער האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו עסן אַזאַ מיטאָג. אַנדערע אַרבעטער האָבן זיך באַנוגנט מיט 2 זופּן און אַ שטיקל ברויט.

מיט קולטור האָבן אונדז באַזאָרגט די קאַדרען־שעפן, ס'רוב פרויען און ייִדן. אונדזער קולטור־פאַרזאָרגערין איז געווען אַ רוסישע יונגע שיק־

סע, וועלכע האָט אונדז געפרעגט אין וועלכער שפּראַך מיר בעטן צייטונ־
גען און ביכער. אויף מיין פאָרלאַנג האָט זי אונדז געבראַכט דעם „קיִעווער
שטערן" און בערגעלסאָנס „ביים דניעפּר", שפּאָגל נייע, נישט אָנגערירטע
ביכער. זי האָט באַוווּנדערט די ייִדישע בוכשטאַבן און נישט געוואָלט
גלייבן, אַז זיי שרייבן זיך פון רעכטס אויף לינקס. זי האָט זיך דערביי
פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ווען מיר קומען נישט, וואָלט זי אַפילו נישט גע־
ווּסט, אַז עס עקסיסטירט אַזאַ ליטעראַטור אויף דער וועלט.

נאָכן איינאָרדענען זיך, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט
די פאַמיליעס, וואָס מיר האָבן געלאָזט אין פּוילן. מיר האָבן מקנא געווען
די מענטשן, וואָס זענען צוזאַמען מיט פרויען און קינדער אַנטלאָפן פון
דייטש און אויך זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט צוזאַמען. טראָץ דעם וואָס
זיי האָבן געמוזט וווינען אין קאָלעקטיווע וווינונגען, זענען זיי אָבער גע־
ווען צוזאַמען און געטיילט ליידן און פריידן.

קיין פּאָסט־פאַרבינדונג מיט פּוילן איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט,
אָבער מיט דייטשלאַנד יאָ. האָב איך איין מאָל פון דער הויפּט־פּאָסט אין
קיִעוו געשיקט אַ בריוו אַהיים מיט פאָלגנדיקן אַדרעס: וויאַ בערלין, וואַר־
שאַווע, לובלין, אוליצאַ ביכאַוסקאַ 12, שטאָקפּיש". די פּאָסט־באַאַמטע
האָבן דעם בריוו אָנגענומען און ער איז אָנגעקומען. כ'בין געווען, מיין
איך, דער ערשטער פּליט אין קיִעוו, וואָס האָט באַקומען אַ בריוו פון יענער
זייט בוג, אַדרעסירט: „וויאַ בערלין, קיִעוו, סיעלאָ קאַרטשעוואַטאַע, רעמ.־
באַזאַ, שטאָקפּישו סאַלאָמאָנו שולימאָוויטשו".

ענדלעך האָט זיך די ראַטנמאַכט געכאַפּט, אַז לענגער קאָן אַזאַ צו־
שטאַנד נישט דויערן און אָפּגעמאַכט מיטן בעסטן ידיד, היטלערן, אַ די־
רעקטע פּאָסט־פאַרבינדונג מיט פּוילן. דער אַדרעס האָט געדאַרפט זיין
געשריבן אין 2 שפּראַכן, האָט געדאַרפט זיין צעטיילט מיט אַ ליניע אויף
2 גלייכע טיילן, פון דער רעכטער זייט שרייבן אויף רוסיש: ביוושאַ פּאָל־
שאַ (געוועזענע פּוילן), גאָראָד לובלין, אוליצאַ א.אַ.וו. און דאָס זעלבע
מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן אויף דער לינקער זייט פון קאָנווערט אין
דייטש.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון יענער זייט בוג בריוו, איינער
מוראדיקער פון אַנדערן. די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן
זייערע נעגל. די בריוו אין דער פּוילישער שפּראַך זענען שטאַרק צענזו־
רירט געוואָרן. ס'איז אָפט מאָל געשען, אַז כ'האָב באַקומען נאָר אַ קאָנ־
ווערט, דעם בריוו האָט מען קאָנפיסקירט. צום צווייטן מאָל האָב איך באַ־

קומעןביידע בריוו — דעם לעצטן און דעם פריִערדיק־קאָנפיסקירטן. זעט אויס, אַז ס׳זענען געווען פּאַליאַקן, וואָס האָבן צו להכעיס די דייטשן בגנבה צוריק אַריינגעלייגט די קאָנפיסקירטע בריוו. מ׳האָט אויך שפּעטער דערלויבט שיקן שפּייז־פּעקלעך אַהיים און דאָס האָט אַ סך געהאָלפן די שוין דאָן פאַרשלאָסענע ייִדן אין געטאָ צו דערהאַלטן די נשמה.

אַלע מיינע וואַנדערונגען וועגן שיקן געלט מיין פרוי און קינדער זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן. דער דירעקטאָר פון קיִעווער „גאָסבאַנק" האָט מיר געזאָגט, אַז צוטיילן דעוויזן אויף אַזעלכע צוועקן קאָנען זיי זיך נישט דערלויבן. בלית ברירה האָב איך אַליין אין קיִעוו מיט מיינע 600 רובל אַ חודש געקאָנט לעבן אַ גוטן טאָג, אין דער צייט ווען מיין פרוי מיט ביידע פּיצלעך קינדער האָבן נעבעך געליטן הונגער און איך האָב זיי נישט גע־קאָנט העלפן.

פינלאַנד האָט זיך נישט דערשראָקן פאַרן ריזיקן רוסישן בער און האָט זיך נישט געלאָזט איינשלינגען ווי ליטע, עסטלאַנד און לעטלאַנד. די 2 „ידידים" סטאַלין און היטלער האָבן זיך דערווייל געליבט ווי טויבן. דעם זעלבן ווינטער 1939—1940 איז סטאַלין אַלט געוואָרן 60 יאָר און היטלער 50 יאָר און עס איז אַוועק אַ סעריע קעגנזייטיקע גראַטולאַציעס. די צוויי וועלט־באַהערשער האָבן זיך געווונטשן לאַנגע, געזונטע יאָרן און דער עיקר: דערפאָלג אין זייערע טעריטאָריאַלע דעראָבערונגען. אויף דעם סמך האָט דער „קיִעווער שטערן" אין דער ייִדישער שפּראַך איבערגעגעבן געבעלסעס אַ רעדע: „נאָכן איינבעמען דאָס פּריצישע פּוילן, האָט היטלער, שטרעבנדיק צו שלום, אויסגעשטרעקט זיין ברודערלעכע האַנט צו ענגלאַנד און פראַנקרייך, אָבער די ענגלישע און פראַנצייזישע אימפּעריאַליסטן האָבן היטלערס ברודערלעכע האַנט אָפּגעוואָרפן און דערקלערט אַ בלאָקאַדע אויף דייטשלאַנד, מיט וואָס זיי ווילן אויסהונגערן די דייטשע מוטער און קינד". די צייטונג האָט פאַרעפנטלעכט נאָך אַזעלכע פּערל פון געבעלסעס לעקסיקאָן, וואָס כ׳האָב בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי מען קאָן עס דרוקן אין אַ ייִדישער צייטונג מיט ייִדישע אותיות.

עס זעט אויס, אַז ראַטן־פאַרבאַנד האָט אָנגעגריפן דעם קליינעם, אָבער מוטיקן פינלאַנד מיט היטלערס הסכמה, כאָטש קיִעוו איז געווען טויזנטער מייל ווייט פון פראָנט, האָט באַלד אין די ערשטע וואָכן פון קריג אויסגעפּעלט שפּייז אין די מאַגאַזינען. פון אַנדערע זאַכן איז שוין אָפּגע־רעדט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער הונגער, איבערהויפּט אויף

דער פּראָווינץ. רייען נאָך ברויט זענען שוין געשטאַנען פון 2 ביי נאַכט אין 40 גראַדיקע פראָסט. נאָך ערגער, עס האָט אָנגעהויבן אַפילו אויספעלן עלעקטרישער שטראָם און אַ הויפּט־גאַס אין קיִעוו, ווי קרעשטשאַטיק, איז יעדן אָוונט געווען באַלויכטן נאָר איין זייט און אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָבן סיי די גאַסן־לאַמטערנעס און סיי די לאָמפּן אין די הייזער נישט געברענט.

אונדזער רעמ.־באַזע האָט אַנטוויקלט אַ פיבערהאַפטע אַרבעט און נאָך אייניקע וואָכן האָבן מיר געקאָנט צושטעלן צום פראָנט 120 אויסגעפּאַרטיקטע לאַסט־אויטאָס.

אין צווישן־צייט האָט מיר מיין פרוי געשריבן, אַז זי האָט פאַרלאָזט לובלין און געפינט זיך מיט ביידע קינדער און מיט איר פאָטער אין וואָלאָדאַווע. זי וואַרט אויף מיר, כ'זאָל זי קומען אַריבערנעמען. דאָס אַלץ איז געווען, צוליב דער צענזור, געשריבן אין אַ באַהאַלטענער פאָרעם. איך האָב אויף ס'ניי אָנגעהויבן שטורעמען מען זאָל מיר דערלויבן לעגאַל ברענגען מיין פרוי און קינדער.

אין דער צייט האָבן די 2 ידידים, היטלער און סטאַלין, נאָך אַ מאָל זיך צונויפגערעדט צו טוישן די באַפעלקערונג פון די פאַרנומענע געביטן דורך דייטשלאַנד און רוסלאַנד. לויט דעם זאָלן אויפן פרייען פאַרלאַנג אַרויסגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד די דייטשן און קיין רוסלאַנד די רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן און... אָבער וועגן יידן איז נישט גערעדט געוואָרן.

מיינע באַקאַנטע קיִעווער יידן, איבערהויפּט דאָס יונגע פּאָרפּאָלק, וועלכע האָבן געוווינט אויף קאַרל ליבקנעכט גאַס נר. 8, האָבן מיך צוגערעדט, אַז כ'זאָל זיך באַמיִען אַנצוקומען צום חבר כרושטשאָוו און מיט אים אַדורכרעדן מיין לאַגע, אפשר וועט ער מיר קאָנען מיט עפּעס העלפן. דרך אַגב, כרושטשאָווס וווינונג איז געווען נאָענט, אויף דער זעלבער גאַס: קאַרל ליבקנעכט 10, אָבער אַמטירט האָט ער אין גרויסן פּאַרטיי־הויז אויף ענדע קרעשטשאַטיק. און ס'האָט מיר אויסגעזען, אַז בעסער זיך צו ווענדן צו אים אין פּאַרטיי־הויז.

צו מאָרגנס האָב איך זיך באַפרייט פון דער אַרבעט, געפאָרן קיין קיִעוו אין פּאַרטיי־הויז און באַלד אין קאָרידאָר האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטרענגער, עלטערער פריילין מיט ברילן, וואָס האָט מיך שאַרף אַ פרעג געטאָן: „צו וועמען דאַרפט איר בירגער?" „צום חבר כרושטשאָוו" —

האָב איך מעשה פאַן־בראַט געענטפערט. „אַזוי ?״ — האָט זי מיט אַן אײַ־ראָניש שמייכעלע געפרעגט — „און וואָס פאַר אַ ענין ?״ „דאָס קאָן איך אים נאָר אַליין זאָגן״ — האָב איך געענטפערט. „אויב, בירגער, איר זאָגט מיר נישט וועגן וואָס איר דאַרפט אים זען, וועט איר גאָר נישט דערגרייכן״. בלית ברירה האָב איך אין אַ צעבראָכענעם רוסיש געפרווט אויפקלערן דעם ענין. ביז איך האָב איר געזאָגט, אַז כ׳בין אַ ייִד. „קאָנט איר רעדן צו מיר ייִדיש״ — האָט זי געזאָגט. כ׳האָב זיך זייער דערפרייט און ערשט דאַן פאַר איר פונאַנדערגעוויקלט דעם טראַגישן מצב פון די פּוילישע ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט זייערע נאָענטסטע אין די היטלעריסטישע נעגל.

ס׳זעט אויס, אַז מײַנע רייד האָבן אויף איר שטאַרק געווירקט, ווײַל טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. זי האָט מיך געבעטן זיצן און וואַרטן. זי האָט אָנגעהויבן קלינגען אפשר אויף 4 טעלעפאָנען. דאָס גאַנ־צע הויז איז געגאַנגען כאַדאָראָם. נאָך אַ שעה וואַרטן האָט זי מיר מיט אויפריכטיקער פרייד געמאָלדן, אַז ניקיטאַ סערגעיעוויטש וועט מיך מאָרגן 9 אַזייגער פרי אויפנעמען.

מײַנע באַקאַנטע קיִעווער און פּוילישע ייִדן האָבן נישט געוואָלט גלייבן און האָבן מיך שוין מקנא געווען.

די נאַכט־שיכט האָב איך שנעל אָפּגעאַרבעט און ביז אין דער פרי האָב איך נישט צוגעטאָן קיין אויג. פּינקטלעך 9 אַזייגער האָב איך זיך באַוויזן אין דעם מיר שוין באַקאַנטן קאָרידאָר. צו מײַן גרויסער שרעק האָב איך דאָס ייִדישע מיידל נישט געטראָפן, נאָר אַן אַנדערע, אַן אוקראַיִ־נערין. כ׳האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער דער מיליציאָנער, וואָס איז געזעסן אַקעגן איבער, אויף אַ בענקל ביי אַ טישל, האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך צו מיר געוואָנדן און געפרעגט ווי כ׳הייס: פאַמיליען־נאָמען, נאָמען און אָטשעסטוואָ. נאָך דעם האָט ער מיר געהייסן אויסטאָן דעם מאַנטל און די קאַלאָשן. ער האָט מיך גוט באַזוכט און געהייסן אַרויפגיין אויפן פערטן שטאָק.

אין יעדן קאָרידאָר, אויף יעדן שטאָק האָבן מיך נ.ק.וו.ד. פונקציאָנאַרן באַזוכט און געהייסן גיין העכער. ביז כ׳בין צוגעקומען צום צימער, וווּ כרושטשאָוו האָט אַמטירט. כ׳האָב דיסקרעט אָנגעקלאַפּט און אויף זײַן אָפּרוף: „דאַ! דאַ!״ בין איך אַריין אינעווייניק.

ער האָט מיך אויפגענומען שטייענדיק אין מיטן צימער, נישט געבעטן זיצן און מיך געפרעגט אויף רוסיש וועגן וואָס כ׳דאַרף צו אים, כ׳האָב

אים דאָן געפרעגט צי כ'מעג רעדן פויליש, ווייל אין רוסיש קאָן איך מיך נישט גוט אויסדריקן. האָט ער מיר געענטפערט, אַז פויליש פאַרשטייט ער זייער גוט, נאָר רעדן צו מיר וועט ער רוסיש.

מיט טרערן אין די אויגן האָב איך געשילדערט די לאַגע פון מיין אומגליקלעכער פרוי און 2 קינדער און אים געבעטן צו אינטערוועניִרן, אַז ביים טוישן די באַפעלקערונג, זאָל מען טוישן מיין פרוי מיט די קינדער אויף עטלעכע דייטשן. כ'וועל אים דאַנקבאַר זיין מיין גאַנץ לעבן. ער האָט מיך רויִק אויסגעהערט. קיין איין מאָל נישט איבערגעריסן, נאָר צום סוף האָט ער מיך געפרעגט: „זאָגט מיר, כ'בעט אייך, צו וועלכער נאַציע געהערט אייער פרוי?" „יידישע" — האָב איך געענטפערט. „אויב אַזוי קאָן איך דיר גאָרנישט העלפן, ווייל דער אויסטויש־אָפּמאַך צווישן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און גערמאַניע נעמען אַרום 4 נאַציאָנאַליטעטן: דייטשן אויף רוסן, אוקראַיִנער, ווייסרוסן — יידן נישט." זעענדיק מיין פאַרצוויי־פלונג האָט ער אויסגערופן: „שרייב אָן אין דער געמישטער דייטש־סאָ־וויעטישער קאָמיסיע אין ראַוואַ־רוסקאַ, אפשר וועלן זיי איינגיין צו ברענ־גען דיר דאָס ווייב מיט די קינדער".

איך בין אַוועק אַ דערשלאָגענער און פאַרשטאַנען, אַז מיין לעצטע אויסזיכט צו ברענגען מיין פרוי און קינדער איז פאַרשוואונדן. פון דעסט־וועגן האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו קיין ראַוואַ־רוסקאַ און כ'האָב באַקו־מען אַן ענטפער, אַז די קאָמיסיע האָט זיך איבערגעטראָגן קיין לעמבערג, און איך זאָל זיך ווענדן אַהין. כ'האָב אַ צווייט מאָל געשריבן קיין לעמבערג און באַקומען אַן ענטפער, אַז: „אייער בריוו דערהאַלטן, אייער „דיעלע" (ענין) וועט באַטראַכט ווערן". ס'איז מיר נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי וואַרטן.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע צוריקוואַנדערונג פון ווער־בירטע אין די פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד. צוליבן קריג מיט פינ־לאַנד האָט זיך די שפייז־פאַרזאָרגונג זייער פאַרערגערט. די באַציִונג צו אונדז איז אויך געוואָרן גרויזאַמער. מ'האָט זיך בכלל אויפגעהערט צו באַ־ציִען צו אונדז ווי צו אַ נייעם עלעמענט, מען האָט נאָר געהאַט צו אונדז טענות פאַר וואָס מיר זענען נישט ווי געבוירענע באָלשעוויקעס.

איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין יינגערן ברודער און זיין פרוי, וועלכע האָבן זיך אויך וועררבירט אין קאָוועל. מען האָט זיי געשיקט אין וועלדער ביי מאָסקווע. ווינטער אין די גרעסטע פרעסט, אָן וואַרעמע מלבושים האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט לייגן ביימער. די צאָל קראַנקע

געפּרווירענע און אומגליקספֿאַלן איז געווען גרויס און זיי אַלע זענען זיך צעלאָפֿן.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין דאַנבאַס. דאָרט אין די קוילן־שאַכטן האָט מען געשיקט אַ ספּעציעלן עלעמענט פֿון קאָמוניסטן, אָדער טרייע סימפּאַטיקער. זיי האָבן זיך מיט ברען אַ וואָרף געטאָן, אין די שאַכטן, צו דער אַרבעט און האָבן באַוויזן וווּנדער. דאָס האָט אָבער נישט געשמעקט די אַרטיקע קוילנגרעבער און ביסלעכווייז האָבן פֿאַרשיידענע שיקאַנעס און סאַבאָטאַזש־אַקטן, ווי אויך דאָס נישט באַלוינען פֿאַר זייערע אַרבעטס־נאָרמעס, דערפֿירט דערצו, אַז נאָך עטלעכע וואָכן פֿון קאַטאָרזש־נער און מסוכּנדיקער אַרבעט, זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿון דער אַרבעט, שעלטנ־דיק דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד און זיינע מעטאָדן מיט טויטע קללות. זיי האָבן אַפֿילו אויף קיין עסן נישט פֿאַרדינט. אויסער דעם האָט מען זיך צו זיי באַצויגן ווי צו אַרעסטאַנטן. מ׳האָט אַפֿילו פֿאַרהאַלטן די בריוו, וואָס זע־נען צו זיי אָנגעקומען פֿון דער היים. מען האָט צו זיי געמוזט שרייבן אויף פּאָסט־רעסטאַנט.

נאָך ערגער האָבן דורכגעמאַכט די פֿאַרעקשנטע יונגע לייט, וועלכע זענען דווקא געבליבן און נישט פֿאַרלאָזט די אַרבעט. אויף זיי איז געפֿאַלן אַ גרויסער חשד, אַז נישט צוליב אידעאַליזם זענען זיי פֿאַרבליבן, נאָר מן־הסתּם צוליב אַנדערע געהיימע פּלענער און מ׳האָט אָנגעהויבן זיי נאָכ־שפּיאָנירן. מען האָט אונטערגעשיקט קאָמסאָמאָלקעס, וועלכע האָבן זיך כּלומרשט אין זיי פֿאַרליבט. און אין אינטימע פֿאַרהעלטענישן בעת עס פּלעגט זיך ווער אַרויסכאַפּן אַ מאָל מיט אַ וואָרט, ווי „ווען כ׳קאָן שוין זיין צוריק אין דער היים, זיך זען מיט מיינע נאָענטסטע", אָדער „ביי אונדז אין פּוילן האָט קיין עסן נישט געפֿעלט" און נאָך אַזעלכע אומשולדיקע רייד, האָט מען דערפֿאַר אין מיטן נאַכט אַרויסגענומען פֿון די בעטן, גע־משפּט עפֿנטלעך און די זעלבע קאָמסאָמאָלקעס האָבן קעגן זיי עדות געזאָגט.

איך האָב שפּעטער אין פֿאַרשיקונגס־לאַגער געטראָפֿן צוויי ייִדישע יונגע לייט פֿון קראָקע, וועלכע האָבן באַקומען אייגער 5 און דער צווייטער 8 יאָר „דערציִונגס אַרבעט". זיי ביידע זענען געווען קרבנות פֿון אַט די „פֿאַרליבטע" קאָמסאָמאָלקעס.

די ערשטע וואָס האָבן פֿאַרלאָזט די אַרבעטס־פּלעצער — די וווּרבירטע פֿון מערב־אוקראַיִנע און ווייס־רוסלאַנד, פּויערים און שטאָטישע אַר־בעטער, וואָס האָבן געהאַט אַ היים, וווּהין צו פֿאָרן, שפּעטער אויך די ייִדן פֿון די געביטן. דאָס האָט אויך מיטגעשלעפּט די אַנטלאָפֿענע פֿון יענער

זייט בוג, וואָס האָבן אָנגעהויבן אומלעגאַל צוריק אַריבערלויפן צום דייטש. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין שום וואָרענונגען, דער מלאך המוות האָט זיי געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט, צוריק אין זיינע נעגל. צו דעם האָבן פיל צו־געהאָלפן די עלטערן און פרויען, וואָס זענען פאַרבליבן אויף יענער זייט. אויף פאַרשיידענע וועגן, אויסמיידנדיק די צענזור, האָבן זיי אין בריוו גע־שילדערט די לאַגע אין גאַנץ ראָזע פאַרבן. אַזאַ בריוו האָט מיר געוויזן מיינער אַ מיטווינער, אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן פון פּיאַסק.

דער פאָטער האָט אים געשריבן: טייערער זון, ביי אונדז האָט זיך דאָס לעבן צוריק נאָרמאַליזירט, מ׳קויפט און מ׳פאַרקויפט אַ קערצל ווייץ און מ׳פאַרדינט אַ 20 זלאָטעס. דעריבער הייס איך דיר ווערן אַ סטאָליער און „מאַכן פיס״. דאָס האָט דעם זון ווי היפּנאָטיזירט און ער איז אַוועק צוריק צום דייטש.

דער קיִעווער גרויסער וואָקזאַל האָט געדינט ווי אַ זאַמלפּונקט פאַר אַלע אַנטלאָפענע פון די פאַרשיידענע געגנטן פון רוסלאַנד. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט צו פאַרזאָרגן מיט שפּייז און ווידער כאַפּן אַ צוג.

אין אַ געוויסן אָוונט, בעת כ׳האָב אויפן קיִעווער וואָקזאַל געזוכט באַקאַנטע, האָט איינער פון מיינע מיטווינער געבראַכט צו פירן אַ לוב־לינער, משה שלאָם, אַ שטובן־ און שילדן־מאָלער, וועלכער איז געווען באַקאַנט ווי אַ פאַרברענטער קאָמוניסט. דאָס האָט ער מיך אין לובלין אַזוי לאַנג אַגיטירט ביז כ׳האָב אין יאָר 1932 פאַרלאָזט מיין פּאַרטיי, די לינקע פּועלי־ציון, און אַריבער צו די קאָמוניסטן. ער האָט געהאַט פאַר־לאָזט דאָנבאַס, כדי צוריק צו שמוגלען זיך קיין לובלין, וווּ ער האָט איבער־געלאָזט אַ פרוי מיט 3 קינדער. ווען ער איז געוווּר געוואָרן אַז איך בין אין קיִעוו האָט ער געבעטן מיין מיטווינער, ער זאָל אים צונויפטרעפן מיט מיר. צופעליק בין איך אין יענעם אָוונט אַוועק צום קיִעווער וואָקזאַל און אַזוי האָבן מיר זיך אויסגעמיטן. אַרום 10 אַזייגער אין אָוונט, ווען ער האָט געזען, אַז כ׳בין נאָך נישטאָ צוריק, האָט ער זיך געקליבן צוריק־פאָרן קיין קיִעוו. אָבער די חברה האָבן אים געזאָגט, ער זאָל וואַרטן, און אויב ער וועט אָפילו פאַרשפּעטיקן דעם צוג, וועט ער קאָנען ביי אונדז איבערנעכטיקן. דאָ איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ האַרצלאָזער קאָמוניסט פון די טיפן מיט פאַרשטיינערטע הערצער און אים דערקלערט, אַז קיין שום „דעזערטיר״, וואָס אַנטלויפט פון ראַטן־פאַרבאַנד, מעג ער זיין שטאָק־פישס אַ שטאָטישער, וועט נישט וואַגן איבערנעכטיקן אין דער אָבשע־

זשיציע און ער גייט שוין רופן דעם רוסישן קאָמענדאַנט אים צו אַרעסטירן. בלית ברירה איז ער אַוועק צוריק צום קיִעווער וואָקזאַל.

ווען איך בין צוריק אַהיים געקומען האָבן מיר די חברה דערציילט וועגן דער אַכזריותדיקער האַנדלונג פון ליפען קעגן משה שלאָס, ווי ער האָט אים פאַרטריבן שפּעט ביי נאַכט אין אַזאַ פראָסט און אים אפילו נישט געלאָזט איבערנעכטיקן. כ׳בין געוועזן אויסער זיך פון צאָרן. כ׳בין צו צו ליפען, אים אונטערגערוקט מיין פויסט אונטער דער נאָז און געזאָגט: „ליפע, אַן אמתער קאָמוניסט האַנדלט נישט אַזוי. זיי וויסן, אַז דו האָסט נאָך גאָט ביי דער באָרד נישט אָנגענומען און דו וועסט מיר נאָך אונ־טערקומען״.

צו מאָרגנס נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק צום וואָקזאַל און צו מיין גרויסער פרייד האָב איך נאָך משה שלאָסן דאָרט געטראָפן. איך האָב גע־פּרוווט מיט אַלע מיטלען אים אָפּהאַלטן פון צוריקפאָרן, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. ער, דער געוועזענער באַגייסטערטער קאָמוניסטישער אַגיטאַטאָר, האָט אַמאָל ווי אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי אין 1920, אין עלטער פון 19 יאָר, געראַטעוועט איינער אַליין אַ גאַנצע אָפּטיילונג רויט־אַרמייער, וועלכע די פּוילישע באַפעלקערונג האָט געוואָלט לינטשן נאָך דעם ווי זיי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צום פּוילישן מיליטער, און ער מיט נאָך אַ שגץ זענען געווען זייערע וועכטער. אויפגעהעצטע פּויערים האָבן מיט פאַקלען אין די הענט דעמאָלט געוואָלט אונטערצינדן דעם שייער ווו ס׳זענען געלעגן פאַרמאַכט די געפאַנגענע רויט־אַרמייער. דער שגץ האָט זיך אָפּגערוקט און נישט רעאַגירט, נאָר ער, דער קאָמסאָמאָלעץ משה שלאָס האָט אויסגעשטעלט די ביקס מיטן באַגנעט און קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ווער ס׳וועט וואַגן זיך דערנענטערן צום שייער, וועט דער־שאָסן ווערן און די איבעריקע וועט ער הייסן אויפהענגען. זיי האָבן זיך דערשראָקן און זענען אָפּגעטראָטן. איצט האָט דער זעלבער משה שלאָס מיט ציין־קריצעניש גערעדט וועגן דעם דאָנבאַסער רעזשים, אַז מיט חיות איז מען זיך אין פּוילן באַגאַנגען בעסער.

זעענדיק, אַז כ׳קאָן אים נישט אָפּהאַלטן פון זיין פאַרצווייפלטן שריט, און דאָס נעכטיקע אַרויסיאָגן פון באַראַק האָט נאָך צוגעגאָסן בוימל צום פייער, האָב איך אים געגעבן 150 רובל, וואָס כ׳האָב פונקט געהאָט ביי זיך, מיט אַ בקשה, אַז אויב ער וועט בשלום אָנקומען קיין לובלין, זאָל ער דאָס געלט איבערשיקן קיין וולאָדאַווע צו מיין פרוי.

ער איז בשלום אָנגעקומען און דאָס געלט איבערגעשיקט צו מיין פרוי.

ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן כמעט ביז דער באַפרייונג אויף אַ בוידעם מיט זיין פרוי, קינדער, שוועסטער און שוויגער אין דאָרף ביכאַווע ביי לובלין. אָבער אוקראַינער האָבן זיי אַנטדעקט און נאָכן צונעמען ביי זיי „כופר נפש", אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, כדי זיי זאָלן זיי נישט אויסגעבן, האָבן זיי געמאָלדן דער פוילישער פאָליציי, וועלכע האָט זיי איבערגעגעבן די דייטשן און זיי זענען אַלע אומגעקומען.

די נקמה אין ליפען האָט לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַמערקט, אַז ליפע לויפט אַרום אַ פאַרשמייעטער פון איין נאַטשאַלניק צום אַנדערן און נאָך אים שלעפט זיך נאָך אַ דער־שלאָגענער שאָטן פון אַ מענטש, וואָס איז ענלעך צו ליפען. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז זיין ברודער. נאָך דער אַרבעט האָבן מיר חברה מיט פרייד דערציילט, אַז ליפעס ברודער האָט פאַרלאָזט דעם סאַווכאָז, וווּ ער האָט געאַרבעט אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען און איצט פּרוווט ער אים איינאָרדענען אין אונדזער רעמ.־באַזע, אָבער די נאַטשאַלניקעס האָבן נישט געוואָלט הערן. דערווייל איז צוגעפאַלן די פּראַסטיקע נאַכט און ליפע איז אַ צעבראָכענער אַריינגעקומען אין באַראַק און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן בעטל. קיינער האָט אים נישט געוואָגט פרעגן, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט זיין אומגליקלעכן ברודער. מ'האָט געזען, אַז דער מענטש ליידט זייער. שפּעטער איז עמעצער אַריינגעקומען און דער־ציילט, אַז אין דרויסן שטייט אַן אומבאַקאַנטער און ווערט געפרוירן. כ'בין שנעל אַרויס און דערזען ליפעס ברודער שטייט צוגעטוליעט צום באַראַק און ס'קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן. איך האָב אים, כמעט מיט כוח אַריינגעשלעפּט אין באַראַק, אים אַוועקגעזעצט ביים אויוון און דערלאַנגט אַ טעפּל טיי און אַ שטיקל ברויט מיט פּאָווידלע. איך האָב צו אים געזאָגט: „מיין נישט, אַז מיר זענען אַזעלכע האַרצלאָזע קאָמוניסטן ווי דיין ברודער. נישט פאַר אים טוען מיר עס, נאָר פאַר דיר".

ליפע איז אויפגעשפּרונגען פון בעט ווי אַן אָפּגעבריטער און האָט געשטאַמלט: „הייסט עס, אַז כ'מעג אים אַריינעמען צו זיך? הייסט עס, ער וועט קאָנען דאָ איבערשלאָפן די נאַכט?"

נאָך אייניקע טעג איז ליפען געלונגען איינאָרדענען דעם ברודער אין זיין בריגאַדע, פלאָטניקעס. דאָ ביי אונדז איז ער אַ ביסל געקומען צו זיך.

אין סאָווכאָז האָט ער באַקומען נישט מער ווי 500 גראַם ברויט טעגלעך און 3 מאָל אין טאָג צו אַ טעלער זופּ. דאָס האָבן אויך באַקומען פאַמיליעס מיט קינדער. דערצו האָט מען נאָך ביי זיי געמאָנט פאַר די אַרבעטס־קליי־דער, ווייל זיי האָבן קיין מאָל נישט דערגרייכט די נאָרמעס.

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג. שוועדן האָט זיך אַריינגעמישט אין קאָנפליקט מיט פינלאַנד און דערפירט די קעמפנדיקע צדדים צו שלום־פאַרהאַנדלונגען. פינלאַנד האָט מוותר געווען אויף אַ געוויסן געביט פון איר טעריטאָריע אָבער איר זעלבשטענדיקייט האָט זי נישט פאַרלוירן.

פון פראָנט האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען מאָביליזירטע און בסוד סו־דות דערציילט וועגן די שווידערלעכע שלאַכטן, וואָס זיי האָבן געמוזט פירן מיט די פינער. די פינער האָבן זיך באַנוצט מיט אַ שלל פון מינעס. זיי האָבן צווישן באַהאַלטענע מינעס צעוואָרפן פאַרשיידענע ווערט־זאַכן, ווי: זייגערס, צירונג און געלט ווי אַ פאַסטקע פאַר די רוסישע סאָלדאַטן. רויט־אַרמייער פלעגן זיך וואַרפן אויף די מציאות און זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. די סאָוויעטישע קאָמענדאַנטור איז געווען געצוווּנגען צו פאַרעפנטלעכן אַ טאָג־באַפעל, וואָס פאַרווערט זיך צורירן צו ווערט־זאַכן. די פינער האָבן אַפילו איבערגעלאָזט וויינענדיקע קינדער אין די פאַרמינע־ווטע וויגעלעך. די רויט־אַרמייער זענען צעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער, צורירנדיק זיך צו די וויגעלעך.

איינער אַ פאַרוווּנדעטער האָט מיר דערציילט ממש אַן אומגלייבלעכע געשיכטע: עס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַן אַמבולאַנס מיט 18 שווער פאַרוווּנדעטע רויט־אַרמייער קיין לענינגראַד און צווישן זיי אַ לייכט פאַר־וווּנדעטער פינער. אָנקומענדיק אין שפּיטאָל האָט מען געפונען 16 פון די רויט־אַרמייער טויט, צעשטאָכענע מיט אַ פינישן טאַשן־מעסער. 2 פאַר־וווּנדעטע רויט־אַרמייער האָבן אים סוף כּל סוף באַזיגט און געהרגעט. דער שאָפער מיטן סאַניטאַר, וואָס זענען געפאָרן אין דער קאַבינע האָבן גאָרנישט געהערט וואָס הינטער זיי איז געשען.

נאָכן שלום־אָפּמאַך מיט פינלאַנד האָט זיך אַלץ נאָרמאַליזירט. ס׳זענען דערשינען צוריק שפּייז־מיטלען בשפע. מיר האָבן ווידער געהאָפט צו גע־פינען אַ וועג ווי זיך צו פאַראייניקן מיט די משפחות.

פלוצלינג האָט אונדז געטראָפן ווי אַ דונער די גזרה, אַז אַלע זאַ־פאַדניקעס, וואָס אַרבעטן אין און אַרום קיִעוו מוזן גלייך פאַרלאָזן די

הויפשטאָט און זיך זוכן נייע אַרבעטס־ און וווין־פּלעצער אין ראַטן־פֿאַר־באַנד, ווייל קיִעוו איז אַ „רעזשימנע גאָראָד" (תחום המושב).

דאָ האָב איך אָנגענומען אַ ווילדן באַשלוס: נישט פֿאָרן קיין טיף רוס־לאַנד ביז כ׳וועל נישט לעגאַל, אָדער אומלעגאַל אַריבערנעמען מיין פֿרוי און קינדער צו זיך. איך האָב זיך צערעכנט אין דער רעמ.־באַזע און גע־נומען אַ פֿראָפּוסק צוריק צו פֿאָרן קיין קאָוועל. כ׳האָב אָפּן דערקלערט, אַז איך פֿאָר זוכן מיין פֿרוי און קינדער.

מיין ברודער פֿון קראַסני כוטאָר מיט דער פֿרוי און דער צווייטער ברודער פֿון הינטער מאָסקווע און פֿרוי, זענען געפֿאָרן קיין פּאָלטאַווע און זיך דאָרט איינגעאָרדנט, ביז זיי האָבן זיך ווידער געדאַרפֿט עוואַקויִרן נאָכן אויסברוך פֿון קריג מיט היטלערן. מיין שוועסטער מיטן מאַן, וועלכע זענען געווען אין אַ קאָלכאָז ערגעץ אין קובאַן, האָבן אויך פֿאַרלאָזט דאָס אָרט און צוריקגעפֿאָרן קיין לוצק. אזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט די האַלב־יאָריקע פּרשה פֿון ווערבירטע ייִדן צו אַרבעט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

צוריק אין קאָוועלער טורמע

אין קאָוועל האָב איך געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש. הונדערטער צוריקגעקומענע פון ראַטן־פאַרבאַנד, איינצלנע און פאַמיליעס, וועלכע האָבן נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. צו האַנדלען, אָדער ווי ס׳האָט דאַן געהייסן: שפּעקולירן, האָט מען זיך מער נישט געקאָנט נעמען. אָפטע רעוויזיעס, אַרעסטן און קאָנפיסקאַציע פון „סחורות", וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ ביסל גאַלאַנטעריע, אַ פלעשל בראָנפן, אַ פּעקעלע טיי, אַ שטיקל זייף, אָדער אַ ביסל צוקער, האָבן צונישט געמאַכט די לויִנבאַרקייט. אויסזיכטן אויף אַרבעט איז אויך נישט געווען און אַפילו דאָס אויפהאַלטן זיך אין שטאָט פאַר די וועלכע האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין סאָוויעטישע פּעסער, איז געוואָרן אוממעגלעך.

די ראַטנמאַכט, זעענדיק, אַז זי קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פּליטים, וועלכע קוקן מער צום אָקופּירטן טייל פון פּוילן דורך די דייטשן, ווי צו פאַרבלייבן אין רוסלאַנד, האָט געשטעלט אַלע פּליטים פאַר דער ברירה: אָדער נעמען סאָוויעטישע פּעסער, ווערן סטאַבילע סאָוויעטישע בירגער און בלייבן וווינען אין די „באַפרייטע" געביטן פון מערב־אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, אָדער זיך רעגיסטרירן כדי צוריק פאָרן צום דייטש.

עס האָט מיך איבערראַשט די ריזיקע צאָל, כמעט 90 פּראָצענט, וואָס האָט זיך פאַרשריבן צוריק צו פאָרן צום דייטש, צווישן זיי אויך קאָמוניסטן מיט אַ לאַנגיאָריקן סטאַזש פון טורמעס, וואָס האָבן געמעגט זיין זיכער, אַז דאָרט דראָט זיי ווידער טורמע, אָדער קאָנצענטראַציע לאַגער. וועגן טויט־געפאַר האָט קיינער נישט געטראַכט.

אַדאַנק מיין פינף־יאָריקן פּאַס, וואָס כ׳האָב באַקומען אין קיִעוו צוזאַמען מיטן פּראָפּוסק, האָב איך אָן מורא זיך געקאָנט באַוועגן אויף די באַנען, וואָקזאַלן און גאַסן פון שטאָט. איך האָב אויך געקאָנט באַקומען אַ נאַכטלעגער. איך האָב, דעריבער, וואָס שנעלער געוואָלט אויספירן מיין משוגע־ווילדן פּלאַן פון אומלעגאַל אַריבערנעמען מיין פרוי מיט די קינדער פון וולאַדאַווע אין טיף רוסלאַנד און דאָרט זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט.

איך בין דעריבער געפאָרן פון קאָוועל קיין בריסק און פון בריסק

קיין טאָמאַשעווקע, אַ שטעטעלע אויף דער סאָוויעטישער זייט פון בוג, קעגנאיבער װלאָדאַװע, וואָס אויף יענער זייט בוג, ביי די דייטשן. נאָר 3 קמ. בין איך געווען ווייט פון מיין פרוי און קינדער.

איך בין אַהין געקומען צו מיין ברודערס שווער און שוויגער און זיי געזאָגט, אַז כ׳בין גרייט צו באַצאָלן וויפל מען וויל, כדי אַ שמוגלער זאָל מיט אַ שיפל אַריבערפירן ביי נאַכט מיין פרוי איבערן בוג.

פונקט דעם טאָג איז אין שטעטעלע געווען דער לעצטער יאַריד. די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך האָט אָנגעהויבן באַזייטיקן פון דער גרענעץ־זאָנע נישט נאָר בעזשענצעס, נאָר אויך די דאָרט־געבוירענע. די פויערים האָבן דעריבער געברענגט פאַרקויפן אַלץ, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך. די מענטשן אין שטעטל האָבן דאָקעגן מורא געהאַט צו קויפן צוליב זייער אומזיכערער לאַגע. מען האָט, דעריבער, געקוקט מיט חשד אויף יעדן פרעמדן, וואָס איז געקומען קיין טאָמאַשעווקע.

ווי כ׳בין נאָר אָנגעקומען מיט מיין שוועגערין צום באַזאַר זוכן אַ פויער, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען די ריזיקע, און באַלד איז צו מיר צוגעגאַנגען ריטן אויף אַ פערד דער נאַטשאַלניק פון דער גרענעץ־וואַך און האָט מיך געפרעגט, וואָס איך טו אין טאָמאַשעווקע. איך האָב אים גאַנץ דרייסט געענטפערט, אַז כ׳האָב אין קיִעוו געהערט, אַז מיין פרוי און קינדער דאַרפן זיך געפינען דאָ ערגעץ ביים בוג, בין איך געקומען זיי זוכן. ער האָט מיך גלייך אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין גרענעץ־פּאָסטן. כ׳האָב אים געוויזן מיינע דאָקומענטן: דעם 5־יערלעכן סאָוויעטישן פּאַספּאָרט און דעם פּראָפּוסק פון דער קיִעווער נ.ק.וו.ד. צו זוכן מיין פרוי. דאָס האָט מיך געראַטעוועט. ער האָט מיר צוריקגעגעבן די דאָקומענטן און באַפוילן: אַזוי ווי דו ביסט געקומען היינט מיטן פרימאָרגן־צוג, אַזוי זאָלסטו אומבאַדינגט ביי נאַכט צוריקפאָרן.

אַ צעטומלטער בין איך אַרויס פון דער „זאַסטאַווע״. אויף אַזאַ קבלת־פּנים, מיט מיינע גוטע דאָקומענטן און מיט מיין קאָמוניסטישן ייִחוס, האָב איך זיך נישט גערעכנט. מיין ברודערס שוועגערין מיטן מאַן און נאָך אַ בינטל ייִדן האָבן מיך שוין באַוויינט, אַז מען וועט מיך שוין פאַרשיקן קיין סיביר. זייער פרייד און שטוינונג איז געווען גרויס, דערזעענדיק מיך אויף דער פריי, ווייל לעצטנס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז עמעצער זאָל פון דער „זאַסטאַווע״ אַרויס אַ פרייער.

אין שטוב האָב איך זיי געבעטן, זיי זאָלן נישט פאַרלירן קיין צייט און מיך פאַרבינדן מיט אַ שמוגלער, ווייל ביז אָוונט מוז איך אָוועקפאָרן. זיי

האָבן געבראַכט אַ ווייס־רוסישן פויער, וואָס וווינט גאָר נאָענט פון בוג. ער האָט זיך אונטערגענומען פאַר 1.800 רובל, עטלעכע פּאָר שקאָרפּעט־קעס, אַ האַלבע פלאַש בראַנפן און נאָך קלייניקייטן, אויספירן דעם פּלאַן. ער האָט אָבער געפאָדערט, אַז איך זאָל מיט אים מיטפאָרן, ווייל מיין פרוי וועט אים נישט גלייבן און צוריקוועגס וועט זיין שווער מיט די קינדער אין שיפל. די קינדער קאָנען וויינען און נאָר איך, דער טאַטע, וועל זיי קאָנען באַרויִקן. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז די ברעגן זענען איצט שטאַרק באַוואַכט. די שוויגער וועט ער נישט נעמען און מעגלעך, אַז אַן איר וועט מיין פרוי נישט וועלן מיטפאָרן.

דער פּלאַן איז געווען, אַז איך זאָל אויף אים וואַרטן ביז נאָכן יאַריד, וועט ער מיך מיט זיין וואָגן צופירן צו זיך אַהיים. ביי נאַכט וועט ער אַראָפּלאָזן פון אַ באַהעלטעניש דאָס שיפל אויפן וואַסער, אַריבערשווימען דעם בוג קיין וולאָדאַווע און דאָרט איבערנעכטיקן. צו מאָרגנס אַ גאַנצן טאָג וועלן מיר זיך צוגרייטן און אין אָוונט צוזאַמען מיט דער פרוי און קינדער שטילערהייט צוריקשווימען, איבערנעכטיקן ביי אים און אין דער פרי אַריינפאָרן אין טאָמאַשעווקע, דעם טאָג איבערזיצן ביי די קרובים און אין אָוונט מיטן צוג צוריק פאָרן קיין בריסק און פון דאָרט — וווהין איך וויל נאָר. דאָס געלט בלייבט ביי מיינע קרובים און נאָר נאָך דעם ווי כ׳וועל שוין זיצן אין צוג, וועל איך זיי געבן אַ צייכן, אַז זיי מעגן אים געבן דאָס געלט. דאַכט זיך אַ גאַנץ גוטער פּלאַן!

אין איילעניש האָב איך אַפילו נישט באַמערקט די פּולאַפּקע, וואָס ער גרייט צו פאַר מיר. מיר זענען געפאָרן מיטן וואָגן אויף אַ דאָרפישן וועג. עס האָט מיך געוווּנדערט וואָס אַ גרענעץ־שמוגלער איז אַזוי באַ־פריינדעט מיט די גרענעץ־וועכטער, וואָס ער באַגעגנט אין וועג. ער נעמט פאַר זיי אַראָפּ דאָס היטל און זיי ענטפערן אים פריינדלעך.

נאָענט פון דאָרף האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ וואַלד, זעט אויס זייער נאָענט פון טייך, ווייל כ׳האָב געהערט דאָס פּליעסקען פון די כוואַ־ליעס. ער האָט מיר געהייסן זיך פאַרשטעקן אין די קוסטעס און וואַרטן אויף אים ביז ס׳וועט ווערן פינצטער. ווי ער האָט געזאָגט, גייט ער אַלץ צו־גרייטן און וועט מיך רופן, ווען ער וועט פאַרטיק ווערן.

איך בין אַזוי אָפּגעלעגן אין פינצטערן וואַלד אַרום 2 שעה און כ׳האָב שוין מיט אַ קלאָרן געדאַנק אָנגעהויבן חרטה האָבן אויף דער גאַנצער אַוואַנטורע. ס׳האָבן זיך דערהערט טריט פון עטלעכע מענטשן. אין דער פינצטער האָב איך דערקענט מיין גוי מיט נאָך איינעם, אַ נידעריקן פון

אים. ער האָט מיר געהייסן שטיל מיטגיין מיט זיי. אויף מיין שטילער פראַגע, ווער איז דער צווייטער, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס שיפּל איז גרויס און מיר מוזן אין דרײַען עס צוטראָגן און אַראָפּלאָזן אין וואַסער, אין צווייען וועלן מיר נישט קאָנען. מיר זענען אַרויס פון פינצטערן וואַלד און ס'האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרץ.

אַ פולע לבנה האָט באַשיינט די געגנט ווי ביי טאָג. ווי אַזוי, האָב איך געטראַכט, מעג מען אין אַזאַ ליכטיקער נאַכט ריזיקירן? פּלוצלינג האָבן זיי מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט און אַ געשריי געטאָן: „באַהאַלט זיך!" מיר דריי זענען צוגעפאַלן צו אַ בערגל און זיך געפּרווט פאַרשטעקן אין דער ערד. פון בערגל האָב איך דערהערט טריט. אַ מענטש מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בערגל און אַ געשריי געטאָן אין רוסיש: „אויפשטיין! די הענט אין דער הייך!" ווען כ'האָב זיך אויפגעשטעלט האָב איך פאַר זיך דערזען אַ סאָוועטישן לייטענאַנט, און אויף זיין היטל אַ גרינער לאַמפּאַס פון דער גרענעץ-וואַך. כ'האָב אַוועקגעוואָרפן די טעקע וואָס כ'האָב געהאַלטן און אויפגעהויבן ביידע הענט. אַזוי האָבן אויך געטאָן מיינע 2 באַגלייטער. „ווּהין גייסטו?" — האָט ער מיך געפרעגט. „אין דאָרף אַריין איבערנעכטיקן ביי מיינע פריינד". (אַזוי האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט כ'זאָל ענטפערן, אויב עמעצער וועט מיך פרעגן). „און פון וואַנען קומסטו?". „פון קיִעוו" — האָב איך געענטפערט. „אַזוי, פון קיִעוו?" האָט ער מיט איראָניע געזאָגט און אויפגעהויבן מיין טעקע. ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן: „געוועהר האָסטו?". „ניין", — האָב איך געענטפערט. „נו, דאָס וועלן מיר זען". ער האָט גענומען רעווידירן די טעקע. דערביי האָט ער אויסגעשאָסן אין דער לופט און דריי רויט-אַרמייער זענען אַרויסגעשפּרונגען פון אַ באַהעלטעניש און מיך אַרומגערינגלט מיט אויסגעשטרעקטע באַגנעטן.

ער האָט געפונען אין דער טעקע אַ קליין מאַניקור-שערעלע און עס אַריינגעלייגט אין קעשענע. דאַקעגן האָט ער צוריקגעלייגט אין דער טעקע אַ גוטע סאָוועטישע בריטווע, וואָס כ'האָב געקויפט אין קיִעוו, ווי אויך אַלע אַנדערע זאַכן: שקאַרפּעטן, וועש, זייף, 2 פּעקלעך טיי און נאָך קלייניקייטן. דאַן האָט ער מיך גוט רעווידירט, געהייסן האַלטן די הענט פון הינטן און שפּאַנען. ער האָט דערביי מיך געוואָרנט: „גיין גלייך, זיך נישט אומקוקן, קיין שפּאַן רעכטס און קיין שפּאַן לינקס. ביים פּרווון אַנטלויפן וועלן מיר באַנוצן געוועהר". אַ רויט-אַרמייער אין אַ 5 מעטערדיקן אָפּשטאַנד איז געגאַנגען פאָרויס און נאָך מיר מיינע 2 פויערים, וואָס האָבן

נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר געהאַלטן די הענט אין דער הייך, שווייגנ־דיק. זיי האָבן אין מיר דערוועקט אַ באַדויער, וואָס צוליב מיר זענען זיי „נעבעך" אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן.

פאַרבייגייענדיק דעם שאָסיי, איידער כ'בין אַריין אין וואַלד, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די 2 לייט שפּאַנען נישט מער הינטער מיר. טראָץ דעם פאַרבאָט האָב איך זיך אומגעקערט און דערזען, אַז זיי גייען זיך אָפּ מיטן פעלד־וועג גלייך צום דאָרף. נאָר איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אינסצעניזירט און אַז כ'בין פון דער ערשטער מינוט אָן פאַרקויפט געוואָרן אַלס דייטשער שפּיאָן צו דער נ.ק.וו.ד. פּאַגראַן־אָכראַנע פאַר גוט געלט. די פּרעמיע איז געווען פון 3 ביז 15 טויזנט רובל פאַר איבערגעבן אַ שפּיאָן, וועלכער קומט פון יענער זייט בוג, אָדער וויל אַריבער אויף יענער זייט.

איך גלייב, אַז פאַר מיר האָבן זיי זיכער באַקומען די העכסטע פּרעמיע, ווייל כ'בין געקומען פון קיִעוו און האָב מיט אַ 2 וואָכן צוריק גענומען אַ 5־יערלעכן פּאַס.

שפּעטער, שוין זיצנדיק אין טורמע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער גוי האָט געהאַט אַ זון אַ גרענעץ־שמוגלער און די סאָוויעטן האָבן אים פאַרשיקט קיין סיביר, האָט ער מיטן דינען זיי געהאָפט צו באַפרייען זיין זון...

מיר האָבן אַזוי מאַרשירט ביי 2 קמ. ביז מיר זענען אָנגעקומען אין „זאַסטאַווע", ווו ס'האָט מיך אויפגענומען אַ הויכער אָפיציר מיט שרעק־לעכע זידלערייען און קללות. ער האָט מיר אַ צי געטאָן דאָס היטל איבער די אויגן. איך האָב אים אויף דעם געזאָגט, אַז אויב ער וועט אַזוי זיך אויפפירן מיט מיר, וועל איך קיין איין וואָרט נישט ענטפערן. ס'פּאַסט נישט פאַר אַ קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי אַזוי צו זידלען, בפרט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַן אָרנטלעכן און קולטורעלן בירגער. „צי אַן אָרנטלעכער, וועלן מיר זען", — האָט ער אַן אָנגעכמורעטער רעאַגירט. „גוט, כ'וועל מער נישט זידלען, נאָר דו וועסט מיר דאַרפן זאָגן דעם גאַנצן אמת". „דאָס זאָג איך אייך צו", — האָב איך געענטפערט. אַלזאָ די ערשטע פראַגע:

— מיט וועלכע אָפיצירן פון געסטאַפּאָ ביסטו געשטאַנען אין קאָנ־טאַקט?

אַן אויפגעקאָכטער בין איך אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— אויב דו וועסט מיר נאָך אַ מאָל שטעלן אַזאַ פראַגע הענג איך זיך אויף!

— זעסט, אַז דו האָלטסט נישט קיין וואָרט — האָט ער אַ בייזער אויסגערופן.

— איצט גיי שלאָפן און מאָרגן פרי וועלן מיר זען. און דעם זעלנער האָט ער באַפוילן: „נעם אים אַראָפּ דעם רימען, די שיך־בענדלעך און פיר אים אַריין אין אַרעסט. לאָז ברענען די ליכט און האַלט אָפן די טיר. ער איז אַ געפערלעכער שפּיאָן" און ווידער צו מיר: — „וועסט געוויס הענגען, נאָר נישט ביי מיר. פריִער וועסטו אַלץ אויסזאָגן".

די נאַכט האָב איך זיך געדרייט אויפן האַרטן, אייזערנעם בעטל און געטראַכט, אַז דאָס איז מיין לעצטע נאַכט. אויף אַזאַ פינצטערן סוף האָב איך זיך נישט געריכט. דער וועכטער, וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט גע־שטאַנען אויף די פיס אין דער אָפענער טיר, איז ביי מיין יעדן קער און ווענד אויפגעשפּרונגען און זיך געכאַפּט צום שלאָס פון זיין ביקס. אַפילו גיין טאָן מיין געברויך האָט ער נישט געלאָזט ביז אין דער פרי.

אין דער פרי האָט מען מיר דערלאַנגט אַ שיסעלע זיסע טיי און אַ האַלבן קילאָ ברויט. אָבער איך האָב זיך דערצו נישט צוגערירט. דער צווייטער וועכטער האָט מיר געראָטן צו עסן, „וועסט האָבן אַ שווערן טאָג" — האָט ער מיט אַ ווונק געזאָגט.

נאָכן פרישטיק האָט מען מיך ווידער גענומען צו אַן אויספאָרשונג. איך בין געווען אָנגענעם איבערראַשט פון קאָרעקטן טאָן און נישט־פּראָ־וואָקאַטיווע פראַגן וואָס מען האָט מיר געשטעלט. די סיבה איז מיר קלאָר געוואָרן ווען איך האָב געזען ביי אים אין האַנט דעם אויף מאַשין גע־דרוקטן ענטפער וואָס כ׳האָב באַקומען פון דער געמישטער סאָוויעטיש־דייטשער קאָמיסיע אין ראַוואַ־רוסקאַ אין לעמבערג, אַז מיין דיעלע וועט באַטראַכט ווערן. מיין תירוץ, אַז כ׳האָב געוואָלט אַריבערנעמען מיין פרוי און קינדער האָט אָנגעהויבן ביי זיי אויסזען ווי אַן אמת.

כ׳האָב זיי אויך דערציילט וועגן מיין רומפולער פאַרגאַנגענהייט. אַז כ׳בין אַ קאָמוניסט און געזעסן אין פוילן אין טורמע ביזן קריג; אַז כ׳האָב כמעט נישט באַוויזן זיך רעכט אָנצופרייען מיט פרוי און קינדער נאָך מיין באַפרייונג און ווידער געמוזט זיי פאַרלאָזן. און איצט וואָלט איך געוועזן דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט ווען כ׳קאָן זיי צו מיר אַראָפּ־ברענגען.

— פאַר וואָס האָסטו נישט געוואַרט ביז מען וועט דיר דאָס אָפיציעל

דערליידיקן? קוק זיך צו, ווי סאָוויעטישע קאָמיסיעס אַרבעטן; האָסט געשריבן — האָט מען דיר געענטפערט און געהייסן וואַרטן.

— איך האָב אַ גאַנצן ווינטער געוואַרט און זיך נישט געקאָנט דער־וואַרטן — האָב איך געענטפערט — כ'האָב מורא, אַז זיי וועלן דאָרט אויסגיין פון הונגער אָן מיר. כ'האָב דעריבער אויפגעהערט גלייבן, אַז עס וועט זיך דערליידיקן.

— וואָס פאַר אַ קאָמוניסט ביסטו, אַז דו האָסט אויפגעהערט גלייבן דער ראַטנמאַכט. וואָסער קאָמוניסט ביסטו? צוליב אַ פרוי גייסטו אַ גרע־נעץ אַריבער, וואָס מיינסטו? ביי אונדז אַ גרענעץ איז עפּעס אַ דורכגאַנגס־טויער? וועסט מיר נישט דערציילן, אַז אין קיִעוו האָבן דיר געפעלט פרויען.

— פרויען נישט — זאָג איך — אָבער קינדער. דו ביסט דאָך, מן־הסתם, אויך אַ פאָטער פון קינדער. פון אייגענע קינדער קאָנסטו זיך אָפּ־זאָגן?

— איך הייב דיר שוין באַלד אָן צו גלייבן — האָט ער געזאָגט — איצט זאָג מיר: ביי וועמען האָסטו איבערגעלאָזט דאָס געלט פאַרן שמוגלער און וואָס איז דער סימן, אַז מען זאָל דאָס אים געבן?

דאָ האָב איך געמוזט שווער זיך קעגנשטעלן, ער זאָל פון מיר אַזעל־כע זאַכן נישט פאָדערן, ווייל דערמיט וועל איך פאַרשיטן מיין נאָענטע משפּחה און געבן דעם פּראָוואָקאַטאָר אַ מעגלעכקייט צו פאַרפירן נאָך קרבנות. עס האָט מיר אָבער נישט געהאָלפן. נאָך עטלעכע שעה פאַרשן, האָט ער מיט גוטע ריידעלעך ביי מיר אַרויסבאַקומען דעם נאָמען פון מיין ברודערס שוועגערין, ווו כ'האָב געלאָזן דאָס געלט מיט די זאַכן פאַרן שמוגלער, און אַפילו אויך דעם סימן: אַ קליין שטיקל פּאַפּיר מיט מיין נאָמען אויפגעשריבן אין אַלע זייטן און איבערגעשניטן אין דער פאָרעם פון אַ דרייַעק. אַ העלפט פון פּאַפּיר האָב איך געלאָזט אין טאָמאַשוווקע און אַ העלפט האָט דער גוי געדאַרפט באַקומען, ווען כ'וואָלט שוין געזעסן אין בריסקער צוג מיט דער פרוי און קינדער.

מיין חשד האָט זיך אַרויסגעוויזן באַרעכטיקט. דער גוי באַקומענדיק פון דער גרענעץ־וואַך דעם סימן איז אַוועק צו מיינע קרובים קיין טאָמאַ־שוווקע און געזאָגט, אַז ס'איז אים געלונגען גלייך אונדז ברענגען צו דער באַן־סטאַציע און, אַז נאָך נעכטן ביי נאַכט זענען מיר שוין אָפּגעפאָרן קיין בריסק. ער האָט באַקומען דאָס געלט מיט די זאַכן און דער צוטרוי צו אים איז געוואַקסן. אין זעלבן טאָג האָט ער געפאַקט 4 וואָלאָדאַוווער יונגעלייט, וועלכע ער האָט נאָכן נעמען ביי זיי געלט, איבערגעגעבן אין די הענט

פון דער גרענעץ־וואַך. איינער פון זיי איז געשטאָרבן אין די „דערציִונגס־לאַגערן״ (צוויי ווינען אין חיפה און איינער אין תּל־אביב). מען האָט זיי נאָך איינִיקע טעג געברענגט אין לובאָמילער אַרעסט, ווו איך בין געזעסן אײדער מען האָט מיך איבערגעפירט אין קאָוועלער טורמע.

„אָרדענונג מוז זיין״... — מיין פּאַס האָט אַרויסגעגעבן קיִעוו און „געכאַפּט״ האָט מען מיך אין מערב ווייס־רוסלאַנד — האָט מען מיך צו פוס אין באַגלייטונג פון 3 זעלנער און אַ נאַטשאַלניק קאָנוואָיאַ, צוזאַמען 4 זעלנער, אין משך פון 3 טעג געפירט קיין לובאָמיל, וואָס האָט שוין גע־הערט צו מערב־אוקראַינע. מען האָט מיך געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג פאַר־שפּאַרט אין אַ קליין קעמערל אונטער שטיגן אָן עסן און אָן אַ טרונק וואַסער. איך האָב דאָרט געקאָנט נאָר זיצן און ווען נישט די רוימערקע, וועלכע האָט אַלע מאָל געהייסן דעם סטרעלאָק עפענען דאָס קעמערל, זי זאָל קאָנען אַרויסנעמען און צוריק אַריינשטעלן די בעזעמער, באַרשטן און עמער, וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן, אָן לופט צו אָטעמען.

אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוידערלעכע און ראַפינירטע אויס־פאָרשונג. קודם כּל האָט דער אויספאָרשער געפרעגט מיין נאָמען, פאַמיליע און אָטשעסטוואָ, און איבערגעחזרט די פראַגע, אַלע מאָל שנעלער, אַזוי אַז כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן פאַרענדיקן איין ענטפער, האָב איך שוין גע־דאַרפט ענטפערן אויף אַ צווייטער פראַגע. אַזוי צענדליקער מאָל, ביז כ׳האָב אים איבערצייגט, אַז דאָס איז מיין ריכטיקער נאָמען. דאַן האָב איך אים געמוזט דערציילן מיט אַלע פּרטים מיין לעבנס־געשיכטע און אָנרופן אַפילו נעמען פון די מייסטערס אין לובלין, ווו כ׳האָב געלערנט און גע־אַרבעט אין סטאָליאַריי. ער האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן און אַרום 12 ביי נאַכט איז געקומען די האַרבסטע פראַגע: פאַר וואָס איך האָב 2 נעמען, אברהם־שלמה? — נאָר שפּיאָנען טראָגן טאָפּלטע נעמען און דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז כ׳בין אַ שפּיאָן. אומזיסט האָב איך אים געפּרוּווט אויפקלערן, אַז ביי אונדז ייִדן איז געוועזן אַ מינהג צו געבן די קינדער 2 נעמען. ער האָט עס נישט אָנגענומען און מיר געוויזן אַ סך אָקטן פון באַ־שולדיקטע ייִדן, וואָס רופן זיך נאָר מיט איין נאָמען. ער האָט אויך אָפּ־געוואָרפן מיין אַרגומענט, אַז צווישן ייִדן זוכט ער אומזיסט דייטשע שפּיאָ־נען, ווייל יעדער ייִד ווייסט, וואָס עס דראָט אים ביי די דייטשן. אויף דעם האָט ער מיר ווידער געוויזן איינִיקע אָקטן פון ייִדן, באַשולדיקטע, וואָס האָבן זיך „מודה״ געווען אין קאָנטאַקטן מיט דער געסטאַפּאָ. דער

בעסטער באַוויַיז, האָט ער געזאָגט, איז דאָס מאַסנהאַפטע פאַרשרייבן זיך פון יידן צוריק צום דייטש. כ׳בין געבליבן פאַרשטומט, ווייל דער לעצטער אַרגומענט איז טאַקע געווען קעגן אונדז.

ענדלעך, אַרום 2 ביי נאַכט איז אַרייַנגעקומען אַן אַנדער אויספאַרשער, וועלכער האָט מיך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ ציגאַרעט, און געפרעגט צי כ׳בין מיד און שלעפעריק, איך האָב אים געענטפערט, אַז כ׳ווייס בכלל נישט צוליב וואָס מען פאַרשט מיך אַזוי לאַנג. איך האָב דאָך דערציילט דעם גאַנצן אמת און אַלץ איז דאָך קלאָר ווי די זון.

— נאָר איין זאַך דאַרפסטו מיר אויפקלערן, וועסטו קאָנען אונטער־שרייבן און גיין שלאָפן. פאַר וואָס הייסטו 2 נעמען ?

זעענדיק, אַז זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אידיאָטישן פאַקט און לאָזן נישט אָפּ, האָב איך אים דערציילט אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה:

אַז איך בין אַ בכור ביי מייַנע עלטערן, און נאָך מיין געבורט איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן מיין פאָטער און מוטער. זי האָט גע־וואָלט כ׳זאָל הייסן נאָך איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער און ער — נאָך זיי־נעם. ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי אַ גט, האָבן זיך שכנים אַרייַנגעמישט און געפּסקנט, אַז כ׳זאָל הייסן אברהם נאָך דער מוטערס פאָטער און שלמה נאָכן טאַטנס פאָטער. אָט פאַר וואָס כ׳הייס 2 נעמען, האָב איך געזאָגט מיט טריומף, באַדויערנדיק, וואָס דאָס איז מיר פריִער נישט איינגעפאַלן. דער ליגן איז יאָ אָנגענומען געוואָרן. אַלץ איז פאַרשריבן געוואָרן אין פּראָטאָ־קאָל און איך האָב אונטערגעשריבן.

עס האָט שוין געטאָגט ווען מען האָט מיך אָפּגעפירט אין לובאָמילער אַרעסט. איך האָב דאָרט געטראָפן עטלעכע פּוילישע געוועזענע פּאָליציאַנטן און אַ פּשאַדאָוניק, אַ כאָראָנזשי פון דער פּוילישער קאַוואַלעריע און אַ ראַט־מייסטער. ווי אויך, הימל עפן זיך, אַ דייטש, אַן אייגנטימער פון אַ מיל אונטער קאָוועל. ער האָט זיך געלאָזט „אויסטוישן" קיין דייטשלאַנד און ווי אַ באַפּטיסט האָט ער זיך נישט געלאָזט מאָביליזירן אין דער אַרמיי. ער איז אַנטלאָפן פון אינטערנירונגס־לאַגער אין אויבער־שלעזיע און אומלעגאַל צוריקגעקומען אַהיים.

ער האָט דערציילט, אַז דייטשלאַנד איז איין גרויסער קריגס־לאַגער. מענער, פרויען און קינדער ווערן פיבערהאַפט מאָביליזירט און געשולט צו פאַרשיידענע אויפגאַבן. דאָס עסן איז אויף קאַרטן און ער האָט מורא, אַז דער קריג הייבט זיך ערשט אָן. ער האָט נישט פאַרפעלט 2 מאָל אין טאָג — אין דער פרי און אויף דער נאַכט, צו קניִען און פרום דאַווענען, נישט רע־

כענענדיק זיך מיט דער איראָניע און קריטיק פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן.

די באַדינגונגען אין אַרעסט זענען געווען שוידערלעכע. נישט געוואַשענע, נישט ראַזירטע, פאַרלייזיקטע און באַוואָקסענע, האָבן מיר אויסגעזען ווי אוממענטשן. מיר זענען געשלאָפן אויף דער ערד, אין וועלכער ס'זענען געווען גרויסע מייז־לעכער און שטשורעס ווי די קעץ פלעגן אויף אונדז שפרינגען און דורכפרעסן די הויזן מיטן ברויט, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין די קעשענעס.

אַז כ'האָב דערציילט מיינע שכנים־אַרעסטאַנטן וועגן די באַדינגונגען אין די פוילישע טורמעס : די זויבערקייט, דאָס עסן, די ביכער, די צייטונגען, שאַך, דאַמקע און דאָמינאָ, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן אַלע מיך מקנא געווען.

דער פשאַדאָוניק, וועלכן מ'האָט געבראַכט קיין לובאַמיל פון קאָוועלער טורמע אויף אַן אויספאָרשונג, האָט מיר דערציילט, אַז דאָרט איז נאָך ערגער. די ענגשאַפט איז אַזוי גרויס, אַז ביים שלאָפן מוזן אַלע ליגן נאָר אויף איין זייט און קאָנען זיך איבערדרייען אויף דער אַנדערער זייט נאָר אַלע צוזאַמען. ווער עס גייט צו דער פּאַראַשע (אַן עמער צו פיזישע־באַדערפעענישן), מוז טרעטן אויף די שלאָפנדיקע. דאָרט הערשט דער טעראָר פון אַ באַנדיט זשוק, פאַר וועלכן ס'האָבן אַפילו מורא די תפיסה־וועכטער.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט מען זיי גענומען און איבערגעפירט אין קאָוועלער טורמע. איך בין געבליבן אַליין. אין אָוונט האָט מען געבראַנגט די 4 ווּלאָדאָווער יונגע לייט וועלכע כ'האָב שוין דערמאָנט. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז דער גוי האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט מיך איבערגעפירט קיין ווּלאָדאָווע, געבראַנגט צוריק דעם סימן, גענומען דאָס געלט און איצט איז ער גרייט אויך זיי אַריבערפירן „אַהיים". זיי האָבן אים געגלייבט ווי איך. ער האָט זיי אויך, אַלס געפערלעכע שפּיאָנען, איבערגעגעבן אין די הענט פון דער גרענעץ־וואַך. זיי האָבן מיך געשאָלטן מיט טויטע קללות, פאַר וואָס כ'האָב איבערגעגעבן דעם סימן און צוליב מיר זיצן זיי איצט אין תפיסה. היינט, אַז מיר טרעפן זיך, דאַנקען זיי מיר, ווי אויך דעם גוי, וואָס אַדאַנק דעם זענען זיי ביים לעבן געבליבן.

נאָך עטלעכע צוגאָב־אויספאָרשונגען האָט מען אונדז אַלע איבערגעפירט אין קאָוועלער טורמע און צום אומגליק אונדז געפירט אין קאַמער, וווּ דער באַנדיט זשוק איז געזעסן. ער האָט געהערשט ביד חזקה און טעראָריזירט אַלע אָן אויסנאַם. אויך די תפיסה־וועכטער האָבן פאַר אים מורא געהאַט. ביז היינט ווייס איך נישט אין וועלכן זכות מען האָט אים אַזוי גוט

באהאנדלט. ער האָט זיך אַפילו נישט געוואָלט אָוועקזעצן אין דער פּרי צום אַפּעל, און געלעגן אויפן געלעגער, איבערגעדעקט מיט אַ קאָץ איבערן קאָפּ. ער איז נישט געגאַנגען אין קלאָזעט גלייך מיט אַלע גאַנץ פרי, נאָר ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. צו יעדער צייט האָט מען אים אַרויס־געלאָזט. אַלע אַנדערע האָבן געקאָנט צעשפּאַרט ווערן, האָט מען זיי אין מיטן טאָג נישט אַרויסגעלאָזט. ער האָט געשלאָגן יעדן וואָס האָט געפּרוווט אים זאָגן אַ וואָרט, אָדער אים נישט דערלאַנגען דאָס פּעקל עסן, וואָס מ'האָט באַקומען פון דרויסן. קיין שום אַנקלאַגעס קעגן אים האָבן נישט געהאָלפן. ווען מ'האָט אים געדאַרפט פירן צו אַן אויספאָרשונג, אָדער אין געריכט, איז דער טורמע־נאַטשאַלניק אַליין געקומען אין קאַמער און האָט זיך ביי אים ממש געבעטן, ער זאָל זיך גוט אויפפירן און נישט אַנטלויפן, ווייל ער וויל נישט ער זאָל דערשאָסן ווערן. ס'זעט אויס, אַז ס'איז אים בייגעשטאַנען זיין יִחוס נאָך פון די פּוילישע טורמעס. אַלע האָבן געוווּסט, אַז בעת זיינעם אַ משפּט אין קאָוועלער קרייז־געריכט, האָט ער געזאָגט דעם ריכטער: „כ'שווער דיר, הויכער ריכטער, ביי דעם קרוציפיקס" און דאָס זאָגנדיק האָט ער געכאַפּט דעם שווערן בראָנדזענעם צלם פון ריכטער־טיש, שנעל ווי אַ פייל איז ער צו צום פענצטער, צעהאַקט מיטן צלם די שויבן און אַנטלאָפן, שפּרינגענדיק דורכן פענצטער פון צווייטן שטאָק. מ'האָט אים שפּעטער געכאַפּט און פאַרמשפּט אויף אייביקער תּפיסה. מיטן אויסברוך פון קריג איז ער גלייך מיט אַלע אַרעסטאַנטן אַנטלאָפן. ער האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלווער, אויפגעזוכט די 3 ריכטער, וועלכע האָבן אים פאַרמשפּט, און זיי אייגנצינקווייז דערשאָסן אין זייערע וווינונגען, אין קעגנוואַרט פון זייערע פאַמיליעס.

אין טורמע איז ער איצט געזעסן פאַר אַנדערע קליינע פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען שוין ביי די סאָוויעטן. פאַרשאָטן האָט אים זיין יִדִי־שע געליבטע, אַ גאַסן־פרוי, וועלכע מען האָט אַרעסטירט צוזאַמען מיט אים. אין משפּט האָט ער באַקומען נאָר 2 יאָר אויסבעסערונג־לאַגער און נישט איינער פון אונדז האָט אים מקנא געווען מיטן קליינעם אורטייל.

מיט מיר האָט ער זיך דווקא באַפריינדעט צוליב מיינע מעשׂיות, וואָס כ'האָב אים דערציילט, פון די ווערק פון וויקטאָר הוגאָ, זשול־ווערן און פון פילמען, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט זען, ווייל ער איז מער געזעסן, ווי געווען אויף דער פריי.

אויסער אים זענען דאָרט געווען צווישן די אַרעסטאַנטן פיל באַפרייטע געפאַנגענע זעלנער פון די דייטשע לאַגערן, פון דער צעקלאַפּטער פּוילישער

אַרמיי — ייִדן, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער און ווייס־רוסן, וועלכע זענען נאָכן באַפרייען אַריבער דעם בוג צו זיך אַהיים און גלייך אַרעסטירט געוואָרן אַלס שפּיאָנען, „שפּעקולאַנטן". כמעט אַלע צוריקגעקומענע פון די ווערבי־רונגס־אַרבעטן אין רוסלאַנד, ווי אויך גנבים און כוליגאַנעס זענען געזעסן צוזאַמען: צווישן זיי אויך קראַנקע, מיט אָפענע טובערקולאָז, וועלכע האָבן געשפּיגן מיט בלוט, סיפיליטיקער, ציגנאַ־קראַנקע, און קרעציקע — אַלע צוזאַמען. אין אַ קאַמער, וווּ ס'זענען ביי דער פּוילישער מאַכט געזעסן 4—6 מאַן, זענען ביי די סאָוויעטן געזעסן ביז 35 און 40. ס'זענען געווען טעג, ווען ס'איז נישט געווען קיין אָרט, וווּ זיך זעצן און אַלע האָבן געמוזט שטיין צונויפגעפּרעסטע.

אויף אונדזערע אָנקלאַגעס האָט דער אינספּעקטאָר געענטפערט: „ביי אונדז בויט מען נישט קיין טורמעס, דאָס איז אַן איבערבלייבעכץ פונעם פּריצישן פּוילן".

דעם סיפיליטיקער און דעם טובערקולאָזן האָבן זיי פון דעסטוועגן דער־נאָך אַרויסגענומען פון קאַמער אין טורמע־שפּיטאָל אַריין.

מ'האָט אויך אָנגעהויבן ברענגען אין טורמע פּויערים, וואָס האָבן נישט באַצאָלט קיין שטייערן, אַ זאַך, וואָס אינעם פאַשיסטישן פּוילן איז קיין מאָל נישט געשען. דערשלאָגענע און פאַרשטיינערטע זענען זיי געזעסן און געוויינט: „ווי אַזוי זאָלן מיר צאָלן שטייערן, אַז קיין געלט נעמען זיי נישט, נאָר פּראָדוקטן. פאַר יעדער בהמה דאַרף מען צאָלן 2 קילאָ פלייש. ס'קומט אויס אַז מען דאַרף שעכטן די בהמות, אָדער אויסשניידן פון זיי לעבעדי־קערהייט די 2 קילאָ פלייש און אָוועקטראָגן אין שטייער־אַמט"".

עס זענען געזעסן דראָזשקאַזשעס, וואָס האָבן נישט אויסגעקויפט קיין פּאַטענטן, פאַר וועלכע מען האָט געדאַרפט צאָלן 1.500 רובל אַ יאָר — מער וויפל דאָס פערד מיט דער דראָזשקע זענען ווערט געווען. אַפילו די, וועל־כע האָבן די דראָזשקעס שוין געהאַט פאַרקויפט האָט מען אויך נישט גע־שוינט.

בכלל האָבן זיי באַלד אָנגעווענדט אַן אייזערנע האַנט פאַר יעדער קלייניקייט. זיי האָבן פשוט פאַרלאַנגט פון אַלע מענטשן, צו זיין אַבסאָ־לוטע באַלשעוויקעס, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך אין דער מוטערס בויך גע־ווען אַזעלכע.

די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט אויף דעם רעאַגירט, בעת היטלערס אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. כמעט די גאַנצע שטאָטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג איז געווען קעגן די סאָוויעטן, זיי האָבן געשאָסן אויף די

אַפּטרעטנדיקע רויט־אַרמייער פון באַהעלטענישן און אַפילו אַרויס אין אָפּע־נעם קאַמף. דאָס האָט געשטערט דער סאָוויעטישער אַרמיי שטעלן אַ ווירקזאַמען ווידערשטאַנד די נאַצישע האָרדעס אויף די „באַפרייטע" טערי־טאָריעס.

שפּעטער האָט מען אויך אָנגעהייבן „אַריינשטופּן" צו אונדז אין קאַ־מער פאַרזינדיקטע רויט־אַרמייער און אַפילו אָפיצירן. אַזעלכעס איז נישט געשען אין קיין שום אַנדער לאַנד אין דער וועלט. דער כּבֿוד פון זעלנער און אָפיצירן איז אָפּגעהיט געוואָרן אַפילו אין טורמעס און זיי זענען גע־זעסן באַזונדער. אָבער ביי דער ראַטנמאַכט האָט אַ פאַרזינדיקטער געקאָנט זיין דער פאַרדינסטפולער און גרעסטער נאַטשאַלניק, אָדער אָפיציר, דאָך האָט מען אים אָן רחמנות באַהאַנדלט גלייך מיט די ערגסטע פאַרברעכער.

איך האָב באַזונדערס באַדויערט אַ יונגן אַרטילעריע־לייטענאַנט, וועל־כער האָט זיך באַטייליקט אין „באַפרייען" מערבֿ־אוקראַינע און ווייס־רוס־לאַנד. ער האָט זיך אַליין באַרימט מיט אַ שוואַכקייט צו צעשיסן שפּיצן פון קלויסטערס מיט דער ווייט־שיסנדיקער אַרטילעריע ביי יעדן דאָרף און שטעטל צו וועלכן ער האָט זיך נאָר דערנענטערט. אַריינגעפאַלן איז ער נעבעך פאַר „גאַרנישט": אין לובאָמיל, וווּ זיין פּולק האָט סטאַנציאָנירט האָט ער אַלס לייטענאַנט געהאַט רעכט צו וווינען פּריוואַט. ער האָט געדונ־גען אַ צימער ביי אַ ליטווישער ייִדישער משפּחה און האָט זיך פאַרליבט אין זייער שיינער טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט זיך געקליבן חתונה האָבן. דערווייל האָט זי פון אים פאַרשוואַנגערט. זיין קיִעווער יונגע פרוי האָט זיך פון דעם דערוווּסט, שנעל געקומען קיין לובאָמיל און געלאָזט אַרעס־טירן איר מאַן פאַר ביגאַמיע. מיט אים האָט אַפילו דער תּפיסה באַנדיט זשוק נישט געוואָגט אָנהייבן.

מ'האָט געבערענגט 2 הויכע נאַטשאַלניקעס, קיִעווער ייִדן, וועלכע האָבן זיך צוגעאייגנט פון די טראָפּעען פון די פאַרכאַפּטע פּוילישע צוגן מיט עוואַקויִרטע הויכע און רייכע פּוילישע באַאַמטע, וואָס האָבן נישט באַ־וויזן צו אַנטלויפן קיין רומעניע. זיי האָבן אָוועקגעשיקט צו זייערע פרויען אין קיִעוו פוטערנע און קאַראַקולענע מאַנטלען, וועש און אַנדערע זאַכן. זיי האָבן קיינעם מער נישט געלאָזט דערפון געניסן, האָט מען זיי פאַרשיט און אַרעסטירט.

איינער, אַבראַשע, איז געווען נאַטשאַלניק פון די אייזנבאַנען פון קאַ־וועל ביז קיִעוו. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער דערציילט, אַז פאַרן 17טן סעפּטעמבער 1939 האָט אים צו זיך גערופן קאַגאַנאָוויטש אַליין און אים

פערזענלעך איבערגעגעבן די לעצטע אינסטרוקציעס פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין פוילן.

ווי אַ הייסער קאָמוניסט וואָס האָט געקענט דעם „קראַטקי קורס״ (די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד), האָט ער זיך אויך געהאַלטן אומגעבעטענערהייט פאַרן פּאָליטישן קאָמיסאַר פון דער קאַמער און האָט אַלעמען געהאַלטן אין שרעק פאַר מסירה. איך האָב זיך מיט אים איין מאָל אין אַן אָוונט שטאַרק צעשלאָגן. ווען דער וועכטער האָט געעפנט די קאַמער און געפרעגט, ווער איז שולדיק אינעם געשלעג? האָט ער געענטפערט, ווייזנדיק אויף זיך: „איך בין שולדיק, כ'האָב גע־שלאָגן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, ווייל ער אַגיטירט קעגן דער ראַטנ־מאַכט״. מ'האָט מיך גלייך אַרויסגענומען פון קאַמער, געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט אויף די שפּיץ פינגער אויף עטלעכע שעה. ערשט שפּעטער, ביי נאַכט בין איך צוריק געקומען אין קאַמער.

מען האָט מיר דערציילט, אַז דער תפיסה־נאַטשאַלניק אַליין האָט גע־פירט די אויספאָרשונג. ער האָט אַרויסגערופן אַ פרומען ייִד מיט אַ באָרד, אַ קצב, און אים געפרעגט, וואָס פאַר אַן אַגיטאַציע איך האָב דאָ געפירט. דער קצב האָט געזאָגט: „ער לאָזט נישט רעדן אויף די סאָוויעטן קיין שלעכט וואָרט. זיי האָבן זיך געשלאָגן צוליב אַן אָרט ביים טיש״. עטלע־כע אַרעסטאַנטן האָבן באַשטעטיקט, אַז איך בין טראָץ מיין אַרעסט אַ הייִ־סער חסיד פונעם קאָמוניזם און דאָס געשלעג איז אויסגעבראָכן צוליב אַן אָרט ביים טיש, אָדער צוליבן עסן. טראָץ דער שרעקלעכער מסירה איז מיר גאָר נישט געשען. פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך פאַר אים מער גע־שראָקן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך און די 4 וואָלאָדאַווער יונגע לייט גענומען אויף אַן אויספאָרשונג קיין שאַצק, אַ דאָרף ביי דער גרענעץ. דער סאָוויעטישער פאָרשער האָט דאָרט געוווינט מיט זיין פרוי און קינד און געלעבט ווי גאָט אין אָדעס. זיינע אָמט־שעהען זענען געווען, ווי גע־וויינטלעך, ביי נאַכט. בעת דער אויספאָרשונג האָב איך פאַר אים אויסגע־גאָסן מיין ביטער האַרץ: „מ'נעמט אַזאַ געטרייען קאָמוניסט ווי איך און מ'פּייניקט אין טורמע שוין עטלעכע מאָנאַטן, און דאָס ערגסטע פון אַלץ, מען האַלט מיך פאַר אַ שפּיאָן. אויב דאָס איז די באַלוינונג פאַר מיין זיצן אין פוילן מיט אַן אורטייל פון 4 יאָר, וועלן קיין קאָמוניסטן אויף דער וועלט מער נישט זיין״.

— זאָג זשע מיר, כ'בעט דיך, אויב דו ביסט אַ קאָמוניסט, פאַר וואָס האָסטו געוואָלט צוריק גיין קיין דייטשלאַנד ?

(אַזוי האָבן זיי מיך באַשולדיקט, נישט קיין פּוילן, נאָר קיין דייטש־לאַנד).

— וואָס האָסטו דאָרט איבערגעלאָזט : אַ הויז, אַ גוט, אַ מאַגאַזין, אַ באַנק, אָדער אפשר אַ קינאָ ?

— נאָך בעסערס פון דעם — האָב איך אים געענטפערט.

— וואָס ?

—אַ ווייב מיט 2 קינדער. איך האָב נישט געוואָלט צוריק, נאָר כ'בין געגאַנגען זיי ברענגען אַהער אין סאָוויעטסקי סאָיוז.

ער איז געבליבן צעטומלט פון מיין ענטפער און האָט מיך פּלוצלינג געפרעגט :

— וואָס איז דער פּראָגראַם פון קאָמוניזם ?

— מיט געווער אין האַנט אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם און איינפירן אַ ראַטנמאַכט — האָב איך געענטפערט — קאַמף קעגן רעליגיע.

— גענוג ! — האָט ער אויסגערופן — כ'זע, אַז דו ביסט אַ גראַמאַט־נער. נו, שרייב זיך אונטער.

נאָך 2 נעכט פאַרשן האָט מען אונדז מיט נאָך אַ שגץ, וואָס איז גע־ווען אַרעסטירט ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר אין דער צייט פון פּוילן, אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַציע קיין לובאַמיל.

עס איז געווען אַ הערלעכער זומער נאָך מיטאָג. מיר זענען פּשוט געווען פאַרשיכּורט פון דער שיינער געגנט און גוטער לופט. פּלוצלינג איז דער שגץ אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, אַריין אין וואַלד און פאַרשוווּנדן. ס'איז געשען אַזוי פּלוצלינג, אַז ווען נישט זיין ליידיקער פּלאַץ אין וואָגן און דאָס זעקל עסן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, וואָלט זיך קיינער נישט געכאַפּט, אַז עמעצער איז אַנטלאָפן. די מיליציאַנערן, איבעראַשטע, האָבן זיך געלאָזט לויפן אין וואַלד אַריין. שיסנדיק איבער דעם אַנדערנס קאָפּ. זיי האָבן ווי פאַרגעסן אַז אויף די 2 וועגענער האָבן זיי נאָך 5 אַרעסטאַנטן, וועלכע זיי לאָזן איבער אָן שום וואַך אויפן שאָסיי, מיט אויס־געריטע, געזונטע פערד.

די שיסעריי האָט זיך דערווייטערט אין וואַלד ביז זי האָט אין גאַנצן אויפגעהערט. פון דער שיסעריי האָבן זיך די צעשראָקענע פערד צעברי־קעוועט און מיט גרויס מי האָבן מיר זיי מיטן גאַנצן כּוח איינגעהאַלטן.

נאָך אַ האַלבער שעה וואַרטן, האָבן זיך פון וואַלד אַרויס אַנגעהויבן

באַווייזן די מיליציאַנערן, פירנדיק דעם אַנטלאָפענעם מיט אָפּגעטרעטענעם קנעפּלעך פון די הויזן, וועלכע ער האָט אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט. ביידע מיליציאַנערן, די קוטשערס, זענען געגאַנגען פון ביידע זייטן פון דעם אַנטלאָפענעם און מיט דער גראָבער זייט פון דער בייטש אים געקלאַפּט איבער די קנעכלעך פון די באָרוועסע פיס. די אַנדערע 2 מיליציאַנערן האָבן אים געמוזט אַלע מאָל אויפהייבן, אַזוי איז ער געווען צעשלאָגן. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו גיין. צוקומענדיק צו די פורן, זענען זיי געבליבן שטיין פאַרגאַפטע: זיי האָבן זייערע אייגענע אויגן נישט געגליבט: אויף די 2 פורן זענען רויִק געזעסן 5 יידישע אַרעסטאַנטן, באַשולדיקטע אין אַ שווערן פאַרברעכן, ווי שפּיאָנאַזש, וואָס האָט דאָן געדראָט אַפילו מיט טויט־שטראָף און געוואַרט ביז זייערע שומרים וועלן צוריקקומען און צוריק אָפּפירן אין דער שוידערלעכער קאָוועלער טורמע...

— בראַוואָ, מאַלאַדצי — האָט אויסגערופן דער מיליץ־לייטענאַנט — דאָ זעט מען אַז מ'האָט צו טאָן מיט אָרנטלעכע מענטשן. זאָגט מיר דעם אמת: אייך איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צו אַנטלויפן?

— צו וואָס אַנטלויפן — האָב איך אים געזאָגט, — אַז כ'ווייס, איך בין אומשולדיק און מ'וועט מיך באַלד באַפרייען.

— איך וועל דערפאַר אַנשרייבן וועגן אייך די בעסטע מיינונג. אַלס נאַטשאַלניק קאָנוואָיאַ דאַרף איך באַריכטן ווי אַזוי די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויפגעפירט אויפן עטאַפּ. איצט גייט אַראָפּ פון וואָגן, און מיר וועלן אָוועקלייגן דעם הינטישן זון, וואָס האָט מיך, אַ פאַמיליען־מענטש און אַ פאָטער פון קינדער, מיט זיין אַנטלויפן, שיִער נישט געבראַכט אין טורמע.

ער האָט אַראָפּגענומען די בינטלעך שטרוי, דעם אַנטלאָפענעם אָוועקגעלייגט אונטן אויפן וואָגן. מיך האָט ער געהייסן זיך זעצן אויבן אויף זיין קאָפּ און אויף זיין קערפּער. און אַזוי זענען מיר געפאָרן צו דער סטאַציע.

— אַ שאָד, וואָס ביי אונדז אין סאָוועטסקי סאָיוז טאָר מען אַזעלכע מערזאַוועצעס נישט שמידן אין קייטן — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט.

איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו זיצן אויף זיין קאָפּ, טראָץ די דראָונגען פון די מיליציאַנערן, אַז זיי וועלן מיך אויך אַוועקלייגן אויפן וואָגן. דאַקעגן האָט איינער פון אונדז, אליהו, וועלכער וווינט היינט אין תּל־אָביב, זיך יאָ אָוועקגעזעצט אויף זיין קאָפּ און די איבעריקע אויף זיין קערפּער.

אין באַן האָט דער נאַטשאַלניק געעפנט דאָס זעקל עסן פונעם שגץ

און אַנגעהייבן טײלן די גוטע זאַכן, וואָס זענען דאָרט געווען: היימיש פּויעריש שוואַרץ ברויט, געזאַלצענע קעז, ווורשט און פּרוכטן. מיר און דעם שגץ האָט ער גאָר נישט געגעבן. אויף אים האָט ער געזאָגט, אַז הלוואַי וואָלט ער אים געקאָנט שיסן, וואָלט ער דאָס גערן געטאָן. און אויך מיר אַזוי, ווייל כ׳האָב נישט אויסגעפירט זיין באַפעל און זיך נישט געזעצט אויף דעם אַנטלויפערס קאָפּ.

אין קאָוועלער טורמע האָט מען אונדז אַריינגעפירט שפּעט ביי נאַכט אין אַ קליין צימערל. ווי ס׳האָט זיך נאָר פאַרמאַכט די טיר, האָב איך דער־הערט אַ דערשטיקט געשריי. כ׳האָב דערזען, ווי דער שגץ דריקט צו אליהון מיט דער קני צום פּאָל און מיט ביידע הענט ווערגט ער אים ביים האַלדז. מיט גרויס מי איז אונדז קוים געלונגען אים אָפּרייסן פון ליגנדיקן אליהו, וועלכער איז שוין געווען האַלב טויט. אַ פאַרסאַפּעטער האָט דער שגץ געדראָט: איך וועל אים אַזוי צי אַנדערש דערהרגענען, אַפילו מען וועט מיך איינזעצן אין אַן אַנדער קאַמער, וועל איך זיך באַהאַלטן אין אַפּטריט און אים דערווערגן".

אין דער פרי האָט מען אונדז ווידער אַלע צוזאַמען אַריינגעפירט אין אַ צעלע און ווידער דאָס זעלבע: דער שגץ האָט געפונען עטלעכע גויִים, וועלכע האָבן אים צוגעזאָגט, אַז בשעת ער וועט שטיקן אליהון, וועלן זיי אונדז צוהאַלטן און פאַרשטאָפּן די מיילער, ביז ער וועט זיין טויט. דער אומגליקלעכער אליהו איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ געכאַפּטע חיה אין שטייג, וואָס האָט נישט וווהין צו אַנטלויפן. ער האָט זיך כסדר אין מיר געקלאַ־מערט און געבעטן, איך זאָל אים ראַטעווען, ווייל נאָר מיך שאַצט נאָך דער שגץ.

ווירקלעך, דער גוי האָט זיך מיט מיר געטיילט מיטן עסן און מיר געקוקט אין די אויגן, ווי אַ געטרייער הונט. אָבער ער זאָל צו רו לאָזן אליהון, האָט ער מיר בשום אופן נישט געוואָלט צוליב טאָן.

נאָך עטלעכע קאָשמאַרנע נעכט, אין וועלכע דער שגץ האָט ווידער געפּרוּווט צוקריכן צום ווינקל, ווו אליהו איז געשלאָפן, האָט מען אונדז מיט צרות צוריק אַריינגעפירט אין אונדזער פריִערדיקער קאַמער. און מיר זענען פּטור געוואָרן פון שגץ.

אין האַרבסט האָט מען אויפן קאָוועלער טורמע־הויף געבערענגט הונ־דערטער יִדן, פאַרשריבענע צום דייטש, וואָס האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין סאָוויעטישע פּעסער. מען האָט זיי אָוועקגעשיקט אין פאַרשיידענע

ערטער, אין טיף רוסלאַנד ווי אוראַל, סיביר, קאַמאַ ס.ס.ר. ביזן היינטיקן טאָג איז נישט באַוווּסט צוליב וואָס איז געווען דאָס פאַרשרייבן. צי האָבן די סאָוויעטן באמת געוואָלט שיקן די ייִדן צום דייטש, און אַפילו מיט אים וועגן דעם אונטערהאַנדלט, צי דאָס איז געווען נאָר אַ פּולאַפּקע, כּדי צו וויסן מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן; און אפשר גאָר די שרעקלעכע ידיעות פון יענער זייט בוג, ווי דאָס צעשיסן די ייִדישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס זיי האָבן אַריבערגעשיקט צום דייטש. ווי גרויזאַם ס׳איז געווען דאָס פאַר־טרייבן די מענטשן פון די פאַרנומענע געביטן קיין טיף רוסלאַנד און ווי שרעקלעך ס׳איז געווען זייער לאַגע דאָרט, בלייבט דאָך אַ פאַקט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט מיט דער אַקציע באַוווּסטזיניק, אָדער נישט, געראַ־טעוועט הונדערטער טויזנטער ייִדן פון אַ זיכערן טויט.

נאָך די אַרויסשיקונגען איז געוואָרן שיטערער אויך אין קאָוועלער טורמע. עס זענען פאַרגעקומען פּראָצעסן פון די אַזוי גערופענע פאַרברע־כער, וועלכע האָבן באַקומען פאַרהעלטנישמעסיק גאַנץ קליינע אורטיילן, פון אַ האַלב יאָר ביז 3 יאָר. אַנדערע גרענעץ־גייער „קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערן", שפּיאָנען א.אַ.וו. האָבן באַקומען פון 3 ביז 8 יאָר.

די משפטים זענען נישט געווען מיט ריכטער, אַדוואָקאַטן און עדות. די פאַרמשפּטע האָבן קיין געריכט פאַר די אויגן נישט געזען. פאַרן אַרויס־שיקן האָט מען זיי גערופן אין קאַנצעלאַריע און געמאָלדן, אַז אַ טראָיקע ריכטער פון רעוו. טריבונאַל האָט זיי פאַרמשפּט צו אַזוי פיל יאָרן „דער־ציִונגס־לאַגער". נאָכן אונטערשרייבן זיך האָט מען זיי אַרויסגעגעבן די זאַכן, אויפגעלאָדן אויף אַ לאַסט־אויטאָ, אָפּגעפירט צו אַ באַן סטאַציע, פאַרלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען לויט דעם אַלף־בית און אָפּגעשיקט אין כאַרקאָווער פערעסילנע טורמע, און פון דאָרט אין אַרבעטס־לאַגערן, ווו זיי האָבן מיט שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין פּאַליאַר־געביטן באַדאַרפט אָפּקומען די שווערע זינד, וואָס זיי זענען ס׳רוב נישט באַגאַנגען.

אויפן וועג צו די דערציִונגס־לאַגערן
פון דער נ.ק.וו.ד.

פאַר מיין אַרויסשיקן פון קאָוועלער טורמע האָט מען צו אונדז אין קאַמער געברענגט 3 גרענעץ־וועכטער, עכטע רוסישע מענטשן פון מאָסק־ווע, וועלכע האָבן זיך געקליבן אַריבערגיין צום דייטש. ס׳וואָלט זיי גע־לונגען, ווען איינעם פון זיי וואָלט נישט איינגעפאַלן מיטצונעמען מיט זיך אַ גרויסע סומע רוסישע רובלס, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, כּדי צו קאָנען לעבן אַ גוטן טאָג. זיינער אַ חבר, וועלכער האָט געאַרבעט אין גאָס־באַנק אין לובאָמיל האָט אים פאַרזיכערט, אַז פאַרן מיטנעמען אים, איז ער גרייט אויף אַ געפעלשטן טשעק אים אויסצאָלן עטלעכע צענדליק טויזנט רובלס (וועלכע וואָלטן במילא דאָרט נישט געהאַט קיין שום ווערט) און צוזאַמען, נאָך די זעלבע נאַכט, איידער ס׳וועט אַנטדעקט ווערן, אַנט־לויפן. דער גרענעץ־וועכטער האָט אָבער אויסגעשריבן אויפן פאַלשן טשעק אַזאַ סומע, וואָס טאָר נישט אויסגעצאָלט ווערן אָן אונטערשריפט פון די־רעקטאָר. די באַאַמטין איז אַריין מיטן טשעק צום דירעקטאָר און דער האָט גלייך אַנטדעקט דעם שווינדל. צוערשט האָט מען אים אַרעסטירט פאַר פאַרשוועגדן מלוכהש געלט. אָבער בעת דער אויספאָרשונג האָט ער זיך מודה געווען אין אַלעמען און אויך פאַרראַטן ביידע אַנדערע וועכטער. נאָר דעם חבר, דעם קאַסירער פון באַנק, האָט ער נישט פאַרראַטן, ווייל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט ער באַדאַרפט לאָזן איינעם אויף דער פריי, וואָס זאָל פאַר אים זאָרגן, מעלדן די עלטערן, שיקן פעקלעך, נע־מען אַן אַדוואָקאַט א.א.וו.

מיט אים האָב איך נישט געהאַט קיין מיטלייד, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט. נאָר די אַנדערע צוויי, 21־יאָריקע שקצים, זענען גע־ווען ווי שטילע טויבן און האָבן נישט געקאָנט פאַרענטפערן, וואָס האָט זיי באַוויגן צו טאָן אַזאַ זאַך. זיי האָבן זייער געזאָרגט פאַר די עלטערן און נאָענטע משפחה, וועלכע זענען שוין מסתּם געווען אַרעסטירט. זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער פון אונדז און זייער ביטער האַרץ האָבן זיי אויסגעגאָסן פאַר אַ רויט־אַרמייער, וועלכער איז געזעסן מיט אונדז אין קאַמער פאַר כוליגאַניזם.

ער האָט אויך געוווסט די געשיכטע פון לובאָמילער קאַסירער, וואָס איז געבליבן אויף דער פריי. זעט אויס, אַז ער האָט זיי פאַרשאָטן, ווייל אין מיטן נאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט און געברענגט צו אַ יונגן, שיינעם, הויכן לייטענאַנט פון דער גרענעץ־וואַך, וועלכער האָט מיך אָנ־געהויבן פאַרשן אין אַ זייער גוטן פויליש, פאַר וואָס איך זיץ און ווי קומט עס, וואָס אַזאַ פאַרדינסטפולער קאָמוניסט, וועלכער האָט אין „פאַשיסטישן" פוילן אַזוי שטאַרק געקעמפט פאַר דער ראַטנמאַכט, זאָל גאָר זיצן אין טורמע צוזאַמען מיט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן? נישט אַנדערש נאָר, דאָ איז געשען אַ טעות, און כ'האָב זיכער נישט ווער ס'זאָל פאַר מיר גאַראַנטירן, אַז איך זאָג אמת. זאָל איך, דעריבער, אָנרופן נעמען פון פאַרדינסטפולע קאָמוניסטן, וואָס זענען מיט מיר געזעסן אין דער פוי־לישער טורמע און זענען איצט אויף דער פריי, ווייל קיין אַרעסטירטע קאָמוניסטן גלייבט מען נישט, וועט ער פערזענלעך זיך צו זיי ווענדן. ער האָפט, אַז אין קורצן וועל איך באַפרייט ווערן און צוריק רעהאַביליטירט ווערן, ווייל כ'בין נישט אָנגעקלאָגט פאַר שפּיאָנאַזש, נאָר פאַר אַ פּרווו פון וועלן אַריבערגיין די גרענעץ.

ער האָט באַלד דערוועקט אין מיר אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי. ווי פון אַרבל האָב איך געשאָטן מיט נעמען פון קאָמוניסטן, וואָס האָבן פאַרנומען אין די „באַפרייטע" געביטן הויכע אַמטן און קענען מיך פערזענלעך. אויך ער האָט אייניקע פון זיי געקענט פערזענלעך. ביז דאַנען האָט ער גערעדט מיט מיר פויליש. איצט איז ער אַריבער אויף רוסיש און דערקלערט, אַז נישט צוליב מיר איז ער געקומען אַהער אין מיטן דער נאַכט, נאָר צוליב די 3 גרענעץ־וועכטער, וואָס זיצן מיט מיר אין איין קאַמער און ווי מ'האָט אים איבערגעגעבן פיר איך מיט זיי לאַנגע געשפרעכן, און כ'ווייס געוויס אַלע זייערע סודות, זאָל איך אים אַלץ דערציילן, וואָס זיי האָבן מיר פאַרטרויט. עס איז נישט קלאָר צוליב וואָס האָבן זיי געוואָלט אַריבער צום דייטש און צי איז אויף דער פריי נאָך פאַרבליבן עמעצער פון די פאַרשווערער.

איך האָב אים דערציילט אַלץ, וואָס כ'האָב פון זיי געהערט און גע־שילדערט יעדן איינעמס כאַראַקטער. איך האָב דערציילט וועגן דעם אַנטי־סעמיטיזם פון איינעם און פון דער אומשולדיקייט פון די אַנדערע צוויי, וואָס זענען, נעבעך, געפאַלן אַ קרבן פון אַ מסירה.

— און וועגן דעם קאַסירער פון לובאָמילער גאָסבאַנק האָסטו נישט געהערט גאָרנישט? — האָט ער פלוצלינג געפרעגט.

איך בין געבליבן געפלעפט, ווייל כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען

שוין פאַרשיט אָן מיר, און אַז ער ווייס מער פון מיר. דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם כוליגאַן, דעם רויט־אַרמייער, מיט וועלכן כ׳האָב זיך עטלעכע מאָל געמוזט שלאָגן אין טורמע, צוליב זיין געמיינער שרעקלעכער אויפפירונג.

אים האָט מען אַרויסגערופן פון קאַמער פאַר מיר און נאָך זיין צוריק־קומען האָט מען מיך גערופן. פון דעסטוועגן האָב איך זיך געהאַלטן ביי ס׳מיינינקע, אַז מער פון דעם, וואָס כ׳האָב דערציילט ווייס איך נישט. דאָ האָט ער זיך שטאַרק אָנגעצונדן, אָנגעהויבן זידלען, אַז כ׳בין אַ ליגנער און נישט קיין קאָמוניסט, און אַז ער וועט פאַר מיר גאָר נישט טאָן כדי מיך צו באַפרייען. פאַר מיינע אויגן האָט ער צעריסן די ליסטע מיט די נעמען פון די אָנגעגעבענע קאָמוניסטן, און געהייסן מיך גלייך צוריקפירן אין קאַמער.

קיינער האָט שוין די נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. דער רויט־אַרמייער האָט זיך מער נישט געלייגט מיט די 3 גרענעץ־וועכטער צוזאַ־מען. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיי פאַרשאָטן.

צו מאָרגנס האָט מען זיי אַרויסגערופן פון קאַמער. דער אַנטיסעמיט האָט נאָך באַוויזן צוגיין צו מיר, דריקן מיר די האַנט און זאָגן: „איצט זע איך, אַז איך האָב אין אייך, ייִדן, געמאַכט אַ גרויסן טעות, אָבער לײדער צו שפעט, ווייל מען וועט מיך זיכער שטעלן צום ווענטל״.

מער האָב איך זיי פאַר מיינע אויגן נישט געזען. ביי מיר האָט זיך נאָך מער איינגעקריצט די תּפיסה־סאָלידאַריטעט, וואָס איך האָב אין זיך איינ־געזאַפּט, זיצנדיק די 2 יאָר אין דער פּוילישער טורמע, אַז איין אַרעסטאַנט טאָר נישט פאַרשיטן דעם צווייטן, אַפילו ווען ער איז פון אַן אַנדער לאַגער. אין דעם פאַל וואָלט איך פשוט געטאָן אַ מיצווה, ווען כ׳באַשטעטיק אַלץ, וואָס דער רויט־אַרמייער האָט אויף זיי געזאָגט.

אין די פראַכט־וואַגאָנען האָט מען אונדז אויפגעלאָדן ביי נאַכט ביים ליכט פון פּראָזשעקטאָרן און באַוואַכט מיט קאָנוואָי־אָפּטיילונגען מיט הינט. אין יעדן וואַגאָן צו 36 מאַן, אויף 4 פּריטשעס צו 9 פּערזאָן אויף יעדער פּריטשע, פון ביידע זייטן פון וואַגאָן. אין מיטן איז געשטאַנען אַן איי־זערן אייוועלע מיט אַ ביסל האָלץ צום הייצן. נעבנטער צום ווענטל פון וואַ־גאָן איז אין באָדן געווען אויסגעשניטן אַ קיילעכדיקער לאָך פאַר די פּי־זישע באַדערפעניש. אויבן אין ווענטל זענען געווען פאַרקראַטעוועטע, קליינע פענצטערלעך. יעדער איינער האָט מיט זיך געהאַט זיינע פּערזענ־

לעכע זאַכן, וואָס ער האָט באַקומען אין קאָוועלער טורמע, בעת מען האָט אים געמאָלדן דעם אורטייל.

אין דער פרי, בעת עס איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיק אין וואַגאָן, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ גאָר בכּבודיקער גע־זעלשאַפט: הויכע פּוילישע אָפיצירן פון מיליטער און פּאָליציי, גרויסע באַנק־ און פאַבריק־דירעקטאָרן, עטלעכע אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן און אייניקע ייִדן, עמך שער און אייזן. די פּאָליאַקן זענען געווען פרומע קאַטאָליקן, זיי האָבן יעדן טאָג אָפּגעריכט תּפילות מיט אַלע פּיטשעווקעס, זיך געצלמט און געקניט. איך האָב זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך אין זייערע געבעטן נישט באַטייליקט, דאָך האָב איך זיך אויפגעשטעלט, ווען זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, נאָר נישט געקניט צוזאַמען מיט זיי. אַזוי האָבן אויך געטאָן די פּראַוואָסלאַוונע אוקראַינער און די ייִדן.

מיר האָבן זיך שנעל צונויפגעלעבט ווי איין משפּחה, ווייל מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז טראָץ די קאָלאָסאַלע אונטערשיידן אין שטאַנד, נאַציאָנאַ־ליטעט און אידעע, דערוואַרט אונדז פון דער ראַטנמאַכט דער זעלבער גורל: פיל־יאָריקע קאַטאָרזשנע אַרבעט.

דאָס האָלץ, צום הייצן, האָט זיך שנעל אויסגעלאָזן און מיר זענען כּמעט פאַרפרוירן געוואָרן. אייניקע האָבן אָנגעהויבן ברעכן ברעטער פון די פּריטשעס און מיט זיי געהייצט. באַזונדערס האָט געליטן פון דער קעלט אַן אַלטער 75 יאָריקער פּוילישער גוט־באַזיצער. קיינער האָט אין קאָוועלער טורמע נישט געגלייבט, אַז מען וועט אים אַרויסשיקן ווייל אַלע האָבן גע־ווּסט, אַז ער וועט דעם שווערן וועג נישט אויסהאַלטן.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו קיִעוו, האָט אַ פּוילישער אָפיציר גע־פּלאַנט צו אַנטלויפן און ער האָט מיט אַ מעסערל אָנגעהויבן שניצן די שווערע שיבע־טיר, כּדי מיט דער האַנט צו דערגרייכן צום אייזערנעם ריגל פון דרויסן, אים אָפּרוקן, עפענען די טיר און אַנטלויפן. ווי ער האָט שפּע־טער געזאָגט, האָט ער אין קיִעוו געהאַט אַ ברודער און געהאָפט ביי אים זיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געשניצט דעם קאַנט פון דער טיר און האָט ביז פרי שוין געהאַט אויסגעשניטן אַ היפּש לאָך. אויף צו להכעיס האָט מען אין דער פרי אַריינגעגעבן אין יעדן וואַגאָן צו 2 עמער וואַסער און מ׳האָט צו דעם צוועק געמוזט עפענען די טירן פון די וואַגאָנען. דער סערזשאַנט פון קאָנוואָי האָט גלייך דערזען דעם לאָך אין קאַנט פון דער טיר. ער איז אַריין מיט נאָך 2 זעלנער אין אונדזער וואַגאָן און געפרעגט, ווער עס האָט געפּרוּווט אַנטלויפן. ווי געוויינטלעך, האָט זיך קיינער נישט

אַנגערופֿן. ער איז דעריבער צוגעטרעטן מאַכן פֿערזענלעכע רעוויזיעס ביי די מענטשן און אין זייערע פּעקלעך, כּדי צו געפֿינען דעם שאַרפֿן אינ־סטרומענט מיט וועלכן מען האָט געשניצט דעם לאָך.

מיין טעקע איז געלעגן אויף דער אונטערשטער פּריטשע און האָט מיר געדינט ווי אַ קישן אונטערן קאָפּ. ער האָט זי באַלד אַ כאַפּ געטאָן, געעפֿנט און געפֿונען מיין ברייטווע, וואָס כ׳האָב געקויפֿט אין קיִעוו און וואָס מ׳האָט ביי מיר נישט קאָנפֿיסקירט אין קאָוועלער טורמע. זי איז מיר צוריקגעגעבן געוואָרן מיט אַלע זאַכן. ער האָט געפֿרעגט צו וועמען ס׳געהערט די טעקע. איך האָב געזאָגט, אַז צו מיר. ער האָט מיך אַרויסגעשטופּט פֿון וואַגאָן און איך בין געפֿאַלן אויפֿן שניי. ער איז דאָן אַראָפּגעשפּרונגען, מיך געקאָפּעט מיט די שטיוול און באַפֿוילן: „אין איזאָלאַטאָרקע! ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפֿן!״ אומזיסט האָב איך זיך געפּרוּווט פֿאַרענטפֿערן, אַז מיט אַ ברייטווע איז אוממעגלעך אַזאַ לאָך צו מאַכן אין אַזאַ גראָבן קאַנט. אומזיסט האָב איך געטענהט, ער זאָל זען, אַז די ברייטווע איז אַפֿילו נישט שטומפּיק.

מען האָט מיך אַריינגעפֿירט אין איינציקן האַלב אָפֿענעם נישט גע־הייצטן וואַגאָן. איך האָב אַפֿילו נישט באַוויזן מיטנעמען דעם מאַנטל, און תּיכּף דערפֿילט די שאַרפֿע קעלט, וואָס האָט מיך אַלץ מער און מער אַרומ־גענומען. כ׳האָב גענומען קלאַפּן און שרייען, מען זאָל מיך אַרויסנעמען, ווייל כ׳וועל געפֿרוירן, אָדער מ׳זאָל מיר געבן דעם מאַנטל. איך האָב אָבער נאָר געהערט דראָונגען: „העי דו! אויב דו וועסט נישט אויפֿהערן, וועלן מיר דיך אַריינשטעלן אין שניי!״ איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אַראָפּ־געזעצט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און געוואַרט אויפֿן טויטן־שלאָף, ער זאָל מיך באַפֿרייען פֿון אַלע ליידן. אַ זיסע מידקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע מיינע גלידער. דער חשק צו שלאָפֿן איז געווען גרויס, אָבער אונטערן באַוווּסטזיין האָט זיך דערוועקט אַ מורא, אַז כ׳טו עפּעס נישט גוט, אַז כ׳טאָר זיך נישט אונטערגעבן. כ׳האָב שוין, אָבער, נישט גע־האַט קיין כּוח אויפֿצושטיין.

אַ שטאַרקער שטויס האָט מיך צוריקגעבראַכט צום באַוווּסטזיין. איבער מיר איז געשטאַנען דער סאַמאַראָדנער נאַטשאַלניק קאָנוואָיאַ, ער האָט גע־האַלטן אין האַנט די ברייטווע און געפֿרעגט:

— זאָג מיר, ווי אַזוי האָט מען אין קאָוועלער טורמע דיר דאָס צו־ריקגעגעבן און פֿאַר וואָס האָסטו מיר נישט געמאָלדן?

— קודם כּל, מוז איך זיך אַ ביסל דערוואַרעמען און דאַן וועל איך

דיר קאָנען ענטפערן — האָב איך אים, בײַז, אַ זאָג געטאָן — האָסט מיך אױפגעװעקט פון אַזאַ זיסן שלאָף.

— נאַ, טו אָן דעם מאַנטל — האָט ער געזאָגט און אים מיר צוגעװאָרפן.

— מען האָט מיר די טעקע צוריקגעגעבן אַ פאַרמאַכטע און כ'האָב אַפילו נישט געװוּסט, אַז די בריטװע איז אינעװײניק. אַז מען דאַרף װעגן דעם מעלדן האָב איך אױך נישט געװוּסט.

— װער זשע האָט פאָרט געשניצט די טיר? — האָט ער געפרעגט — און מיט װאָס?

— גלײב מיר, אַז כ'װײס נישט. עפּעס אַ משוגענער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער װעט קאָנען אַנטלױפן. איך בין די נאַכט דװקא גוט געשלאָפן, װײַל ס'האָט מיך אײַנגעװיגט דאָס קלאַפּן פון די רעדער.

— אַלזאָ, גײ איצט צוריק אין װאַגאָן, דערװױס זיך װער ס'האָט געװאָלט אַנטלױפן און בכלל, װאָס געשעעט דאָרט צװישן די אַרעסטאַנטן, װעסט מיר אַלץ איבערגעבן. װען דו װעסט מיר װעלן עפּעס זאָגן, מעלדע זיך צום עשאַלאָן־דאָקטער, בעתן עפנען די טיר. די בריטװע װעסטו מער נישט צוריקבאַקומען, ביזן אָנקומען אין לאַגער. פאַרשטאַנען?

מען האָט מיך צוריקגעפירט אין מײַן װאַגאָן. אַ פחד איז געלעגן אױסגעגאָסן אױף די פּנימער פון די פּאָליאַקן, אַז זײ האָבן מיך דערזען. נאָר װען די טיר פון װאַגאָן האָט זיך צוריק פאַרמאַכט און מען האָט קײנעם נישט אַרױסגערופן, האָבן זיך זײערע געזיכטער ברײט צעשמײכלט. מיט אױפריכטיקער פרײד האָבן זײ מיך אַרומגערינגלט, געקלאַפּט אין פּלײצע און אױסגערופן:

— אָט דאָס הײסט אַן אָרנטלעכער ייִד! האָט קײנעם נישט פאַרשאָטן.

— גלײבט מיר — האָב איך מיט כעס געזאָגט — װען איך װאָלט געװוּסט װער, װאָלט איך נישט געװען אַזױ גוט און פרום, װײַל ער האָט געקאָנט ברענגען אַן אומגליק אױפן גאַנצן װאַגאָן און אױפן גאַנצן עשאַלאָן. כ'בין צוליב אים שיִער נישט פאַרפרױרן געװאָרן.

— זע, מיר האָבן דיר אָנגעגרײט אַ טעפּעלע הײסן קיפּיאַטאָק, טרינק אױס. אַזאַ ייִד װי דו האָבן מיר נאָך נישט באַגעגנט.

נאָך דעם פאַל האָבן מיר זיך נאָך מער צוזאַמענגעלעבט ביז מיר זענען אין אָװנט אָנגעקומען קײן כאַרקאָװ, פון װאַנען מען האָט אונדז מיט פּאָליצײ־קעטשלעך איבערגעפירט בײַ נאַכט אין דער „באַרימטער" כאַרקאָװער פערעסילנער טורמע.

אויף די ווענט פון די איבערגאַנגס־קאַמערן זענען געווען אָנגעשריבן טויזנטער נעמען פון אַרעסטאַנטן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן מיט די דאַטעס, ווען זיי זענען דאָ געווען, סאָרטירט געוואָרן און צעשיקט אין טויזנטער פאַרשיקונגס־לאַגערן פונעם ריזיקן ראַטן־פאַרבאַנד.

דער רעזשים איז דאָ געווען אַ מילדער און דאָס עסן אַ ביסל זעטיקער. כ'האָב דאָ געטראָפן זייער פיל אַרעסטאַנטן פון פאַרשיידענע פעלקער, אַנטלאָפענע און צוריקגעכאַפּטע פון די לאַגערן און פון טורמעס, ווי אויך אַזעלכע וואָס מען האָט נאַר־וואָס אַרעסטירט. ס'זענען דאָרט גע־ווען פויערים פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, געוועזענע פאַרברענטע קאָמוניסטן, וואָס זענען אַמאָל געווען לעגאַל טעטיק ביי דער טשעכישער מאַכט. אָבער בעת אונגאַרן האָט באַקומען קאַרפּאַטן־רוסלאַנד אַלס געשאַנק פון די דייטשן נאָכן באַזעצן טשעכאָסלאָוואַקיע, זענען זיי אומלעגאַל אַריבער די סאָוויע־טישע גרענעץ, צוליב מורא פאַרן פאַשיסטישן אונגאַרן. די ראַטנמאַכט האָט זיי אַלע אַרעסטירט און מיט אורטיילן פון 3, 5, אָדער 8 יאָר, לויטן סטאַזש פון זייער קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָבן זיי געוואַרט אין כאַר־קאָוו אָפּגעשיקט צו ווערן אין אַ לאַגער אויף איבערדערציִונג. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעצייכנט אין די אַרבעטס־לאַגערן אַלס גוטע וואַלד־אַרבע־טער, און האָבן איבערגעשטיגן די פעדישע נאָרמעס. זיי זענען אָבער געווען גרויסע אויסוואָרפן אין די באַציִונגען צווישן זיך און לגבי אַנדערע. זיי האָבן נישט געגעבן אַפילו אַ טרונק וואַסער פאַר אַ גאַסט ביי זיי אין באַראַק. זיי זענען אויך געווען גרויסע גנבים און האָבן געגנבעט ביי אונדז, אויף אַ קונציקן אופן דאָס לעצטע שטיקל ברויט און מלבושים. ביי דער אַרבעט, ווען עמעצער איז געווען אַ ביסל הינטערשטעליק און נישט גע־קאָנט אָנהאַלטן זייער מערדערישן טעמפּאָ ביים שפּאַלטן דאָס האָלץ, אָדער ביי לייגן ביימער, אָדער אויב עמעצער איז אַפילו קראַנק געוואָרן, — האָבן זיי אים גלייך פאַרמסרט, מען זאָל „דעם פוילענצער" אַרויסנעמען פון דער בריגאַדע.

איך האָב דאָ געקאָנט אָבסערווירן דאָס גרויסע 30 מיליאָניקע אוקראַיִ־נישע פאָלק, וואָס ענלעך צו די קורדן זענען זיי געווען צעשפּרייט אין פיל מדינות און אין ערגעץ נישט געווען זעלבשטענדיק. אַלס די בעסטע אין כאַראַקטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן די סאָוויעטישע אוקראַיִנער. זיי זענען אויך געווען ווייניקער אַנטיסעמיטיש. די קאַרפּאַטן־רוסישע אוקראַיִנער זענען געווען דאָס ערגסטע פון מענטשלעכן מין. קיין שום זאַך האָט זיי נישט דערנענטערט נישט צווישן זיך און נישט מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן.

זיי האָבן ס׳רוב געהאַט אַ וויסטן סוף אין די לאַגערן. ווייל צוליבן וועלן זיך אויספּיינען פאַר זייערע באַצווינגער, האָבן זיי פאַרלוירן די כּוחות און געפאַלן ווי די פליגן.

איך האָב דאָרט באַגעגנט אַ פּוילישן קאָמוניסט פון לאָדזש, וואָס איז אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן אַנטלאָפן אומלעגאַל פון פּוילן. אין דער גרויסער טשיסטקע איז ער אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן, פון וואַנען ער איז נאָך 4 יאָר אַנטלאָפן. ער איז געווען אויף דער פריי עטלעכע וואָכן. ער האָט זיך געמאַכט אַ פאַלשן פּאַס, נאָר צוליב אַ נאַרישן טעות האָט ער אָנגעקלעפּט די פאָטאָגראַפיע אויף דער ערשטער, אָנשטאָט אויף דער צווייטער זייט. מען האָט אים געפאַקט באַלד ביים ערשטן מאָל באַווייזן דעם פּאַס, בעתן קומען אין מיליץ זיך מעלדן. גאַנצע 2 יאָר נאָכן זיין אין די לאַגערן, איז ער נאָך אַלץ געווען איבערצייגט, אַז סטאַלין איז אַ גאָט און די טשיסטקעס זענען אַ נויטווענדיקייט.

ביז ער האָט דערזען די רויע, שוידערלעכעווירקלעכקייט ווי אַ מענטש זיצט אָפּ זיין אורטייל, און עס קומט אַ באַפעל אים ווייטער האַלטן אין לאַגער; דאָס באַפריינדן זיך מיט היטלערן; דאָס אויסשיסן די גענעראַלן און מאַרשאַלן, וועלכע האָבן מכלומרשט געזאָלט אָפּגעבן טיילן פון רוס־לאַנד היטלערן, אָדער טיילן פון ווייטן מיזרח — צו יאַפּאַן. איצט האָבן זיך די גרעסטע צווי אָנגרייפער געטיילט מיט פּוילן. דאָס אַלץ האָט אים אויסגעניכטערט. כּדי צו קאָנען אַנטלויפן האָט ער אָנגעהויבן אַזוי פלייסיק אַרבעטן, אַז מ׳האָט אים באַפרייט פון קאָנוואָי. מען האָט אים געגעבן נייע און שיינע מלבושים, אויך 7 רובל אַ טאָג האָט מען אים אויסגעצאָלט.

ווען מ׳האָט אים געהאַט געשיקט אין נאָענטן שטעטל אָפּנעמען די פּאָסט, איז ער אַנטלאָפן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים ווידער אַרעסטירט צוליבן דערמאָנטן טעות.

דאָרט איז געזעסן אַן אוזבעק, אַ טאַנקיסט, וועלכער האָט געפּרוּווט מיטן טאַנק אַריבער צו די דייטשן. אויף דער בריק איבערן סאַן איז דער טאַנק קאַליע געוואָרן, ער איז געכאַפּט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. קאַלינין האָט אים באַגנעדיקט און פאַרביטן די שטראָף אויף 25 יאָר אויסבעסערונג־לאַגער.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו הערן מיט וואָסער גלייכגילטיקייט ער האָט דאָס דערציילט, כּמעט מיט אַ באַרימעריי, נישט אַרויסווייזנדיק קיין ברעקל חרטה און אַפילו נישט קיין דאַנק קאַלינינען, וואָס ער האָט אים געשענקט דאָס לעבן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אַריינגעברענגט אין אונדזער ריזן קאַמער אַ סאָוויעטישן אינטעליגענטן אַרבעטער, מיט וועלכן כ׳האָב זיך גלייך באַפריינדעט. ער האָט מיר דערציילט, ווי די ראַטנמאַכט האָט אים, אַן אָרעמען פויערן־זון אַרויסגעהויבן, אים געשיקט זיך בילדן אין „וווּז״, אין אַרבעטער־אוניווערסיטעט, ווּ ער האָט געענדיקט אַלס אַגראָנאָם. אים שפּעטער געשיקט אַלס ראַטגעבער אין אַ קאָלכאָז און ס׳איז אים פאַרגעשטאַנען אַ גרויסע קאַריערע. ער איז אָבער געשטרויכלט געוואָרן צוליבן קאָלכאָזנעם ראַסאָוון אָקס, צו וועמען די אַרומיקע פויערים פלעגן ברענגען זייערע קי צום באַפרוכפּערן. אַ טייל פויערים האָבן נישט געוואָלט וואַרטן אין דער לאַנגער ריי און פאַרגעלייגט שוחד, כדי וואָס פריִער צו באַפרוכפּערן זייערע קי. אין אָנהייב האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען שוחד און שטרענג אָפּגעהיט די ריי. די פויערים איז אויסגעקומען צו וואַרטן מיט אומגעדולד 3—4 מעת־לעתן מיט זייערע קי. ביז זיי האָבן געפונען אַ וועג צו זיין פרוי און זי האָט יאָ מסכים געווען צו נעמען שוחד. דער אַפּעטיט איז געקומען מיטן עסן. ס׳איז אַוועק אַ מסירה און ער האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד, ווייל ער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין פרוי, די קינדער זאָלן נישט בלייבן אָן אַ מוטער. ער האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן, באַקומענדיק נאָר 5 יאָר פאַר פאַרשווענדן מלוכהש פאַרמעגן. דער ביק האָט געפגרט צוליב דער צו גרויסער עקספּלואַטאַציע.

אין די 10 טעג, וואָס כ׳בין געזעסן אין דער כאַרקאָווער טורמע זענען פאַרשטייער פון אַלע 150 פעלקער, וואָס באַוווינען דעם ריזיקן ראַטן־פאַרבאַנד דערשינען דאָרט אין רעפּרעזענטאַנץ פון פאַרשיידענע פאַרברעכערישע געשטאַלטן מיט כל מיני אורטיילן. אָנהייבנדיק פון די יוגנטלעכע פאַרברעכער (און די, מוז איך זאָגן, זענען געווען די ערגסטע) ביז גרייזגרויע מענטשן; פון די ערגסטע לומפּן, ביז הויכע אָפיצירן און זעלנער, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין דער פינישער געפאַנגענשאַפט און האָבן נישט געקאָנט באַווייזן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. ווי צ.ב.: געווען פאַרווונדעט, קראַנק אָדער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

נאָכן פיניש־סאָוועטישן קריג, ווען מען האָט זיי דורך שוועדן געברענגט אַהיים, האָט מען זיי ווידער אַרעסטירט, געפאָרשט און פאַרמשפּט צו שווערע תפיסה־שטראָפן.

יעדן טאָג האָב איך מער געשטוינט פון די אומגלייבלעכע געשיכטעס, וואָס די פאַראורטיילטע האָבן דערציילט, און אַזוי אַרום דערקענט דעם ראַטן־פאַרבאַנד פון צווייטער זייט מטבע.

אַ פּאַרמשפּטער סאָוויעטישער אַדוואָקאַט האָט מיר דערציילט, אַז אין רוסלאַנד זענען דאָ מלוכהשע אַדוואָקאַטן, וואָס זייער אויפגאַבע איז אַרויסצובאַקומען פון די געמשפּטע דעם „ריינעם" אמת, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרהוילן פון דער מאַכט קיין שום פּרטים, אָדער מיטבאַשולדיקטע. נאָכן דערגרייכן זייערס בעטן זיי די ריכטער נעמען אין באַטראַכט די אָפּשטאַמונג פון די אָנגעקלאָגטע, אַז זיי זענען אַנאַלפאַבעטן, אָדער אַרבעטער, אַן איבערבלייבעכץ פונעם פאַרפוילטן צאַריזם. דער לעצטער אַרגומענט האָט מערסטן טייל געווירקט פאַר קלענערע אורטיילן פון 1 ביז 10 יאָר.

איינער, אַן אַדוואָקאַט איז אַריינגעפאַלן צוליב אַ יונג, שיין שיקסל, וואָס איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר גנבה. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט און געפּרוּווט מיט אַלע מיטלען זי באַפרייען, ביז ער האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז מ'האָט אים פאַרמשפּט אויף 3 יאָר.

אַלע האָבן אָבער געפילט, אַז ער דערציילט נישט דעם אמת, און אַז די סיבה איז מסתּמא אַן אַנדערע.

אַ גרויסן אינטערעס האָט אַרויסגערופן איינער אַ גנבֿ, וועלכער איז מער געזעסן, ווי געווען אויף דער פריי. ער האָט געקענט אַלע לאַגערן און טורמעס אין ראַטן־פאַרבאַנד. צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך פון אים דערוווּסט, אַז אַחוץ די לאַגערן, ווו מען מעג שרייבן, באַקומען בריוו און פּעקלעך, ווו קרובים מעגן קומען באַזוכן, אָדער אַפילו חתונה האָבן, די אַזוי גערופענע „ז פּערעפּיסקאַי" לאַגערן ווו מען קאָן שרייבן בריוו, עקסיסטירן אויך אין אַ גרויסער צאָל „בעז פּערעפּיסקאַי", ווו דער מענטש האָט נישט קיין שום מעגלעכקייטן צו שרייבן, אָדער באַקומען בריוו פון דער אויסערלעכער וועלט. ער איז דאָרט ווי לעבעדיק באַגראָבן. זייערע אורטיילן הייבן זיך אָן פון 10 יאָר און דערגייען ביז 25. קיין אייביקע טורמע — האָט ער געזאָגט — איז אין ראַטן־פאַרבאַנד נישטאָ.

טאָג און נאַכט זענען מיר געזעסן מיט אָפענע מיילער און זיך צוגעהערט צו זיינע בילדערישע שילדערונגען פון לעבן אין די פאַרשיידענע לאַגערן, די טראַנספּאָרטן פון די אַרעסטירטע און די שאַנסן, וואָס מיר האָבן פון זיי זיך צו באַפרייען.

אַלע פון זיין טראַנספּאָרט זענען געווען אויסוואָרפן. זיי האָבן אומעטום זיך אויפגעפירט מיט תּקיפות, געשלאָגן, גערויבט און געטוישט מלבושים. זיי פלעגן צוזאָגן 10, אָדער 12 זופּן פאַר אַ גוט רעקל, שיך, אָדער שטיוול, באַלד נעמען דעם פּרייז און קיין מאָל נישט צוריקגעבן וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט. זיי פלעגן אַרויסרופן קריגערייען און געשלעגן, פאַר וואָס מען

האָט זיי איבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער, און אַזוי איז דער גאַנצער נוצן פון טויש־האַנדל געווען לטובת זיי.

אויך די תּפיסה־וואַך האָט געהאַלטן מיט זיי און צו זיי זיך אַנדערש באַצויגן. מעגלעך צוליב אָנווייזונגען פון דער העכערער מאַכט, זיי צו באַ־האַנדלען בעסער, ווי די פּאָליטישע, אָדער, ווי אַ טייל האָט געמורמלט, זיי האָבן פּשוט געמאַכט שותּפות מיט די תּפיסה־וועכטער.

אין אַ געוויסער נאַכט האָט מען אונדז, ביי דער שיין פון רעפלעק־טאָרן און אונטער אַ שטאַרקער באַוואַכונג, ווידער לויטן אַלף־בית, אַריינ־געזעצט צו 36 מאַן אין רויטע פראַכט־וואַגאָנען. אין מיין וואַגאָן זענען געווען 35 מענטשן, און דאָס האָט ביי אונדז אַלע, וועמענס פאַמיליען־נעמען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט „ש״, אָדער „שטש״ ארויסגערופן פאַר־וווּנדערונג. ערשט אין דער פרי, ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן האָבן מיר באַמערקט אויף דער אונטערשטער נאַרע ליגן אַן עלטערן מענטש, מיט אַ קמץ־בערדל אַלאַ ניקאָלאַי דער צווייטער, וואָס האָט אויף אונדזערע פראַגן דערציילט אַן אומגלייבלעכע געשיכטע.

ער הייסט שטשערבאַקאָוו. בעת די גרויסע רייניקונגען אין אָנהייב 1938 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן דורך אַ טראָיקע אויף 10 יאָר פאַרשי־קונגס לאַגער. פון כאַרקאָווער טורמע האָט מען אים אַוועקגעשיקט מיט אַן עשאַלאָן קיין אוראַל, אין אַ לאַגער. אין וועג זענען זיינע אַקטן פאַרלוירן געגאַנגען און מ׳האָט אים צוליב דעם אין לאַגער נישט אָנגענומען. דער פאַרצווייפלטער נאַטשאַלניק קאָנוואָיאַ האָט אים צוריקגעבערענגט אין כאַר־קאָווער טורמע און דער נאַטשאַלניק פון טורמע האָט אים נישט געוואָלט אָננעמען אָן אַן אָנווייזונג פון פּראָקוראָר. מ׳האָט זיך דאַן געווענדט קיין מאָסקווע נאָך אַ קאָפּיע פון די אַקטן און שוין 2 יאָר פאָרט ער אַהין און צוריק, כאַרקאָוו—אוראַל, אין דעם זעלבן וואַגאָן און וואַרט... ער האָט שוין געפּרוווט אַנטלויפן, כדי מען זאָל אים נאָכשיסן און הרגענען. איז ער אָבער אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז מ׳האָט אים גלייך אָנגעיאָגט און געכאַפּט.

די געשיכטע פון שטשערבאַקאָוון האָט אונדז אויפגעציטערט. אין וועלכן לאַנד איז בכלל מעגלעך אַזאַ זאַך זאָל פּאַסירן? מיר האָבן זיך גע־פילט שטאָלץ און גליקלעך, וואָס מיר פאָרן אין לאַגערן מיט אונדזערע „אייגענע אַקטן״ און אונדז וועט מען אין לאַגער יאָ אָננעמען...

מיר האָבן אים באַשטימט אַלס סטאַראָסטע און ער האָט צווישן אונדז

געטיילט דעם צוקער, די פיש, הערינג, אָדער דאָס וואַסער, וואָס מ׳האָט אונדז אַריינגעגעבן צו טרינקען.

ס׳איז אויך מיט אונדז געווען אַ גרופּע ייִדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, גרויסע טשעכישע פּאַטריאָטן און ייִדישע כּלל־טוער. צווישן זיי זענען אויך געווען ציוניסטן, וועלכע זענען אין 1938 אַנטלאָפן פון היטלערן אין די סודעטן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, פון דאָרט קיין פּוילן און פון פּוילן אין 1939 קיין רוסלאַנד. דאָ זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן און מיט גרויסע אורטיילן פאַרשיקט צוזאַמען מיט אונדז אין די לאַגערן. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַקאַדעמישע בילדונג, פאַרנומען הויכע שטעלעס. זיי האָבן געשילדערט אין הערלעכע פאַרבן דאָס אידעאַלע לעבן פון די ייִדן און פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דעם דעמאָקראַטישסטן לאַנד אין דער וועלט, אין דער פאַר־מלחמהדיקער טשעכאָסלאָוואַקיע פון בענעש און מאַסאַריק. אַהין האָבן געשטראָמט פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע פון אַלע פאַשיסטישע און האַלב פאַשיסטישע לענדער. ייִדישע סטודענטן פון פּוילן, וואָס האָבן נישט געקאָנט, צוליבן איינגעפירטן נומערוס קלאַוזוס אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן, שטודירן ביי זיך אין דער היים, האָבן שטודירט אין די פּראָגער הויך־שולן. פּאָליטישע עמיגראַנטן, פאַרטריבענע, אָדער אַנטלאָפענע פון פּוילן, עסטרייך, דייטשלאַנד און אונגאַרן האָבן אין טשע־כיע געפונען אַ געזיכערטע היים און אַ ברייט פעלד פאַר זייער ווייטערדי־קער פּאָליטישער טעטיקייט. די באַרימטע טשעכישע סקאָדאַ־פאַבריקן האָבן אין יענער צייט פּראָדוצירט דאָס מאָדערנסטע געווער אין איירָאפּע. דער זיכערקייט־פּאַקט מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, ווּהין די סקאָדאַ־פאַבריקן האָבן געליפערט אַ גרויסע טייל פון זייער פּראָדוקציע, האָבן ווי פאַרזיכערט דער טשעכישער באַפעלקערונג, אַז קיינער וועט זיי נישט וואַגן אָנגרייפן.

זיי האָבן דעריבער דערלויבט, אַז די פּוילישע קינדער אין טשעכיע זאָלן יעדן טאָג אַריבערגיין די בריק פון טשעשין אויף דער פּוילישער זייט און לערנען אין פּוילישע שולן, אַז די סודעטן־דייטשן זאָלן לעבן אין די ראַמען פון טשעכיע בעסער ווי אין דייטשלאַנד. זיי האָבן אַפילו גע־האַט אַן אייגענעם אוניווערסיטעט אין דער דייטשער שפּראַך.

אַזוי איז געווען ביז ס׳איז אויפגעשטאַנען דער גרעסטער פּאָליטישער אינטריגאַנט פון אַלע צייטן און דורות, וועלכער האָט באַוויזן אָנצינדן נאַציאָנאַלע שׂינאה צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע, און די גאַנצע מדינה מיט אַלע אירע דערגרייכונגען איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט אָן איין שאָס. אַלע אַרום האָבן דערלויבט, אַז די

קליינע מוסטער־מדינה זאָל זיין דער ערשטער קרבן אויף היטלערס מזבח.

אונגאַרן האָט געהאָלפן און אָפּגעריסן קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און פּוילן האָט מיט באַנומענע קולות געשריגן: „גיט מיר אַ בשותפותדיקע גרענעץ מיט אונגאַרן!" און פאַרכאַפּט טשעכיש שלעזיע און טשעשטשין. די סלאָוואַקן האָבן פּלוצלינג אַנטדעקט, אַז זיי זענען גאָר אַ באַזונדער פאָלק און דאַרפן ווערן זעלבשטענדיק. פון די סודעטן־דייטשן איז דאָך אָפּגערעדט. העגליין האָט געאַרבעט מעשים, אַז די סודעטן זאָלן זיך באַפרייען פון שרעקלעכן אונטערדריקונגס־עול פון די טשעכן. די טשעכן זענען געבליבן פאַראייניזאַמט מיט זייער יידישער מינדערהייט און זעענדיק, אַז דער פאַרבינדעטער, ראַטן־פאַרבאַנד, קומט זיי נישט צו הילף, האָבן זיי בלית ברירה קאַפּיטולירט.

נאָך די טשעכאָסלאָוואַקישע יידן האָבן מיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן אייניקע נאַציאָנאַליסטישע אוקראַיִנישע פירער, וועמען די סאָוויעטן האָבן אין אָנהייב מקרב געווען, מיינענדיק, אַז זיי האָבן אין פּוילן געקעמפט פאַר אַ פאַראייניקונג מיט זייערע אוקראַיִנישע ברידער אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך אָבער שנעל אַנטוישט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צעשפּרייטע אוקראַיִנער אין 4 מדינות ווילן גאָר אַ גרויסע אוקראַיִנישע מדינה, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע אוקראַיִנישע פאָלק, וואָס לעבט אין פּוילן, טשעכיע, רומעניע און רוסלאַנד, מיט דער הויפּטשטאָט קיעוו.

זיי האָבן דערציילט וועגן לאַנגע און שווערע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיי האָבן געפירט מיט פאַרשיידענע אוקראַיִנישע פירער. מען האָט זיי געפּרוּווט איבערצייגן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פונעם געדאַנק וועגן אַ גרויס אוקראַיִנע און איינשטימען, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד זאָל זיין דער באַפרייער און פאַראייניקער פון אַלע אוקראַיִנער אין איין סאָוויעטישער אוקראַיִנישער רעפּובליק.

עטלעכע לעמבערגער רייכע יידן האָבן זיך אויך געפונען מיט אונדז אין וואַגאָן. צווישן זיי איז געווען אַ באַנקיר פון דער לעמבערגער פיליע פון אַ בעלגישער גרויסער באַנק. די סאָוויעטן האָבן אים נאָכן פאַרנעמען לעמבערג, גערופן און געהייסן עפענען די באַנק־פיליע און פאַרזעצן די געשעפטן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. ער וועט בלייבן דער באַנק־לייטער, און זיי וועלן נאָר אַריינזעצן אַ קאָמיסאַר. ער דאַרף זיך באַמיִען צו געווינען דעם צוטרוי פון די בעלגיער און זיי באַווייזן, אַז די סאָוויעטן האָבן נישט בדעה צו קאָנפיסקירן דעם פאַרמעגן און געלטער וואָס אויסלענדער און באַפריינדעטע מדינות האָבן אינוועסטירט אין פּוילן. ער האָט

זיך ערנסט גענומען צו דער זאַך און צוריק אײַנגעשטעלט דעם קאָנטאַקט מיט דער בריסעלער באַנק. אײניקע מאָנאַטן זענען די געשעפטן אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. עס איז אים נישט געווען וואָס מקנא צו זײַן. די סאָוויעטן האָבן פון אים געפאָדערט, אַז די בעלגיער זאָלן אינוועסטירן אין דער באַנק נײַע קאַפּיטאַלן. דאַקעגן די בעלגיער, ווי פּראַקטישע פינאַנסיסטן, האָבן געפאָדערט פון אים ער זאָל אומבאַדינגט, מיט לעגאַלע אָדער אומלעגאַלע וועגן, אַרויסציִען די קאַפּיטאַלן פון דער לעמבערגער פיליע און זיי איבערשיקן קיין בריסעל. ביז ס׳איז דעם ייִדישן דירעקטאָר און דער ראַטנמאַכט נימאס געוואָרן די פאַלשע שפּיל. מ׳האָט אים, אין מיטן דער נאַכט אַרויסגענומען פון בעט, געפירט אים אין באַנק, ער זאָל עפענען אַלע קאַסעס און סייפן. זיי האָבן אַלץ קאָנפיסקירט, פאַרחתמעט די באַנק און אים געהייסן אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז דאָס איז אַלץ געשען אין זײַן אָנוועזנהייט און מיט זײַן צושטימונג, צוליב די שפּעקולאַציעס פון דער באַנק. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן. איצט איז ער מיט אונדז, וואָכן לאַנג געפאָרן, מיט אַן אורטייל פון 8 יאָר צו די אויסבעסערונגס-לאַגערן פון נ.ק.וו.ד.

עס האָט געשניטן ביים האַרץ צו זען, ווי דער 60 יאָריקער ייִד, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין נויט אין זײַן לעבן, טראָגט איבער העלדיש און מיט הומאָר זײַן כּמעט האָפענונגסלאָזע לאַגע, מיט דער האָפענונג, אַז זײַנע בעלגישע אַפּוטראָפּסים, קעגן וועלכע ער האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, וועלן אים דערפאַר אָפּדאַנקען.

די איבעריקע ייִדן זענען געווען אײגנטימער פון פאַבריקלעך אין לעמבערג, פון וועלכע מען האָט נישט נאָר צוגענומען זייער פאַרמעגן, נאָר אויך פאַראורטיילט אויף לאַנג-יאָריקע לאַגער-שטראָפן. זיי זענען געווען צוזאַמענגעבראָכן און פאַרלוירן יעדע האָפענונג.

אין וואַגאָן איז אויך געווען אַ רוס, אַ געוועזענער ווייס-גוואַרדייער, וועלכער איז אַמאָל אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס קיין בעסאַראַביע און דאָרט געלעבט זייער גוט. ער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז די רוסן, וועלכע פאַרנעמען בעסאַראַביע פון די רומענער, וועלן מסתּמא זיך נייטיקן אין אַ רוסישן מענטש און וועלן אויסנוצן זײַן גרייטקייט צו דינען דער ראַטנמאַכט. ער איז דעריבער נישט אָפּגעטראָטן צוזאַמען מיטן רומענישן מיליטער. איצט האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. ער האָט באַקומען 8 יאָר.

די לעצטע גרופּע אין וואַגאָן איז באַשטאַנען פון פּוילישע אַזוי גע־

רופענע אָסאַדניקעס, וואָס די פּוילישע מאַכט האָט באַזעצט אין די מיזרח־קרעסן אַלס קעגנגעוויכט צו דער פֿיינדלעכער אוקראַיִנישער און ווייס־רוסישער באַפֿעלקערונג אין די געביטן. אויך זיי האָט מען פֿאַרגעלייגט צו אַנטלויפֿן. אָבער פֿיל פֿון זיי האָבן מיט זייער נאַיִוון גלויבן געבראַכט אויף זיך אַן אומגליק.

איינער פֿון זיי האָט מיר אויפֿגעקלערט: „איך האָב געוווּסט, אַז כ'וועל מער נישט זיין דאָס וואָס איך בין געווען, אָדער בלייבן ביים פֿאַרמעגן, וואָס כ'האָב געהאַט. איך האָב אָבער געגלייבט, אַז נאָך דעם ווי דער קריגס־קאָמוניזם האָט זיך אין רוסלאַנד געענדיקט און די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט זיך געזעצלעך פֿאַרפֿעסטיקט, וועלן זיי נישט נעמען אַזעלכע פּשוטע פּויערים, ווי מיר, וואָס באַאַרבעטן זייערע פֿעלדער מיט אייגענעם שווייס און זיי אַזוי אויסוואַרצלען. קודם האָבן אוקראַיִנישע באַנדעס, שוין ביי די סאָוויעטן, געפּרוּווט אונדז דערמאָרדן און באַרויבן. מיר האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט און זיי אַנגעלערנט, אַז זיי האָבן מער נישט געפּרוּווט. שפּעטער האָט די ראַטנמאַכט אַרעסטירט די מענער, און די פֿרויען און קינדער אַרויסגעשיקט אין אַזעלכע וואַגאָנען, ווינטער אין די גרעסטע קעלטן. דורכן פּוילישן אונטערגרונט האָט מען אונדז איבער־געגעבן, ווי אונדזערע פֿרויען האָבן געוואָרפֿן זייערע טויטע, פֿאַרפֿרוירענע פּיצלעך קינדער פֿאַר די קאָנוואָי־באַגלייטער און באַאַמטע אויף די סטאַציעס ווו זיי זענען אַדורכגעפֿאָרן. איצט געפֿינען זיי זיך ערגעץ אין מיטל־אַזיע און ווער ווייסט, אויב מיר וועלן זיי נאָך זען".

מיך האָט קיינער נישט געוואָלט גלייבן, אַז כ'האָב נאָר געוואָלט אַריבערנעמען מיין פֿרוי און קינדער און נישט צוריקגיין צום דייטש, אין וואָס די סאָוויעטן האָבן מיך באַשולדיקט. אומזיסט האָב איך פֿאַרזיכערט, אַז איך בין געבליבן אַ קאָמוניסט און בין נאָך איצט אויך גרייט אָוועק־געבן דאָס לעבן פֿאַר דער ראַטנמאַכט. זעענדיק, אַז אויך די עטלעכע ייִדן האַלטן מיך פֿאַר אַ מאַסקירטן קאָמוניסט, וועלכער וויל בלויז פֿאַרדעקן זיין גרויסע אַנטוישונג, און ווען עס געלינגט מיר אַריבער דעם בוג, וואָלט איך נישט געוועזן צוריקגעקומען צו די סאָוויעטן, האָב איך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז כ'דאַרף שפּילן די ראָל ווי יעדער אַנדערער אַרעסטאַנט און זיך נישט אויספֿיינען מיט מיין געטריישאַפֿט און אידעאַ־ליזם, אין וועלכן קיינער גלייבט נישט.

די קעלטן זענען געוואָרן וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ גרעסער און דאָס האָלץ צום הייצן וואָס אַ מאָל ווייניקער, ביז מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן

די ברעטער פון די נאַרעס. אויך דער לאָך אין וואַגאָן צו די פיזישע געברויכן איז געוואָרן פאַרפרוירן. אַז מיר האָבן געמוזט וואַרעמען דאָס וואַסער צום טרינקען און גיסן אויפן פאַרפרוירענעם לאָך, כדי צו עפענען די קלענסטע שפּאַרונע.

טייל מאָל איז געלונגען די מענטשן אויף די אייבערשטע נאַרעס דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל צו לייענען די נעמען פון די סטאַציעס, און שטשערבאַקאָוו, וואָס האָט געקענט דעם גאַנצן וועג, האָט אונדז געענוי געזאָגט וויפל מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן און וויפל מיר האָבן נאָך צו פאָרן. אויסער דעם האָבן מיר זיך אין גאָר נישט מער אָריענטירט. מיר האָבן פאַרלוירן דעם חשבון פון טעג און חדשים און אַלע האָבן מיר אויסגעקוקט, אַז ס'זאָל שוין נעמען אַ סוף צו די ליידן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו אַ גרויסער סטאַציע „סידאָוו" און שטשערבאַקאָוו האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך צוויי מעת־לעתן צום ענד־ציל, צום לאַגער.

אין די דערציִונגס־לאַגערן

פאַר טאָג איז דער ריזיקער עשאַלאָן, וואָס האָט געפירט אַרום 1,500 אַרעסטאַנטן, שטיין געבליבן נעבן אַ לאַגער. מיט קלאַפּערייען און געשרייען האָבן די באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן אונדז אויפגעוועקט און באַפוילן זיך אָנטאָן און צוגרייטן די זאַכן. מיט שווערע גרילצן און קרעכצן האָבן זיך פונאַנדערגערוקט די פאַרפרוירענע שווערע טירן פון די וואַגאָנען און מען האָט אונדז באַפוילן אויסשטייגן איינציקווייז.

אַ קאַלטע לופט פון אַ 40 גראַדיקן פראָסט האָט אַ זעץ געטאָן אין די פאַרעיפושטע וואַגאָנען. מיר האָבן געציטערט פון קעלט און געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. אַפילו די גוט אָנגעטוענע סטרעלקיס האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פון קעלט און האָבן מיט איבערגעטריבענע, שנעלע באַוועגונגען און געשרייען זיך געפרוווט דערוואַרעמען און צוגעבן קוראַזש.

שטשערבאַקאָוו איז ווייטער איינער אַליין געבליבן אין וואַגאָן און מיט טרערן אין די אויגן געשעפּטשעט: „גליקלעכע מענטשן, שוין אַלץ איבערגעקומען".

צו 2 אין אַ ריי, האָבן מיר זיך מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט, אין אַ מעטער טיפן שניי, באַוועגט אין דער ריכטונג פון דעם לאַגער־טויער, ווּ ס'איז ביי אַ באַלויכטן טישל געשטאַנען דער לאַגער־נאַטשאַלניק מיט 2 געהילפן.

ער האָט גענומען יעדן אַקט באַזונדער אין האַנט און אויסרופנדיק דעם אַרעסטאַנטס פאַמיליע־נאָמען, האָט ער געוואַרט פון אים אַ דערגענצונג: פריוואַטער נאָמען, פאָטערס נאָמען, באַשולדיקונגס־פּאַראַגראַף און אורטייל. דעם גערופענעם, וואָס האָט גלייך און גלאַטיק געענטפערט, האָט מען דורכגעלאָזט דורכן דורכגאַנגס־טירל (פּרעכאָדנאַיאַ). אַ געהאַלפענער און אויסגעלייזטער איז ער זוכה געווען אַריינגעפירט צו ווערן אין אַן אָנגעהייצטן באַראַק.

צוקומענדיק צו מיין אַקט האָט ער אויסגערופן: שטאָקפיש!

— אַבראַם סאַלאָמאָן שולימאָוויטש — האָב איך שנעל געענטפערט.

— סטאַטיאַ? (פּאַראַגראַף) — האָט ער געפרעגט.

— 18/80, אוקראַיִנישער שטראָף־קאָדעקס — האָב איך באַלד גע־ענטפערט.

— סאָציאַלנאָ אָפּאַסני (סאָציאַל שעדלעך) — האָט ער באַמערקט. סראָק? (אורטייל) — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

כ׳בין געבליבן פאַרשטומט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ביים אַרויס־שיקן פון קאָוועלער טורמע האָט מען מיר נישט, ווי פאַר אַנדערע, פאַר־געלייענט דעם אורטייל, און די גאַנצע צייט איז מיר נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, כאָטש אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך געוווּנדערט, פאַר וואָס כ׳פאַר אָן אַן אורטייל. איצט האָב איך באַגריפן מיין אומגליק.

— וואָס הייסט עס, דו ווייסט נישט דיין אורטייל? — האָט ער שוין מיט כעס אויסגעשריגן. — באַלד וועל איך דיר אויפשפּילן אַן אורטייל. ער האָט געזוכט צווישן די פּאַפּירן און נישט געפונען. — אויב אַזוי — האָט ער זיך געווענדט צום נאַטשאַלניק קאָנוואָי — קאָן איך אים נישט אָננעמען. אין מיין לאַגער געפינען זיך נאָר אַרעסטירטע מיט אורטיילן. שטעל זיך אין דער זייט — האָט ער מיר באַפוילן. ער האָט מיך אָוועק־געפירט אַ צוויי מעטער פון עולם און געלאָזט שטיין ביזן בויך אין שניי.

עס האָט מיך געשווידערט, נישט אַזוי צוליב דער קעלט, ווי צוליב דער מורא, כ׳זאָל נישט טיילן שטשערבאַקאָווס גורל. אַ זיסער דרימל האָט מיך באַהערשט, שטייענדיק, און ס׳איז מיר געוואָרן לייכט אויף דער נשמה.

בעת מען האָט מיך אַריינגעטראָגן אין דער פּרעכאַדנושקע אַ האַלב פאַרפרוירענעם איז שוין געווען גרויסער טאָג. אַלע אַרעסטאַנטן זענען שוין געווען אין לאַגער. צו מיין טרייסט האָב איך באַמערקט, אַז כ׳בין נישט איינער. נאָך 4 ייִדן שטייען און וואַרטן, ווייל אויך זיי האָט מען אַרויסגע־שיקט אָן אַן אורטייל. מיר האָבן באַקומען דעם פּאַיאָק (די פּאָרציע ברויט) און מ׳האָט אונדז דערלויבט גיין צו דער קיפּיאַטילקע (אַ באַראַק מיט גע־קאָכט וואַסער) און נעמען טעפּעלעך הייס וואַסער, וואָס האָט אונדז ממש דערהאַלטן ביים לעבן.

נאָך מיטאָג איז געקומען צופאָרן אַ לייטענאַנט פון דער גרענעץ־וואַך. ער האָט אונדז אַריינגענומען אין אַ באַראַק און פאַר יעדן איינעם פון אונדז פאַרגעלייענט אַן איינהייטלעכן אורטייל צו 5 יאָר אַרבעטס־לאַגער. ער האָט ביי מיר געפרעגט צי כ׳בין צופרידן און געהייסן זיך אונטערשרייבן, אַז מ׳האָט מיר איבערגעלייענט דעם אורטייל. כ׳האָב מיט פרייד זיך „צע־שריבן", ווי די רוסן דריקן זיך אויס. דאַן האָט מען מיך גלייך אָפּגעפירט אין לאַגער צו אַלע ניי־געקומענע.

אין באַראַק האָב איך אָפּגעזוכט די מענטשן פון מיין וואַגאָן און אַלע האָבן זיך געפרייט, וואָס ס׳האָט מיר אויסגעמיטן שטשערבאַקאָווס גורל.

דער לאַגער איז נאָך נישט געווען קיין אַרבעטס־לאַגער, נאָר אַ סאָר־טירונגס־פונקט. פון דאַנען האָט מען פונאַנדערגעשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן. אויף ביידע ברעגן פונעם גרויסן טייך איוודעל, פערשינאַ, פּאַלקי־נאַ, פּיערוואַיאַ פּאַלאַטאַ, וטאַראַיאַ פּאַלאַטאַ, יורטישטשע א.אַ. ווו ס׳האָבן אונדז אָנגעהויבן מאַטערן די לאַנגע אָפּעלן אין דרויסן אין די פרעסט. די מערהייט פון אונדז איז געווען זייער לייכט אָנגעטאָן.

מיר האָבן פיל מאָל אונטערגעהערט בייזע טעלעפאָן־געשפּרעכן צווישן אונדזער נאַטשאַלניק און זיין העכערער מאַכט. ער פלעגט תּמיד שרייען אין טרייבל: „מ׳האָט מיר געשיקט אַ 1.500 קעפּיקן נאַראָד (פאָלק), נאַקעטע און באָרוועסע, ס׳רוב פון מערב. כ׳האָב אַפילו נישט די נייטיקע געצייג זיי צו באַשעפטיקן. וואָס זאָל איך מיט זיי טאָן?״ דעם ענטפער האָבן מיר נאַטירלעך נישט געהערט.

ענדלעך האָט מען אונדז אָנגעהויבן פונאַנדערשיקן אין די אמתע אַר־בעטס־לאַגערן. אין אַ געוויסער נאַכט האָט מען אונדז ווידער פאַרלאָדן אין וואַגאָנען און נאָך עטלעכע שעה פאָרן, האָט מען אונדז אויסגעלאָדן אין מיטן דער נאַכט. מען האָט אונדז געפירט אין באָד גרופּנווייז, געטוישט די וועש, געגעבן מעדיציניש הילף און אַפילו וואַרעם־ווינטערדיקע מלבושים, אָבער ווי אין רוסלאַנד, קיין מאָל נישט גענוג. זיי האָבן תּמיד באַהאַנדלט די מענטשן לויטן אַלף־בית, בין איך מיט מיין „ש״, דער לעצטער אות אין רוסישן אַלפאַבעט, געבליבן פון די לעצטע און ס׳איז מיר קיין מאָל גאָר־נישט אָנגעקומען. איך האָב געמוזט אַרבעטן אין מיינע אייגענע קליידער. נאָר אויף די פיס האָט מען מיר געגעבן אַ פּאָר שטרויענע לאַפּטשעס און אָניצעס.

נישט וואָרטנדיק ביז די 14 טעג קאַראַנטין וועלן זיך ענדיקן, וואָס ס׳קומט לויטן רעגולאַמין אַלע נייע אַרעסטאַנטן, איז מען באַלד דעם 2טן טאָג געקומען פרעגן, ווער ס׳וויל „פרייוויליק״ שוין אָנהייבן אַרבעטן, דער קאָן זיך מעלדן, וועט ער באַקומען בעסער עסן און ביים באַפרייען וועט ער אויך האָבן פאַרשוס.

איך האָב זיך, נאַטירלעך, גלייך געמאָלדן. אַ גרויסער טייל פון די פּאָליאַקן און אַ קלענערע צאָל ייִדן, האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און געגאַנגען אַרבעטן ערשט נאָך די 2 וואָכן.

אין לאַגער גופא איז אונדזער באַוועגונגס־פרייהייט נישט געווען באַ־

גרענעצט. מיר האָבן געקאָנט אַריינקומען אין יעדן באַראַק (אויב נאָטיר־לעך דער דניעוואַלני, דער שמש פון באַראַק, האָט דערלויבט). אָבער דער לאַגער איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן הילצערנעם פּלויט, פון אינעווייניק און מיט דראָטן, כּדי קיינער זאָל זיך נישט קאָנען דערנענטערן צום פּלויט. די וועכטער אויף די טורעמלעך וואָס האָבן זיך געפונען אין אַלע 4 ווינקלען פונעם לאַגער, האָבן געהאַט אַ באַפעל נאָך אַ וואָרענונג צו שיסן אויף די וואָס באַטרעטן די פאַרבאָטענע זאָנע.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט אין לאַגער איז געווען אַן איבערראַשנ־דיקע. די ערשטע גרופּן, וואָס זענען געקומען צוריק פון באָד און פונעם עסן האָבן דערציילט, אַז אין דער קיפּיאַטילקע שטייט אַ ייִד מיט באָרד און פּאות און פרעגט זיך נאָך אויף פרומע ייִדן. גלייך נאָכן עסן בין איך גע־גאַנגען זען דעם ייִד.

נאָכן אויסשטרעקן אים „שלום עליכם אַ ייִד", האָב איך אים געפרעגט ווי קומט ער אַהער. די געשיכטע, וואָס ער האָט מיר דערציילט קלינגט ווי טויזנט און איין נאַכט:

ער הייסט ליבערמאַן און איז געווען אַ שוחט אין לענינגראַד מיט אַ מאָנאַטלעכן רעגירונגס־לוין פון 350 רובל. ער האָט געמעגט שעכטן נאָר עופות פאַרן ביסל נאָך פאַרבליבענע פרומע ייִדן אין לענינגראַד. דעם שחיטה־פּרייז, אין דער הייך פון 1.50 רובל, האָט ער באַדאַרפט אָפּגעבן דער רעגירונג, און די ראַטנמאַכט האָט צו דעם נישט דערלייגט. ביז ס'איז צו אים געקומען אַ דעלעגאַציע פון רוסישע פּויערים, סאָבאָטניקעס, וועלכע האַלטן פון שבת און אים איינגעלאַדן אַלס דעם איינציקן אָפיציעלן גייסט־לעכן, וואָס איז אָנערקענט דורך דער מאַכט, צו זיי אין די דערפער, ער זאָל זיי לערנען ווי אַזוי אָפּהיטן דעם שבת. ער איז צו זיי געפאָרן אויף יעדן שבת און אָנגעהויבן מיט זיי לערנען מדרש און תּנ"ך. דער ראַטנמאַכט איז עס נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט אים עטלעכע מאָל איינגעלאַדן און געוואָרנט, אַז מ'איז אים חושד אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און אין פאַרשפּרייטן רעליגיע, ער דאַרף עס אויפהערן. ווייל ער האָט נישט אויפגעהערט באַזוכן די סאָבאָטניקעס יעדן שבת, האָט מען אים אין 1936סטן יאָר אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 10 יאָר אַרבעטס־לאַגער.

אין לאַגער האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן זיינע אמתע צרות. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט עסן די לאַגער־מאכלים, חוץ טרוקן ברויט און הערינג. דאָס וואָלט נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. ער האָט זיך אויך קאָ־

טעגאַריש אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן שבת. אין אָנהייב האָבן די אַרעסטאַנטן פון אים געלאַכט און געזאָגט, אַז דער לאַגער האָט שוין שטאַרקערע פון אים איינגעבראָכן. „אָבער נישט ליבערמאַנען" — האָט ער געענטפערט. יעדן שבת, בעת מען האָט אים מיט כּוח געצוווּנגען אַרבעטן אין וואַלד, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ פּיען פון אַן אָפּגעשניטענעם בוים, אָנגעטאָן דעם טלית, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, און גענומען דאַווענען און זאָגן תּהילים פון אויסנווייניק. ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין קלעפּ, קיין געשרייען און קיין אָפּשרעקונגס־שאָסן פון די סטרעלקיס.

די סטרעלקיס האָבן נאָך דאַן געצוווּנגען די אַרעסטאַנטן צו אַרבעטן, ווייל זיי האָבן באַקומען זייער לוין לויט די נאָרמעס וואָס די בריגאַדעס, וועלכע זיי האָבן באַוואַכט, האָבן אויסגעאַרבעט. דער אַרבעטס־סיסטעם האָט דערפירט, אַז אַ העלפט פון די אַרעסטאַנטן זענען געפאַלן אונטערן שווערן יאָך פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט. דער סיסטעם איז שפּעטער אָפּ־געשאַפט געוואָרן. ווען מיר זענען געקומען אין לאַגער האָבן די סטרעל־קיס נישט געהאַט מער קיין רעכט זיך צו מישן אין דער אַרבעט, נאָר באַ־וואַכן די אַרעסטאַנטן. דער „פּראָראַב" און דער בריגאַדיר האָבן באַדאַרפט זיי אונטעריאָגן. און ווייל יעדע בריגאַדע האָט באַקומען דאָס עסן פונעם קעסל, לויט די אויסגעאַרבעטע נאָרמעס, האָבן שוין די אַרעסטירטע אַליין אונטערגעיאָגט איינער דעם אַנדערן צו אַרבעטן צו וואָס שנעלער און בעסער.

דעם ערגסטן שבת האָט דער אָרעמער ליבערמאַן דורכגעלעבט בעת מען האָט אים געשיקט אַרבעטן מיט דער „מאַלאָלעטקע", אַ בריגאַדע פון יוגנטלעכע פאַרברעכער ביז 15 יאָר. זיי האָבן באַקומען פרייע הענט צו צווינגען דעם ייִד צו אַרבעטן שבת. זיי האָבן קודם כּל צעריסן זיין טלית, געוואָרפן אים אויף דער ערד, געריסן אים די באָרד און פּאות. די אָנווועזנ־דיקע סטרעלקיס האָבן נישט געקאָנט צוקוקן ווי די ווילדע חיות אויף 2 פיס צערייסן זיי אין די אויגן אַ לעבעדיקן מענטש, און ווען נישט זיי וואָלט ער שוין נישט געלעבט.

נאָך דעם פאַל האָט מען אים מער נישט געצוווּנגען גיין שבת אין וואַלד צו דער אַרבעט, נאָר אים באַשטראָפט מיט קאַרצער. פון פרייטיק־צו־נאַכטס ביז שבת־צו־נאַכטס איז ער געזעסן אין קאַרצער מיט 400 גראַם שוואַרץ ברויט און אַ טעפּל וואַסער. אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער, אָן פענצטער, אויף נאַקעטע ברעטער. אַזוי האָט ער פאַרבראַכט די שבתים.

זיין פרעסטיזש אין לאַגער האָט זיך געהויבן. נאַטשאַלסטווע און די אַרעסטירטע האָבן אים אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַ הייליקן. זיין לאַגע האָט

זיך פֿאַרבעסערט בעת מען האָט געבראַכט אין לאַגער אַן אָנפֿירער פֿון אַ באַנדיטן־שייקע, אַ מאַכמעדאַנער פֿון די קאַווקאַזער בערג־שבטים. אויך ער האָט דערקלערט אַז ער אַרבעט נישט פֿרייטיק. ער האָט שוין נישט דורכגעמאַכט די אַלע נסיונות. קודם־כל צוליב זיין כּוח און ווילדקייט, פֿאַר וואָס אַלע האָבן געציטערט. און צווייטנס, האָבן זיי איינגעזען, אַז רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם איז שטאַרקער פֿון דעם קאָמוניסטישן אַטעיִזם. די לעצטע האָבן זיך טאַקע אין די טורמעס און לאַגערן באַלד צוזאַמענגע־בראָכן, זיך מודה געווען אין די ערגסטע נישט באַגאַנגענע פֿאַרברעכנס, אַבי נישט צו כאַפּן קיין איבעריקע קלעפּ.

מ׳האָט זיי ביידע אַריינגעזעצט אויף 2 שיכטן אין דער קיפּיאַטילקע, ווייל הייסע, געקאָכטע וואַסער האָט געמוזט זיין אין לאַגער גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת. פֿון דאָנערשטיק אָוונט ביז פֿרייטיק פֿאַר נאַכט האָט ליבער־מאַן געקאָכט דעם קיפּיאַטאָק אין 2 שיכטן, איינע פֿאַר זיך און איינע פֿאַרן מאַכמעדאַנער. פֿון פֿרייטיק־צו־נאַכטס ביז שבת־צו־נאַכטס האָט געקאָכט די וואַסער דער מאַכמעדאַנער אויך אין 2 שיכטן — איינע פֿאַר זיך און די צווייטע פֿאַר ליבערמאַנען.

אַזוי האָט ער געלעבט אין לאַגער שוין דאָס פֿערטע יאָר און קיין פֿרו־מען ייִד נישט געטראָפֿן. איך האָב אים דערציילט, אַז ביי אונדז אין ברי־גאַדע איז דאָ אַ פֿרומער ייִד פֿון סאַנאָק, אַ שניט־סוחר, וועלכער קען אויך די גאַנצע תּורה אויסנווייניק. איך האָב גלייך אויך וועגן אים צוּוויסן גע־טאָן דעם סאַנאָקער ייִד (לאַנגזאַם איז געווען זיין נאָמען), אַז זיין גלייכן וויל אים זען. טראָץ מיין אַטעיִזם בין איך געווען גערירט בעת די 2 פֿרומע ייִדן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און באַלד זייער שמועס פֿאַרבראַקט מיט אַ פּלפּול און אַ פּשטל, אַלץ אויסנווייניק.

לאַנגזאַם האָט אים גלייך דערקלערט, אַז אויך ער שטייט צו צו לי־בערמאַנען נישט צו אַרבעטן אין שבת. ליבערמאַן האָט אים אָבער באַ־שווירן ער זאָל עס נישט טאָן, כּל זמן ער געפֿינט זיך אין דעם לאַגער, ווייל מען וועט אים גלייך באַשולדיקן אין דעם. ער, ליבערמאַן, וועט שוין פֿאַר אים אַלץ טאָן וואָס אַ פֿרומער ייִד דאַרף טאָן און אויף זיך נעמען אַ העלפֿט פֿון די עבֿרות וואָס לאַנגזאַם וועט באַגיין אַרבעטנדיק אין שבת. מיט אַ שווער געמיט האָט לאַנגזאַם מסכּים געווען צו אַרבעטן אין שבת און נישט שאַדן ברענגען ליבערמאַנען.

אונדזער ערשטע אַרבעט איז באַשטאַנען אין רייניקן דעם שניי. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט מיט לאָפּעטעס, בעזעמער און אַנדערע כּלים און געהייסן רייניקן דעם שניי פון וועג, שאַפן אַ גלייכע טראַסע, זי באַגיסן מיט וואַסער, און נאָך דעם ווי דאָס וואַסער וועט פאַרפרוירן ווערן, וועט זיך אַזוי אַרום שאַפן אַ גוטער שאָסיי, מיט די ביליקסטע מיטלען, אויף וועלכן איין גוט געשמידטער פערד קאָן שלעפן אַ שליטן מיט קלעצער. זומער האָט מען געלייגט אויף דעם וועג הילצערנע רעלסן צו פירן דאָס געהילץ.

ביים רייניקן דעם שניי האָט זיך אויסגעצייכנט אַ יונגער, אינטעליגענטער און געזונטער פּאָליאַק, מיט זיין שנעלער און ריינער אַרבעט, און מיט זיין הומאָר, וואָס האָט אים אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלאָזט.

בעת דעם רויכער־איבעררייס האָב איך אים געפרעגט פאַר וואָס ער זיצט און וואָס איז זיין אורטייל. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז פאַר־משפּט אויף 8 יאָר פאַר קאָנטער־רעוואָלוציע אָבער זיין אמתע שולד באַ־שטייט נאָך פון זיין דינען אין פּוילישן מיליטער אויף אַ פּאַנצער־צוג אַלס הייצער. ער האָט געעפנט אַ פייער אויף רויט־ארמייִשע אָפּטיילונגען, בעת זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו ווילנע, אין סעפּטעמבער 1939. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שווערע שלאַכט צווישן דעם פּאַנצער־צוג און די רויט־אַרמייער, אין וועלכער ס'זענען געפאַלן צענדליקער טויטע און פאַרוווּנדעטע. נאָר ווען אין פּאַנצער־צוג איז מער נישט געווען קיין אַמוניציע, זענען זיי געבומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די פּוילישע אָפיצירן האָט מען אינטערנירט ערגעץ אין אַ לאַגער און די געוויינטלעכע זעלנער און באַ־דינער וועלכע האָבן זיך כּמעט נישט באַטייליקט אין דער שלאַכט, זענען אַלס קריגס־געפאַנגענע באַפרייט געוואָרן. מען האָט זיי אָבער דאָס נישט פאַרגעסן. נאָך עטלעכע מאָנאַטן האָט מען יעדן באַזונדער פון זיי אַרעס־טירט. שוין אַלס ציווילע בירגער זענען זיי באַשולדיקט געוואָרן ווי גע־העריק — מיט אַ פּאַראַגראַף, און דער קלענסטער אורטייל איז געווען 8 יאָר. „אַדאַנק מיין געאיבטקייט פון שיטן קוילן מיט דער פלאַכער לאָ־פּעטע אין פּאַראַוואָז, קאָן איך איצט געשיקט, שנעל און ריין רייניקן דעם שניי" — האָט ער פאַרענדיקט.

אָבער ביים גראָבן גרויסע, איין־מעטערדיקע טיפע גריבער אין דער פאַרפרוירענער ערד, האָבן אים די אוקראַיִנער פיל איבערגעשטיגן און אונדז ייִדן אין גאַנצן געשטעלט אין שאָטן. איך האָב שוין אין מיין לעבן געזען פאַרשיידענע אונטערשיידן צווישן שנעלן און פּאַמעלעכן אַר־בעטן. אָבער אַזעלכע געוואַלדיקע אונטערשיידן ווי דאָ, האָב איך נאָך נישט

געזען. אויף מיינע 10 סאַנטימעטער אויסגעגראָבענע ערד אין די 8 שעה, האָט אַ געוויסער אוקראַיִנער אויסגעגראָבן אַ גאַנצן קוב־מעטער. איך האָב קודם ריין אָװעקגערוימט דעם שניי, מיט אַ האַק צעהאַקט דאָס אייז אונטערן שניי, און דאַן מיט אַ לאָם אָדער האַק געפּרוּווט גראָבן די גע־פרוירענע ערד. נאָך 10 קלעפּ זענען מיר די הענט אָראָפּגעפאַלן און כ׳האָב געמוזט אַ לענגערע צייט זיך אָפּרוען.

זיי האָבן געזען, אַז פון ביסל ייִדעלעך וועלן זיי ביים גראָבן די גרי־בער קיין נחת נישט האָבן, האָבן זיי פון אונדז געבילדעט א ס.ס (סלאָבאָ סילנאָ בריגאַדע) צו פאַרשיידענע אַרבעטן און שפּעטער אונדז איבערגע־וואָרפן צו דער האָלץ־פּראָדוקציע.

ווינטער האָט מען אין אַלגעמיין נישט געלייגט קיין ביימער, צוליב די טיפע שנייען. ס׳וואָלטן געבליבן בוים־וואָרצלען אַ מעטער איבער דער ערד. נאָר אין אויסנאַם־פאַלן האָט מען ווינטער געלייגט ביימער. דאַקעגן האָט מען אין ווינטער באַאַרבעט דאָס פון זומער געשניטן האָלץ, וואָס מען האָט געשלעפּט פון טייך און שטאַבילירט אויפן ברעג.

די אַרבעטס־גרופּן אין די לאַגערן ביי די ברעגן פון טייך אַרויף, האָבן די געשניטענע ביימער, נאָכן אַרומהאַקן די צווייגן, זיי געקייקלט און גע־וואָרפן אין וואַסער אריין, וואָס האָט זיי געטראָגן מיטן שטראָם צו די לאַגערן ביים טייך־אַראָפּצו. דאָרט האָט מען די קלעצער באַאַרבעט. ברען־האָלץ האָט מען געשניטן אַ מעטער די לענג מיט אַ פּענדל־זעג און עס געשפּאָלטן, מיט העק און הילצערנע קליינעס. דאָס האָלץ האָט מען געלייגט אין שטאַ־בילן, נאָענט פון דער באַן־ליניע אויף אַ הייך פון 2 מעטער, איין ריי אין דער לענג און די צווייטע אין דער ברייט.

דאָס ברען־האָלץ האָט מען געשניטן פון פאַרפוילטע ביימער־שטאַמען. פון גוטע געזונטע שטאַמען האָבן מיר געשניטן ברעטער פון פאַרשיידענער דיק. מיר האָבן אויך געשניטן שוועלן פאַר די באַן־ליניעס און טעלעפאָן־סלופּעס פון דינע שטאַמען. אויך די אַזוי גערופענע „דאָראָזשני קירפּי־טשי״ (וועג־ציגעלעך). די קלעצלעך אין דער פאָרעם פון ציגל — האָט מען געשניטן פון דעם קלעצער־אָפּפאַל, קירצער פון אַ מעטער, מיט זיי האָט מען געפלאַסטערט גאַסן אין די גרויסע שטעט פון רוסלאַנד.

איבער אונדזער בריגאַדע אין האָלץ־סקלאַד, ביים סאָרטירן און שטאַ־בילירן די ברעטער איז געווען אַ וואַרשעווער ייִדישער קאָמוניסט מילשטיין. ער איז אומלעגאַל אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיין ברודער, וועל־

כער איז געווען אַ מיטגליד אין פּאָליט־ביוראָ אין 1923. בעת די טשיסט־קעס, אין די יאָרן 1936—1937, האָט מען אים אַרעסטירט אין אירקוטסק, ווו ער האָט געוווינט מיט אַ רוסישער פרוי און אַ זון. אין דער נ.ק.וו.ד. האָט מען אים אונטערגעהאַקט די נירן, ער זאָל זיך מודה זיין, אַז די פּוי־לישע „דוואָיקע" (שפּיאָנאַזש אָפּטיילונג) האָט אים ספּעציעל געשיקט קיין ראַטן־פאַרבאַנד אונטערן מאַנטל פון אַ פאַרפאָלגטן קאָמוניסט, כּדי אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן. בעת ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כּוח און זיך מודה געווען, אַז ער האָט געוואָלט אויפרייסן די בריק איבערן אירטיש, האָט אים דער פאַרשער געזאָגט: „צו פיל מענטשן האָבן זיך שוין אין דעם מודה געווען, קלער אויס עפּעס אַנדערש". ער זיצט שוין דאָ 4 יאָר מיט אַן אורטייל פון 10 יאָר.

זיין עלטערער ברודער, דער מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ, זיצט ערגעץ אין אַ לאַגער אין פּערעפּיסקי און ער ווייסט גאָרנישט וועגן אים. דאָ אין לאַגער איז ער געוואָרן אַ בראַקער, און ער שטעלט פעסט מיטן ערשטן בליק, צו וואָס יעדער שטאַם קאָן גענוצט ווערן.

אין אַלגעמיין האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז די מערהייט נישט־יידישע אַרעסטאַנטן זענען נישט געזעסן אומזיסט. אין דער ערשטער ריי זענען זיי געזעסן פאַר אַנטיסעמיטיזם און האָבן עס דאָ אין לאַגער אַפילו נישט געפּרוווט פאַרבאַרגן; נאָך זיי אַ גרויסע צאָל פּויערים, וועלכע האָבן מיט גוטן נישט געוואָלט צושטיין צו די קאָלכאָזן; און דייטשן פון דער וואָלגער רעפּובליק, פאַרן זעלבן פאַרברעכן. די לעצטע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט און זיך נישט געלאָזט, בשום אופן, אַריינציען אין קיין שום פּראָוואָקאַטיווע געשפּרעכן. זיי האָבן געדולדיק געוואַרט אויף דער באַפרייונג און זענען שרעקלעך אַנטוישט געוואָרן, ווען איינער פון זיי, אַ 60 יאָריקער זקן, האָט נאָכן אָפּזיצן דעם קלענסטן אורטייל פון 3 יאָר, באַקומען אַ באַפעל צו בלייבן זיצן ווייטער אין לאַגער „צוליב דער אומ־זיכערער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע"...

עס זענען אויך געווען פיל אומשולדיקע קרבנות, ווי יידישע קאָמוניסטן פון ליטע, וועלכע האָבן זיך וואַרבירט לעגאַל קיין בירָאָבידזשאַן כּדי אויפ־בויען דאָרט דעם יידישן אויטאָנאָמען געביט. די גרעסטע מערהייט, מענער און פרויען פון בירָאָבידזשאַן זענען אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן. איינע אַזאַ פרוי, וועלכע האָט פאַרטיילט קיפּיאַטאָק, האָט געזאָגט: „איצט ווען ראַטן־פאַרבאַנד האָט שוין איינגעגלידערט מיין פאָטערלאַנד, ליטע, אין

די 18 סאָוויעטישע רעפּובליקן, האָט שוין נישט קיין שום גרונט, מען זאָל מיך נאָך האַלטן אַרעסטירט אונטער דער באַשולדיקונג פון שפּיאָנאַזש, ווייל מענטשן קאָנען איצט עדות זאָגן וועגן מיין אומשולד".

צו דער טאָג־אַרבעט, וואָס האָט געדויערט 12 שעה, האָבן מיר זיך שנעל צוגעוווינט און געגלייבט, אַז מיט אַ ביסל בעסער עסן, וואָלטן מיר געקאָנט איבערלעבן די שווערע אורטיילן. אָבער די נאַכט־שיכטן, וועלכע האָבן אויך געדויערט 12 שעה, זענען געווען שרעקלעכע. אין די וואָכן פון נאַכט־אַרבעט, האָבן מיר אויף זיך געבעטן דעם טויט. עס האָט פאַרפליכטעט אַ געזעץ, אַז אין אַ פראָסט פון 40 גראַד און מער אָן אַ ווינט, אָדער אין אַ פראָסט פון 37 גראַד מיט אַ ווינט — גייט מען נישט אַרויס צו דער אַרבעט.

מאַכט זיך איין מאָל אַ פראָסטיקע נאַכט פון 36 גראַד מיט אַ ווינט און מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט. צו מיין אומגליק האָט מען מיך געשיקט צוזאַמען מיט אַ ריזיק הויכן רוס, אַן אַלטן אַרעסטאַנט. מיר האָבן ביידע געדאַרפט צונעמען דאָס געשפּאָלטענע האָלץ צום הייצן אויוונס און שמעלצן שטאָל, וואָס מ'מוז צומישן צו קוילן און טאָרף.

דאָס האָלץ האָבן מיר געדאַרפט לייגן צווישן 2 קלאַדקעס און 2 מעטער די הייך. צוליב מיין נידעריקן וווקס האָב איך, בשום אופן, נישט געקאָנט אַזוי הויך גרייכן מיט די שווערע פאַרפרוירענע קלאַדעס. איך האָב געהאָפט, אַז מיין פּאַרטנער, דער רוס, וועט מיט זיין הייך דערגעגנצן ביז 2 מעטער. ער האָט אָבער מיט פאַרביסענער עקשנות נישט דערגענצט מיין הייך, נאָר זיינע. ער האָט גענומען באַזונדער לייגן זיין האָלץ, כּדי צו ווייזן מיין שלעכטע אַרבעט. דערצו זענען נאָך די שפּאַלטערס געווען פון אַ בריגאַדע קאַרפּאַטן־רוסישע פּויערים, וועלכע זענען ביים האָלץ געווען די גרעסטע מזיקים. יעדע ווילע זענען זיי צוגעקומען מיט געשרייען, אַז מיר באַווייזן נישט אָפּצורוימען דאָס צעשפּאָלטענע האָלץ און זיי קאָנען נישט ווייטער גיין. דער רוס האָט מיך באַשולדיקט. דער אויפזעער האָט ביי מיר אָפּגעמאָסטן אַ גרעסערן שטח פון שטאַבילירט האָלץ, אָבער נאָר פון אַנדערטהאַלבן מעטער. ביים רוס, דאַקעגן, איז דער שטאַביל געווען אַ ביסל קירצער, דערפאַר אָבער גאַנצע 2 מעטער די הייך. אַלע האָבן געפסקנט, אַז כ'דאַרף דערגענצן ביז 2 מעטער. פון גרויס אָנשטרענגונג האָב איך געפילט, אַז כ'פאַרליר די כּוחות און אָנגעהויבן אָפּשטיין. מיט צאָרן און כעס האָב איך אויפגעהערט אוועקצונעמען דאָס צעהאַקט האָלץ.

זייענדיק פֿאַרשוויצט האָט מיך דער קאַלטער ווינט אַרומגענומען און די נאַסע וועש אויף מיין קערפּער האָט געפּרירט שניידנדיק ווי מיט מעסערס. דער רוס האָט געזען, אַז ער וועט מוזן אַליין צונעמען דאָס האָלץ פֿון די קאַרפּאַטן־רוסישע שדים, אויב מיר וועט עפּעס געשען. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס שפּרינגען צו דערגרייכן די 2 מעטער מאַטערט מיך אַזוי, אַז כ'האָב שוין מער נישט קיין כּוח צו אַרבעטן און איך וויל שוין ליבערשט דיים טויט, איידער צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אַזעלכע ווילדע חיות ווי ער. ער האָט מיך איבערגעבעטן, געדריקט די האַנט און געהייסן לייגן דאָס האָלץ נישט מער ווי איין מעטער די הייך און גיין ווייטער. ער וועט שוין דערגענצן ביז די 2 מעטער. מיר זענען געוואָרן די בעסטע גוטע ברידער און ווען ס'איז אויסגעקומען צו שטאַבילירן האָלץ, האָבן מיר געבעטן דעם בריגאַדיר, ער זאָל אונדז שטעלן צוזאַמען צו דער אַרבעט.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַן אינזשעניר פֿון קאַנאַל־בוי, און זיין פֿרוי, וועלכע ער האָט פֿאַרראַטן, האָט אים באַשולדיקט אין טראָצקיזם. זי האָט אַליין עדות געזאָגט קעגן אים און ער האָט באַקומען 10 יאָר. 4 יאָר זיצט ער שוין. ער וואָלט שוין פֿון לאַנג אויסגעגאַנגען, ווען נישט די זעלבע פֿרוי, וואָס האָט אים פֿאַרמסרט, האָט אים נאָך אַלץ ליב און שיקט אים פּעקלעך. זי האָט אים מיט 2 יאָר צוריק באַזוכט. זי וויל איצט דערקלערן, אַז איר עדות זאָגן איז געווען אַ ליגן. ער אָבער ווייסט, אַז זי וועט זיך פֿאַרשיטן און אים וועט זי נישט ראַטעווען. דעריבער, האַלט ער זי אָפּ מיט אַלע מיטלען און טרייסט איר מיט דער האָפֿענונג, אַז צו די אָקטאָבער פייערונגען, פֿון 25 יאָר רעוואָלוציע, וועט זיכער זיין אַן אַמנעסטיע און ער וועט באַפֿרייט ווערן.

ס'איז געווען אינטערעסאַנט צו זיצן מיט דעם מענטש אין די נעכט ביים פייער אין די הפסקות צום רויכערן און אויסהערן זיינע אויספֿירן. צווישן אַנדערע האָט ער אונדז געמאַכט אַזאַ חשבון: אונדזער נומער פֿון פּאָסט־קעסטל איז 13,200. יעדער לאַגער האָט אַ באַזונדערן נומער און אין יעדן לאַגער געפֿינען זיך אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל אַרעסטירטע, דער סך־הכּל איז — 30 מיליאָן. אַז מען רעכנט נאָך צו די אומצאָליקע לאַגערן אָן פּאָסט־קעסטלעך (בעז פּערעפּיסקי), קומט אויס, אַז היינט צו טאָג זיצן אין רוסלאַנד 40 מיליאָן אַרעסטירטע פֿון אַ באַפֿעלקערונג פֿון 200 מיליאָן. פֿון די 200 מיליאָן וועלן נאָך אַלע איבעריקע אויך זיצן.

קיינער האָט אים נישט געגלייבט, ווייל ער איז אַליין אויך נישט געווען זיכער מיט זיין חשבון. אָבער שפּעטער בעת כ'האָב אַליין געדינט אין

נ.ק.וו.ד. האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט, אַז פאַרן צווייטן וועלט־קריג זענען אין רוסלאַנד געזעסן ביי אַ 40 מיליאָן אַרעסטירטע.

אָנקומענדיק אין לאַגער האָב איך געשריבן צו מיין שוועסטער און ברודער, און צו אַנדערע באַקאַנטע אין מערב אוקראַינע, ווי כ׳געפין זיך, אַז כ׳נייטיק זיך אין הילף, פּעקלעך, געלט א.א.וו. דער ענטפער האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּעקלעך מיט פעטס, קאַשע, פּאָווידלע, צוקער און דער עיקר טאַבאַק. אַזוי ווי איך האָב נישט גערויכערט, האָב איך דעם טאַבאַק פאַרקויפט, אַנ־דערע זאַכן געטוישט, אָדער מיט זיי איבערגעקויפט דעם בריגאַדיר, ער זאָל מיך שטעלן צו אַ בעסערער און גרינגערער אַרבעט.

מיט גרויס סאַטיספאַקציע האָב איך געזען, ווי די גרעסטע אַנטיסע־מיטן, וועלכע האָבן פריִער פון אונדז חוזק געמאַכט און אונדז אָנגעטאָן געבערענטע צרות, זענען איצט אונטערטעניק צוגעקומען צו מיר און גע־בעטן אַ קאָסטקע צוקער, וואָס זיי האָבן שוין 4 יאָר נישט געזען.

טראָץ אַלעמען איז מיר דאָך נישט געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין דער סטאָליערײַ. דאָקעגן האָט מען מיך איבערגעפירט אין ברעטער־סקלאַד, ווּ כ׳האָב געאַרבעט אַלס פּאַרטנער מיט אַ יונגן אוזבעק, אַ קאָמ־סאָמאָלעץ וואָס האָט אייפעריק געהאָלפן איינפירן ביי זיך אין כוטאָר די קאָלעקטיוויזאַציע. ער איז אַפילו אַרויסגעטראָטן קעגן זיין אייגענעם פאָ־טער, אַ רייכן קולאַק. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט מסכּים זיין מיט דער אַנטי־רעליגיעזער העצע, ווייל ער איז געווען אַ גלייביקער מאַכמעדאַנער און דאָ איז ער ניכשל געוואָרן. צוערשט האָט מען אים אויס־געשלאָסן פון קאָמסאָמאָל, נאָך דעם האָט מען אים באַזייטיקט פון קאָל־כאָז און ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן און ער האָט אָרגאַניזירט אַן אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן די פאַרשיידענע אַנטי־רעליגיעזע אַקציעס, זענען זיי טאַקע אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער אים האָט מען אַרעס־טירט און פאַרשיקט מיט אַן אורטייל פון 10 יאָר.

ער האָט גוט געקענט תּנ״ך. בעת מיר האָבן געטראָגן צו 2—8 מע־טערדיקע ברעטער, ער ביי איין עק און איך ביים צווייטן, האָבן מיר זיך דערציילט מעשׂהלעך פון תּנ״ך, וועלכע האָבן אין די שרעקלעכע לאַגער־באַדינגונגען אונדז אויסגעזען ווי וווּנדערבאַרע לעגענדעס. ער האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן וועגן אברהם אָבינו, וועמענס נאָמען ער האָט גע־טראָגן. מען האָט אים גערופן איבראַהים.

איך האָב אים דערציילט פאַרשידענע לעגענדעס וועגן אברהם אָבינו, וואָס זענען נישט געווען באַשריבן אין חומש, וועלכע איך האָב געדענקט פון רש״י און פון אַנדערע מקורות, מיט וועלכע כ׳האָב זיך אָנגעזאַפּט אין מיינע קינדער־יאָרן. זיין שׂימחה איז געווען גרויס און ער האָט מיר ליב געקריגן ווי אַ ברודער.

מיט די מעשׂיות זענען די טעג פאַריבער שנעל און מיר האָבן נישט געפילט די מידקייט. דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט דאָס אָבער איין מאָל באַמערקט און פאַראָרדנט מען זאָל אונדז צעשיידן, ווייל מיר פילן נישט אויס די נאָרמע, ווייל מ׳גייט אַ גאַנצן וועג און מ׳דערציילט זיך מעשׂיות. דער בריגאַדיר האָט אים פאַרזיכערט, אַז סאָלאָמאָן מיט איבראַהימען זענען די בעסטע פּאָר ברעטער־טראָגער און סאָרטירער און שטעלן די שענסטע שטאַבילן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. צו מאָרגנס האָב איך שוין גע־אַרבעט מיט אַן אַנדערן נאַפּאַרניק. דאָס איז געווען אַ געזונטער, הויכער גוי, וועלכער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן קריגן. ער האָט געטענהט, אַז ער טראָגט נישט ווייניקער ווי 6 ברעטער און אויך איך מוז טראָגן אַזאַ צאָל. איך האָב נישט מסכּים געווען און ביי אַ 2 שעה זענען מיר ביידע געשטאַ־נען און זיך אָנגעקוקט ווי צוויי הענער. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז מיר וועלן דעם טאָג נישט אויספילן די נאָרמע, וועלן מיר באַקומען אין דער פרי און אין אָוונט נאָר אַ זופּ, אָנשטאָט אַ זופּ מיט קאַשע און מיר וועלן אויסציִען די קאַפּיטעס. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב פּעקלעך פון דער היים און כ׳וועל חלילה נישט הונגערן.

איבראַהים דאַקעגן האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן מיטן נייעם פּאַרטנער און מען האָט אים גלייך אָפּגעפירט אויף 3 טעג אין קאַרצער.

ענדלעך האָט דער לאַגער־נאַטשאַלניק געפּסקנט, אַז כ׳טאָר נישט אָפּ־שטיין פון מיין פּאַרטנער. אויב ער וויל ווערן אַ סטאַכאַנאָוויעץ און מער אַרבעטן, האָב איך נישט קיין רעכט אים דערפון אָפּצוהאַלטן. איך האָב דאַן באַשלאָסן אָנווענדן אַ דרייסט און געפּערלעך מיטל: איך בין איינגעגאַנגען צו טראָגן מיט אים 6 ברעטער מיט אַ מאָל, נאָר מיטן באַדינג, אַז ער זאָל דער ערשטער אויפהייבן די ברעטער אין זיין זייט. מיט גרויס מי האָט ער אויפגעהויבן זיין עק ברעטער. די גאַנצע בריגאַדע איז געשטאַנען און אָבסערווירט וואָס וועט דאָ געשען. מיינע אויגן זענען מיר שיִער נישט אַרויס פון די לעכער פון אָנשטרענגונג בעת כ׳האָב אויפגעהויבן מיין עק

ברעטער. איך האָב געפילט, אַז מיינע אַלע אָדערן און מוסקלען זענען אָנ־געשטרענגט ביז צום פּלאַצן. איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט, ווייסנדיק, אַז כ׳לערן דערמיט אַן אַ באַנדיט און אַנטיסעמיט אויפן גאַנצן לעבן. ווי לונאַטיקער האָבן מיר געשלעפּט די פּיס און די 6 ברעטער ביז צום שטאַביל. באַגאַסענע מיט שווייס האָבן מיר זיך אַנגעשפּאַרט אין די שטויסן ברעטער און שווער געאָטעמט. איך בין אָבער באַלד אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריִען: „העי דו פּוילער, וואָס שטייסטו? מ׳דאַרף אַרבעטן!" ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, אויף מיר אַ קוק געטאָן און פויל זיך געשלעפּט נאָך מיר. איך האָב אָנגעהויבן צונויפלייגן 6 ברעטער און שאַרף באַפוילן: „הייב אויף, הינטישער זון, אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין!" ער האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף די אַנדערע פון דער בריגאַדע, ווי ער וואָלט ביי זיי געזוכט שוץ. זעענדיק זייערע פיינדלעכע פּנימער, האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופן: „הער פריינד (דרוג), לאָמיר אַוועקוואַרפן און נע־מען נאָר צו 2 ברעטער". „ניין — האָב איך שטרענג אויסגערופן — נאָר 6, דו הינטישער זון! וואָס האָסטו געמיינט מיט דעם צווינגען מיך צו נע־מען 6 ברעטער, אַז דו וועסט עפּעס דערין פאַרדינען?"

— גלייב מיר, אַז כ׳האָב נאָר געשפּאַסט.

— אַ שיינער שפּאַס — האָב איך געזאָגט — מ׳קאָן דערביי דאָס לעבן פאַרלירן. נו גוט, לאָמיר נעמען צו 4 ברעטער, ווילסטו נישט, וועל איך רופן דעם בריגאַדיר און דעם לאַגער־נאַטשאַלניק, אַזוי ווי דו האָסט עס פריִער געטאָן.

נאָכן אַוועקוואַרפן די 4 ברעטער האָבן מירביידע געפילט, אַז מיר זענען דערשעפּטע. ער האָט צו מיר דאַן געזאָגט:

— קום, לאָמיר אויסזוכן אַ ווינקל און צוזיצן די עטלעכע שעה, ווייל כ׳פיל, אַז די פיס טראָגן מיך נישט מער.

— דאָס פאַרשטיי איך, איצט ביסטו אַ מאַלאַדיעץ!

— גלייב מיר, אַז דאָס האָבן מיר מענטשן אָנגערעדט, כ׳זאָל דיך אָנלערנען, ווייל דו האָסט זיי נישט מכבד געווען מיט שטיקלעך צוקער. צווישן זיי אויך דער בראַקער מילשטיין.

איך בין באַלד צוגעגאַנגען צו מילשטיינען און אים מכבד געווען מיט ווייסע סוכאַרעס און עטלעכע שטיקלעך צוקער, און זיך פאַר אים אַנט־שולדיקט, וואָס כ׳האָב אין אים פאַרגעסן.

אויפן דריטן טאָג האָב איך שוין צוריק געאַרבעט מיט איבראַהימען ביז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פונעם לאַגער.

עס האָט זיך דערנענטערט דער פּסח און ליבערמאַן האָט, ווי יעדעס יאָר, באַקומען פון דער היים אַ פּעקל מצה שמורה, שוואַרץ ווי קויל. צו זיין גרויס באַדויערן האָט ער נישט געקאָנט טיילן די מצה מיט לאַנגזאַמען, ווייל ס'איז געווען זייער ווייניק. אַנשטאָט דעם האָט ער אים געגעבן זיין פּאַיאָק און אויך לאַנגזאַם האָט געהאַט אַ פריילעכן יום־טוב. זיי האָבן צו־זאַמען אָפּגעריכט דעם סדר. אַז אַך און ווי צו אַזאַ סדר. דער מאַכמעדאַ־נער האָט געמוזט פאַר אים אַרבעטן 3 מעת־לעת אָן אויפהער. ער האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט, ווייל ער האָט אים זייער געשעצט.

נאָך פּסח האָט מען אונדז אַרויסגעשיקט פון דעם לאַגער. אין דער ריי צום אַרויסשיקן האָבן מיר אויך דערזען ליבערמאַנען. אָבער די בילד־שיינע אוקראַינישע, אָדער יִדישע דאָקטערין, אויך אַ פאַרשיקטע, איז צו־געגאַנגען צום נייעם נאַטשאַלניק און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. ליבערמאַן איז געשטאַנען אַ טויט־דערשראָקענער פון דעם וואָס עס דער־וואַרט אים נאָך אַ מאָל. דער נייער נאַטשאַלניק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און די דאָקטערין האָט ליבערמאַנען אַרויסגענומען פון דער ריי און אים צוריק געשיקט אין דער קיפּיאַטילקע.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געגאַנגען אונטער אַ קאָנוואָי, ביז מיר זע־נען אָנגעקומען אין אַ קליינעם לאַגער אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג. דער פּייזאַזש איז געווען מאָלעריש שיין, צו באַוווּנדערן. אָבער דער הונגער איז געווען אַ שרעקלעכער. נאָכן שלינגען די פּאַרציע ברויט מיט טיי זע־נען מיר ווי געהרגעטע אַוועקגעפאַלן אויף די הוילע ברעטער פון באַראַק און באַלד איינגעשלאָפן. ביי נאַכט האָבן מיר זיך פיל מאָל אויפגעכאַפּט פון געשרייען. דאָס האָט מען פון די שלאָפנדיקע אַראָפּגעכאַפּט די רעקלעך, מאַנטלען און דעקן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך צוגעדעקט. ס'איז אוממעג־לעך געווען עמעצן צו כאַפּן, אַזוי פלינק האָבן זיי עס געמאַכט.

אין דער פרי האָבן מיר געזען, אַז אין שכנותדיקן באַראַק ווינען „מאַלאָלעטקע", יונגע פאַרברעכער, מיט וועלכע רוסלאַנד איז אַזוי רייך און קאָן זיך מיט זיי נישט קיין עצה געבן.

די באַרג־לופט האָט געוועקט אין אונדז אַ ריזיקן אַפּעטיט. ביי מיר האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט אַלע רעזערוון פון די פּעקלעך, וואָס כ'האָב באַקומען אין לאַגער „פּערשינאַ". איך האָב שוין אויך נישט געהאַט וואָס צום פאַרקויפן. כ'האָב נאָר געהאַט עטלעכע רובל. אַנדערע האָבן געהאַט מער געלט און זיי האָבן זיך געלאָזט זוכן ברויט צו קויפן.

מיר האָבן געזען געוועזענע פּוילישע אָפיצירן אין זייערע מיליטערישע

היטלען (די אוניפאָרמען זענען שוין לאַנג געווען צעריסן). זיי האָבן זיך געדרייט אַרום דער קיך, געזוכט אין מיסט און געשלונגען רויע פּאַרפּוילטע קאַרטאָפל, וואָס דער קוכער האָט אַרויסגעוואָרפן. אַ דערשטוינטער בין איך צוגעגאַנגען און זיי געפרעגט:

— הערשט דאָ טאַקע אין לאַגער אַזאַ שרעקלעכער הונגער, אַז מענטשן מוזן זוכן אין מיסט אָפּפאַלעכץ?

— ניין! — האָבן זיי געענטפערט — דאָס עסן איז דאָ דווקא בעסער ווי אין אַנדערע לאַגערן, נאָר די נאַטור מאַכט דאָ דעם מענטש משוגע פון הונגער. אָדער אפשר זענען מיר נישט געוווינט צו קיין נויט. מיר האָבן אַלע יאָרן געלעבט אין לוקסוס און טרעפנדיק זיך צום ערשטן מאָל מיט דער נויט, האָבן מיר זיך פאַרלוירן. אַז מיר דערמאָנען זיך אין אונדזער פאַרמלחמהדיקן לעבן, זעען מיר וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. דרך אגב, אויב דו זוכסט צו קויפן ברויט, זאָלסטו נישט גיין צו די יונגע פאַרברעכער, ווייל זיי וועלן דיך באַרויבן. די מאַכט צערטלט זיי דאָ אין די לאַגערן, אַז זיי האָבן נישט אויף דער פריי אַזאַ גוט לעבן, שרעקט עס זיי טאַקע נישט אָפּ און נאָכן באַפרייען זיך, קומען זיי גלייך צוריק, נאָך גרעסערע אָפּגעטוע־נע פאַרברעכנס. איצט קוק וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

כ׳האָב זיך אומגעקערט און געזען:

אַ פּוילישער פּאָליציי־פּשאַדאָווניק, פון אונדזער טראַנספּאָרט, איז זעט אויס פאַרמאַניעט פון הונגער, דאַך אַריין צו די „מאַלאָלעטקע״ אין באַראַק און געקויפט פּאָר גוט געלט 2 פּייקעס ברויט. זיי האָבן אים געלאָזט אַרויס־גיין און אין דרויסן אים איבערגעפאַלן פון הינטן, אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד, צוריק אַרויסגעריסן ביי אים די פּייקעס און דאָס רעשט געלט, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו פאַרשטעקן.

דאָס איז פאָרגעקומען פאַר אַלעמענס אויגן פון לאַגער. קיינער האָט נישט געפּרוּווט קומען דעם באַפאַלענעם צו הילף טראָץ זיינע געשרייען. זיי האָבן אים גוט באַגלייט מיט קלעפּ און געקאָפּעט מיט די פיס און זענען גלייך צוריק אַריין אין זייער באַראַק, וואָס אַפילו דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט נישט געוואַגט איבערצוטרעטן.

דעם ערשטן טאָג האָט מען סאָרטירט די בריגאַדעס און שוין צו מאָרגנס זענען מיר אַרויס צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין לייגןביימער אין וואַלד, אַרומהאַקן די צווייגן, שניידן די ביימער צו 8 מעטער די לענג און נאָכן אויסטריקענען פאַרברענען די צווייגן, זיי זאָלן נישט גורם זיין קיין שׂרפות אין זומער.

דער וועג צו דער אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערער און אַ לאַנגער. קומענדיק צו דער אַרבעט זענען מיר שוין געווען מיד. אויפֿן וועג האָבן די פּאָליאַקן דערציילט פֿאַרשיידענע נייס, איך ווייס נישט ווי זיי האָבן עס געגומען, ווייל אין לאַגער איז נישט געווען נישט קיין ראַדיאָ און נישט קיין צייטונגען. זיי האָבן מסתּמא געהאַט אַ געהיימען ראַדיאָ־אָפּנעמער, ווייל פֿון וואַנען האָבן זיי למשל געוווּסט אין פֿרילינג 1941, אַז טראָצקי איז דערמאָרדעט געוואָרן אין מעקסיקע? אַז פֿראַנקרייך, נאָרוועגיע, יו־גאָסלאַוויע און גריכנלאַנד זענען שוין אָקופּירט דורך די דייטשן? אַז ראָ־מעל שלאָגט די ענגלענדער אין צפֿון־אַפֿריקע? און נאָך אַ סך אַזעלכע נייסן, וואָס מיר, פֿאַרמאַכטע אויף 7 שלעסער פֿון פֿרילינג 1940, האָבן נישט געהאַט דערפֿון קיין אַנונג.

אין אַלגעמיין איז אין דעם לאַגער געווען אויסצוהאַלטן, ווייל אָן אַ באַן־ליניע, זענען מיר מערסטנטייל אָפּגעקומען מיט אַ 12 שעהדיקן אַר־בעטס־טאָג. דאָ האָט בכלל נישט עקסיסטירט קיין נאַכט־אַרבעט.

דעם 1טן און 2טן מײַ האָבן מיר דאָ געפּייערט אָן אַרבעט. דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין די פֿאַרשיקונגס־לאַגערן פֿון דער נ.ק.וו.ד., אין וועלכע עס איז געווען נאָר איין מאָל אין חודש אַ פֿרייער טאָג. און דאָ גאָר 2 טעג אָן אַרבעט מיט איינאַקטערס, אויסגעפֿירט דורכן דראַמ. קרייז פֿון די אַרעסטאַנטן, מיט לידער און טענץ, וואָס נאָר דאָס מוזיקאַלישע רוסישע פֿאָלק איז אימשטאַנד אויסצופֿירן.

איין מאָל האָט מיר דער אויבנדערמאָנטער פּשאַדאָוניק חושד געווען אַז איך האָב אים באַגנבעט. ווי ער האָט געטענהט, איז ער געשלאָפֿן אויף דער נאָרע צווישן מיר און נאָך אַ ייִד און זיך פֿאַרלאָזט אויף דעם, אַז ייִדן זענען נישט קיין גנבים און ער איז צווישן זיי זיכער מיט זיין געלט, וואָס דער טייוול ווייסט ווו ער האָט דאָס געגומען און ווי אַזוי ער האָט עס אויסבאַהאַלטן בעת די פֿאַרשיידענע רעוויזיעס.

דער צווייטער יונגערמאַן וואָס איז געשלאָפֿן לעבן אים האָט, זעט אויס, דערשנאַפּט ווו ער פֿאַרשטעקט עס און אים באַגנבעט, אָבער זיך פֿאַר־קלאָגט פֿאַר דער לאַגער־וואַך האָט ער אויף מיר. מען האָט מיך אַריינ־גענומען אין דער וואַך־שטוב און געפֿרעגט,

— וויפֿל געלט האָסטו ביי זיך?

— איין רובל — האָב איך געענטפֿערט.

— גוט, טו זיך אויס נאַקעט.

מען האָט רעווידירט מיין אַנטועכץ אַזוי, אַז אַ שפּילקע־קעפּל האָט מען געקאָנט געפינען. מ'האָט ביי מיר גאָרנישט געפונען. אַ פאַרשעמטער און דערצאָרנטער בין איך צוריק אַריין אין באַראַק און געזאָגט צום פּשאָדאָווניק „איך וועל עס דיר קיין מאָל נישט מוחל זיין!" ס'האָט אים גלייך באַנג געטאָן, ווייל ער האָט געזען דעם צווייטן ביישלעפער מיט אַ געקויפטע פּייקע ברויט. האָט ער פאַרשטאַנען זיין טעות, אַז אַנשטאָט הייסן באַזוכן אים, דעם גנב, האָט ער מיך גאָר סתּם באַזוכט. נאָך פריִער האָבן מיר געוווסט, אַז דער יונגערמאַן האָט קיין אייגענעם רובל נישט פאַרמאָגט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַ גרויסע רעוויזיע אין לאַגער, ווייל פון פּשאָדאָווניקס אָנקלאַגע איז קלאָר געוואָרן, אַז ביי אַ סך אַרעסטאַנטן געפינען זיך גרויסע געלט־סומעס און דאָס איז נישט דערלויבט לויטן געזעץ. מער ווי 30 רובל טאָר אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער נישט פאַרמאָגן צו קאָנען צוקויפן 200 אָדער 300 גראַם ברויט.

מען האָט יעדן באַראַק באַזונדער אָפּגעשלאָסן, אַלע אַרויסגעטריבן אין דרויסן, דעם באַראַק איבערגעקערט פון פאָל ביז צו דער סטעליע, געקלאַפּט אין די ווענט. אונדז האָט מען אויסגעשטעלט אין דרויסן אין אַ ריי, יעדן געפּאָרשט, אויסגעטאָן נאַקעט און רעווידירט.

פון דעסטוועגן איז געלונגען אַ געוויסן קליין, אַ רייכן געוועזענעם זייף־פאַבריקאַנט פון קרשיניעוו צו געבן יעדן איינעם פון אונדז אַ באַנקנאָט פון 3 טשערוואָנצעס (30 רובל) צו באַהאַלטן. אויך ביי זיך האָט ער איבערגעלאָזט בלויז 30 רובל. אַזוי אַרום האָט ער אָפּגעראַטעוועט אַ פאַרמעגן פון אַ 600 רובל און מ'האָט ביי אים קיין שום געלט נישט קאָנפיסקירט. נאָך דער רעוויזיע האָבן אָבער עטלעכע גויִים אים נישט געוואָלט צוריקגעבן די 30קער רובלס. אַלע יידן האָבן דאָס געלט אים צוריקגעגעבן.

איך וואָלט זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן, ווען נישט אַ נייע צרה. איך האָב אָנגעהויבן ליידן פון געשווירן, וועלכע האָבן מיך זייער געפּייניקט. איך בין מער געבליבן אין דער זאָנע, ווי אויף אַרבעט. די יידישע דאָקטוירין, אַ פאַרמשפּטע אויף 10 יאָר פאַר דורכפירן אומלעגאַלע אַבאָרטן, וואָס איז געווען אין רוסלאַנד פאַרבאָטן לויט דער קאָנסטיטוציע, האָט מיך געוואָרנט, אַז מ'וועט מיך ווי אַן אומזיסטן פרעסער אין לאַגער נישט האַלטן און מ'וועט מיך אָפּשיקן מיט אַ טראַנספּאָרט אין אַן אַנדער לאַגער.

דער דאָקטערינס וואָרענונג איז געווען אַ ריכטיקע. אָבער איך בין נישט שולדיק געווען. איך האָב געוואָלט זיין געזונט און אַרבעטן, איידער האָבן די געשווירן, וואָס האָבן מיר אויסגעזויגן דעם מאַרך פון די ביינער.

דער קריג־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אויסגערופן די נעמען פון כמעט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט אונדזערן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען לאַנגזאַם, וועלכער האָט שוין דאָ געפרוווט נישט צו אַרבעטן שבת. מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר גייען אין אַן אַנדער לאַגער צו פוס איבער דער טייגע און מיר דאַרפן זיך צוגרייטן צו דעם 40 קילאָמעטערדיקן, וועגלאָזן מאַרש, פאַרריכטן די מלבושים, די שיך, באַפרייען זיך פון איבעריקן באַגאַזש, ווייל דער וועג וועט זיין אַ שווערער.

איך האָב דעמאָלט פאַרמאָגט אַן „אוצר", גאַנצע 4 געשווירן אויפן האַלדז, און איך האָב געמוזט האַלטן דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד און צוליב דעם געליטן פון קאָפּ־שווינדל. כ'בין אַריין צו דער דאָקטערין און זי געבעטן, זי זאָל מיך באַפרייען פונעם טראַנספּאָרט, ווייל כ'וועל נישט דערגיין. זי האָט מיך געפרעגט אויף רוסיש אין קעגנוואַרט פון לאַגער־נאַטשאַלניק:

— ווו האָסטו די געשווירן ?

— אויפן האַלדז — האָב איך געענטפערט.

— איר גייט דאָך נישט אויף דעם האַלדז — האָט זי מיט אַ געלעכטערל געזאָגט און אויך דער נאַטשאַלניק האָט געלאַכט. — די פיס זענען ביי אייך געזונט, קאָנט איר גיין.

אַזוי האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ מאַרטירער־וועג. גלייך ווי מיר זענען אַריין אין דער טייגע, האָב איך זיך אָנגעהויבן פאַרטשעפּען אין די אַרויסשטאַרטשענדיקע צווייגן און אָנידערפאַלן, צוליב דעם, וואָס כ'האָב געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. יעדער טראָט האָט מיר פאַרשאַפט ווייטיקן. איך בין אָפּגעשטאַנען פון דער גאַנצער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך געצויגן אפשר אויף מער ווי אַ קילאָמעטער, ווייל מער ווי איינציקווייז האָט מען נישט געקאָנט גיין. די וואָך איז באַשטאַנען נאָר פון 2 סטרעלקיס מיט אַ סערזשאַנט אַלס נאַטשאַלניק קאָנוואָיאַ און 2 ריזיקע וועלף־הינט. איינער פון די סטרעלקיס, מיט אַ הונט, איז געגאַנגען אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע; דער צווייטער האָט זיך באַמיט, ווען ס'איז מעגלעך געווען, צו גיין ביי דער זייט אין מיטן פון דער קאָלאָנע; און דער סערזשאַנט מיטן

צווייטן הונט פון הינטן. מיט אים האָב איך עס געהאַט צו טאָן דעם גאַנצן וועג. ער האָט מיך חושד געווען, אַז כ'מאַך אַן אַנשטעל און שטיי אָפּ, ווייל איך וויל אַנטלויפן. ער האָט מיך כסדר אונטערגעיאָגט, געהייסן העכער הייבן די פיס ביים גיין און געוואָרנט איך זאָל זיך נישט אַנשלאָגן אין צווייגן.

זעענדיק, אַז דאָס אַלץ העלפט נישט האָט ער אָנגערייצט אויף מיר דעם הונט, וועלכער איז געווען באַזונדערס אויסדרעסירט צו אַזעלכע זאַכן. דער הונט האָט מיך געביסן מיט זיינע ציין אין די פיס און אין הינטן דורך די מלבושים, אָבער נישט דורכגעביסן די הויט. עס האָט שרעקלעך וויי געטאָן, נאָר קיין בלוט־סימנים זענען נישט געבליבן. זעענדיק, אַז אויך דאָס העלפט נישט, און די קאָלאָנע איז שוין ווייט אַוועק און ער מיט מיר זענען געבליבן הינטערשטעליק, האָט ער מיר געזאָגט: „איך זע, אַז דו ביסט אַ כיטרער פאַרברעכער, אָבער ביי מיר וועט דאָס דיר נישט געלינגען. כ'קען פיל פאַליאַקן, וואָס האָבן געפּרוווט אַנטלויפן, נאָר אונדזערע האָבן זיי גענומען אויף דער „מושקע" (ציל־פּונקט אויף דער ביקס). אויך איך וועל דיך דאָ דערשיסן, אויב דו וועסט נישט גיין שנעלער". איך בין אַריין אין אַ שרעקלעכן צאָרן, אַנשטאָט זיך דערשרעקן, בין איך שטיין געבליבן, צעכראַסטעט דאָס אָנטועכץ אויף דער ברוסט און אויסגעשריִען: „נאַ שיס, גרויסער העלד! כ'וועל במילא נישט דערגיין". ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער, מיך שאַרף אָנגעקוקט און אויסגעשאָסן איבער מיין קאָפּ, גלייכצייטיק איז דער הונט צו מיר צוגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן ביים פוס און געהאַלטן צווישן די ציין. די קאָלאָנע האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער עכאָ פון שאָס האָט לאַנג אָפּגעהילכט אין דער טייגע.

— אָט דער סוואָלאָטש וויל דווקא אַנטלויפן און מיך איינזעצן אויף זיין אָרט. דעריבער וועט ער גיין אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע און אַלע וועלן זיך באַוועגן נאָך אים לויט זיין גאַנג.

— מיר וועלן נישט אָנקומען צום מיטאָג — האָט דער סטרעלאָק געזאָגט. — איך האָב נישט קיין אַנדער ברירה. מען האָט אים נישט געדאַרפט נעמען אין טראַנספּאָרט. דערשיסן קאָן איך אים נישט, ווייל מען וועט אים מוזן טראָגן דעם גאַנצן וועג.

ער האָט מיך דורכגעפירט דורכן גאַנצן טראַנספּאָרט און אָנגעזאָגט: „קיינער זאָל נישט וואַגן צו גיין פאַר אים. ער גייט דער ערשטער!"

אַזוי האָבן מיר ביז פאַר נאַכט זיך דערשלעפּט מידע, הונגעריקע

און צעבראָכענע צו אַ לאַגער. עס זענען אַרויסגעקומען דער נאַטשאַלניק, דער וואָספּיטאַטעל און די נאַריאַדטשיקעס. זיי האָבן באַטראַכט דעם טראַנס־פּאָרט און געפרעגט:

— האָט אייך דער קאָנוואָי גוט באַהאַנדלט אויפן וועג?

— מיך האָט מען געטריבן מיטן בייזן הונט. ער האָט אויך אויף מיר געשאָסן.

— ווו זענען די ווונדן? — האָט ער געפרעגט.

שנעל האָב איך אַראָפּגעצויגן די הויזן, זיך אויסגעדרייט, כּדי זיי צו ווייזן, זייענדיק זיכער, אַז כ׳האָב דאָרט אַ צענדליק ווונדן.

— מ׳זעט ביי דיר נישט קיין ווונדן און קיין סימן פון ציין. דו ליג־נער! ווילסט באַשמוצן אַן אָרנטלעכן שלאַכטמאַן פון דער רויטער אַרמיי. ווייסטו נישט, אַז ביי אונדז טאָר מען נישט שלאָגן? איצט גיי אין באָד אַריין ווּעסטו באַקומען נאַכטמאָל.

מיט פּרימיטיווע, הילצערנע שעפלעך, ווי ביי אונדז אין מיקווה, האָבן מיר גענומען יעדער אַ שעפל פון אַ פּאַס וואַרעם וואַסער, באַקומען אַ שטיקל זייף מיט אַ האַנטעך און זיך אַרומגעוואַשן.

נאָך אַ זעטיקן מאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון מיטאָג און נאַכט־מאָל צוזאַמען, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין די באַראַקן און געזאָגט, אַז ווער ס׳וויל צום דאָקטער, קאָן נאָך גיין, טראָץ דער שפּעטער שעה, ווייל גלייך מאָרגן גייען מיר אַרויס צו דער אַרבעט.

איך בין געגאַנגען צום דאָקטער, אַ קאַפּיטאַן פון דער פּוילישער אַר־מיי. אַ גוטער און סימפּאַטישער מענטש. ער האָט געהאַט אַן אורטייל פון 10 יאָר.

די קראַנקן־שוועסטער, אַ ייִדישע טאָכטער פון שאַנכיי, האָט אין אינ־טערנאַציאָנאַלן קוואַרטאַל געאַרבעט מעשׂים לטובת די סאָוויעטן, ביז די ענגלישע אינטעלידזשענס סערוויס האָט זי אַנטדעקט. זי איז אָבער באַ־צייטנס געוואָרנט געוואָרן דורכן סאָוויעטישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש און איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד אין 1935. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ רוסישן מאַן. אין 1936 האָט מען זי אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 10 יאָר פאַר... אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד. זי האָט זיך איבערגעשריבן מיט אירע עלטערן. איצט איז זי דאָ אין לאַגער די הויפּט־קראַנקן־שוועסטער שוין 4 יאָר. ווען מ׳האָט זי אַהער געבראַכט, איז נאָך דאָ גאָרנישט געווען. זיי

האָבן געוווינט, זומער און ווינטער, אין געצעלטן ביז מ׳האָט אויפגע־
שטעלט די ערשטע באַראַקן.

איצט איז דאָ אַ גאַנץ גוטער לאַגער מיט אַ זייער מילדן רעזשים, מיט אַ סך נישט קאָנוואָירטע אַרעסטאַנטן, מיט אַ לאַראָק, ווו מ׳קאָן קויפן ברויט. אויך די אַרבעטס־נאָרמעס זענען דאָ נישט קיין פערדישע.

איך האָב זיך אין ייִדיש פאַר איר באַקלאָגט אויף דעם ביטערן גורל, וואָס האָט מיך, אַזאַ געטרייען קאָמוניסט, געטראָפן דווקא אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט זי אַנגעוויזן אויף זיך און געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט אויב עס איז נאָך דאָ אויף דער גאַנצער וועלט אַן אויסלענדישער קאָמוניסט, וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַרן קאָמאינ־טערן, ווי איך. די גרעסטע סודות פון די ענגלישע און יאַפּאַנישע אינטרי־געס אויפן ווייטן מיזרח האָב איך אַרויסבאַקומען, ריזיקירנדיק טאָג־טעג־לעך מיט מיין לעבן. נישט פאַר געלט, ווייל ביי מיינע עלטערן אין שטוב האָט מיר גאָרנישט געפעלט. מען האָט מיר אויך גערעדט די שענסטע שידוכים פון כאַרבין און זאַגאַר פון אַמעריקע. איך האָב אַלץ אָפּגעוואָרפן, כדי כ׳זאָל קאָנען דינען דעם ראַטן־פאַרבאַנד מיטן גאַנצן ברען פון מיין יונג און שיין לעבן. ווי ווייט זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר וויכטיק, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס זיי האָבן מיך געוואָרנט און דערמעגלעכט צו אַנט־לויפן קיין רוסלאַנד, וואָס זיי האָבן נישט געטאָן מיט אַנדערע וויכטיקע קאָמוניסטן. דאָס איז אונדזער ייִדישער גורל — צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט. מ׳האָט אונדז אין ערגעץ נישט ליב.

דער דאָקטער האָט צו איר אַ ווונק געטאָן, זי זאָל פאַרענדיקן דעם שמועס, עס איז שוין שפּעט און מ׳דאַרף גיין שלאָפן. ער האָט זי אַרומ־גענומען ביי דער טאַליע און אַריינגעפירט אין אַנדערן צימער, ווו זיי האָבן געוווינט צוזאַמען. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, וואָס כ׳האָב זיך אַנגעטראָפן אויף אַ „לאַגער־פּאָרל״, וואָס האָט געלעבט „געזעצלעך״ אַלס מאַן און פרוי מיטן וויסן און הסכמה פון דער נאַטשאַלסטווע.

— איך באַוווּנדער זי — האָט דעמאָלט דער דאָקטער צו מיר געזאָגט — אומעטום און תמיד איז זי פאַרבליבן אַ ייִדין, וואָס גרייסט זיך מיט איר אָפּשטאַם און נוצט אויס יעדן צוזאַמענטרעף מיט אַ ייִד צו רעדן מיט אים אָפן און דווקא ייִדיש, כאָטש זי קען פּערפעקט אַ האַלב טוץ שפּראַכן: כינעזיש, רוסיש, דייטש, ענגליש, פראַנצייזיש און ייִדיש. דערצו האָט ער צוגעגעבן: „באַקומסט אַ באַפרייונג אויף 4 טעג און נאָך דעם וועלן מיר

ווייטער זען. אויב כ'וועל נאָך דעם נישט האָבן די גאַנצע צאָל באַפרייטע לויט דער דערלויבטער נאָרמע — וועסטו באַקומען נאָך 4 טעג".

דעם צווייטן טאָג אין דער פרי, פאַרן אַרויסגיין פון די בריגאַדעס צו דער אַרבעט, איז צו מיר אין באַראַק אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאָפעטער דער ייִד לאַנגזאַם און אויסגערופן:

— ס'איז היינט שבת און כ'וויל נישט אַרבעטן, פאַרשטעק מיך ער־געץ ביז די בריגאַדע מיטן קאַנוואָי וועלן אַוועק. איך בלייב איבער און וועל פייערן דעם שבת קודש אין קאַרצער.

ס'האָבן מיר נישט געהאָלפן אַלע אַרגומענטן, אַז ער וועט עס נישט אויסהאַלטן, ער איז נישט ליבערמאַן. און ער קאָן נאָך דערלעבן אַהיים צו קומען צו זיין פרוי און קינדער. ער האָט מיר דערציילט:

— נאָכן צעשיידן זיך מיט ליבערמאַנען, האָב איך אָנגעוווירן אין פרייִערדיקן לאַגער די טאָג־רעכענונג און נישט געוווּסט ווען ס'איז שבת. דאָ האָט מיר אַ סאָוויעטישער ייִד, אַ שניידער פון פאָלטאַווע פאַרזיכערט, אַז היינט איז שבת. ער ווייסט עס גענוי, ווייל ער אַליין היט אויך אָפּ אין געהיים דעם שבת, כאָטש אויסערלעך קומט ער אין דער שניידעריי צו דער אַרבעט, אָבער ער באַמיט זיך דעם טאָג גאָרנישט צו טאָן.

כ'האָב נישט באַוויזן לאַנג מיט אים זיך צו אַמפּערן. מען האָט דער־הערט די שטים און טריט פונעם נאַריאַדטשיק (אַרויסטרייבער צו דער אַר־בעט), וועלכער האָט גערופן אויפן קול: „לאַנגזאַם! אין דיין געדאָסטער מאַמען אַריין, ווו ביסטו?"

איך האָב אים געהייסן שנעל אַרויפקריכן אויף דער אייבערשטער נאַרע, ווו כ'בין געלעגן אַ קראַנקער. איך האָב אים איבערגעדעקט מיטן קאָץ און זיך אויף אים אַרויפגעלייגט.

— האָסט נישט געזען דאָ לאַנגזאַמען? — האָט ער מיך געפרעגט — מ'האָט מיר געזאָגט, אַז מ'האָט אים באַמערקט אַריינגיין אין דעם באַ־ראַק.

— ניין — האָב איך געענטפערט.

— אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ — האָט ער זיך באַקלאָגט — שוין 4 יאָר איך בין נאַריאַדטשיק און אַזאַ טשודאַק איז מיר נאָך נישט אונ־טערגעקומען.

— איך האָב געטראַכט: אויב אַזוי האָבן מיר דאָ אין לאַגער אַ לעבע־דיקן קאַלענדאַר, ווייל פון וואַנען וואָלט איך געוווּסט, אַז היינט איז שבת? אַפילו אין די צייטונגען איז נישט אָנגעגעבן דער טאָג פון דער

וואָך, נאָר די דאַטע, חודש און יאָר. מען האָט דאָך געררוט אין חודש 5 מאָל, יעדן 6טן טאָג.

נאָכן אַרויסגיין פון די בריגאַדעס צו דער אַרבעט, האָט לאַנגזאַם זיך אַרויסגעשאַרט פון באַראַק, אַריינגעגאַנגען אין קאַנטאָר און זיך געלאָזט אָפּפירן אין קאַרצער. זיינע צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן נאָך דעם. אויף אַן אומדערוואַרטן אופן האָט ער באַקומען שותפים צום נישט־אַר־בעטן שבת מצד דער מינדעריאָריקער בריגאַדע. זיי האָבן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז שבת אַרבעטן זיי נישט. זיי האָבן וועגן דעם אויך פאַר־פאַסט אַ לידל: „וו סאַבאַטו כ... פּאַדיאַמו נאַ ראַבאַטו, או נאַס סובאַטאַ קאַזשדי דיען״ (אום שבת „אַזוינס״ וועלן מיר גיין אַרבעטן, ביי אונדז איז שבת יעדן טאָג״).

דער לאַגער־נאַטשאַלניק איז געווען אַ גוטער מענטש און האָט זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון די אַרעסטאַנטן אויף וויפל ס׳איז נאָר געווען מעגלעך. ער האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער נייער פּלאָג פון נישט אַרבעטן שבת. ער איז חושד געווען אין דעם נישט לאַנגזאַמען, נאָר דעם עלטסטן פון די מינדעריאָריקע פאַרברעכער, אַ יונגער, הויכער יאַט, פון אַ יאָר 14, וועמען די יוגנטלעכע האָבן גערופן „זשיד״, כאָטש ער האָט לגמרי נישט געוווּסט זיין אָפּשטאַם און נישט גע־קענט זיינע עלטערן. ער איז אָבער געווען געמלט. ער איז געווען אַ מילדער און זיך נישט באַטייליקט אין די פאַרברעכנס פון די יונגע, אַרויסגערופן צו זיך סימפּאַטיע פון ערשטן אויגנבליק. נאָר איין מאָל, בעת זיי האָבן אים צו פיל דערנערווירט, רופנדיק אים „זשיד״, האָט ער צעשאָקלט זיינע דאַרע און לאַנגע הענט און דערלאַנגט אַזעלכע קלעפּ, אַז די שקצים זענען זיך צעלאָפן ווי די מייז.

נישט יעדן שבת איז לאַנגזאַמען געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן, ווייל אויס נאַרישקייט האָט ער אין שפּאַס דערציילט דעם נאַריאַדטשיק, וואָס האָט אים געפירט אין קאַרצער, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן, און מ׳האָט שוין געוווּסט ווו אים צו זוכן. איין מאָל האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט אַ האַלב דערשטיקטן פון גרויסן רוסישן אויוון, וואָס איז געווען איינ־געמויערט אין מיטן פון יעדן באַראַק. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט צומאַכן דאָס אייזערנע טירל נאָך דעם ווי ער איז קוים מיט צרות אַריינגעקראָכן. מ׳האָט אים טאַקע נישט געקאָנט געפינען, ביז דער גוי האָט דערזען, אַז דאָס טירל פון אויוון איז אַ ביסל אָנגעלענט. פון גע־ווינשאַפט האָט ער געפּרוּווט צומאַכן און דערפילט, אַז עס גייט נישט.

ער האָט געפּרוּווט שטאַרקער און דערפילט אַ ווידערשטאַנד. ער האָט געעפנט דאָס טירל און דערזען אַ פּאָר שיך אַרויסשטאַרטשען פון אויוון.

— וואָס פאַר אַ כיטרער יעוורעי — האָט ער אויסגערופן — די גרעס־טע פאַרברעכער מעגן זיך קומען לערנען ביי אים זיך אויסבאַהאַלטן. ס'וואָלט מיר אין לעבן נישט איינגעפאַלן צו זוכן אַ מענטש אין אַזאַ פאַרשטעקונג. נו, לאַנגזאַם, כ'מיין, אַז דאָס איז דיר שוין דער לעצטער שבת און די לעצטע באַהעלטעניש. וועסט ביי מיר גיין אַרבעטן מיט דער מאַלאַלעטקע, זיי וועלן דיר שוין וויזן ווי צו היטן שבת.

ער איז טאַקע צוריקגעקומען פון דער אַרבעט אַ דערשלאָגענער און צעבראָכענער. ער האָט דערציילט, אַז ווען נישט „זשיד", וואָלטן זיי אים דערהרגעט.

— איך האָב אָבער אויסגעהאַלטן — האָט ער מיט טריומף געזאָגט — אַפילו דער סטרעלאָק האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט, ווען איך האָב אים אויפגעקלערט, וואָס שבת איז ביי אונדז ייִדן.

די אַרבעט איז אין לאַגער באַשטאַנען אין לייגןביימער און אין שיקן די קלעצער מיטן שטראָם פון טייַך צו אַנדערע לאַגערן, ביים ברעג פון טייך־אַראָפּ, ווו מ'האָט זיי באַאַרבעט.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַמערקט אַ הויכן, כמעט 2 מעטערדיקן, מענטש, אַנגעטאָן אין הויכע שטיוול ביז איבער די קני, מיט אַ ליולקע אין מויל. ער איז אַרומגעגאַנגען אינעם וואַלד, געקלאַפּט מיט אַ העמערל אויף די שטאַמען און געשטעמפּלט די ביימער מיט בוכשטאַבן: „פּ" פּילאַ־וועטשנע, ד. ה. האָלץ אויף מעבל צו זעגן אין טאַרטאַק; „ס" סטראָיִטעלנע — בוי־האָלץ; „ש" שפּאַלי — באַן־שוועלן; „ט. ס." טעלעפאַנניע סטאָל־בי — טעלעפאָן־סלופּעס, א. אַ. וו. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט און זיך קיין מאָל נישט טועה געווען. יעדן טאָג האָט מען געלייגט אָן אַנדער סאָרט ביימער און געוואָרפן אין טייך לויט די באַשטעלונגען. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט שטיל און געהיימניספול און מיט קיינעם נישט אויס־גערעדט קיין וואָרט. אַזוי ווי ער איז געהיימניספול געקומען, איז ער געהיימניספול פאַרשוווּנדן.

די רוסישע פאַרשיקטע האָבן דערציילט, אַז ער איז אַ געפּערלעכער ענגלישער שפּיאָן, וואָס זיצט אין די לאַגערן זינט דעם יאָר 1919, ווען מ'האָט אים געכאַפּט און פאַרמשפּט צום טויט. נאָך דער טייוול ווייסט פאַר וואָס מ'האָט אים באַגנעדיקט און פאַרביטן די שטראָף אויף 25 יאָר.

מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט האָט ער געוווּנען דעם צוטרוי פון דער ראַטנמאַכט. ער וווינט שוין לאַנג פּריוואַט אויסערן לאַגער מיט אַ רוסישער פרוי און 2 קינדער.

די רוסן האָבן אונדז אויך געוויזן אַ דערנעביקן באַרג, ווּ ס׳ווינען די אָסטיאַקן, אַ מאָנגאָליש ווילדער שבט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט יאַגד און פישפאַנג. זיי טוישן פעלכלעך און געטריקנטע פיש אויף ברויט, טאַבאַק, זאַלץ, פּראָך און קוילן. אַנטוועכץ נייען זיי זיך אַליין. זיי פאָרן זומער און ווינטער אויף הילצערנע שליטנס, איינגעשפּאַנט אין רעניפערן. אָדער פאָרן אויפן טייך אין פּרימיטיווע לאָדקעס, אויסגעהאַקטע פון בוים־שטאַמען. בכלל האָבן זיי דערמאָנט מיט זייער אַרט לעבן אין די עסקימאָסן, וועגן וועלכע איך האָב אַ סך געלייענט.

כאָטש ס׳איז געווען אַ לאַראַק ווּ צו קויפן ברויט, האָבן ס׳רוב פון אונדז דערפון נישט גענאָסן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט. דאָס האָט קליין אויסגענוצט. ער האָט אונדז געגעבן געלט און מיר האָבן כלומרשט פאַר זיך, אָבער פאַקטיש פאַר אים געקויפט טעגלעך 300 גראַם ברויט אויף אַ מענטש. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן ברויט און באַשטעלט אין סטאָליערײַ אַ גרויס רענצל, וואָס ער האָט גע־האַלטן נעבן זיך אויף דער נאַרע פאַרשלאָסן און געפּרעסן צוזעצטערהייט, נישט געבנדיק קיינעם קיין ביסן. אַפילו לאַנגזאַמען, וועלכער פלעגט צוריקקומען פון קאַרצער זונטיק פרי אַן אויסגעהונגערטער, האָט ער אויך נישט מכבד געווען מיט קיין ביסן, כאָטש יעדן אָוונט פאַרן שלאָפן גיין פלעגט ער אים בעטן, ער זאָל מיט אים לערנען אַ „שיעור״ אויסנווייניק.

איין מאָל אַהיימקומענדיק פון דער שווערער אַרבעט אין וואַלד מידע און אויסגעהונגערטע, האָבן מיר נישט באַקומען אונדזער ברויט אין באַראַק. דער „דניעוואַלני״ (באַראַק־באַדינער) האָט אונדז געזאָגט, אַז די „מאַלאַ־לעטקע״ ווילן נישט גיין אין באַד אַריין. האָט דער נאַטשאַלניק צוליב דעם פאַראָרדנט נישט געבן קיין ברויט ביז די מינדעריאָריקע וועלן זיך אָפּוואַשן. ביים ברויט־מאַגאַזין זענען געשטאַנען באַוואָפנטע זעלנער און געטריבן דעם עולם צוריק. אַ פאַרחלשטער בין איך צוריק אַריין אין באַראַק, אַרויף אויף מיין נאַרע און געוואַרט. קליין איז אַנגעקומען און געעפנט זיין קופערט, אַרויסגענומען ברויט און מיט אַ קליין מעסערל האָט ער געשניטן פענעצלעך און געררוקט אין מויל. אַ חלשות האָט מיך באַהערשט פון הונגער. איך האָב פאַרבויגן מיין כבוד און אים געבעטן ער זאָל מיר

באַרגן אַ שטיקל ברויט צו דערכאַפּן דאָס האַרץ ביז כ׳וועל באַקומען מיין פּאַיאָק ברויט און אים צוריקגעבן.

— פאַר וואָס נישט, מיטן שענסטן פאַרגעניגן — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, גענומען אַ שטיק ברויט פון אַ 400 גראַם און עס אויסגעשטרעקט צו מיר.

זעענדיק ווי זשעדנע כ׳ציִ אויס די האַנט, האָט ער עס צוריקגעצויגן און געזאָגט:

— וואַרט, ווי אַזוי וועסטו וויסן וויפל ברויט מיר צוריקגעבן, אַז נישט דו און נישט איך זאָלן בלייבן באַעוולטע.

— איך וועל תיכּף דיר אָפּגעבן. אָדער כ׳וועל גאָר בעטן מ׳זאָל מיר עס אָפּוועגן אין ברויט־מאַגאַזין.

— דאָס וויל איך נישט. מער דאַרף איך נישט, מ׳זאָל גאָר וויסן, אַז כ׳האָב ברויט צו באַרגן.

קיין שום הבטחות האָבן נישט געהאָלפן, ער האָט מיר דאָס שטיקל ברויט נישט געגעבן.

עס האָבן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנגען, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. די פּאַליאַקן האָבן אויפגעלעבט: „איצט קומט אונדזער באַפרייונג, אַז די צוויי ,בעסטע פריינד׳ האָבן זיך צעבוי־קערט...״

באַלד זענען פון לאַגער פאַרשוווּנדן די „וואָלנאַ נאַיאָמני״, פרייע מענטשן, ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאַגערן ווי לוין־אַרבעטער. אויך די סטרעלקיס זענען געוואָרן שיטערער.

אין אַ געוויסן טאָג איז קליין געקומען אין באַראַק און מיט אים אַ גאַנצע כאָפּטע אוקראַינער און פּאַליאַקן. ער האָט פון בוזעם אַרויס־גענומען אַ „פּראַוודאַ״ און געלייענט: „שבועה־ברעכערישער איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד — און דאָך וועלן מיר זיגן!״

אויף אונדזער פראַגע, ווו ער האָט גענומען די צייטונג, האָט ער מיט אַ געהיימנישפולער מינע געזאָגט: „כ׳האָב זי פאַר גוט געלט גע־קויפט ביי אַ סטרעלאָק״.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען, יעדער מיט זיינע מחשבות און מיט זיינע האָפענונגען. איין זאַך איז געווען קלאָר: אונדזער לאַגע וועט זיך קאַרדינאַל ענדערן.

אין מיטן נאַכט איז מען געקומען אין באַראַק, געהייסן קליינע צונויפ־

נעמען די זאַכן און אים אָוועקגעפירט. צו מאָרגנס האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ רוסישן ייִד, וואָס האָט געאַרבעט אַלס „זאַווכאָז", מיט אַן אורטייל פון 10 יאָר, אַז איינער פון די אוקראַאינער האָט קליינע פאַרשאָטן און מען האָט אים אָוועקגעפירט אין צענטראַלן לאַגער „יורטישטשע", וווּ מ'וועט אים נאָך אַ מאָל שטעלן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. ווי בייז כ'בין געווען אויף אים, האָב איך זיך נישט געפרייט אויף זיין מפלה, ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז ס'דראָט אים „דאָס ווענטל".

עס האָבן זיך אויך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז מ'שיקט אונדז אַלע אָוועק קיין יורטישטשע.

הינטערן לאַגער, אויף אַ גרויסער פּאָלאַנע, האָט מען געברענגט אַ גרויסן טראַנספּאָרט פון בעסאַראַבישע גוט־באַזיצער, גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס סאָציאַל געפערלעך און שעדלעך. עטלעכע טעג זענען זיי געווען אונטערן פרייען הימל, ביז מ'האָט אונדז אָוועקגעפירט און זיי אַריינגעפירט אין אונדזערע באַראַקן.

צוזאַמען מיט אונדז איז אויך מיטגעגאַנגען דער ייִדישער שניידער, וועלכער האָט אויף זיך אָנגעטאָן אַ 5—6 פּאָר הויזן, עטלעכע רעקלעך און געשלעפּט מיט זיך אַן אוצר פון היטלען און מלבושים אין 2 רענצלעך. צוערשט האָט ער זיך געווענדט צו אונדז, אַז יעדער איינער זאָל ביי אים עפּעס נעמען און אים צוריקגעבן. ווען מיר וועלן אָנקומען אויפן פּלאַץ. מיר האָט ער געגעבן אַ וואַליזע צו טראָגן און אַפילו דערפאַר באַצאָלט מיט אַ פּייקע ברויט. אָבער שפּעטער האָט ער חרטה באַקומען, מורא געקריגן, אַז מיר וועלן אים אין לאַגער דאָס אַלץ נישט צוריקגעבן און אליין גענומען שלעפּן אַלץ.

די זון פון ענדע יוני האָט דעם טאָג שטאַרק געבריט. דער שניידער האָט געשוויצט און פאַרלוירן די כוחות, ביז ער איז אין מיטן וועג, אין דער טייגע, געפאַלן אין חלשות. דער קאָנוואָי האָט אים געפּרוּווט מינטערן. עס איז פאַרבייגעפאָרן אַן אָסטיאַטשקע (אַ פרוי פון שבט אָסטיאַקן) מיט אַ קראַנק קינד אין אַ שליטן, געשפּאַנט אין 2 רעניפערן. זי איז אויך געפאָרן קיין יורטישטשע צום באַרימטן אוקראַאינישן כירורג, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט אַלס בעל־מופת, אַז ער קאָן פון טויט לעבעדיק מאַכן. דער קאָנוואָי האָט דעם שניידער אַריינגעלייגט אין שליטן מיט זיינע וואַליזקעס.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין צענטראַלן לאַגער פון איוודעלער גע־

ביז „יורטישטשע". דאָס איז געווען דער אָמבעסטן איינגעאָרדנטער לאַגער, וואָס איך האָב געזען. אַ באַרימטער אוקראַיִנישער כירורג האָט באַדינט דעם לאַגער, אַפּילו אַ ציין־לאַבאָראַטאָריע איז דאָרט געווען. עטלעכע צענדליק „פּאַרהייראַטע פּאָרלעך" האָבן דאָ געלעבט ווי גאָט אין אָדעס, און אַפּילו געבוירן קינדער.

אַ בילד־שיינע, שוין גראָע, מאַיעסטעטישע פרוי, וואָס האָט נאָכ־געשלעפּט אַ פוס; אַ טאָכטער פון אַ רוסישן קניאַז, און וועלכע איז געווען אַרעסטירט זינט דער רעוואָלוציע, האָט אָנגעפירט מיטן לאַגער.

מ׳האָט דאָ אַפּילו באַקומען 7 רובל אַ טאָג פאַר אַרבעט. פון דעם לוין איז אָבער אַראָפּגערעכנט געוואָרן פאַר נייע מלבושים, וואָס מיר האָבן דאָ באַקומען, פאַרן בעטציַיג צו די שטרוי־זעק, אויף וועלכע מיר זענען דאָ, צום ערשטן מאָל, געשלאָפן.

אין לאַגער איז אויך געווען אַ „קראַסני אוגאָלאָק", וווּ מ׳האָט געקאָנט לייענען ציַיטונגען. ס׳איז אויך געווען ראַדיאָ, פון וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט הערן רוסישע סטאַציעס. אויך אַ ספּאָרט־פּלאַץ איז געווען און אַפּילו אַן אַלייע צום שפּאַצירן און בענק צו אָפּרו. זעט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ מוסטער־לאַגער פאַר אויסלענדישע געסט.

אונדזער „מאַלאַלעטקע" האָט זיך שנעל פאַרשטענדיקט מיט דער אָרטיקער „מאַלאַלעטקע" און זיי האָבן באַלד געוווּסט, אַז דער שניידער האָט אין זיינע וואַליזעס אַן אוצר מיט מלבושים. זיי האָבן אים אַרומ־גערינגלט, געפּרעגט פאַרשיידענע פראַגן און דערציילט פונעם לאַגער־לעבן. זיי האָבן געשאַפן אַ קינסטלעכן גערדראַנג און אים דערוויַיטערט פון זיינע וואַליזעס, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד. ביז ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז איין וואַליזע איז פאַרשוווּנדן. ער האָט אויפגעהויבן אַ טומל, אָבער זיי האָבן אים באַלד מיט דראָונגען איינגעשטילט, אַז ער וועט באַלד אויך די צווייטע נישט האָבן, אויב ער וועט אַ סך רעדן.

מיך און לאַנגזאַמען האָט מען צוגעטיילט צו דער בעסטער, ערשטער בריגאַדע פון שטאַבילירער און ספּלאַוויניקעס פונעם רוסיפיצירטן פּאָליאַק פּאַמשעווסקי, אַ טראָצקיסט מיט אַן אורטייל פון 10 יאָר.

אַריינקומענדיק אין באַראַק, שוין אָוונט־צייט, האָט ער ליגנדיק אויף זיין געלעגער, מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַ פרעג געטאָן:

— ס׳איז אמת, זיי האָבן טראָצקין דערהרגעט?

— יאָ — האָב איך אים געענטפערט — מיט אַ יאָר צוריק, אין מעקסיקע.

— אָבער, ווי אַזוי האָבן זיי אים דערגרייכט?

— כ׳ווייס נישט. גלייב מיר. איך האָב נישט לאַנג געהערט דערפון.

טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און געברומט:

— ס׳אַראַ לאַנגע הענט זיי האָבן, די מערדער...

צו מאָרגנס האָט מען מיך געשטעלט אַרבעטן מיט אַ נאַפּאָרניק, אַן אַלטן גרוזינער, הויך און שלאַנק, וועלכער האָט טראָץ זיינע 70 יאָר, מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ געקאָלערט אויפן שטאַביל די שווערסטע און לענגסטע קלעצער. ער האָט מיך געלערנט, אַז דערצו דאַרף מען נישט קיין כּוח, נאָר חכמה. מען דאַרף גוט קלייבן די שינעס, אויף וועלכע מ׳קאָלערט דעם קלאָץ. די שטעקלעך, מיט וועלכע מען קאָלערט, דאַרפן זיין געמאַכט פון נאַס, אָן־סענקעדיק האָלץ, אַז זיי זאָלן זיך נישט ברעכן ביים אונטערדרוקן און שטופן דיביימער. אַלטע, געניטע לאַגערניקעס פלעגן אים בעטן, ער זאָל פאַר זיי מיטן העקל צוגרייטן אַזעלכע שטעקלעך. ער האָט אויך געקאָנט מיט אַ טאַשן־מעסערל אויסשניצן וווּנדערבאַרע הילצערנע לעפל, וועלכע ער האָט פאַרקויפט פאַרן פרייז פון איין רובל.

נאָך עטלעכע טעג פון געמיינזאַמער אַרבעט מיט אים, בין איך גע־וואָרן איינער פון די בעסטע שטאַבילירער און גלייך אָנגעהויבן עסן פון דריטן קעסל. עס האָט מיך געוווּנדערט וואָס ער פרעגט זיך נאָך, אָן אויפ־הער, אויף סטאַלינען. דערביי פלעגט ער זיך געהיימנישפול אַרומקוקן אין אַלע זייטן. אַז איך האָב אים דערציילט ווי גרויס און מעכטיק ער איז, אַז מען רופט אים דער פאָטער פון אַלע פעלקער, די זון פון גרויסן רוסלאַנד, דער ווייסנשאַפטסמאַן, סטראַטעג און פּאָליטיקער, וועלכער באַ־גייט קיין מאָל נישט קיין פעלערן, — האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט און געזאָגט:

— וועסט נישט גלייבן, ס׳איז אָבער אַן אמת, אַז ער איז מיין זון.

איך האָב אויסגעשאָסן אין אַ גרויס געלעכטער, אַז פון די אַרומיקע שטאַבילן האָט מען זיך אָפּגערופן:

— העי פּאָליאַק, וואָס איז דיר אַזוי פריילעך אויף דער נשמה?

— מ׳וועט דיך דערהרגענען, אויב דו וועסט עמעצן דערציילן דעם סוד!... ייִד, כ׳זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז סטאַלינס מוטער איז געווען מיין געליבטע און מיטן שוסטער האָט זי חתונה געהאַט, כּדי צו פאַרדעקן די

שאַנדע. ער ווייסט נישט, אַז מ׳האַלט מיך דאָ. מען לאָזט מיך נישט צו אים שרייבן, ווייל אַנדערש וואָלט מען זיי אַלע געשטעלט צום ווענטל.

איך האָב געהאַט אויף אים גרויס רחמנות, ווייל כ׳האָב איינגעזען, אַז ער איז עפּעס מיטן שכל נישט אין אָרדענונג.

אין איניקע טעג אַרום האָט מען מיר צוגעשטעלט פאַר אַ פּאַרטנער לאַנגזאַמען, מיט וועלכן קיינער, אַפילו ייִדן האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן. ער איז געווען זייער צוזאַמענגעבראָכן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די אַלע שבתים, וואָס ער האָט געהאַלטן זענען גאָר געווען וואָכן־טעג.

מיטן אויסברוך פון קריג האָט די ראַטנמאַכט דערקלערט, אַז ס׳ווערט אָפּגעשאַפט די 6־טאָגיקע אַרבעטס־וואָך און זונטיק ווערט צוריק דער רו־טאָג. עס ווערן אויך אָפּגעשאַפט די סטיפּענדיעס פאַר אומזיסטער בילדונג.

די צייטונגען האָבן שוין חוץ דער דאַטע, חודש און יאָר — אויך גענומען דרוקן די נעמען פון די טעג און אַזוי איז אַנטדעקט געוואָרן לאַנגזאַמס טעות. איך האָב אים געטרייסט ווי ווייט כ׳האָב געקאָנט, אים דערמאָנט, אַז ס׳איז דאָ אַ בפירושער דין אין דער תורה, אַז אויב עמעצער ווייסט נישט, ווען ס׳איז שבת, איז געווען, אַז ער נעמט זיך אָפּ אַ וועלכן עס איז טאָג אין דער וואָך און פייערט אים אַלס שבת. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס אַזאַ תלמיד־חכם, ווי ער, וועלכער קען גאַנץ ש״ס און פּוסקים אויסנווייניק, זאָל זיך אַזוי טועה זיין.

איך האָב נישט געוואָלט ער זאָל אַראָפּפאַלן צום ערשטן קעסל און ביסלעכווייז אויסגיין פון הונגער, האָב איך געאַרבעט פאַר אים אויך. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז ער שטופּט נישט זיין עק פון קלאָץ גלייך מיט מיר, נאָר קרעכצט און שטרענגט זיך כּלומרשט אָן. איין מאָל האָב איך זיך אויסגעגליטשט ביי דער אַרבעט און געפאַלן, האָט דער קלאָץ זיך גענומען קייקלען פון 3 גאָרנדיקן שטאַביל און נאָר מיט נסים איז נישט צעקוועטשט. כ׳האָב דאַן דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז איך וויל מער נישט אַרבעטן מיט אים.

אין לאַגער האָט זיך אויך אַרומגעדרייט אַ ייִדישער גוט־באַזיצער פון בעסאַראַביע. די סאָוויעטן האָבן אים גלייך אַרעסטירט און נישט געקוקט, וואָס די פּויערים האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט, אַז ער האָט זיי בעסער באַהאַנדלט ווי אַלע אַנדערע רומענישע גוט־באַזיצער, איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר לאַגער און קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן.

מיט זיין אויפפירונג האָט ער פאַרשאַפט שאַנדע זיין שטאַנד און פאָלק. ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען מיט אַ קעסעלע אין האַנט פון וועלכן ער האָט זיך אַפילו נישט געשיידט ביי דער אַרבעט. אַפילו אין מיסט האָט ער געזוכט און געגעסן די דורך אונדז אַוועקגעוואָרפענע קעפּ פון הערינג. האָט אַן אַרעסטאַנט איבערגעלאָזט אַ ביסל „זופּ" פון גראָז און זאַלץ, פון ערשטן קעסל, האָט ער עס אַריינגעגאָסן אין זיין קעסעלע און געטרונקען. ער איז תמיד געווען הונגעריק און אַרויסגערופן עקל ביי ייִדן און ביי נישט־יידן.

איך האָב אָנגעהויבן באַקומען פּעקלעך פון מיין משפחה וואָס איז געווען אויף דער פריי. די פּעקלעך, שוין פון לאַנג אַרויסגעשיקטע מיט כּל טוב. אין די פּעקלעך איז איבערהויפּט געווען טאַבאַק, וואָס איז געווען אין לאַגער די בעסטע וואַלוטע. ווידער האָב איך זיך געקאָנט דערלויבן נישט נאָר עסן צו דער זעט, נאָר אויך העלפן לאַנגזאַמען און אַנדערע.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געבראַכט אין לאַגער אַ באַוואָקסענעם מענטש, וואָס האָט כּסדר געזשמורעט מיט די אויגן, זעט אויס אָפּגעוווינטע פון טאָג־ליכט. גלייך האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער. דאָס איז געווען אונדזער קישיניעווער זייפן־פאַבריקאַנט קליין. ער האָט געבעטן ביי אונדז הילף, ווייל ער גייט אויס מיט די 400 גראַם ברויט פון הונגער. אַלע, וואָס האָבן געדענקט די געשיכטע מיטן שטיקל ברויט, האָבן געזאָגט, אַז אַ מיצווה אויף אים, אַזאַ חזיר, זאָל ער פּגרן. איך האָב אָבער אַנדערש געטראַכט און אָרגאַניזירט פאַר אים אַ הילפס־אַקציע. אַ פּעקל מאַכאָרקע האָט פאַר מיר געעפנט די טיר פון קאַרצער־באַראַק. איך האָב אים געבראַכט צוויי פּייקעס ברויט, צוויי הערינג און עטלעכע שטיקלעך היטל־צוקער. ער האָט נישט געוווּסט ווי מיר צו דאַנקען און אויסגעדריקט חרטה אויפן פאַל אין יענעם לאַגער. ווען מען האָט אים צו מאָרגנס אַרויס־געלאָזט האָט ער דערציילט, אַז די גאַנצע צייט האָט מען אים געפּאַרשט, ביי וועמען ער האָט געקויפט די צייטונג. דערביי האָט ער פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט אויסגעזאָגט.

איך בין פון אים אַוועק אין לייען־זאַל און געפונען אַ צייטונג פון 15טן יוני 1941, ווו ס'איז געווען אַן אָפיציעלע הכחשה פון „טאַסס":
„אַלע קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך די מערב־אימפּעריאַליסטן, אַז דייטשלאַנד און רוסלאַנד זאַמלען גרויסע מיליטער־כּוחות לענג־אויס די גרענעצן, זענען אויסגעזויגן פון פינגער. זיי זענען באַשטימט צו ברענ־

געןן צו אַ שפּאַלטונג און אומצוטרוי אין דער טיפער פריינדשאַפט פון די פעלקער פון ס.ס.ס.ר. און גערמאַניע. די כלומרשטע קאָנצענטרירונג פון דייטשן און סאָוויעטישן מיליטער לענג־אויס די גרענעצן זענען פשוטע באַוועגונגען פון מאַנעווערס, וואָס קומען פאָר יעדן זומער".

אַט אַזוי האָבן די מאָסקווער הערשער געפּרווט, ווי יעדעס מאָל מיט שקרים זיך און אַנדערע איינרעדן, אַז דער שלום מיט היטלערן איז געזיכערט.

צו מאָרגנס איז מיר געשען אַ פּאַרפאַל. האַקנדיק מיט דער האַק די סענקעס פון די ביימער, זיי זאָלן זיך קאָלערן, איז די האַק אָפּגעשפּרונגען און מיך פאַרוווּנדעט אין דער לינקער האַנט. כדי מען זאָל מיר נישט חושד זיין, אַז כ'האָב זיך אַליין פאַרוווּנדעט, צו ווערן באַפרייט פון דער אַרבעט, האָב איך פאַרבונדן די האַנט מיט אַ שמוציק נאָז־טיכל און ווייטער געקאָלערט די קלעצער מיט איין האַנט. דער בריגאַדיר האָט דאָס באַמערקט און געפרעגט, צי כ'וויל ווייטער אַרבעטן. כ'האָב געזאָגט, אַז יאָ. אָבער דער סטרעלאָק, וועלכער איז געזעסן אויף דעם טורעמל און אָבסערווירט דעם גאַנצן אַרבעטס־פּלאַץ, איז אַראָפּ צו מיר, באַטראַכט מיין פאַרוווּנדעטע, בלוטנדיקע האַנט און מיר געהייסן גלייך אויפהערן אַרבעטן. מיטאָג־צייט איז דער לייטענאַנט געקומען קאָנטראָלירן די וואַכן און ער האָט מיך אָפּגעפירט צוריק אין דער זאָנע. איך בין אָנגע־קומען צום באַרימטן כירורג. ער האָט פאַרנייט די האַנט מיט אַ זיידענעם פאָדעם און מיך באַפרייט אויף 2 טעג פון דער אַרבעט. ער האָט מיר באַפוילן איך זאָל קומען צו אים דעם דריטן טאָג פאַר דער אַרבעט.

ווען כ'בין דעם דריטן טאָג, 6 פרי אַריינגעקומען אין דער אַמבולאַ־טאָריע, האָט דער ראַדיאָ פּונקט געשפּילט דעם לאַגער־הימען: „כ'קען קיין צווייט לאַנד אַזעלכעס, ווו אַ מענטש אָטעמט אַזוי פריי" (יאַ דרוגאָי טאַקאָי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דישיט טשעלאָוויעק). דער כירורג האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— וויפל נאָך וועלן זיי אָנגיין מיט זייערע ליגנס. הערסט: ווו אַ מענטש אָטעמט אַזוי פריי...

אין אייניקע טעג אַרום האָט מען אים באַפרייט און איבערגעגעבן אַ פעלד־לאַזאַרעט צום אָנפירן.

עס איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון ליטע און צווישן זיי אַן 18

יאַריק שגצל, נאָך אַ קינד, מיט בלויע אויגן און בלאָנדע האָר, רויטע בעקלעך, וואָס ווען ער טוט אָן אַ קלײדל, וואָלט מען אים זיכער אָנגענומען פאַר אַ שיין מיידל. ער האָט דערוועקט אונדזער אַלעמענס סימפּאַטיע. סאַטשעווסקי האָט אים גאָר מקרב געווען, אים געלייגט נעבן זיך און מ׳האָט אָנגעהויבן שמועסן, אַז ער לעבט מיט אים... ער האָט אים געשטעלט צו דער גרינגסטער אַרבעט און זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַן אייגן קינד. דאָס האָט אים פרעך געמאַכט. ער האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן גרויסע אַנטיסעמיטישע נייגונגען. ער האָט אַפילו געפּרוּווט אין סטאַלאָווע הייבן אויף מיר די האַנט, נאָך דעם ווי כ׳האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט פאַר וואָס ער גייט נעמען עסן אויסער דער ריי. באַלד איז אים סאַטשעווסקי געקומען צו הילף און מיר געדראָט אַרויסוואַרפן פון דער בריגאַדע, אויב כ׳וועל נאָך איין מאָל אָנרירן „ס׳קינד״.

אין אויגוסט האָט מען אונדז איבערגעפירט צו נאַכט־אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָנצינדן גרויסע פייערן אויף די פאַרזייטע קאַרטאָפל־פעלדער, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן פרירן פון די ביינאַכטיקע קעלטן. מען האָט זיי שפּעט געזייט, אין האַלב יוני און אין די צוויי מאָנאַטן האָבן זיי נאָך נישט באַוויזן רייף צו ווערן. דאָס איז געווען דער ערשטער עקספּערימענט פון זייען קאַרטאָפל אין צפונדיקן אוראַל, וווּ ס׳האָט אין יוני און יולי געהערשט דער פּאָליאַרער טאָג, ד. ה. די זון איז נאָר פאַרגאַנגען אויף עטלעכע שעה, און אויך דאַן איז געווען ליכטיק, ווי ביי טאָג.

אונדזערע פייערן האָבן, וואָס אַן אמת, אָפּגעראַטעוועט די קאַרטאָפל. מ׳האָט אָבער פאַרברענט אַ מענגע מיט האָלץ, וואָס איז דאָרט געווען בשפע.

איין מאָל, ווען כ׳בין געבליבן אין דער זאָגע צוליב צאָן־ווייטיק, איז אַריינגעקומען אין באַראַק דער יִדישער זאַווכאָז פון פּריִערדיקן לאַגער און מיר געמאָלדן: „כ׳האָב היינט געהערט דעם באַריכט אין ראַדיאָ וועגן אייך. אַלע פּוילישע בירגער וועלן באַפרייט ווערן פון די לאַגערן און פאַרשיקונגען, פון די טורמעס און צוואַנגס־אַרבעטן. אַזאַ אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אייער רעגירונג אין לאָנדאָן און אונדזער רעגירונג״.

עס איז געווען צו גוט, אַז ס׳זאָל זיין אמת. מיט אומגעדולד האָב איך אויסגעקוקט, אַז די בריגאַדעס זאָלן אַהיים קומען פון דער אַרבעט,

כ׳זאָל זיי דאָס קאָנען איבערגעבן. זיי האָבן שוין ביי דער אַרבעט עפּעס געהערט. מער ווי דאָס האָבן מיר דעם טאָג זיך נישט דערוווּסט.

אַ וואָך צייט האָבן מיר געאַרבעט ווי אין הינערפּלעט. מ׳האָט אונדז נאָך גאַנץ געשמאַק אונטערגעטריבן. טייל פּאָליאַקן און ייִדן, וועלכע האָבן אויף דער קאָנטאָ זיך אָפּגעזאָגט גיין צו דער אַרבעט, האָט מען איינגעזעצט אין קאַרצער.

אין אַ געוויסן טאָג, אַרום 4 נ.מ. האָט דער „גודאָק" (פּייפער) פון לאַגער אונדז גערופן פאַר דער צייט אַהיים. אין לאַגער איז אויף אַ טריבונע געשטאַנען דער לאַגער־נאַטשאַלניק מיט עטלעכע ציווילע באַאַמטע, ווי אויך די לאַמע טאָכטער פונעם פירשט. פון אַ פּאַפּיר האָט מען געלייענט אַ מאַניפעסט, אַז אַלע פּוילישע בירגער ווערן, לויט אַן אָפּמאַך מיטן גענעראַל שיקאָרסקי באַפרייט פון אַלע ערטער אין רוסלאַנד, ווו זיי געפינען זיך נאָר, חוץ באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש, אין הויך־פאַרראַט און מאָרד. מיר זאָלן איצט גיין עסן, אויסבאָדן זיך, טוישן וועש; גיין אין ביוראָ זיך אָפּרעכענען, צוצאָלן, אָדער אָפּנעמען געלט אויב ס׳קומט; זיך נישט מער לייגן אין די באַראַקן שלאָפן, נאָר זיך קאָנצענטרירן אין דער סטאָלאָווע (עס־זאַל), אָדער לייען־זאַל, אויפן ספּאָרט־פּלאַץ און שפּאַציר־אַלייע.

לאַנגזאַם איז נישט געווען צווישן די באַפרייטע. איך האָב אים איבערגעלאָזט עטלעכע רובל, אייניקע שטיקלעך צוקער און זיך מיט אים געזעגנט. מער האָב איך אים נישט געטראָפן.

פאַר טאָג, נאָכן פרישטיק, האָט מען אונדז אונטער אַ שטאַרקן קאָנוואָי מיט הינט אַרויסגעפירט פון לאַגער. מיר האָבן נישט געוואָלט גלייבן, אַז מען פירט אונדז אויף דער פריי.

אויף דער פריי

באוואכטע מיט הינט האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ לאַנגן און שווערן וועג, גלייך ווי ס׳וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט. ביי נאַכט האָט מען אונדז געבראַכט נעכטיקן אין אַ לאַגער, אין וועלכן די פּוילישע בירגער האָבן נאָך אַפילו נישט געהאַט קיין אָנונג, אַז זיי דאַרפן באַפרייט ווערן. זייער שׂימחה איז געווען גרויס. זיי האָבן אָבער זייער געצווייפלט, צי מ׳וועט אונדז טאַקע פירן ווייטער און צי מיר וועלן נישט בלייבן אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי אין לאַגער.

גאַנץ פרי האָט מען אונדז ווייטער קאָנוואָירט און נאָר דעם דריטן טאָג, נאָכן איבערנעכטיקן אין אַ צווייטן לאַגער, האָט מען אונדז מיטאָג־צייט געבראַכט אין אַ דאָרף מיט אַ באַן־סטאַציע און אַ גרויסע איינ־שטאָקיקע געביידע אין דער מיט. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט אין פראָנט פון הויז און דער קאָנוואָי־עלטסטער האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן אויפ־מערקזאַם אויסהערן וואָס מ׳וועט אונדז דאָ זאָגן. אויפן באַלקאָן איז דער־שינען אַ מאַיאָר פון דער מלוכהשער זיכערקייט, וועלכער האָט צו אונדז געזאָגט:

„לויט אַן אָפּמאַך מיט אייער רעגירונג האָט אייך דער ראַטן־פאַרבאַנד אַמנעסטירט און געשאָנקען די אורטיילן אויף וועלכע מ׳האָט אייך פאַר־משפּט. איר זענט פריי צו פאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּהין אייער האַרץ גלוסט, אויסער אין די שטעט, ווו מ׳דאַרף האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. יעדן צווייטן טאָג גייט פון דאַנען אָפּ אַ צוג קיין סווערדלאָווסק. מיט דעם מאָרגנדיקן צוג קאָנט איר אָפּפאָרן פון דאַנען. באַן־בילעטן וועט איר באַקומעןביים באַן־נאַטשאַלניק. נאָכן אָנקומען אויפן אָרט, וואָס איר אַליין וועט אויסוויילן, דאַרפט איר שרייבן קיין מאָסקווע אין אייער אַמבאַ־סאַדע אין פאַרלויף פון אַ חודש און מעלדן, אַז איר זענט פריי, ווו איר געפינט זיך און אַז איר וואַרט אויף ווייטערדיקע אינסטרוקציעס, ווי מאָביליזירט ווערן אין דער אַרמיי. צום ווידערזען, בירגער!“

ער איז פאַרשוווּנדן. מיר האָבן זיך אומגעקוקט און נישט געפונען מער די באַוואָפנטע שומרים אונדזערע מיט די הינט. מיר זענען זיך גלייך צעגאַנגען איבערן דאָרף זוכן עסן. אַנדערע האָבן געקויפט פאַר געלט.

די מערהייט האָט אָבער אָנגעהויבן אויסגראָבן די קאַרטאָפל פון די איינ־ווינער און געקאָכט און געבראָטן אויף פייערן, וואָס מ׳האָט אָנגעצונדן אויף די פרייע פּלעצער. קיין שום אַנדערע שפּייזן זענען דאָרט נישט געווען.

אין אָוונט ביי די פייערן האָבן זיך געבילדעט קרייזלעך און אַ טייל פּאָליאַקן האָבן באַלד אָנגעהויבן אַרויסווייזן זייער פון דורות איינגע־בילדעטער יידן־שינאה.

— איך וואָלט אַלע יידן אויסגעשאָכטן, דערפאַר, וואָס זיי האָבן מיט אונדז געטאָן, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין קיין פּוילן — האָט איינער געזאָגט.

אַן אַנדערער האָט זיך אָפּגערופן:

— איך וואָלט שוין דאָ אַרומגעגאַנגען מיט אַ מעסער און אַריינגעזעצט אין יעדן ייִד, וואָס כ׳וואָלט געטראָפן.

— פאַר וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל, זוכנדיק איין מאָל צו קויפן ברויט, האָב איך געטראָפן צוויי ייִדן מיט פּייקעס ברויט. האָב איך זיי געפרעגט, וווּ זיי האָבן דאָס געקויפט, האָבן זיי מיר נישט געוואָלט זאָגן.

— דעריבער קומט זיי הרגענען? — האָב איך ווייטער געפרעגט. — „הערט, איר פּאָליאַקן! דער זעלבער גורל האָט אונדז געטראָפן ביים אויס־ברוך פון קריג. די זעלבע צרות סיי ביי די סאָוויעטן און סיי ביי די דייטשן. מיר האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל אין די לאַגערן. דאָרט האָט איר פאַרשטאַנען צו האַלטן דאָס מויל און לכל הפּחות נישט אַרויסגעוויזן אייער אומזיסטע יידן־שינאה. איצט, אַז מ׳האָט אייך נאָר געוויזן אַ שפּאַ־רונע פון פרייהייט, ווייזט איר שוין אייער אָפענעם אַנטיסעמיטיזם. איר פאַרגעסט וווּ איר געפינט זיך. אַזוי ווי זיי האָבן אונדז באַפרייט, אַזוי קאָנען זיי אונדז ווידער איינזעצן. די אוקראַאינער און ווייסרוסן ביי די סאָוויעטן און די פאָלקסדייטשן ביי היטלערן פון ביידע זייטן פון אָקו־פּירטן פּוילן האָבן אייך זיכער מער שלעכטס געטאָן ווי מיר ייִדן און פון דעסטוועגן הער איך נישט פון אייך קיין איין וואָרט קעגן זייער האַנד־לונג, בעת פּוילן איז געווען אין אַ נויט. נאָר קעגן ייִדן ווייזט איר אייער צאָרן. מיט ברויט האָט מיט מיר געטראָפן די זעלבע זאַך. איך האָב געהאַט געטראָפן 2 אוקראַינער מיט ברויט און האָב זיי אויך געפרעגט, וווּ זיי האָבן דאָס געקויפט. זיי האָבן מיר נישט נאָר נישט געזאָגט וווּ, נאָר

מיך אויך געזידלט און געשריען: גיי זוך, ווען־טו געפינען! ווילסט תמיד קומען צום גרייטן״.

אין דער פרי האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג דערזען וואָס עס איז געשען מיט זייער מי און פראַצע, מיטן אָנגרייטן שפּייז אויפן לאַנגן ווינ־טער. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געקאַכט עמערס מיט פּריצייטיק אויס־געגראָבענע קאַרטאָפל, נישט איבערלאָזנדיק, ווי היישעריקן, קיין גרין בלעטעלע. זיי האָבן אַלאַרמירט די מיליץ און נ.ק.וו.ד. זיי זענען געקומען, אונדז פאַרטריבן צו דער באַן־סטאַציע און פאַרוווּרט צו פאַרלאָזן דעם אָרט ביזן אָוונט, ווען דער צוג וועט אָנקומען. זיי האָבן זיך קוים דער־מאָנט, אַז מיר דאַרפן עסן. זיי האָבן אָפּנים געמיינט, אַז ס׳איז גענוג פאַר אונדז די פרייהייט און זיי דאַרפן נישט זאָרגן וועגן אַ מעגלעכקייט ערגעץ ווו צו קויפן עסן. געלט האָבן מיר געהאַט, וואָס מ׳האָט אונדז אויסגעצאָלט ביים ,,צערעכענען״ זיך אין לאַגער. מיר האָבן געקויפט אויפן סמך פון אונדזער דאָקומענט ,,וורעמיענאָיע אודאָסטאָווערעניע״ אויף 3 מאָנאַטן וואָס מיר האָבן באַקומען: געזאָלצענעם קעז (ברינדזע), ברויט און געטריקנטע פיש, זייער שטרענג לויטן פּאַיאָק. אין גאַנץ רוסלאַנד האָט פונעם אויסברוך פון קריג געהערשט דער קאַרטן־סיסטעם.

אָוונט־צייט איז אָנגעקומען אַ פולער צוג מיט וואַקויִרטע נ.ק.וו.ד.יסטן, ס׳רוב הויכע אָפיצירן מיט זייערע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען פונעם ,,בליץ־אָנפאַל״ אויף די ראַנד־געביטן, וועלכע זענען פריער ,,באַפרייט״ געוואָרן דורך די סאָוויעטן: מערב־אוקראַיִנע, ווייס־רוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, בעסאַראַביע און בוקאָווינע. מיט נאָך נישט פאַרשווונדענער שרעק אין די אויגן האָבן די פרויען און קינדער דערציילט וועגן דער טויט־געפאַר, וואָס האָט זיי געדראָט אויף די וועגן בעתן אָנטלויפן פון דייטש; ווי די היטלערישע אַוויאַציע האָט אומברחמנות־דיק באָמבאַרדירט די צוגן, די שיפן און די שאָסייען.

קיין לאַנגע צייט צו הערן האָבן מיר נישט געהאַט, ווייל מיטן זעלבן צוג האָבן מיר געזאָלט אָפּפאָרן פונקט אין דער ריכטונג פון וואַנען זיי זענען געקומען. די מענער זענען מיט אונדז צוריקגעפאָרן. פון אונטער־געהערטע געשפּרעכן צווישן זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען אַלע מאָביליזירט. מ׳האָט זיי נאָר געגעבן די מעגלעכקייט אָפּצופירן זייערע פאַמיליעס אויף אוראַל און אַליין דאַרפן זיי זיך גלייך מעלדן אין די אָפּטיילונגען.

אויף די סטאַציעס ווו מיר זענען דורכגעפאָרן האָבן מיר געטראָפן פיל ייִדן, אוקראַינער און ווייסרוסן פון די מערב־געביטן, וועלכע זענען פריער געווען מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און וועלכע האָבן שוין אַפילו אָנטיילגענומען אין שלאַכטן און אויך זיך אויסגעצייכנט. נאָכן פאַרראַט פון גענעראַל וולאַסאָוו האָט מען זיי אַלע אָנטוואָפנט און אַרעסטירט און מיט אַ קאָנוואָי אָפּגעשיקט קיין אוראַל און סיביר. דאָרט האָט מען פון זיי געשאַפן אַרבעטס־באַטאַליאָנען און באַשעפטיקט ביי די שווערסטע אַרבעטן, ווי האַקן וועלדער, בויען זאַוואָדן, באַן־ליניעס און בריקן, אין נאָך ערגערע באַדינגונגען ווי מיר אין די לאַגערן, אָן עסן צו דער זעט און אָן וואַרעמע קליידער. מ׳האָט זיי געצאָלט אַ נישטיקן לוין, ווי מאָביליזירטע זעלנער. זיי האָבן זיך באַוועגט פריי, אָן אַ וואַך. דער רעזשים איז געווען אַ מיליטערישער און זיי האָבן נישט געטאָרט פאַרלאָזן דעם אַרבעטס־פּלאַץ. די מערהייט פון זיי זענען אַמאָל געווען טרייע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק מאָביליזירט. איצט האָבן זיי באַצאָלט פאַר די זינד פון אַנדערע און געטראָגן דעם צונאָמען „פאַררעטער״. דאָס אַלץ ווייל גענ. וולאַסאָוו האָט זיך געלאָזט אַרומרינגלען פון די דייטשן און זיי איבערגעגעבן דעם גאַנצן ערשטן ווייסרוסישן מיליטערישן קרייז מיט אַלע פאָרטיפיקאַציעס און אַ מיליאָניקע אַרמיי מיט דער פולער מאָדערנסטער אויסשטאַטונג, אָן איין שאָס, דערמעגלעכט די דייטשן אַריבערצוגיין דעם דניעפּר און איינצונעמען קיעוו. וולאַסאָוו אַליין האָט נאָך געהאַט די „חוצפה״ צו „אַנטלויפן״ קיין מאָסקווע מיט אַן עראָפּלאַן, זיך פאָרשטעלן פאַר אַ העלד, וועלכן ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די היטלעריסטן. עס זענען נישט געווען קיין עדות, וועלכע זאָלן דערציילן וועגן זיין שווידערלעכן פאַרראַט, וואָס האָט שיִער נישט דערפירט צו דער פולשטענדיקער מפלה פונעם ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ יאָר האָט מען אים געהאַלטן אין מאָסקווע און נישט געפונען קעגן אים קיין שום באַשולדיקונגען. מען האָט אים געשיקט אויפן קרימער פראָנט, ווו די רויטע אַרמיי האָט אין משך פון אַ יאָר געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד די אָנגרייפנדיקע דייטשן און רומענער. וולאַסאָוו איז נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון פראָנט אויפן קרימער האַלב־אינדזל. באַלד האָט ער צום צווייטן מאָל פאַרראַטן און זיך איבערגעגעבן מיט אַ 600 טויזנט קעפּיקער אַרמיי אין די הענט פון די דייטשן. מיט איין קלאַפּ האָבן די רומענער און דייטשן באַקומען סעוואַסטאָפּאָל, דעם קרימער האַלב־אינדזל. די אָרטיקע טאַטאַרישע באַפעלקערונג, וואָס איז מיט פרייד צוגע־

שטאַנען צו די אַקופּאַנטן און מיט אכזריות באַהאַנדלט די געפאַנגענע רויט־אַרמייער וועלכע זענען מיט עשאַלאַנען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן און דייטשלאַנד.

נאָכן דעראָבערן צוריק, דורך דער רויטער אַרמיי דעם האַלב־אינדזל קרים, זענען די טאַטאַרן מיט די פרויען און קינדער אָפּגעשיקט געוואָרן ביי נאַכט מיט עשאַלאָנען קיין מיטל־אַזיע און סיביר. קרים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריין רוסישן געביט.

דאָס מאָל איז שוין וולאַסאָוו נישט צוריק „אַנטלאָפן" קיין מאָסקווע, נאָר איז אָפן צוגעשטאַנען צו די דייטשן. ער האָט פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע געשאַפן באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, אַזוי גערופענע „וולאַסאָוו־צעס", וועלכע האָבן געקעמפט קעגן זייערע אייגענע ברידער, די רויט־אַרמייער, נאָך פאַרביסענער ווי די דייטשן אַליין. טויזנטער רוסישע זעלנער זענען געפאַלן פון זייערע פאַררעטערישע קוילן אַפילו נאָכן צוריקגאַנג פון די דייטשן. פון הויכע קלויסטער־טורעמס, פון קעלערן און באַפעס־טיקטע הייזער אין די צוריק פאַרנומענע שטעט האָבן זיי באַשאָסן די מאַר־שירנדיקע זיגערישע רויטע אַרמיי. זיי זענען, נאַטירלעך געפאַלן ביזן לעצטן, ווייל זיי האָבן גוט געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי אויב זיי וועלן גענומען ווערן לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט.

דעם גענ. וולאַסאָוו האָט אין 1946 אין צעטיילטן בערלין, דערקענט אַ רויט־אַרמייער בעת אַ דאָקומענטן־קאָנטראָל, וועלנדיק אַריבערפאָרן פון איין זאָנע אין דער צווייטער. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אויפגע־האַנגען געוואָרן אין מאָסקווע.

צוליב די געשעענישן און דעם אומצוטרוי לגבי אַלע פאַרדעכטיקטע, האָט מען אונדז נישט גענומען אין דער רויטער אַרמיי די גאַנצע צייט פון קריג ביז סוף 1944 און אויך אָנפאַנג 1945, ווען דער נצחון איז שוין געווען אָנגעצייכנט. אָבער אין געצײלטע פראָנט־אָפּשניטן, וווּהין ס'איז נישט דערגאַנגען דער באַפעל צו אַנטוואָפענען אַלע זאַפאַדניקעס, זענען זיי פאַרבליבן אין די מיליטער־טיילן און דורכגעמאַכט די גאַנצע פאַטער־לענדישע מלחמה, פיל מיט גרויסע פאַרדינסטן און הויכע מיליטערישע ראַנגעס. נאָך מער פון זיי האָבן זיך דערדינט צו אַ העלדישן טויט אויף די אומצאָליקע שלאַכט־פעלדער פון באַלטישן ביזן שוואַרצן ים און ביז די קאַרפּאַטן און אַלפּן.

קיין סווערדלאָווסק זענען מיר אָנגעקומען פאַר טאָג. די גרויסע אור־

אַלישע הויפּטשטאָט האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער מיליטערישער לאַ־גער. אויפן וואָקזאַל האָבן מיר געגעסן און געטרונקען צו דער זעט. אין גאַס האָבן ביי אונדז מיליציאָנערן באַלד געפּרעגט אויף דאָקומענטן. מיר האָבן זיך דעריבער נישט דערווייטערט פון וואָקזאַל.

דאָ האָב איך זיך, צום ערשטן מאָל, געטראָפן מיט הונדערטער ייִדן, אַנטלאָפענע פון די באַלטישע לענדער: ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אַ זאַפטיקן, ליטווישן ייִדיש.

איך בין געווען פאַרצווייפלט און נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. איך בין געווען שלעכט אָנגעטאָן, אין אַ פּויליש באַרטע היטל, שטרויענע לאַפּטשעס אויף די פיס און אַ קורצע קורטקע מיט אַ פוטערן קעלנערל. אין די הונגער־צייטן אין די לאַגערן האָב איך מיינע מלבושים אויסגעטוישט אויף פאַרשיידענע שמאַטעס און מיט מיין הילוך האָב איך זיך געשעמט פאַר מענטשן.

צום וואָקזאַל זענען אָנגעקומען פאַרשיידענע אַגענטן פון אוראַלער פאַבריקן און אונדז געפּרוּווט איינרעדן, מיר זאָלן מיט זיי פאָרן אַרבעטן אין זייערע זאַוואָדן, וועלכע זענען אַלע טעטיק פאַר דער קריגס־אינדוס־טריע. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, און פיל זענען מיט זיי אַוועק. איך האָב באַגעגנט מיינעם אַ יוגנט־חבר, דן ריין, אַ סטאָליער פון לובלין. ער האָט מיר צוגערעדט איך זאָל מיט אים מיטפאָרן קיין אַסבעסט, אַ שטעטל ווו ער האָט געלעבט איידער מ׳האָט אים פאַרשיקט און ווו ס׳איז געווען פון כל טוב.

נאָך אין זעלבן אָוונט האָבן מיר איינגעשטיגן אין צוג, וואָס גייט דורך באַזשאַנאָוואַ קיין אַסבעסט. אין די וואַגאָנען האָט געהערשט אַ פינצטער־ניש. אַ ייִדישע פרוי האָט נעבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ פולע געפּאַקטע טעקע און מיר געבעטן אַכטונג געבן, ווייל זי גייט ברענגען נאָך פּעק. וועלנדיק גוט אָפּהיטן די טעקע האָב איך אויף איר אַוועקגעלייגט די האַנט, כדי צו פילן אין דער פינצטער ווען ווער וועט פרוּוון באַגנבענען. די פרוי, צוריקקומענדיק אין וואַגאָן מיט נאָך 2 פּעק האָט זי באַמערקט מיין האַנט אויף איר טעקע און גלייך אויפגעהויבן אַ היסטעריש געשריי, אַז איך האָב געגראַבלט אין איר טעקע. איך האָב די האַנט נישט צוגענומען און אויף איר אָנגעשריגן, אַז כ׳האָב זי נישט געבעטן, זי זאָל ביי מיר אוועקשטעלן איר באַגאַזש. אויף אירע געשרייען איז אָנגעלאָפן איר מאַן מיט די איבע־ריקע פּעק. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז כ׳האָב נאָר געוואָלט גוט אָפּהיטן די טעקע. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און געוויזן דער פרוי,

אַז די טעקע איז פֿאַרמאַכט אַזוי ווי געווען, אָן קיין שום סימנים פֿון גראַב־לען. זי איז אַ פֿאַרשעמטע אַוועק אין אַן אַנדער וואַגאָן און דער מאַן האָט זיך פֿאַר מיר אַנטשולדיקט.

אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַסבעסטער וואָקזאַל און זיך גלייך אָפּגעזוכט ווינקלען, ווו אַוועקצולייגן די קעפּ. אין בופעט האָבן מיר באַקומען צו קויפן אַ הייסן טעלער זופּ מיט קאַשע און 200—300 גראַם ברויט אָן קאַרטן.

גאַנץ פֿרי זענען מיר אַוועק, איך און דן, אין גאַרסאָוויעט. דערווייל האָבן מיר באַקומען ברויט־קאַרטן אויף 400 גראַם טעגלעך, לויט דער נאָרמע פֿאַר נישט אַרבעטנדיקע, מיטן צוזאָג, אַז נאָכן איינאָרדענען זיך אויף אַרבעט, וועט אונדז די פֿאַבריק דערגעבן די קאַרטן ביז 800 גראַם. די רייען נאָך ברויט־קאַרטן אין גאַרסאָוויעט זענען געווען לאַנגע. עס זענען פֿאַרגעקומען העסלעכע סצענעס. די אַסבעסטער איינוווינער און אַפֿילו באַאַמטע האָבן פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז צוליב די עוואַקויִרטע איז געוואָרן אַ שרעקלעכער יקרות און אַ מאַנגל אין פּראָדוקטן.

— פֿאַר וואָס זענט איר נישט געבליבן דאָרטן, פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד פֿאַרן שונא, נאָר אַנטלאָפֿן אַהער, קיין אוראַל? צוליב אייך ליידן מיר דאָ איצט צרות.

איינער אַן עלטערער גוי האָט מיט איראָניע באַמערקט:

— איר האָט פֿאַרלאָזט אייערע ווינערטער און אַנטלאָפֿן פֿאַרן דייטש קיין אוראַל און סיביר, און אונדז אוראַלער און סיביריאַקעס שיקט מען אַהין, אויפֿן פֿראָנט פּאַרטיידיקן אייערע היימען. וואָס זאָגט איר דערויף?

די מערהייט עוואַקויִרטע, פֿרויען מיט קינדער און יִידן, מיט טויט־שרעק אין די אויגן, וואָס האָבן צוגעזען די דייטשע גרוילן, האָבן נעבעך געשוויגן. נאָר איין פֿרוי, זעט אויס אַ פּאַרטיי־פֿונקציאָנאַרין, איז אַרויס מיט לשון און זיי אַלע שטום געמאַכט:

— וואָס מיינט איר עגאָיִסטן? וואָס ווייסט איר דען פֿון די גרוילן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אַפֿילו נאָכן עוואַקויִרן זיך, ווען אונדזערע עשאַלאָנען, לאַסט־אויטאָס, אָדער פֿערד און וועגענער זענען אויפֿגעריסן געוואָרן אויף זייענדיק טיף אין הינטערלאַנד. אַפֿילו ליידיקע שאָסייען האָבן זיי באָמבאַרדירט און באַשאָסן. וויפֿל פֿון אונדז האָבן נישט דערלעבט אַהער צו קומען? און ווּהין האָבן מיר זיך עוואַקויִרט? נישט צו אייער אוראַל און סיביר, נאָר צו אונדזער אייגענער רוסישער ערד. רוסלאַנד איז

אייניק און גרויס און ווו מיר קומען פילן מיר זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

איר רעדע האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. די אַרבעטער זענען מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער באַלד איז אויסגעבראָכן אַ פרישער סקאַנדאַל.

אַן ענקאַוועדיסט, אַן אויפזעער איבער אַלע מינים שפּיר־הינט, האָט באַקומען קאַרטן פאַר די דינסט־הינט. דער באַאַמטער פון די קאַרטן האָט אויסגעשניטן דעם אַנווייז אויף צוקער. דער ענקאַווע־דיסט האָט געטענהט, אַז ס׳קומט די הינט נישט נאָר דאָס ברויט, געמיזן, פלייש און פעטס־קאַרטן, נאָר אויך די 400 גראַם צוקער אַ חודש. ער האָט דערביי פאַרזיכערט, אַז ער נעמט גאָרנישט פאַר זיך, נאָר גיט די הינט זייערע נאָרמעס און זיי זענען ביי אים זאַט. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן די געשרייען. דער לייטער פון גאָרסאָוויעט האָט אים געוויזן אַ פאַראָרדע־נונג, אַז די דינסט־הינט באַקומען נישט צוגעטיילט קיין צוקער.

נאָכן באַקומען די ברויט־קאַרטן זענען מיר אַוועק אין דער דריטער פאַבריק זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט. מען האָט אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. דער דירעקטאָר האָט מיט זאָרג געזען ווי זיין פאַבריק ליידיקט זיך אויס פון אַרבעטער בעת די באַשטעלונגען ווערן פון טאָג צו טאָג גרעסער. דאָס ביסל שילער פון 12 יאָר אַן, וואָס האָבן נאָך אַ קורצער אויסשולונג באַדאַרפט פאַרטרעטן די מאָביליזירטע אַרבעטער זענען בשום אופן נישט געווען אימשטאַנד אויסצופילן די בלויזן. זיי האָבן אָנגעמאַכט מער צרות ווי זיי האָבן געבראַכט נוצן: געגנבעט געצייג און אויסשטאַ־טונג פון דער פאַבריק און פון די אַרבעטער. זיי זענען געווען נישט גע־האַרכזאַם און די יינגערע האָבן פאַרלאָזט די אַרבעט און געגאַנגען שלאָפן, ווען זיי האָבן זיך דערפילט מיד. בעת אַ פייגעלע איז אַריין אין זאַוואָד האָבן זיי אָפּגעשטעלט אַלע מאַשינען און געלאָפן עס כאַפּן. זיי האָבן פאַר־שפּעטיקט, אָדער בכלל נישט געקומען צו דער אַרבעט. לויטן אוקאַז פון אייבערשטן סאָוויעט פון 20סטן אויגוסט 1940 האָט מען זיי געקאָנט משפּטן דערפאַר און עס האָט זיי געדראָט פון 6 ביז 12 חדשים טורמע, אָדער אַזוי גערופענע „אַלימענטן" (אָראָפּרעכענען פון לוין 20%—25%) אויף אַ תקופה פון אַ האַלב ביז איין יאָר.

אָבער ווי צו די מינדעריאָריקע אין די לאַגערן, האָט מען זיך אויך דאָ צו זיי באַצויגן לפנים משורת הדין, זיי געשענקט די שטראָפן און בלויז געוואָרנט, אַז להבא זאָלן זיי זיין גוט און פרום.

אַ ייִדישער דירעקטאָר אין אַ פאַבריק אין אַלאַפּאַיעווסק האָט נאָכן קריג באַקומען אַן אורטייל פון 3 יאָר טורמע דורך אַ פאַבריקס־געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון זיינע אייגענע אַרבעטער, פאַר נישט שטעלן צום געריכט בעתן קריג די פ. ז. אוניקעס, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט, אָדער דורכגעלאָזט אַרבעטס טעג. ער האָט פשוט רחמנות געהאַט אויף די מינדער־יאָריקע קינדער, וואָס זייערע פאָטערס זענען געווען מאָביליזירט און די מוטערס האָבן געמוזט גיין אַרבעטן כּדי זיך צו דערנערן. אַנשטאָט זיי אָנקלאָגן אין געריכט, ווו ס'האָבן זיי געדראָט שווערע געלט־שטראָפן, אָדער טורמע, האָט ער זיי אַליין איינגעשפּאַרט אין אַ ספּעציעל קעמערל נאָר אויף עטלעכע שעה. זיי אַליין האָבן עדות געזאָגט קעגן אים. נאָכן אורטייל, ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל אויסגעניכטערט פון אַנטיסעמיטישן טשאַד, האָבן זיי חרטה געהאַט און אויסגעבראָכן אין אַ גרויסן כאָראַלן געוויין.

איך האָב שפּעטער געהערט פון אַ יונג, 18 יאָריק מיידל, ווי זי האָט געזאָגט צו איר שוועסטער:

— וואָס האָב איך געוואָלט פון אים? ער איז דאָך צו מיר געווען אַזוי גוט. ווען נישט דאָס, וואָס ער איז אַ יעווּרעי, וואָלט דען ווער געווען עדות געזאָגט קעגן אים?

ווען אָט דער ייִדישער דירעקטאָר האָט דערזען אויף מיינע פיס די שטרויענע לאַפּטשעס, האָט ער געהייסן אויסשרייבן פון מאַגאַזין אַ פּאָר נאָך גאַנץ גוטע, כאָטש גענוצטע שיך פון חזיר־פעל מיט גומענע זוילן און מיר געגעבן צו דער אַרבעט. מען האָט מיך, אָבער, געשטעלט אַרבעטן אַלס טעסלער אַנשטאָט סטאָליער און די אַרבעט איז מיר געווען פרעמד.

איך האָב זיך געוווּנדערט ווי זיי אַרבעטן מיט דער האַק און מאַכן מיט איר די שענסטע אַרבעטן, וועלכע קומט ביי זיי אַרויס ווי געהובלט. אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן, וואָס כ'האָב געאַרבעט אין רוסלאַנד, און ביזן היינטיקן טאָג, האָב איך נישט באַהערשט די האַק ווי זיי. אין דער אַר־בעט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אַ רימער, וועלכער האָט נאָך פאַרן קריג געצייט זאָטלען פאַר פערד. נאָכן אויסברוך פון קריג האָט מען אים איבערגעפירט אַלס פּלאָטניק. ער האָט געקאָנט פון אַן 8־מעטערדיקן קיי־לעכדיקן קלאָץ, שנעל און פּינקטלעך אָפּטעסען אַ 20+20 סמ. בעליק, ווי פון טאַרטאַק אַרויס.

איין מאָל, נאָך דעם ווי מען האָט ביי אים אין סטאָלאָווע צוגעגנבעט זיין לעפל, האָט ער בעת דער אַרבעט, מיט זיין העקל זיך געמאַכט אַ

הילצערן לעפל, אַז דער אַלטער גרוזינער פון לאַגער האָט זיך געמעגט קומען צו אים לערנען.

איך האָב געבעטן מען זאָל מיך איבערפירן צו סטאָליעריי אַרבעטן, און מען האָט עס מיר צוליב געטאָן. איך בין אָבער דורכגעפאַלן נאָך דעם ווי מ'האָט מיר אַוועקגעשטעלט מאַכן פעסער אויף צו זייערן קרויט. די אַרבעט האָב איך נאָך ווייניקער געקאָנט ווי טעסלעריי. איך האָב געבעטן מ'זאָל מיר דערמעגלעכן אַן אַנדער פּראָבע אין דער סטאָליעריי, האָט מען מיר געגעבן מאַכן אַ ראָד צו אַ וואָגן. איך בין ווידער, מיט בושה, דורכגעפאַלן, ווייל די אַרבעטן האָבן אין פוילן געמאַכט ספּעציעלע פאַכלייט. בעדנער האָבן געמאַכט פעסער און סטעלמאַכערס האָבן געמאַכט רעדער. קיין שום סטאָליער אין פוילן האָט זיך נישט פאַרנומען מיט די אַרבעטן. די פאַכן האָבן געדינט ווי אַ זידל־וואָרט ביי דורכגעפאַלענע מעבל־אַרבעטער, אָדער בוי־סטאָליערס: „ביסט אַ בעדנער און נישט קיין סטאָליער" — פלעגט מען זאָגן. דאָ האָב איך געזען, אַז אַ סטאָליער דאַרף קאָנען מאַכן פון אַ פאַ־לירטע שאַנק, אָדער שרייבטיש ביז אַ ראָד צו אַ וואָגן, אויך טויערן, טירן, פענצטער און אַפילו רושטאָוואַניעס.

איך האָב, דעריבער, באַקומען אַ זייער שלעכטן שם אין דער פאַבריק, סיי אַלס אַ שלעכטער פלאָטניק און ווי אַ נאָך ערגערער סטאָליער. איך האָב צוליב דעם באַקומען אויסגעצאָלט נאָר ווייניקע 300 רובל אַ מאָנאַט. אין דער צייט האָט מיין חבר דן, וועלכער האָט אויף פאַרשיקונג אַ ביסל געלערנט זיך אומגיין מיט דער האַק, באַקומען איבער 700 רובל אַ מאָנאַט. עס האָט אַלעמען דאָרט געוווּנדערט, פאַר וואָס זיין פאַרנאָמען דן איז נישט זיין פאַמיליען־נאָמען לויטן טייך דאָן, נאָר גאָר ריז, און עקשנותדיק אים פאַרביטן די נעמען, רין אַלס פאַרנאָמען און דן אַלס פאַמיליע־נאָמען. ער האָט דערפון געהאַט צו זינגען און צו זאָגן ביים אונטערשרייבן זיך, ווי ביי אַנדערע געלעגנהייטן. אַפילו אין דעם איין־יערלעכן פאַס, וואָס ער האָט באַקומען, האָט מען אויך פאַרטוישט זיינע נעמען און געשריבן רין דן, אַנשטאָט דן רין, ווי ער האָט געהייסן. איך האָב אים געראָטן, ער זאָל פאַרציכטן אויף דער ענדערונג און איבערלאָזן די נעמען און ער האָט דערצו מסכים געווען.

דער מאַנגל אין אַרבעטס־הענט איז אַלץ מער געשטיגן. דער דירעק־טאָר האָט אונדז געשטעלט אויסענדיקן קינדער־היימען, ווו מוטערס האָבן

געקאָנט האַלטן די קינדער דעם גאַנצן טאָג און רויִק אַרבעטן. אין גרעסטן מאַנגל פון שפּייז און הונגער האָט מען די קינדער באַזאָרגט פון בעסטן און שענסטן, עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן.

דאָס שטעטל האָט געהייסן אַסבעסט, צוליב די שטיינער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. די שטיינער האָט מען געמאָלן צוויי מאָל און עס איז פון זיי אַנטשטאַנען אַ ווייכע מאַסע, ווי וואַטע, און נאָכן באַאַרבעטן זי, האָט מען דערפון געמאַכט פעדעם, אויסצואַרבעטן קליידער וואָס ברענען נישט פאַר פייערלעשער, פאַפּיר צו אַרכיוון, שטריק צו שיפן און דער עיקר שוץ־טאָוולען צו מאָטאָרן פון טאַנקן און עראָפּלאַנען, זיי זאָלן זיין געשיצט פון פייער. אין אַסבעסט האָבן ביזן קריג עקסיסטירט 3 פאַבריקן, וואָס האָבן געמאָלן די שטיינער און די וואַטע געשיקט קיין לענינגראַד אין אַ פאַבריק, וואָס האָט פון זיי אויסגעאַרבעט די פעדעם און די קליידער, און אין דער פאַבריק אויפן נאָמען פון „קאָמאינטערן" צווישן אַסבעסט און באַזשאַנאָווא, ווו מ'האָט אויסגעאַרבעט די טאָוולען.

מיטן אויסברוך פון קריג זענען מאָביליזירט געוואָרן כמעט אַלע אַרבעטער פון די ערשטע צוויי פאַבריקן און זיי האָבן זיך גלייך פאַרמאַכט. געבליבן איז נאָר די דריטע פאַבריק, וועלכע האָט אויך געצאַנקט, ווייל אויך פון איר האָט דער וואָיענקאָמאַט געריסן שטיקער אָן רחמנות. זעט אויס, אַז זיי האָבן געהאַט גרויסע רעזערוון פון דער צעמאָלענער מאַסע.

דער זעלבער גורל האָט געטראָפן דעם שכנותדיקן דימענטן־גרוב „איזומרוד", וואָס האָט זיך געפונען 7 קמ. פון אַסבעסט. ער האָט זיך אויך פאַרמאַכט צוליבן מאַנגל אין אַרבעטער.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער טרויעריקער ווינטער פון יאָר 1941. די רויטע אַרמיי האָט געליטן ווייסטע מפּלות אויף אַלע פראָנטן און די עלטערע גויעס האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז גאָטס שטראָף, ווייל דאָס פּראַוואָסלאַווונע רוסישע פאָלק האָט אויפגעהערט אין אים צו גלייבן. „סיי ווי האָבן אונדזערע פאַרשפּילט" — האָבן זיי טרויעריק געזאָגט: „אַלע וועלן זיי נישט דורכשטעכן" — האָבן די יינגערע רוסן געזאָגט און געביילט די פויסטן. זיי האָבן אָבער מיט חוזק רעאַגירט אויף די לאָזונגען פון סטאַלינען אין ראַדיאָ: „פּאָבּיעדאַ בודיעט זאַ נאַמי!" (דער זיג וועט זיין מיט אונדז); „אַ גאָראָדאַ זאַ וואַמי" — האָבן זיי מיט שפּאָט צוגעגעבן (אָבער די שטעט וועלן זיין אייערע, ס'הייסט דייטשע).

ענדלעך האָט זיך אויך די דריטע פאַבריק געשלאָסן נאָך אַ פאַר־

צווייפלטן קאַמף מיט די באַשטעלונגען און דעם וואָיענקאָמאַט, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט און מאָביליזירט די בעסטע ספּעציאַ־ליסטן און לעבנס־וויכטיקע אַרבעטער.

מיך מיט רינען האָט מען געשיקט אין אַ גרויסער מעכאַנישער סטאָ־ליערײַ פון „אַסבעסט־סטרוי — טרעסט סאָיוז אַסבעסט", וואָס האָט גע־שטעלט אין שנעלסטן טעמפּאָ האָלץ־געבײַדעס פאַר עוואַקויִרטע פאַבריקן, וועלכע מען האָט באַוויזן צו צונעמען און צוזאַמען מיט די מאַשינען און אַרבעטער, גאַנצערהייט איבערפירן קיין אוראַל און דאָ זיי אויפשטעלן. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי מער פּראָדוצירט ווי אויפן אָרט פאַרן קריג. אַזוי איז אויך איבערגעפירט געוואָרן די גרויסע לענינגראַדער פאַבריק פון די אַסבעסט־אויסאַרבעטונגען טאַקע קיין אַסבעסט, צוזאַמען מיט די אינ־זשענירן און אַרבעטער כּמעט אַלע פרויען. די פרויען האָבן מיט זייער שיינ־קייט און עלעגאַנץ אַרויסגערופן אייפערזוכט ביי די אַסבעסטער פרויען, וועלכע האָבן זיך געקליידט פּראָסט און אָרעם.

די באַפעלקערונג אין אוראַל האָט זיך אַזוי אַרום פאַרגרעסערט 4 פאַ־כיק און דער פאַרזיי־שטח האָט זיך פאַרקלענערט, צוליבן מאַנגל אין אַר־בעטס הענט און אין פּרוכטבאַרן באָדן. די סאָוויעטן האָבן זיך נוהג געווען נישט איבערפירן קיין שפּייז פון איין ראַיאָן אין צווייטן, צווינגענדיק די ראַיאָנען צו זעלבסט־פאַרזאָרגונג. צוליב דעם איז אין אַ טייל געביטן גע־ווען עסן בשפע פאַר ביליק און אין אַנדערע, ווי למשל, אין אוראַל האָט געפעלט שפּייז. אַ שרעקלעכער הונגער האָט זיך אויף אונדז אָנגעזעצט און די פרייזן אויפן שוואַרצן מאַרק זענען געשטיגן טויזנט־פאַכיק.

ענדלעך האָב איך באַקומען אַרבעט ביי מיין פאַך, און כאָטש כ'האָב נישט געהאַט קיין אָנונג פון מאַשין־אַרבעט, האָב איך זיך מיט גרויס חשק אַ נעם געטאָן אויסלערנען אַרבעטן ביי מאַשינען און אין פאַרלויף פון איין מאָנאַט האָב איך געקאָנט אַליין ביי זיי זעלבשטענדיק אַרבעטן.

עס האָבן דאָרט געאַרבעט אַ 2 צענדליק פּוילישע ייִדן, וועלכע זענען אין 1940סטן יאָר אַהין פאַרשיקט געוואָרן פון די אָקופּירטע ראַנד־געביטן פון פּוילן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין סאָוויעטישע פּעסער, אָדער האָבן זיך געהאַט פאַרשריבן צום דייטש.

זייענדיק געטריי דעם אמת מוז איך דערציילן, אַז די אומגליקלעכע האָבן מיט גרויס אומגעדולד אויסגעקוקט, אַז די דייטשן זאָלן שוין פאַרנע־מען אוראַל און דאַן וועלן זיי קאָנען פאָרן צוריק „אַהיים". זיי האָבן זיך אַפילו נישט באַמיט צו באַהאַלטן זייער פרייד, ווען יעדן טאָג האָט דער

ראַדיאָ געמאָלדן: „נאָך פאַרצווייפלטע קאַמפן, פאַרשאַפנדיק גרויסע פאַר־לוסטן דעם שונא, האָבן אונדזערע כוחות פאַרלאָזט קיִעוו, מינסק, דניעפּראָ־סטראָי, גאַנץ אוקראַיִנע, ווייס־רוסלאַנד, בוקאָווינע, בעסאַראַביע, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, טייל פינלאַנד, קריוואָי ראָג, פּאָלטאַווע א.אַ.וו.״

אָן אַ סוף, מיט גרויס באַגייסטערונג האָבן זיי צווישן זיך דערציילט וועגן דער מעכטיקייט פון דער זיגרייכער דייטשער אַרמיי. זיי האָבן נאָכ־געמאַכט די באַפעלן פון די דייטשע אָפיצירן, ווי: לינקס, רעכטס, פאַר־ווערטס, ריקווערטס, אופשטייגן, לאָוס, און דאָס אַלץ אין קעגנוואַרט פון די רוסן. און ווען דער באַפעל וועגן זייער באַפרייונג איז מיט עטלעכע מאָנאַטן פאַרשפּעטיקונג אויך אָנגעקומען קיין אַסבעסט, האָבן זיי כמעט אַלע פאַרלאָזט גאַנץ גוטע אַרבעטס־פּלעצער מיט די דירות און זיך גע־לאָזט קיין מיטל־אַזיע, איבערהויפּט קיין טאַשקענט, ווי מ'האָט זי גע־רופן „טאַשקענט, די שטאָט פון ברויט״.

מיט אַ לובלינער יונגנמאַן האָב איך מיטגעגעבן מיין אַדרעס און אַדאַנק אים האָב איך אָפּגעפונען מיינע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס און מיין איינציקע שוועסטער, וואָס איז אַוועק פון לובלין. די איבעריקע צוויי שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, ווי אויך מיין מוטער, פרוי אוןביידע קינדער זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די 6 מיליאָן.

מיט זייערע גרויסע נצחונות אויף די פראָנטן און מיטן טיפן אַריינ־דרינגען פון די דייטשן אין דער רוסישער טעריטאָריע, איז געוואַקסן די אַנטיסעמיטישע שטימונג אין דער רוסישער באַפעלקערונג.

אין דער „אַבשעזשיציע״ (צוזאַמענוווינונג), וווּ איך בין געשלאָפן מיט נאָך עטלעכע בעסאַראַבישע ייִדן און רוסן, האָט מען דערציילט פאַר־שיידענע „אמתע״ אַנעקדאָטן פון רוסישע געפאַנגענע, וועלכע זענען אַנט־לאָפן פון די דייטשן.

אַ געוויסע רויטאַרמייִשע אָפּטיילונג איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענ־שאַפט. די דייטשן האָבן אָפּגעטיילט די ייִדן און באַפוילן די רוסן אויפגראָבן אַ גרוב און באַגראָבן אין אים די ייִדן לעבעדיקערהייט. די רוסן האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָבן די דייטשן באַפוילן די ייִדן, זיי זאָלן דאָס טאָן מיט די רוסן, און די ייִדן האָבן עס גערן אויסגעפירט. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז אַלע ייִדן זענען שפעקולאַנטן, פוילעגצער, ווילן נישט אַרבעטן און נישט גיין אויפן פראָנט.

זיי האָבן געפעלשט ברויט־קאַרטן, ביז דער ברויט־מאַגאַזיניער האָט

סוף כּל סוף אַנטדעקט די געפּעלשטע טאַלאָנען און געמאָלדן וועגן דעם דער מיליץ.

אַ שווערן פאַל האָב איך דורכגעמאַכט מיט מיינע מיטווינער:

איך האָב פּונקט יענעם טאָג געאַרבעט אין אַן אָוונט־שיכט, פון 4 נ. מ. ביז 12 ביי נאַכט. ווען כ'בין געקומען צוריק אין דער „אָבשעזשיטיע", האָט דאָס ליכט געברענט. קיינער איז נישט געשלאָפן, אַלע זענען געזעסן אויף זייערע בעטן און געשוויגן. ביים טיש איז געזעסן אַ מיליציאָנער און אויך געשוויגן. איך האָב געוואָלט צוגיין צו מיין בעטל זיך צושפּאַרן, אָבער מיינע מיטווינער האָבן מיר מיט סימנים געגעבן אָנצוהערן כ'זאָל דאָס נישט טאָן. איך האָב זיך דעריבער אַוועקגעזעצט אויף מיין בעטל און צו־זאַמען מיט אַלע געשוויגן.

ענדלעך האָט זיך דער מיליציאָנער אויפגעהויבן און נישט רעדנדיק קיין וואָרט אַוועקגעגאַנגען. איך האָב אויפגעהויבן די דעקע פון מיין בעטל און ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אויף מיין בעטל, צוגע־דעקט מיטן קאָץ, זענען געלעגן די בלייפעדערס, דאָס פּאַפּיר און ס'איבע־ריקע קלאַפּערגעצייג פון די פאַלשע טאַלאָנען. זיי האָבן זיך פאַר מיר פאַר־ענטפערט, אַז צוליב מורא פאַר אַ רעוויזיע האָבן זיי עס פאַרשטעקט אין דעם איינציקן בעטל פונעם אָפּוועזנדיקן, האָפנדיק אַז אין דעם בעטל וועט ער נישט זוכן. ס'איז מיר אַדורך אַ שוידער. ווען ער פאַקט עס ביי מיר, גיי איך אין טורמע אויף לאַנגע יאָרן, ווייל זיי וואָלטן אַלע אויף מיר אַרויפ־געלייגט די שולד.

איך האָב באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, צו פאַרלאָזן צוזאַמענוווינונג. אין צווישן צייט איז מיין חבר רין קראַנק געוואָרן אויף האַלדז־טובערקולאָז. ער איז נאָך 6 מאָנאַטן ליגן איזאָלירט אין פרילינג פון 1942סטן יאָר געשטאָרבן. איך און נאָך אַ כעלמער ייִד, וועלכער איז אויך געלעגן דאָרטן קראַנק און שפּעטער געשטאָרבן, האָבן אים באַגלייט אויפן בית־עולם. אויף זיין קבר האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ מצבה פון האָלץ מיט אַ שטערנדל און אָנגעשריבן מיט אַ בליישטיפט אין רוסיש: „דאָ ליגט באַגראָבן דן רין, אַ ביעזשענעץ פון פוילן, לובלין. געשטאָרבן אין עלטער פון 26 יאָר".

די פאַרבינדעטע, איבערהויפּט ענגלאַנד, האָבן געפאָדערט פון רוסלאַנד אַסבעסט־טאָוולען און אַסבעסט אָנטועכץ, וואָס שיצן פון פייער, ווייל דער זעלטענער שטיין געפינט זיך נאָר אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע און אין אַ

קלענערער מאָס אין דער שווייץ. צוליב די געשלאָסענע פאַבריקן האָבן די רוסן נישט געקאָנט זיי דאָס צושטעלן. אַמעריקע האָט דאַן געשיקט קיין אָסבעסט אַ דעלעגאַציע פון ספּעציאַליסטן און פאַרגעשלאָגן רוסלאַנד צו לאָזן אין גאַנג די 3 פאַבריקן אין אָסבעסט און דעם דימענטן־גרוב אין איזומרוד מיט זייערע קאַפּיטאַלן און זייערע מענטשן. רוסלאַנד האָט דאָס אָפּגעוואָרפן, ווייל ס׳האָט ביי זיי אויסגעזען, ווי געבן אַ קאָנצעסיע אַ פרעמדער מדינה. זיי האָבן דעריבער מיט אייגענע כּוחות צוריק געעפנט די 3טע פאַבריק און דעם דימענטן־גרוב און פאַרזיכערט די אַרבעטער, אַז דער וואָיענקאָמאַט זאָל מער נישט קאָנען זיי מאָבילוזירן.

אַ טייל אַרבעטער האָבן זיך צוריקגעקערט אין דער דריטער פאַבריק. איך דאַקעגן האָב נישט געוואָלט פאַרלאָזן די גרויסע מעכאַנישע טישלעריי, וווּ כ׳האָב זיך אויסגעלערנט אַרבעטן אויף מאַשינען און כ׳בין פאַרבליבן.

ענדלעך איז מיר אויך אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט צו פאַרלאָזן די „אַבשעזשיציע”. צוליב דער מאָביליזאַציע זענען אין אָסבעסט געבליבן טויזנטער יונגע פרויען אָן מענער. נאָר אַ קליינע טייל פון זיי זענען געבליבן טריי זייערע מענער ביזן סוף. די ווייט גרעסטע מערהייט האָט זיך אַריינגענומען „קוואַרטיראַנטן” אין די ליידיקע דירות, מיט וועלכע זיי האָבן גלייכצייטיק געלעבט אָן פאַרפליכטונגען, אָן חתונות און אָן גטן.

אויף מיר האָט געוואָרפן אָן אויג אַ 30 יאָריקע פרוי, דוסיאַ, וועלכע האָט מיט די פרויען וואָס האָבן געאַרבעט מיט מיר געשיקט זאָגן, אַז זי וויל זיך מיט מיר באַקענען. זי האָט מיך איינגעלאַדן אַהיים, וווּ זי האָט געוווינט מיט אַ שוועסטער, וועלכע האָט די נאַכט געאַרבעט אין אַ נאַכט־שיכט. איך בין שוין ביי איר פאַרבליבן נעכטיקן און זי האָט מיר פּראָפּאָנירט כ׳זאָל אַריבער וווינען צו איר סטאַביל. דעם אַנדערן טאָג, נאָך דער אַרבעט, בין איך געקומען צו איר און געפרעגט ווען כ׳קאָן קומען צו איר וווינען. איך האָב אָבער געטראָפן אַ גאַנץ אַנדערע דוסיאַ, קאַלט און פרעמד, ווי ס׳וואָלט צווישן אונדז גאָרנישט געשען. אויף מיין פראַגע וועגן דער פּלוצ־לינגדיקער ענדערונג, האָט זי געענטפערט, אַז איר שוועסטער, ביוראַ, איז אַנטשלאָסן קעגן דעם, ווייל זי האָט זיך דערוווסט, אַז איך בין אַ ייִד. די דייטשן זענען שוין נאָענט פון מאָסקווע. זיי וועלן אין קורצן אויך קומען קיין אוראַל און זיי ברענגען אום אַלע ייִדן, ווי אויך די רוסישע פרויען, וואָס לעבן מיט זיי. זי וויל נישט צוליב דעם אומקומען. איך האָב זי אויס־געזידלט פאַר איר נאַרישקייט און בין אַוועק צו אַ באַבושקע, אַן אַלטיטש־קע, וועלכע האָט געוווינט אַליין אין אַ צימער, ווייל איר איינציקן זון האָט

מען מאָביליזירט. פאַרן צוזאָג צו ברענגען אַלע טאָג פון טאַרטאַק אַ ביסל אָפּפאַל צום הייצן. די אַלטיטשקע האָט מיך געלאָזט זיך אַריינציען צו זיך. זי האָט מיר אָפּגעגעבן דעם זונס בעטל און האָט זיך צו מיר זייער גוט באַצויגן. איך האָב באַלד אַריינגעשטעלט אַ שטיקל שויב אין פענצטער וואָס איז דאָן געווען מיט גאָלד גליין. איך האָב פאַרריכט די טיר, זי זאָל זיך צו־מאַכן, און דער עיקר דאָס ביסל אָפּפאַל־האָלץ האָט אָנגעוואַרעמט דאָס צימער. זי האָט אויסגערעדט אויף יידן און באָלשעוויקעס דאָס ערגסטע. זי האָט געהאַט טענות, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אויפגעהערט צאָלן די אַלמנה־רענטע, וואָס זי האָט באַקומען פון דער צאַרישער רעגירונג, פאַר איר מאַן וואָס איז געפאַלן אין ערשטן וועלט־קריג אין די קאַרפּאַטן. זי איז דעמאָלט געבליבן מיט אַ קליין קינד אָן שום מיטלען צום לעבן.

— נאָר די יידן — — האָט זי געזאָגט — זענען שולדיק אין אויסברוך פון קריג, ווייל היטלער האָט צו די רוסן גאָרנישט. די יידן זענען אַנטלאָפן פון פוילן קיין רוסלאַנד, האָט זיי היטלער נאָכגעיאָגט און אַזוי איז ער אַריבער די גרענעץ און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די מלחמה. זי האָט זיך נישט לאַנג עוואַקויִרט פון מאָסקווע. די דייטשן וועלן בקרוב דאָרט זיין. זיי האָבן גע־וואָרפן פון די עראָפּלאַנען אויפרופן, אין וועלכע עס איז געווען געשריבן:

„רוסיש פאָלק! צו אייך האָב איך גאָרנישט. כ'מיין נאָר סטאַלינען, וואָס האָט אַ יידישע ווייב (קאַגאַנאָוויטשעס שוועסטער)".

זי האָט געבעטן איך זאָל איר איבערלאָזן מיין פּאַס ווען זי מיך איינמעלדן אין מיליץ. אָבער צו מאָרגנס אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט מיטן שליטעלע האָלץ, איז זי מיר אַנטקעגן געלאָפן. „פאַר וואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו ביסט אַ ייד? אין די סאָוויעטישע פּעסער איז דאָ אַ רובריק, נאַציאָנאַליטעט".

— וואָס זשע וואָלט געווען, באַבושקע? — האָב איך געפרעגט.

— וואָלט איך נישט גערעדט קעגן יידן. זיי זענען דאָך אַ וווּנדערלעך פאָלק. אין מיין יוגנט בין איך געווען אַ דינסט ביי אַ רייכן מאָסקווער יידישן קצב, האָב איך מיט זיי געגעסן ביי איין טיש און יעדן זונטיק האָבן זיי מיר געגעבן וויכאָדנאָי און באַוואָרפן מיט מתנות.

— אַ צווייט מאָל, באַבושקאַ, קלערט גוט איבער איידער איר גייט רעדן אויף עמעצן — האָב איך איר געזאָגט.

די אַלטע האָט נישט אָפּגענאַרט מיט אירע קאָרטן. איך האָב געשטוינט, ווי פרויען קומען, 25 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע צו דער אַלטער לייגן קאָרטן און ברענגען איר פון כל־טוב.

ענדע 1941 האָב איך באַקומען אַ שרעקלעכע ידיעה פון מיין ברודער פון בוכאַראַ. אונדזער יינגסטער ברודער, דער מוזיניק און ליבלינג פון דער משפחה, האָט זוכנדיק שפּייז אויפן פעלד, זיך אָנגעגעסן מיט רויע ציבעלעס און באַקומען אַן אינגעווייד־קאַנוווּלסיע. ער איז געשטאָרבן אין שרעקלעכע יסורים, איבערלאָזנדיק אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד. איך האָב מיט אַלע כּוחות געוואָלט דעמאָלט אַנטלויפן צו מיינע אַנדערע משפּחה־לייט. עס האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער בריוו וואָס איז דעמאָלט אָנגעקומען צו מיר, איז געווען געשריבן אין יידיש און איך האָב אים נישט געקאָנט ווייזן דער נאַטשאַלסטווע, זיי זאָלן מיך באַפרייען פון דער אַרבעט און געבן אַ פּראָפּוסק קיין בוכאַראַ. אויפן וואָרט האָבן זיי מיר נישט געגלייבט. מיט גרינגשעצונג האָבן זיי רעאַגירט:

— טויזנטער בריַדער אונדזערע פאַלן אויפן פראָנט טאָג־טעגלעך און מיר מאַכן נישט דערפון קיין טראַגעדיע, מיר זעצן פאַר אונדזער לעבן, כּדי צו באַזיגן דעם שׂונא, און דו שעמסט זיך נישט צו זיין אַזוי סענטימענטאַל אין אַזאַ שווערער מלחמה־צייט? צוליבן טויט פון אַ ברודער ווילסטו זיך לאָזן אין וועג אַריין און אפשר דאָרט אויך שטאַרבן פון הונגער. אויב דו ווילסט העלפן דיין ברודערס ווייב מיטן קינד — שרייב זיי אָן, זיי זאָלן דאַ אַהער קומען.

עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן, איך האָב געמוזט בלייבן.

יידישע קריגס־געפאַנגענע

די לאַגע אויף די פראָנטן און אין הינטערלאַנד איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג טרויעריקער און שווערער. היינט איז שווער צו באַגרייפן, ווי האָבן די זעלנער אויפן פראָנט און די באַפעלקערונג אין הינטערלאַנד געקאָנט איבערטראָגן די שווערע מפּלות אין אַזעלכע שווידערלעכע באַדינגונגען. געננוג צו דערמאָנען אייניקע פאַקטן פון די ערשטע 2 יאָר פון קריג.

קינדער, עלטערן, שוועסטער און ברידער האָבן געגנבעט איינער פון אַנדערן ברויט־טאַלאָנען און אַנדערע זאַכן. פרויען פון מענער אויפן פראָנט, זענען געווען געצוווּנגען גיין אַרבעטן און לאָזן זייערע קינדער אין קינ־דער־היימען. די רעגירונג האָט זיי נישט געשטיצט. די קאָמיטעטן צו העלפן די רויט־אַרמייער האָבן פאַקטיש פאַר זיי גאָרנישט געטאָן. די שטערבלעכ־קייט איז געווען אַ קאַלאַסאַלע. שוואַכערע מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, מיט אַ געהעריקער דערנערונג וואָלטן זיי גע־קאָנט אויסלעבן זייערע יאָרן. מען האָט נישט געפּרוּווט אַפילו פאַרלייכטערן זייער לעבן נישט אין דער אַרבעט און נישט מיט שפּייז. דער יקרות און הונגער זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אויפגעהערט אַפילו צו האָפן ווען עס איז צו עסן צו דער זעט. די אַרבעטס־שיכטן זענען פאַר־לענגערט געוואָרן פון 8 אויף 12 שעה אַ מעת־לעת — אַ וואָך ביי טאָג און אַ וואָך ביי נאַכט.

די מערהייט עוואַקוירטע האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי גוטע אַרבעטן אין סטאָלאָוועס, מאַגאַזינען און ביים ברויט־פאַרקויפן. אַנדערע האָבן פאַרזייט קאַרטאָפל אין גערטנדלעך ביי די הייזער כּדי זיך דערנערן.

די פּוילישע יידן, פון דער היים 3—4 טויזנט קמ. האָבן אָממייסטן גע־ליטן. די פאַכלייט פון זיי, ווי שוסטערס, שניידערס, זייגערמאַכערס, היטל־מאַכערס, קאָמאַשנמאַכערס, סטאָליערס און שלאָסערס האָבן געזוכט און גע־פונען צוגאָב־אַרבעטן נאָך דער אַרבעט און צופאַרדינט אַ ביסל שפּייז. קיין געלט האָט מען נישט גענומען.

גייענדיק אין אַ זומערדיקן טאָג נאָך דער אַרבעט צווישן די אַסבעס־טער הייזער און זוכנדיק ביי וועמען צו פאַרריכטן אַ פּלויט, אַ טיש, אַ

בענקל, מאַכן אַ וואַלגער־האַלץ, אָדער אַ לאָקשן־ברעט, זענען מיר אַנט־קעגן געקומען 2 פרויען. איינע פון זיי האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מיר, אַז איך האָב אַזש געמוזט אָפּווענדן מיין בליק פון איר. אין אויגנבליק איז זי אויף מיר אַרויפגעפאַלן, אַרומגענומען, געדריקט צו זיך, געהאַלדזט און געקושט, אַז ס׳האָט מיר פאַרפעלט אָטעם, העשנדיק האָט זי געשעפּ־טשעט אין מיינע אויערן:

— מיין טייערער ברודער, מיין אייגן לייב, ווו ביסטו פאַרפאַלן גע־וואָרן? וואָס האָסטו אַזוי לאַנג נישט געגעבן צו וויסן פון זיך.

— אָבער בירגערין! — האָב איך איר געזאָגט, — איר זענט זיך טועה. כ׳בין נישט אייער ברודער.

זי האָט מיר פאַרשטעלט מיט איר האַנט מיין מויל, נישט געלאָזט רעדן און ווענדנדיק זיך צו איר חברטע האָט זי געזאָגט:

— זעסט, וואַליאַ, ס׳איז אמת וואָס פיאָדאָר האָט מיר געשריבן, אַז מיין ברודער איז אַזוי קאָנטוזירט געוואָרן, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם זכרון און ליגט אין אַ שפּיטאָל. די קאָרטן־לייגערין האָט מיר לעצטנס עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז כ׳וועל אים אומגעריכט טרעפן. היינט איז עס געשען.

טרערן זענען געשטאַנען ביי וואַליען אין די אויגן. זי איז אויך צוגע־גאַנגען נעענטער צו מיר, מיך אָנגענומען ביים צווייטן אָרעם אוןביידע פרויען האָבן מיך מיט כוח גענומען שלעפּן אין דער ריכטונג אין וועלכער זיי זענען געגאַנגען. יעדער פּרוו עפּעס צו זאָגן איז געווען אומזיסט, ווייל זי האָט די האַנט כמעט פון מיין מויל נישט אָוועקגענומען. איך בין גע־ווען זיכער, אַז זי האָט אַ שרעקלעכן טעות, אַז איך בין נישט איר ברודער. אָבער דאָס געזעמל מענטשן אַרום און זייערע באַדויערונגס־אויסדרוקן האָבן מיך אָפּגעהאַלטן פון דראַסטישע רעאַגירונגען קעגן מיינע אומגעריכטע באַ־צווינגער און איך האָב זיך דעריבער געלאָזט פירן אין זייער וווינונג.

אַן איינציק צימער מיט 2 זויבער־באַדעקטע בעטלעך, אַ טישל מיט 2 טאַבורעטקעס, אַן עטאַזשערקע מיט ביכער און אַ גרויסער רוסישער אויוון. זיי האָבן מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בעטל. וואַליאַ האָט זיך גענומען פּאָ־רען ביים אויוון און מיין „שוועסטער" האָט מיט טרערן גערעדט צו מיר אין אַ ריינעם יידיש.

— געדענקסט מיך נישט, טייערער סאַשאַ, דיין שוועסטער טאַמאַראַ, אונדזערע עלטערן, די פּריוויטיק־צונאַכטסן. דו ווייסט, אַז זיי לעבן שוין נישט. זיי זענען אומגעקומען אין אַ באָמבאַרדירונג בעתן עוואַקויִרן זיך.

די גאַנצע צייט האָב איך געחלומט, אַז איך וועל דיך טרעפֿן. נישט מעג־לעך, אַז פֿון אונדזער פֿאַמיליע זאָל איך אַליין בלייבן. נו, טייערער, דערמאָן זיך גוט.

— עס טוט מיר לייד אייך צו אַנטוישן, טייערע פֿרוי — האָב איך איר געענטפֿערט אין ייִדיש — איך בין אָבער פֿאַרט נישט אייער ברודער. מעגלעך אַז איך בין ענלעך צו אים, איך האָב אָבער אין אַבסעסט בכלל נישט קיין שוועסטער, איך בין נישט געווען מאָביליזירט און נישט געקאָנט ווערן קאָנטוזירט און פֿאַרלירן דעם זכרון.

און ווענלדיק פֿאַרענדיקן דעם טרויעריקן צופֿאַל, האָב איך איר גע־וויזן מיין איין־יערלעכן פּאַס, וואָס כ'האָב מיט מיר תּמיד געטראָגן. זי האָט אים אַ ריס געטאָן פֿון מיינע הענט, אים פֿיבערהאַפֿט באַטראַכט, געבלעטערט און דערזעענדיק איר טעות, איז זי אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן בעטל און זיך היסטעריש צעוויינט. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס וואַליאַ איז צוגעגאַנגען זי באַרויִקן, און זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

אַהיים קומענדיק האָב איך דערציילט מיינע שכנים וועגן דער גע־שעעניש און געשילדערט די 2 פֿרויען, האָבן זיי אויף מיר אָנגעשריגן:

— דוראַק! זי איז דאָך אונדזער ברויט־פֿאַרקויפֿערין אין פֿאַבריק־מאַגאַזין. האָסט דאָך געקאָנט זיין זאַט דיין גאַנץ לעבן! פֿאַר וואָס האָסטו איר דערציילט דעם אמת?

צו מאָרגנס האָט מען אין מיין ברויט־מאַגאַזין מיר נישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן קיין ברויט, ווייל איך האָב שוין גענומען אויף מיין שפּייז־קאַרטע פֿאַר עטלעכע טעג פֿאָרויס. געטריבן פֿון הונגער, האָב איך באַשלאָסן אויסנוצן מיין נעכטיקע קאָנטשאַפֿט אין טאַמאַראַס מאַגאַזין און זי בעטן, זי זאָל מיר פֿאַרקויפֿן כאָטש צוויי הונדערט גראַם ברויט.

די ריי איז געווען אַ גרויסע. איך האָב זיך אויסער דער ריי צוגע־שפּאַרט צום בופֿעט און איר געזאָגט:

— טאַמאַראַ! פֿאַרקויף מיר 200 גראַם ברויט.

זי האָט מיך בייז אָנגעקוקט, אָפּגעשטופּט די האַנט מיט דער קאַרטע און געענטפֿערט שטרענג אָפֿיציעל:

— בירגער, איך פֿאַרקויף נישט קיין ברויט אָן אַ ריי.

אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָב איך געבעטן ביי די שטייענדיקע אין דער ריי, זיי זאָלן נישט זיין קעגן, ווייל איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון דער שיכט און האָב נישט קיין צייט צו שטיין אין דער ריי. זיי האָבן נישט דערווי־דערט. איך האָב דערלאַנגט טאַמאַראַן די ברויט־קאַרטע מיטן געלט. זי האָט

געגומען די קאַרטע, פּאַמעלעך איבערגעדרייט, אַ קוק געטאָן אויף דער לינקער זייט, זי מיר צוריק געגעבן און אַ זאָג געטאָן:

— בירגער! איך קאָן אייך קיין ברויט נישט געבן, ווייל איר זענט נישט פאַרשריבן אין אונדזער מאַגאַזין.

איך בין אַוועק מיט כּעס פון מאַגאַזין און ביז הייַנט קאָן איך נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס זי איז צו מיר געווען אַזוי גרויזאַם שלעכט, סיידן איר אַנטוישונג אין מיין ברודערשאַפט...

מיט דער צייט האָט זיך מיין לאַגע באַדייטנדיק פאַרבעסערט, ווען מיין נאַטשאַלניק האָט מיך געשטעלט מאַכן טרומנעס, פאַר מיר אַן אַבסאָלוט אומבאַקאַנטע אַרבעט.

איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַז די שטרעבלעכקייט איז אין דער מלחמה־צייט שרעקלעך געשטיגן און די נאָכפראַגע אויף טרומנעס איז געווען אַ געוואַלדיקע. דער אַלטיטשקער גוי, וואָס האָט פריִער די טרומנעס געמאַכט איז, נעבעך, אַליין געשטאָרבן, און איך בין געקומען אויף זיין פּלאַץ.

ביי אָט דער טרויעריקער מלאכה זענען געשען פיל קאָמישע עפּיזאָדן. אייניקע פון זיי וויל איך דאָ ברענגען:

איך האָב נישט געוווסט, אַז אַ טויטער קערפּער ווערט נאָכן טויט שטייפער און אַ ביסל לענגער. און אַז מ'דאַרף צוגעבן צום שטריקל, וואָס די קרובים ברענגען אַלס מאָס פונעם טויטן נאָך אַ 5 סאַנטימעטער. איך האָב אויך נישט פאַרשטאַנען, אַז די טרומנע דאַרף זיין געמאַכט לויט דער אינעווייניקסטער מאָס. אין רעזולטאַט דערפון האָב איך קאַליע געמאַכט אַ וואַגאָן ברעטער איידער איך האָב זיך אויסגעלערנט צו מאַכן אַ לייטישע טרומנע, וואָס האָט געדאַרפט זיין ביים קאָפּ אַ 40 סמ. די ברייט און ביי די פיס נאָר 25 סמ. דער אונטערשטער טייל, ווו דער קערפּער איז געלעגן האָט באַדאַרפט זיין העכער, ווי דאָס דעקל. מיט דער צייט האָב איך זיך אין דעם אַזוי איינגעאַרבעט, אַז כ'האָב געמאַכט 3 טרומנעס אַ טאָג און פאַרדינט 30 רובל טעגלעך.

ערגער איז געווען מיט די מצבות, וואָס מ'האָט געמאַכט פון האָלץ. די צוגערייזטע יידן און רוסן האָבן ס'רוב באַשטעלט האָלץ־סלופּעס און אויבן אַ 5־קאַנטיקן שטערן. די אַרטיקע עלטערע מענטשן האָבן דאַקעגן באַשטעלט צלמים. איך האָב נישט געוווסט, אַז אַ פּראַוואָסלאַווער צלם

גייט מיט 3 קווערן, און דעם ערשטן צלם געמאַכט ווי אַ קאַטוילישן, מיט איין קוועך־שטיק. די פּאַרווייִנטע פרוי האָט מיך געפרעגט:

— ביסטו דען נישט קיין רוסישער, פּראַוואָסלאַוונער מענטש, וואָס דו מאַכסט מיין מאַן אַזאַ צלם? דאַרפסט מאַכן 3 קווערן, דעם ערשטן אַ קלענערן, דעם צווייטן אַ ביסל אַ גרעסערן שיף און דעם דריטן, דעם אונ־טערשטן גרעסער און גלייכער.

זי האָט מיך פאַרמסרט פאַרן נאַטשאַלניק, אַז איך האָב דעם מיטלסטן קווער געמאַכט שיף פון רעכטס אויף לינקס.

— זאָג מיר, ווי אַזוי צלמסטו זיך — האָט זי מיט כּעס געפרעגט — נישט צוערשטביים לינקן אַקסל און נאָך דעם ביים רעכטן? אַזוי דאַרפסטו עס מאַכן אויפן צלם פון לינקס אויף רעכטס.

אַז דער נאַטשאַלניק האָט איר געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין רוס און נישט קיין פּראַוואָסלאַוונער, האָט זי פאַרווונדערט אויסגערופן:

— ביסטו גאָר אַ „נאַצמין"? (אַזוי האָבן די רוסן גערופן די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן, באַזונדערס די טאַטאַרן), דו זעסט דאָך גאַרנישט אויס ווי אַזעלכער.

ערגער איז געווען, בעת אַ שיקסל האָט מיר געבראַכט אַ שטריקל, ווי אַ מאָס, פון איר טויטן פאָטער און מיר נישט געזאָגט, אַז ער האָט אַ קרומען פוס ביי דער קני. דאָס דעקל, געמאַכט פאַר אַ נאָרמאַלן טויטן, האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט צומאַכן, ווייל די קני האָט געשטאַרצט אין דער הייך. די אויפגערעגטע משפחה איז געקומען צו לויפן אין סטאָליערײַ און מיך געוואָלט צערייסן. איך האָב געמוזט מאַכן אַ נייע טרומנע, וואָס האָט אָבער אויסגעזען ווי אַ קאָמאָדע.

אין נאָך אַ פאַל האָט זיך דאָס דעקל פון דער טרומנע נישט געקאָנט צומאַכן. דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע איז נאָך אַ לאַנגן פּאַראַליז געשטאָרבן און זיין פרוי האָט אים אָנגעטאָן די גאַלאַ־קליידער מיט אַ פּאָר שטיוול פון 48 די גרייס און דאָס דעקל איז צוליב די שפּיצן נישט צוגעשטאַנען. דאָ האָט מיר ממש געדראָט געלינטשט צו ווערן, ווייל אַלע פייערלעשער פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך זענען געקומען אָפּגעבן כּבוד זייער נאַטשאַלניק. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און זיי פּראָפּאָנירט אַרומצוקלאַפּן אויף די קאַנטן פונעם אונטערשטן טייל לייסטן און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען פון זייערע הענט. זיי האָבן אומגערן אָנגענומען מיין פאָרשלאָג און געדראָט, אַז זיי וועלן זיך מיט מיר אַ צווייט מאָל אָפּרעכענען. איך האָב גענומען אַ העמערל, טשוועקעס, לייסטן און אין

באגלייטונג פון די פּאַזשאַרניקעס בין איך אַוועק צום טויטן אין וויגונג. ער איז שוין געלעגן אין דער טרומנע, אַ ריזיק אויסגעצויגענער מיט גראָע וואָנסעס, פאַרגעלטע פון טאַבאַק, אָנגעטאָן אין שענסטן מונדיר מיט פיל מעדאַלן, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט און די גאָר לאַנגע שפּיצן פון די שטיוול האָבן אַריבערגעשטאַרצט איבערן ראַנד פון קאַסטן. אַן איבלדיקער ריח האָט זיך פון אים געטראָגן, צום חלשן. איך בין צוגע־גאַנגען, אַרויפגעלייגט אַ לייסט אויפן קאַנט און אָנגעהויבן קלאַפּן די טשוועקעס. ביי יעדן קלאַפּ פון העמערל האָט זיך דעם טויטנס קאָפּ גע־וואָרפן אַהין און צוריק און טייל מאָל אונטערגעשפּרונגען. די ערשטע האָט דאָס באַמערקט זיין פרוי און געמאַכט אַ געוואַלד, אַז דער טויטער לעבט און איז אויפגעשטאַנען תּחית המתים. אויך די איבעריקע פרויען האָבן אויפ־געהויבן אַ געוואַלד, אַרויסגעלאָפן פון שטוב און צו וויסן געטאָן דעם עולם, אַז די לוויה וועט נישט פאָרקומען.

איך בין געבליבן איינער אַליין מיטן טויטן. כ׳האָב שנעל געענדיקט אַרויפקלאַפּן די לייסטן, אַריינגערופן עטלעכע מענער און זיי געזאָגט, אַז אַזוי ווי איך בין שוין דאָ, בין איך גרייט פאַרקלאַפּן דאָס דעקל. זיי האָבן אַריינגערופן די פרוי, איר געוויזן, אַז דער טויטער איז באמת טויט און געהייסן מיר צוקלאַפּן דאָס דעקל.

איך בין צוריק אַוועק צו דער אַרבעט און געבעטן ניקאָלאַי איוואַנאָ־וויטשן, מיין נאַטשאַלניק, ער זאָל מיר געבן אַן אַנדער אַרבעט, ווייל איך וועל לאַנג נישט אָנטרייבן, אויב ס׳וועט אַזוי ווייטער גיין.

נאָכן צוריק אָפּנעמען קורסק, האָט מען אויפן אוראַל אָנגעהויבן ברענ־גען הונדערטער יונגע פרויען און מיידלעך אין עלטער פון 17 ביז 28 יאָר, וועלכע, ווי מען האָט געשמועסט, האָבן זיך שטאַרק פאַרזינדיקט, חברנדיק זיך צו פיל מיטן דייטשן אָקופּאַנט. אין יענער צייט האָט מען מיך אויך באַפרייט פון מאַכן טרומנעס, ווייל עס האָבן געפעלט טשוועקעס. יעדע פאַבריק האָט דעמאָלט געמוזט אַליין זאָרגן פאַר אירע טויטע און אַליין פאַבריצירן טרומנעס.

מען האָט מיך געשטעלט אַרבעטן ביי דער פרעזער־מאַשין און נעבן מיר, ביי דער קרייץ־זעג האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ 17 יאָריק, שיין און שלאַנק מיידעלע פון די קורסקער, וואָס איז געוועזן ענלעך צו מיין פרוי. זי האָט מיר אויסגעזען ווי מיין פרויס אַ שוועסטער, אָדער אַ טאָכ־טער. די זעלבע ברוינע מאַנדל־אויגן און דאָס זעלבע קליינע רונדע, כמעט

קינדיש פנימל, די זעלבע פאַרגנבעטע, זייטיקע בליקן פון אונטער די ווי̤עס און די טונקעלע הויט פון אַליוון קאָליר. דאָס אַלץ האָט מיך שטאַרק געצויגן צו איר און איך האָב דעם טאָג פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, ריזיקירנדיק מיט מיינע פינגער ביי דער מאַשין. זעט אויס, אַז דאָס האָט אויך געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט און זי האָט מיך גענומען אָבסערווירן. דאָס האָט איר אָבער גורם געווען אַ גרויסן אומגליק. זייענדיק סענטימענטאַל געריררט האָב איך זיך צעזונגען אויפן קול מיט דעם באַקאַנטן פאָלקס ליד:

„אָט אַזוי נייט אַ שניידער,
אָט אַזוי נייט ער דאָך,
נייט ער, נייט אַ גאַנצע וואָך... א.אַ.וו.״

אַן אויפגעציטערטע האָט זי אויסגעדרייט ס׳פּנים אין מיין ריכטונג און פלוצלינג אַ געשריי געטאָן, זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געפאַלן אין חלשות. איך האָב אָפּגעשטעלט צוערשט מיין מאַשין, נאָך דעם איר מאַשין און געלאָזט אין גאַנג די סירענע. אַלע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשינען און האַנט-אַרבעט און אַ טויט-שטילקייט האָט באַהערשט דעם צעך. איך בין דער ערשטער צוגעלאָפן צו דער ליגנדיקער און דערזען אַ שרעקלעך בילד: פון איין זייט זעג ליגן דריי שפּיצן פינגער מיט געפלעגטע נעגל און פון דער צווייטער זייט — טראָפּנס בלוט. אויף דער ערד ליגט אַ קורסקערין אין אַ קאַלוזשע בלוט, וואָס האָט געשטראָמט פון אירע אָפּגעהאַקטע פינגער פון דער רעכטער האַנט. זי איז געווען בלאַס ווי די וואַנט און כמעט נישט געאָטעמט. מען האָט זי אָפּגעפירט אין פּאָליקליניק. דער בריגאַדיר האָט געכאַפּט אַ האַרבן פאַרוואורף, וואָס ער האָט אַזאַ יונג, נישט דערפאַרן מיידל געשטעלט אַרבעטן ביי אַ מאַשין.

די גאַנצע צייט וואָס זי איז געלעגן אין שפּיטאָל האָב איך נישט געוואַגט גיין זי באַזוכן. נאָר פון אירע 3 בעסטע חברטעס, וועלכע האָבן געוווינט מיט איר צוזאַמען, האָב איך טאָג-טעגלעך זיך דערוווּסט איר צושטאַנד. איך האָב מורא געהאַט, זי זאָל וועם נישט דערציילן, אַז צוליב מיר איז איר דאָס געשען. זי האָט, זעט אויס, מורא געהאַט פאַר אַ שטראָף און אָנגעגעבן די סיבה פון פאַרפאַל, איר נישט-געניטקייט אין באַגיין זיך מיט אַ קרייץ-זעג. אַזוי, אַז דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן בריגאַדיר, איוואַן ראַפאַילאָוויטש.

ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי איז שוין אין דער היים, בין איך

אין באַגלייטונג פון מיינעם אַ ייִדישן חבר געגאַנגען זי באַזוכן. מיר האָבן זיך באַגריסט ווי מיר וואָלטן זיך פון לאַנג געקענט. איך האָב זיך געזעצט אויף איר בעטל און געפרעגט, וואָס איז מיט איר דאָן געשען ביי דער מאַשין.

— צוליב אייער ליד! — האָט זי געענטפערט.

— פאַרשטייסט דען ייִדיש? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— ניין, נאָר דאָס ליד, די מעלאָדיע איז מיר עפּעס באַקאַנט. ווי אין אַ חלום דערמאָן איך זיך, ווי מיין פאָטער פלעגט מיך אַלס קינד פאַרוויגן מיט אָט דעם ליד.

— ביסטו דען אַ ייִדישע?

— ניין, אַ רוסישע. נאָר מיין פאָטער, דער שניידער, זאָגט מען, איז געווען אַ ייִד. אָבער ווייל מיין מוטער איז געווען אַ רוסישע האָב איך דאָס רעכט זיך אָנצוגעבן אַלס רוסישע.

דערביי האָט זי געזאָגט:

עס איז נישט אמת וואָס מ׳זאָגט אויף אונדז, אַז מיר האָבן זיך פריינד־לעך פאַרהאַלטן מיט די דייטשן. מיר האָבן זיך נאָר אויס נויט פאַרשריבן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. דער פּלאַן איז נישט רעאַליזירט געוואָרן, ווייל די רויטע אַרמיי האָט מיט אַ פּלוצלינגן קעגן־אָנגריף אָפּגע־נומען די שטאָט. אָבער די ליסטע מיט די נעמען איז אַריינגעפאַלן אין די רוסישע הענט און לויט דער ליסטע האָט מען אונדז גענומען אויף אַרבעט אַנשטאָט קיין דייטשלאַנד — גאָר קיין אוראַל. פאַר אונדז איז בעסער אַזוי. כ׳האָב אָבער מורא, אַז מ׳וועט אונדז נאָכן קריג משפּטן.

איך האָב איר דערציילט וועגן איר ענלעכקייט צו מיין פרוי, וועלכע איך האָב געלאָזט אין לובלין מיט 2 קליינע קינדער און כ׳ווייס נישט צי זיי לעבן נאָך. זי האָט פאַרלעגן געשמייכלט און געזאָגט, אַז לויט ווי זי דערמאָנט זיך, האָט איר פאָטער, דער שניידער, געשטאַמט פון פּוילן. נאָר איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיין שוויגער האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט 2 ברידער אין רוסלאַנד פון וועלכע זי הערט נישט זינט דער רעוואָ־לוציע. איך האָב זי געפרעגט, אפשר דערמאָנט זי זיך דעם פאַמיליע־נאָמען פון איר ייִדישן פאָטער. זי האָט געענטפערט, אַז נאָך דעם ווי איר מוטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן, האָט יענער זי צוגעשריבן צו זיך און זי הייסט היינט אַ ריין רוסישן נאָמען. אין דער היים האָט מען כמעט נישט דערמאָנט איר ערשטן פאָטער. נאָר שכנים און איר באָבע פלעגן איר, פון צייט צו צייט, אַריינוואַרפן פאַרשיידענע רמזים, אַז איר

פאַטער איז געווען אַ ייִד. ווי אין חלום געדענקט זי אים אַ הויכן, אַ טונקל הויטיקן מיט אַ שיינער שטימע און דער עיקר דאָס לידל, וואָס האָט גורם געווען צו איר אומגליק.

— איך בין אין גאַנצן געראָטן אין מיין פּאַפּקאַ — האָט זי געזאָגט — ווייל מיין מוטער איז אַן עכטע רוסישע בלאָנדינקע און אַלע איבעריקע אונדזערע קינדער זענען אויך העל בלאָנדע.

מיין סימפּאַטיע צו איר וואָס איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג האָט זיך אָבער טרויעריק פאַרענדיקט. עס האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ יונגער שגץ, אַ פּ. ז. אוניק, אַ גרויסער כוליגאַן און אַנטיסעמיט. ער האָט מיר אָנגעטאָן ביי דער אַרבעט געברענטע צרות. ער האָט געפּאַטשט די קורס־קער מיידלעך אָן רחמנות פאַר יעדן וואָרט קריטיק, וואָס זיי האָבן אויף אים געזאָגט. דאָס, זעט אויס, האָט זיי אימפּאָנירט און כמעט אַלע זענען געווען אין אים פאַרליבט. אָבער ער האָט זיך דווקא פאַרליבט אין מיין „ייִדישקע” און זי, אונטער זיין איינפלוס, האָט זיך מער און מער פון מיר אָפּגעקערט און אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַנטיסעמיטישע שטיקלעך.

איין מאָל אַ פאַרטאָג, ווען ס'האָט געפעלט עלעקטרישער שטראָם און מיר זענען געזעסן און געוואַרט עס זאָל ליכטיק ווערן, האָט זי זיך צו מיר אָפּגערופן:

— העי, איר! אייערע ברידער האָבן נישט ליב צו קעמפן, דרייען זיך אַרויס פון דינסט און אַז מ'שיקט זיי שוין אַ מאָל אַרויס אויפן פראָנט — דערפאָרן זיי נישט אַהין. אָדער זיי ווערן קראַנק, אָדער זיי ווערן מאַגאַזי־נירן אין הינטערלאַנד.

— שווייג, דו פאַרקויפטע נשמה — האָב איך אין אויפרעגונג צו איר אויסגעשריגן — אַז נישט וועל איך דערציילן ווער דו ביסט, און דיין אָפּ־שטאַם.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין אַ פינצטער ווינקל, פון וואַנען ס'האָט זיך דערהערט אַ שטיל כליפּען.

— וואָס האָסטו זי, סאָלאָמאָן, אַזוי ברוטאַל אָנגעגריפן — האָבן אירע חברטעס געפרעגט — דו האָסט זי דאָך תמיד אַזוי אוכאַזשעוועט?

— ווייל דעמאָלט איז זי געווען אַן אמתער רוסישער מענטש, נישט קיין אַנטיסעמיט, קיין שאָוויניסט — האָב איך געענטפערט.

— סאָלאָמאָן איז גערעכט — האָבן די אַלטע סטאַבילע אַרבעטער גע־זאָגט — אַזאַ ראָצערין האָט נישט געדאַרפט אַזוי אָנגרייפן זיינע ברי־דער, די ייִדן.

נאָך אַ יאָר צייט איז סטאַלינס נבואה, אַז „ס'וועט קומען אַ צייט און אויך אויף אונדזער גאַס וועט זיין יום־טוב", ענדלעך מקוים געוואָרן. אין דער שווערסטער צייט, בעת די גרעסטע געפאַר האָט געדראָט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע קוילן און שטאָל־פּראָדוקציע, דאָנבאַס און אוקראַינע, דעם „דניעפּראָסטראָי", טאַגאַנראָג מיט די ריזיקע שיפבוי דאָקן, גאַנץ קובאַן מיט 800 מיליאָן פּוד תבואה אַ יאָר און שיִער נישט די באַקוער נאַפט־קוואַלן — איז געשען דער גרויסער נס. די רויטע אַרמיי האָט אַרומגערינגלט ביי סטאַלינגראַד די 320 טויזנט קעפּיקע אַרמיי פון פעלד־מאַרשאַל פּאַולוס, זי אַנטוואָפנט און גענומען אין געפאַנגענשאַפט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סוף פון דעם היטלערישן בליץ־קריג קעגן רוסלאַנד.

טראָץ דעם וואָס די דייטשן האָבן נאָך באַוויזן אין פעברואַר 1943 צו קאָנצענטרירן אַ פּאַנצער־פויסט און מיט איין קלאַפּ צוריק אָפּנעמען 12 שטעט מיט כאַרקאָוו אין דער שפּיץ — איז געוועזן קלאָר, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט היטלער ליידן זיין מפּלה.

דער זומער פון 1943 איז אין אוראַל געוועזן אַ רעגנדיקער. דאָס ביסל קאַרטאָפל, וואָס מען האָט פאַרזייט איז פאַרפוילט געוואָרן. דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט און טראָץ דעם גרויסן נצחון פון סטאַלינגראַד און שפּעטער אויך אויף אַנדערע פראָנטן — איז די אַפּראָוויזאַציע־לאַגע נישט נאָר נישט בעסער געוואָרן, נאָר נאָך ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

פּלוצלינג האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צוצוגרייטן פאַר די עשאַלאָנען קריגס־געפאַנגענע טויזנטער צוויי־שטאָקיקע בעטן, טישן, בענק, טאַבורעטקעס און מיליאָנען הענטלעך צו לאָפּעטעס, דלאָטן, האַמערס א.אַ.וו.

אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן צוגרייטן זאַנעס פאַר די געפאַנגענע. צו דעם צוועק האָט מען אָפּגערייניקט פון די איינוווינער גאַנצע קוואַרטאַלן, אַרומגעצוימט זיי מיט הויכע 2 מעטערדיקע פּלויטן, מיט ברייטע טויערן און קליינע וואַך־שטיבלעך. פּונקט ווי אין די „דערציִונגס־לאַגערן" פון נ.ק.וו.ד. אין וועלכע איך בין געוועזן אַרעסטירט.

מיר אין דער סטאָליערריי האָבן באַקומען אַ באַפעל אין משך פון 5 מעת־לעתן אויסצופאַרטיקן די ריזיקע באַשטעלונג, נישט פאַרלאָזן דעם צעך און נישט לייגן זיך שלאָפן.

אין דער צייט זענען געווען פיל פאַרפאַלן מיט אָפּגעהאַקטע הענט און אָפּגעשניטענע פינגער. נאָך 3 מעת־לעתן אַרבעטן אָן שלאָף, איז געווען אַ קורצער איבעררייס אויף עסן, וואָס מ'האָט אונדז געבערענגט פון סטאָלאָווע

אין אומבאַגרענעצטע קוואַנטומס. אַ העלפט פון די מאַשיניסטן זענען שוין געלעגן אין די שפּיטעלער אַלס קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן. די איבעריקע, צווישן זיי אויך איך, האָבן געפילט, אַז אַ ליאַדע מינוט פאַלט מען אַ קרבן.

דער נאַטשאַלניק פון צעך, אַ זייער ווילער שגץ, האָט ענדלעך איינגעזען, אַז אויב ער וועט נישט פאַרזען אַ ביסל דעם שטרענגן באַפעל פון די 5 מעת־לעתן נישט־שלאָפן, וועט ער בלייבן אָן מאַשיניסטן. ער האָט דעריבער בגנבה אַלע מאָל געהייסן גיין זיך צולייגן אָן אַנדער גרופּע אַרבעטער אויף אַ 4 שעה.

מיט אַן אומגעהייערן תענוג האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף די ווייכע שניץ און גלייך איינגעשלאָפן. ערגער איז געווען מיטן אויפשטיין. עס האָט געשטאָכן און געבראָכן אין גאַנצן קערפּער. עס האָבן ווי געטאָן די מוסקלען פון די הענט און פיס, עס האָט געמישט און געוויייטיקט אין קאָפּ. דאָס אַלץ האָב איך געפילט ווען מ׳האָט מיך גאַנץ ברוטאַל אויפגעוועקט.

נאָך 5 מעת־לעתן האָבן מיר אַפילו קיין פערטל פון דער באַשטעלונג נישט אויסגעפירט. מיר האָבן באַקומען אַ מעת־לעת אָפּרו און היידאַ, צוריק צו דער אַרבעט.

די אַרבעט האָבן שוין פאַרענדיקט די אָנגעקומענע געפאַנגענע. זיי זענען געקומען קיין אַסבעסט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אַזוי ווי מען האָט אונדז געפירט אין די לאַגערן. אין יעדן געעפנטן וואַגאָן זענען געווען עטלעכע טויטע. די לעבעדיקע האָבן נישט אויסגעזען בעסער. זיי האָבן זיך געוואַקלט אויף די פיס און זיך געמוטשט אָנהאַלטן איינער אין אַנדערן. זעט אויס, אַז זיי זענען געווען אין וועג לאַנגע חדשים. זיי זענען געווען שמוציק, פאַרלייזיקט און באַוואַקסן.

דער אויסזען פון דעם הערן־פאַלק האָט מיר פאַרשאַפט אַ פריידיקע סאַטיספאַקציע. זיי זענען אַנידערגעפאַלן אויף די האַרטע נאַרעס, אָדער אויפן פאַל און זיך נישט געקאָנט אויפהייבן. די רוסישע דאָקטערינס און קראַנקן־שוועסטערס האָבן געמוזט זיי דערלאַנגען דאָס עסן און טרינקען צום מויל ביז זיי זענען אַ ביסל געקומען צו זיך. שפּעטער האָט מען זיי געפירט אין באָד אַריין.

די 2 איינציקע פרימיטיווע בעדער אין אַסבעסט זענען רעקווירירט געוואָרן אויף די 2 וואָכן־קאַראַנטין פאַר די געפאַנגענע. טאָג און נאַכט האָט מען געהייצט די באָד און גרופּנווייז האָט מען זיי געפירט וואַשן, פאַרען די וועש און פאַרלייזיקטע מונדירן. פריזירער פון די געפאַנגענע מיט שער־מאַשינקעס האָבן געשוירן די קעפּ און די בערד.

צוליב דעם זענען מיר אין די 2 וואָכן געוואָרן פּאַרלייזיקט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט ווו זיך צו וואַשן.

ענדלעך זענען זיי געפירט געוואָרן אַרבעטן אין די אַסבעסט־גרובנס און אין די 2 נייע פאַבריקן אין וועלכע מען האָט געמאָלן די אַסבעסט־שטיינער.

צו אונדז אין סטאַליערײַ איז אויך אָנגעקומען אַ גרופּע טישלער פון דייטשן, רומענער און אונגאַרער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אונגאַרישן ייִד יוסטוס, אַן אַרכיטעקט פון בודאַפּעשט.

צוערשט זענען זיי געהאַלטן געוואָרן שטרענג איזאָלירט פון אונדז. זיי האָבן געאַרבעט אין באַזונדערע שיכטן. אָבער ביסלעכווייז איז די שטרענגע איזאָלאַציע פאַרלייכטערט געוואָרן און מיר האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיי. מיר זענען, כּמעט אַלע, געוואָרן זייערע בריגאַדירן און ס'האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן אַ ליכטיקע וועלט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ריזיקער טויש־האַנדל. זיי האָבן פון זיך פאַרקויפט די גוטע מונדירן, שיך, שטיוול, וועש, בריטוועס און ראַזיר־אַפּאַראַטן, צינד־מאַשינקעס און ברויט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט אין אַ גרויסער צאָל טראָץ די שטרענגע רעוויזיעס. זיי האָבן באַקומען צו איין קג. ברויט טעגלעך, אין דער צייט ווען די ברויט־פּאַרציעס פון דער ציווילער באַפעלקערונג האָבן זיך געוואַקלט פון 800 גראַם פאַר שווער־אַרבעטנדיקע ביז 400 גר. פאַר נישט־אַרבעטנדיקע. די זאַכן האָבן זיי געטוישט אויף מילך, ציבעלעס, מערן, קנאָבל און באַזונדערס מאַכאָרקע, ווייל זיי זענען אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסל רויך.

זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס גלענצנדיקע פאַכמענער. איבערהויפּט די עסטרייכער ביי האַנט־אַרבעט און די דייטשן — ביי די סטאַליערײַ־מאַשינען. אויך צווישן די אונגאַרער און רומענער זענען געווען גוטע בוי־סטאָליערס, נאָר די שפּראַך־מחיצה האָט געשטערט זיי זאָלן גוט אויספירן די אַרבעט, זיי האָבן פּשוט נישט פאַרשטאַנען וואָס מ'וויל פון זיי.

דאָ האָט מיר געדינט מיין קענען דייטש און איך בין געוואָרן אַן אָפּיציעלער איבערזעצער. איך האָב איבערזעצט נישט נאָר פון רוסיש אויף דייטש, נאָר אויך געדינט די אונגאַרישע, רומענישע און אַפילו איטאַליענישע בריגאַדעס. כאָטש איך האָב די שפּראַכן נישט געקענט, האָב איך תּמיד געפונען צווישן זיי איינעם, וואָס האָט פאַרשטאַנען דייטש. איך האָב צו אים גערעדט דייטש און ער האָט עס זיי געזאָגט אין זייער שפּראַך. ביי די רוסן האָט עס אויסגעזען, אַז איך רעד די אַלע שפּראַכן. מיין נאַטשאַל־

ניק האָט מיט איראָניע מיך גערופן: סטאָלאַר — פּראָפעסאָר, וואָס קען דייטש, איטאַליעניש, רומעניש, אונגאַריש, רוסיש, פּויליש און ייִדיש. „אויך העברעיִש" — האָב איך צוגעגעבן.

מיין קאַריערע אַלס איבערזעצער האָט זיך אָנגעהויבן אין טאַרטאַק. אַ בריגאַדע פון 8 דייטשן מיט אַ בריגאַדיר זענען געשיקט געוואָרן אין טאַרטאַק שניידן קלעצער. דער רוס ביים גאַטער האָט אומזיסט געפּרוווט אויף רוסיש זיי דערקלערן דעם גאַנג פון דער אַרבעט. זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען און די אַרבעט איז נישט געגאַנגען. דער נאַטשאַלניק האָט מיך גערופן און איך האָב זיי אויף דייטש איבערזעצט: 2 מאַן דערלאַנגען אויף דער וואַגאָנעטקע דעם רונדן קלאָץ צום גאַטער; אַנדערע 2 נעמען אָפּ די צעשניטענע ברעטער פון די זעגן און פירן זיי אָפּ מיט דער וואַגאָנעטקע ווייטער און וואַרפן זיי אַראָפּ איןביידע זייטן רעלסן; אַנדערע 2 נעמען צו דעם גאַרביל און לייגן אים באַזונדער אין דער זייט; און נאָך 2 גייען אַראָפּ אונטער די זעגן און שיטן די זעגעכץ אויף אַ לענטע, וואָס פירט עס אַרויס אין דרויסן.

— יאַוואָל, הער לאַנדסמאַן — האָט דער דייטשער בריגאַדיר סאַלו־טירט.

זיי האָבן זיך מיט אימפּעט אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און דעם טאָג האָט דער רוס באַקומען אַ פּרעמיע פאַר איבערשטייגן די נאָרמע.

דער דייטשער בריגאַדיר איז שפּעטער צו מיר צוגעקומען און גע־פרעגט קאָנספּיראַטיוו:

— פון וואָ איסט איין לאַנדסמאַן?

ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַן עסטרייכישן שוצבונדיסט. איך האָב אים אויפגעקלערט זיין טעות.

אַ צווייט מאָל האָב איך געהאַט אַן עסק מיט אַן איטאַליענער: אַ יונג, רוסיש שיקסל איז געשיקט געוואָרן מיט אַ בריגאַדע איטאַליענער אָנלאָדן 4 וואַגאָנען מיט ברעטער. ביים לאָדן האָבן זיי געדאַרפט סאָרטירט ווערן: איין וואַגאָן מיט פּאַלאָוויאָ (אַ צאָל די דיק); איין וואַגאָן — פּולטאָראַוּוקאָ (דרייסיקער); איין וואַגאָן מיט סאָראָקאָווקאָ (פערציקער) און איין וואַגאָן מיט פּיאַטיאַרקאָ (5 סמ. די דיק). עס האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען און זידל־ווערטער אויף רוסיש פון זייער „מייסטער". זיי האָבן בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פון זיי. רעזיגנירטע האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אויף די וואַגאָנען און געשריגן: „נאָן קאַפּיטאָ!" (מיר פאַר־שטייען נישט.) זי האָט זיי גענומען שלאָגן און טרייבן מיט אַ שטעקן און

האָט זיך ענדלעך צעוויינט פון פאַרדראָס. איך האָב, נישט ווייט פון זיי, אַנגעפירט מיט אַ בריגאַדע דייטשן. זי האָט מיך באַמערקט, צוגערופן און געפרעגט פאַר וואָס זיי אַרבעטן ביי מיר אַזוי גוט. איך האָב איר אויפגע־קלערט, אַז איך רעד צו זיי מיט זייער שפּראַך.

— אוי, סאָלאָמאָן טייערער! אפשר וועסטו אויך מיט מיינע לײדיק־גייערס עפּעס אויפטאָן? כ׳וועל זיי הײנט קיין שום פּראָצענטער נישט פאַרשרייבן און זיי וועלן בלייבן הונגעריק.

כ׳בין צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— ווער פאַרשטייט דויטש?

גלייך איז איינער אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן־פּלאַטפאָרמע, סאַלו־טירט און געמאָלדן:

— מעלדע געהאָרכזאַם, איין עסטרײַכער אױס זיד־טיראָל.

איך האָב אים געזאָגט אין דייטש, אין וואָס די אַרבעט באַשטייט און אין אַ שעה אַרום זענען די 4 פּלאַטפאָרמעס געווען פּאַרטיק. לויט אַלע כּללים, מיט שטייענדיקע סלופּעס פון ביידע זייטן, די ברעטער זאָלן זיך נישט צעשיטן ביים פאָרן.

דאָס שיקסל האָט מיך שפּעטער געפרעגט:

— זאָג מיר סאָלאָמאָן, ביסטו פון זייער שבט, וואָס דו קענסט זייער שפּראַך?

די לאַגע פון די איטאַליענער איז געווען אַ שווערע אין דער רוסישער געפאַנגענשאַפט, טראָץ דער ספּעציעלער מילדער באַציִונג צו זיי מצד דער לאַגער־מאַכט. אַזוי, למשל, האָט מען זיי נישט געשיקט ווינטער צו קיין דרויסנדיקער אַרבעט שוין ביי 25 גראַד פראָסט, ווייל זיי זענען געווען זייער עמפּינדלעך צו קעלט. פון די אַרום 130 טויזנט איטאַליענער, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָט מען די 30 טויזנט פאַרבליבענע אין גע־פאַנגענשאַפט ביים לעבן די ערשטע אָפּגעשיקט אַהיים נאָכן קריג. זיי האָבן זיך פּשוט נישט פאַרגעשטעלט קיין לעבן אָן זייער נאַציאָנאַלן מאכל — מאַקאַראָנען. די רוסן האָבן זיי טאַקע צוליב דעם גערופן „מאַקאַראָנשטשי־קעס״. זיי זענען געווען גוט ביים בויען שאָסייען און אייזנבאַן־ליניעס. זיי האָבן אָבער, בשום אופן, נישט געטויגט צו קיין וואַלד־אַרבעט, ביי וואָס ס׳רוב געפאַנגענע זענען געווען באַשעפטיקט.

אַן אָנגענעמע איבעררּאַשונג האָב איך געהאַט, בעת אַ געוויסן טאָג, האָט דער בריגאַדיר יוסטוס מיט זיך געבראַכט אין דער סטאָליערײַ אייניקע

יידישע סטאָליערס. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מ׳האָט זיי מאָביליזירט אין אונגאַרישן אַרבעטס־באַטאַליאָן, ווו זיי האָבן אַלס מאָביליזירטע זעלנער אָן געווער אויסגעפירט פאַרשיידענע אַרבעטן הינטער דער פראָנט־ליניע. זיי זענען ביי יעדער געלעגנהייט איבערגעלאָפן צו די רוסן. ביים נאַכט־אַפּעל, ווען ס׳האָט נאָר געפעלט איינער, האָט מען יעדן צענטן פון זיי דערשאָסן. טראָץ דעם האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו אַנטלויפן צוליב די ספּעציעל שווערע אַרבעטן און געפערלעכע באַדינגונגען, וואָס מ׳האָט זיי צוגעטיילט, באַהאַנדלענדיק זיי ווי קריגס־געפאַנגענע.

דאָס מאָל איז דער סאָוויעטישער אַרומרינגלונגס־מאַנעווער געווען אַזאַ טיפער, אַז אויך זיי, וועלכע האָבן זיך געפונען אייניקע קילאָמעטער ווייט פון דער פראָנט־ליניע, זענען אויך געפאַנגען געוואָרן.

זיי האָבן לאַנג נישט געאַרבעט אין דער סטאָליעריי, ווייל דער נאַ־טשאַלניק פון לאַגער, אַ ייִד, האָט זיי באַשטימט אויף פאַרשיידענע אַנפירנ־דיקע פונקציעס אין לאַגער. די שׂינאה פון די רומענער צו די אונגאַרער איז געווען גרויס. אַלע צוזאַמען האָבן פיינט געהאַט די דייטשן. נישט איין מאָל, זייענדיק זייער מייסטער, איז מיר אויסגעקומען צו צעשיידן זיי אין געפערלעכע געשלעגן, ווען זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט העק און דרענגער איינע אויף די אַנדערע.

— ווען נישט די דייטשן וואָלטן מיר דאָ איצט נישט געווען — האָבן געזאָגט די רומענער, איטאַליענער און אונגאַרער.

— היטלער האָט זיך אויסגעזוכט פאַרבינדעטע — האָבן געזאָגט די דייטשן מיט סאַרקאַזם — די רומענער און איטאַליענער! מען וואָלט אונדז אין קיין פאַל נישט געווען אַרומגערינגלט ביי סטאַלינגראַד, ווען נישט דער פאַרראַט פון די רומענער, וועלכע האָבן געבילדעט דעם רעכטן פליגל. זיי האָבן זיך דאָך איבערגעגעבן די רוסן אָן איין שאָס.

און ווירקלעך זענען טאַקע אָנגעקומען קיין אַסבעסט 2 פרישע, גוט אויסגעשטאַטע רומענישע רייטער־דיוויזיעס, וועלכע האָבן זיך ביים דאָניעץ איבערגעגעבן די רוסן אין געפאַנגענשאַפט און ווי זיי האָבן פאַרזיכערט און געשווירן, האָבן זיי אַפילו קיין איין שאָס נישט אָפּגעגעבן.

מיט גיריקע אויגן האָבן די רוסן געקוקט אויף זייערע נייע לעדערנע שטיוול, אויף זייערע נייע מונדירן און שינעלן און אין האַרצן זיך גע־ווונטשן: הלוואי האָבן מיר עס!

אויסטערלישע טיפן פון קריגס־געפאַנגענע

צוליב די אָפטע מיסדערפאָלגן פון די רוסישע בריגאַדירן און בריגאַ־דירקעס מיט די קריגס־געפאַנגענע, בין איך געוואָרן אַן אָנגענומענער מייס־טער אין פאַרשיידענע אַרבעטן, דער עיקר צוליב מיינע קענטעניש אין דייטש.

איך האָב גאָרנישט באַדאַרפט קאָנען די אַרבעט. ס'איז גענוג געווען, אַז כ'האָב נאָר איבערזעצט די דערקלערונג פון מייסטער, אָדער בריגאַדיר, דעם עלטסטן פון די געפאַנגענע און די אַרבעט איז אַוועק גלאַטיק. שפּעטער, זעענדיק מיין דערפאָלג מיט זיי, האָט מען מיך אויך געמאַכט פאַר אַ ברי־גאַדיר און מייסטער. איך האָב מיט זיי געאַרבעט ביז מיין מאָביליזאַציע אין מערץ 1945,

די ערשטע בריגאַדע קריגס־געפאַנגענע אונטער מיין אָנפירונג, זע־נען געווען רומענער — סטאָליערס און טעסלערס, מיט וועלכע איך האָב זיך פאַרשטענדיקט אין... יידיש:

אין אַ געוויסן פרייטיק־טאָג, ביים מיטאָג־איבעררייס, איז צו מיר צו־געקומען אַ רומענישער געפאַנגענער און געפרעגט אויף יידיש, פאַר וואָס כ'עס ברויט אין פסח. איך בין דערשטוינט געוואָרן און נישט געגלייבט מיינע אייגענע אויערן. לויט ווי איך האָב געוווּסט, האָט רומעניע נישט גענומען קיין יידן אין מיליטער אין צווייטן וועלט־קריג. ער האָט באַלד געוואָלט אַוועקגיין. איך האָב אים אָבער פאַרהאַלטן און ער האָט מיר מיט אַ געלעכטערל געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין ייד, נאָר זיין מוטער, די אלמנה, האָט אים צו 8 יאָר אַוועקגעגעבן צו אַ יידישן סטאָליער אין יאַס, וווּ ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ווי אַן אייגן קינד און ער קען אַלע יידי־שע יום־טובים און מינהגים. ער ווייסט זיכער, אַז היינט איז פסח. אָבער דאָס וואָס ער פרעגט וועגן עסן ברויט אין פסח, איז נאָר אַ שפּאַס, ווייל ער ווייסט, אַז אין רוסלאַנד זענען קיין מצות נישטאָ.

ער איז עס געווען מיין איבערזעצער ביי דער אַרבעט. איך האָב גע־רעדט יידיש און ער צו זיי — רומעניש, און עס איז אַוועק אַן אַרבעט, אַז איך בין אַזש 2 מאָל פרעמירט געוואָרן.

איך האָב באַקומען אַן אויפגאַבע צו מאַכן אַ גרויסן ראָד פון 6 מעטער, אַ מעטער אין דיאַמעטער. איך האָב פאַרגעסן, אַז מיין מעטער איז נאָך 95 סמ. לאַנג. קיין אַנדערן מעסטער האָב איך נישט געקאָנט קריגן און געמוזט אַרבעטן מיטן צעבראָכענעם. כ׳האָב דעריבער גענומען אַ לאַנגן לייסט, אויסגעמאָסטן, אָפּגעצייכנט די מאָסן און דערלאַנגט מיין „ייד״. 12 מאָן האָבן געאַרבעט אַ טאָג און פאַר 4 אַזייגער האָט מיין נאַטשאַלניק אויסגעמאָסטן דעם ראָד און זיך אַנגעכאַפּט ביים קאָפּ. עס האָט געפעלט צו דער לענג 30 סמ. ער האָט מיר געהייסן נעמען מיינע זאַכן, אַליין גיין צום פּראָקוראָר און זיך לאָזן אַרעסטירן פאַר סאַבאָטאַזש. כאָטש זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך, האָבן זיי דאָך באַגריפן, אַז עפּעס ערנסטס איז געשען. מיין „ייד״ איז צוגעקומען און איך האָב אים געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן זיי האָבן אַן אַנדער מייסטער, ווייל צוליב מיין שולד איז דער ראָד קירצער מיט 30 סמ.

— מיר מאַכן שוין אַן אַנדער ראָד — האָט ער אויסגערופן.

ער האָט איינגעטענהט מיט דער בריגאַדע און טראַץ דעם, וואָס זיי האָבן נישט באַקומען קיין עסן דעם גאַנצן טאָג, זענען זיי געווען גרייט צו בלייבן לענגער און מיך אָפּראַטעווען פון טורמע. דאָ האָט זיך אָבער אַריינגעמישט דער סטרעלאָק, וואָס האָט זיי באַוואַכט. ער האָט אויך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן און בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן לענגער. און די הונגעריקע רומענער האָבן אים געגעבן שטיקלעך ברויט, וואָס זיי האָבן באַהאַלטן אויף אָוונט־ברויט, כדי ער זאָל בלייבן.

אין אַנדערטהאַלבן שעה איז אַ ניי 6־מעטערדיק ראָד געווען פאַרטיק און דערמיט מיך געראַטעוועט פון אַן אומפאַרמיידלעכער שטראָף. איך האָב זיי שפּעטער באַלוינט מיט צושרייבן העכערע נאָרמעס.

צווישן זיי איז געווען אַ שפּאַניער, נאַוואַרראַ, פון אַ דאָרף היגטער מאַדריד. ער האָט אַנגעהערט צו דער „בלויער דיוויזיע״, וואָס געג. פראַנקאָ האָט געשיקט היטלערן צו הילף. צוליב דער ענלעכקייט פון די שפּראַכן, האָבן די רוסן צוגעטיילט דעם שפּאַניער צו אַ רומענישער בריגאַדע. די רומענער האָבן אים פיינט געהאַט תכלית השינאה און גערופן „פאַשיסט״!

איך האָב נישט געקאָנט צוקוקן ווי זיי איזדעקעווען זיך איבער אים, גנבענען ביי אים קונציק זיין ברויט און שלאָגן אים.

איין מאָל, אין מיטאָג־איבעררייס האָט מען זיי, צוליב דער דרינגלעכקייט פון זייער אַרבעט, געשיקט פון קיך אַ קעסל זופּ. זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש, אַרויסגענומען זייערע שטיקלעך ברויט און אַנגעהויבן עסן.

נעבן נאָוואָררען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ רומענער, אַראָפּגענומען דאָס היטל, עס אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש און זיך פֿרום געצלמט. נאָך דעם האָט ער צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל און זיך געזעצט עסן. דער שפּאַניער האָט אויפֿגעהויבן אַ געוואַלד. דער פֿרומער רומענער האָט אים צוגעלקחנט זיין שטיקל ברויט. דער סטרעלאָק האָט אויסגעטאָן דעם רומענער נאַקעט, אים באַזוכט און אויסגעזידלט דעם שפּאַניער פֿאַר דער פֿאַלשער באַשולדיקונג. עס איז אָבער קיינעם נישט איינגעפֿאַלן צו זוכן דאָס ברויט אין רומענערס טיפֿן 2 שפּיציקן היטל, וואָס איז געבליבן אויף זיין קאָפּ. מ׳האָט אים עט־לעכע טעג אַרום געפּאַקט, בעת ער האָט די זעלבע קונץ געפּרוּווט אָנווענדן ביי אַ דייטש. אַלע האָבן באַוווּנדערט זיין גנבישע פֿלינקייט.

איין מאָל האָט דער נאַטשאַלניק מיר געוויזן פּלענער ווי איבערצובויען די פֿאַרפֿוילטע געבײדע פֿון דער פֿאַבריק „קאָמאינטערן", וואָס פּראָדוצירט פֿון דעם געמאָלענעם אַסבעסט טאָוולען צו שיצן מאָטאָרן פֿון פֿייער. די אַרבעט האָט געדאַרפֿט אויסגעפֿירט ווערן אַזוי, אַז די פֿאַבריק זאָל אויף קיין איין מינוט נישט איבעררייסן די פּראָדוקציע.

אינזשענירן פֿון מאָסקווע זענען געווען אויפֿן אָרט און האָבן אויסגע־אַרבעט פּלענער, אַז צווערשט זאָל איבער דעם אַלטן בנין אַוועקגעשטעלט ווערן אויף סלופּעס אַ דאַך, וואָס זאָל זיין מיט אַ מעטער העכער פֿון אַלטן דאַך. די נייע סלופּעס אַרום בנין האָבן געדאַרפֿט זיין מיט אַ מעטער אָפּגע־רוקט פֿון די אַלטע ווענט. נאָכן דעקן דעם דאַך און אַרומקלאַפּן די סלו־פּעס מיט טאָפּלטע ווענט, צווישן וועלכע מען האָט געדאַרפֿט אָנשיטן זעגעכץ, אָדער דראָבנעם קוילן־אָפּפֿאַל — האָט מען געדאַרפֿט אינעווייניק אָנהייבן צענעמען דעם אַלטן בנין.

איך האָב זיך וואָס אָן אמת דערשראָקן פֿאַר דער גראַנדיעזער אַרבעט, פֿאַר די ריזיקע פֿאַרביקע פּלענער־בויגנס און באַזונדערס פֿאַרן וואָרט „מאָסקווע" אויף יעדן פּלאַן־בויגן. איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר דער אַר־בעט, פֿון וועלכער איך האָב נישט געהאַט קיין אָנונג, ווייל כ׳בין דאָך גאָר געווען אַ מעבל־סטאָליער און אַ פֿאַלירער. איך האָב זיך, דעריבער, געוואָלט ווי ווייט מעגלעך אַרויסדרייען פֿון איר מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים, אַז איך קאָן נישט און טאָר נישט אונטערנעמען אַזאַ, מיר אין גאַנצן אומבאַקאַנטע אַרבעט. אָבער ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש איז גאָר ווייניק ניתפּעל געוואָרן דערפֿון. ער האָט מיך שטרענג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אויב דו קאָנסט נישט, וועלן מיר דיר אויסלערנען. און אויב דו ווילסט נישט, וועלן מיר דיך צווינגען.

עטלעכע נעכט בין איך נישט געשלאָפן און אין די טעג האָב איך שטודירט די פּלענער. געפּייניקט האָבן מיך, באַזונדערס, די פראַגן: ווען די אַרבעט וועט פאַרטיק ווערן? וויפל און וואָסער מאַטעריאַל איך דאַרף האָבן? און וויפל בריגאַדעס געפאַנגענע זענען מיר נייטיק צו דער אַרבעט?

אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג און זוכנדיק אַ רעטונג, האָב איך גע־וואָרפן אַן אויג אויף אַן עלטערן דייטש, וואָס האָט ביים פּרעזער ממש באַ־וויזן וואונדער. ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט טוישן זאַכן, נישט מיט האַנדלען — נאָר אָפּגעהיט זיין אַרבעט. איך האָב אים געוויזן די פּלענער און געפרעגט צי ער איז בקי אין בוי־אַרבעט און אין בינדן לאַנגע באַלקנס אונטערן דאַך, וואָס איך האָב אַמווייניקסטן פאַרשטאַנען. ער האָט מיך גע־בעטן, איך זאָל אים איבערזעצן די רוסישע אויפשריפטן אויף די פּלענער און דאַן האָט ער אויסגערופן:

— דאָס איסט איין פּראַנצויזישע קייל. יאַוואָל. הער מייסטער. אַלעס פאַרשטענדלעך!

איך האָב אים געפרעגט, צי ער וואָלט מסכים געווען, אונטער מיין אויפזיכט, אָנפירן אָנאָנים מיט דער אַרבעט, ס'זאָל הייסן, אַז איך פיר אָן מיט איר. ער איז איינגעגאַנגען אויף דעם, נאָר מיט אַ באַדינג, איך זאָל אים צושטעלן גענוג צום רויכערן, ווייל ער גייט אויס נאָך אַ ציגאַרעט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך אויפן באַזאַר געקויפט אַ גלאָז מאַכאָרקע פאַר מיינע 30 רובל און אים געגעבן. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. איך האָב געזען, אַז איך האָב אים געקויפט אויף שטענדיק. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געשטאַמלט:

— דאַנקע, פיל דאַנקע.

ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ יונגן עסטרייכער, אַ ספּעציאַליסט פון האָלץ־מאָדעלן און אויך אויף אַנדערע גוטע פאַכלייט. זיי האָבן געמאַכט דעם חשבון פון מאַטעריאַל, אַרבעטס־קרעפטן און אויסגערעכנט די צייט פון דער אַרבעט. איך האָב געבעטן 4 בריגאַדעס צו 20 מענטשן פון דייטשן, רומענער, אונגאַרן און איטאַליענער. לויט זיין רעקאָמענדאַציע האָב איך געבעטן פון לאַגער דעם איינציקן געפאַנגענעם פינלענדער, וועלכער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין האָלץ און בוי־אַרבעטן און אויך גערעדט רוסיש. עד וויל אָבער נישט אַרבעטן, ווייל, ווי ער טענהט, איז ער אַן עלטערער סערזשאַנט און אַלס אַזעלכן קומט אים צו זיין אין אַ געפאַנגענלאַגער פון

אונטעראָפּיצירן. די סאָוויעטן האָבן אים איינגעשפּאַרט אין אַ לאַגער מיט געוויינטלעכע זעלנער. צוליב זיין נישט גיין צו דער אַרבעט — באַקומט ער נאָר טעגלעך 400 גראַם ברויט און 2 מאָל צו ביסלעך שיטערער זופּ אָן קאַשע. טראָץ דעם וואָס ער איז איינער אַליין צווישן טויזנטער אַנדערע קריגס־געפאַנגענע וועלכע באַקומען טעגלעך צו איין קג. ברויט און צוויי מאָל אין טאָג אַחוץ זופּ אויך געדיכטע קאַשע, ברעכט ער זיך נישט איין און גייט נישט צו קיין שום אַרבעט. אַלע מיינע באַמיִונגען זענען געווען אומזיסט. ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדע פּראָפּאָזיציע פון גיין אַרבעטן און אַזוי זיך געפירט ביז דער באַפרייונג.

אונדזער לאַגע האָט זיך דערווייל פאַרבעסערט מיטן גרינגדן דעם פּאַר־באַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג און האָב באַקומען פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין קוי־בישעוו פּראָדוקטן, וואָס די רוסן האָבן אַפילו אין חלום נישט געזען: אמתע פּוטער, רייז און אויך מלבושים. די רוסן האָבן געקוקט אויף דעם אַלעם מיט קינאה.

די באַציִונגען מיט די רוסן האָבן זיך פאַרערגערט, נאָכן אַנטדעקן דורך די דייטשן די מאַסן־קבֿרים פון אַריבער 1.200 פּוילישע אָפיצירן אין קאַטי־נער וועלדל ווו די סאָוויעטן האָבן פאַרן היטלערישן איבערפאַל געהאַלטן געפאַנגען די פּוילישע אָפיצירן אין ספּעציעלע לאַגערן. לויט די דייטשן, האָבן די סאָוויעטן נישט באַוויזן זיי עוואַקויִרן און זיי דערשאָסן און באַ־גראָבן אין גרויסע קבֿרים. די סאָוויעטן האָבן דאָס אָפּגעלייקנט און באַ־שולדיקט די דייטשן, אַז ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט די לאַגערן האָבן נאָך די פּוילישע אָפיצירן געלעבט און זיי, די דייטשן, האָבן זיי אומגעבראַכט און נישט די סאָוויעטן.

צוליב דעם וואָס די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט נישט אָנגע־נומען די סאָוויעטישע ווערסיע און געגלייבט די דייטשן, האָבן די סאָוויעטן איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דער לאָנדאָנער גלות־רע־גירונג, ווידער שיקאַנירט די פּוילישע בירגער, אַרעסטירט און פאַרשיקט אין לאַגערן די וועלכע האָבן זיך ווידער אָפּגעזאָגט נעמען סאָוויעטישע פּעסער.

אין דער צייט זענען אויך דערשאָסן געוואָרן אין רוסלאַנד די 2 בונדישע פירער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג קומט אין באַטראַכט, אַז די סאָוויעטן

האָבן אויסגעפירט דעם מאָרד איבער די פוילישע געפאַנגענע אָפיצירן. איינער פון מיינע רוסישע מיטאַרבעטער, אַן עלטערער גוי, האָט מיר דער־ציילט אַז אַן ענלעכע מעשה איז געשען אין דעם פויליש־באָלשעוויסטישן קריג, אין יאָר 1920.

זיין אָפּטיילונג האָט באַגלייט אַ גרויסע גרופּע פוילישע קריגס־גע־פאַנגענע מיט וועלכער זיי האָבן געפּרוווט אַנטלויפן נאָך דער מפּלה ביי ביאַליסטאָק. זעענדיק, אַז די פוילישע קאַוואַלעריע האָט זיי שוין כמעט דעריאָגט און געפינענדיק זיך נאָענט פון דער מיזרח־פּריסישער גרענעץ, האָט זיין אָפּטיילונג, זיצנדיק אויף די פערד, צעהאַקט מיט שווערדן די פוילישע געפאַנגענע און אַליין זענען זיי אַריבער די פּריסישע גרענעץ, ווו מ׳האָט זיי אַנטוואָפנט און אינטערנירט. ווען די יאַגנדיקע פּאָליאַקן האָבן עס געזען, האָבן זיי מיט הארמאַטן, איבער דער גרענעץ, באַשאָסן די לאַגערן מיט די אינטערנירטע, אַנטוואָפנטע רויט־אַרמייער. נאָר אַ קליינע גרופּע, און צווישן זיי אויך ער, האָט זיך געראַטעוועט פון די שראַפּנעלן. שפּעטער זענען זיי באַפרייט און צוריקגעשיקט געוואָרן קיין ראַטן־פאַר־באַנד.

די אַרבעט פון איבערבויען די פאַבריק „קאָמאינטערן" איז דערווייל געגאַנגען פאָרויס אין אַ שנעלן טעמפּאָ.

דער צוזאַמענשטעל פון 4 בריגאַדעס פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן איז געווען אַ קלוגער איינפאַל. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנקורענץ צווישן די בריגאַדעס, יעדע בריגאַדע האָט געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז בעסער פון דער אַנדערער. פיל פון די געפאַנגענע האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער בוי־פאַך און פּשוט זיך דערפרייט מיט דער אַרבעט. אַלע האָבן באַוואונדערט די פּלענער פון די מאָסקווער אינזשענירן אין דעם קאָמפּלי־צירטן בוי־פּראָיעקט.

אויך איך בין צוביסלעך אַריינגעצויגן געוואָרן אין גיגאַנטישן בוי, ווייל מיין גאַנצער אומווילן איז מיר געקומען פון נישט פאַרשטיין די אַרבעט און פאַר דער מורא פון אַ דורכפאַל, וואָס דאָס האָט געקאָנט פאַר מיר באַדייטן נאָך אַ מאָל טורמע, לאַגערן און אפשר דאָס „וועגטל". אויך האָט מיך געשראָקן די גרויסע צאָל קריגס־געפאַנגענע, וואָס מ׳האָט מיר צוגעשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע.

פון מאָל צו מאָל איז אַן אַנדער אינזשעניר אָדער נאַטשאַלניק געקו־מען זען ווי עס גייט צו די אַרבעט. זיי זענען יעדעס מאָל צופרידן געווען

פון דער אָרגאַניזאַציע, קוואַליטעט און פון שנעלן טעמפּאָ פון דער אַרבעט. טייל מאָל פלעגט מען מיר אין מיטן טאָג, אָדער גאַנץ פרי ברענגען איינע, אָדער אַפילו 2 צוגאָב־בריגאַדעס, צו הילף אין דער אַרבעט.

איך האָב ביסלעכווייז באַהערשט די אַרבעט און שוין נישט געדאַרפט אָנקומען צום דיסלדאָרפער דייטש, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן חוצפּהדיק, מיך אַפילו אָנגעהויבן שאַנטאַזשירן און געפאָדערט יעדן טאָג אַ פלעשל מילך, פּאָר מיין געלט, אָדער געמיזן. איך האָב אים איין מאָל געדראָט, אַז כ׳וועל אַלץ דערציילן זיין לאַגער־נאַטשאַלניק, און ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ געפאַנגענער, וואָס מוז אויספירן באַפעלן. ער איז רויט געוואָרן פון כּעס און רעאַגירט:

— אַך יודע! יודע! ווען נישט דאָס, וואָלט איך מיט דיר אַנדערש גערעדט.

איך האָב אים שפּעטער באַזייטיקט פון דער אַרבעט און זי פאַרענדיקט אָן אים. איך מוז, אָבער, למען האמת, מודה זיין, אַז ווען נישט ער, וואָלט איך נישט געקאָנט די אַרבעט אָנהייבן.

דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט. די פּאַרטיקע טיילן, באַצייכנטע מיט רוימישע ציפערן אין די עקן זענען געלעגן אויף ביידע זייטן באַן־ליניע, גרייט אויפגעלאָדן און אָפּגעשיקט צו ווערן צו דער פאַבריק „קאָמ־אינטערן״.

אין אַ געוויסן טאָג, בעתן מיטאָג־איבעררייס איז דורכגעגאַנגען אַ דייטש, וועלכער האָט זיך מיר כּסדר געוואָרפן אין די אויגן, ווייל ער האָט מער געהאַנדלט ווי געאַרבעט. ער האָט געקענט פּויליש און אוקראַיִניש. ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן אין ייִדיש:

— רעב שלמה, וואָס עסט איר עפּעס אום יום־כּיפּור?

איך בין דערשטוינט געוואָרן סיי צוליב זיין גוטן ייִדיש און סיי צוליב זיין וויסן, אַז היינט איז יום־כּיפּור. מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט מיר אַ רומענער דערמאָנט, אַז ס׳איז פּסח — איז גאָר קיין גרויסער חידוש אויף דעם נישט געווען, ווייל אונדזער און זייער פּסח איז אויסגעפאַלן אין דער זעלבער וואָך. אָבער אַ דייטשער זעלנער זאָל וויסן אין רוסלאַנד, אַז ס׳איז יום־כּיפּור — דאָס האָט מיך איבערראַשט. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ חשד, אַז דאָס איז אַ פאַרבאָרגענער ייִד, וואָס האָט זיך געפּרוווט ראַטע־ווען פון פאַרפאָלגונגען.

איך האָב אים נישט צו רו געלאָזט, ביז ער האָט מיר דערציילט פון

וואַנען עס זענען אים באַקאַנט די יידישע יום־טובים. ער איז אַ פאָלקס־דייטש און שטאַמט פון כעלמער געגנט. ער איז געווען אַ שותּף מיט יידישע אָקסן־סוחרים און פון קליינוויז אָן, נאָך מיט זיין פאָטער עליו־השלום (אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט) האָבן זיי אויפגעקויפט אָקסן פון פויערים, זיי געשאָכטן אין די שעכט־הייזער אויף כּשר און צוגעשטעלט כּשר פלייש די יידישע קצבים אויף שבתים און יום־טובים. יום־כּיפּור האָט ער באַזונדערס פיינט געהאַט, ווייל די יידן פלעגן שלאָגן כּפּרות מיט עופות און נישט געקויפט קיין רינדער־פלייש. ער האָט דעריבער פאַר יום־כּיפּור כּמעט גאָרנישט פאַרדינט. יום־כּיפּור האָט זיך אים אַזוי איינגעקריצט אין זכּרון, אַז אַפילו אויפן נאָרד־פּאָל וועט ער וויסן ווען ער פאַלט אויס.

דעם זעלבן טאָג נאָך דער אַרבעט בין איך געפאָרן אין שטעטל. ביי ד״ר צוקערמאַן אין שטוב איז געווען אַ געגרייטער טיש פאַר אַ מנין עלטערע יידן, וועלכע האָבן נאָכן דאַווענען און תּענית זיך געזעצט עסן.

דער דייטש האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זיין מאָביליזירן:

ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין אין דער היטלערישער אַרמיי. פאַר זיינע אויגן זענען די יידישע שטעטלעך אַרום כעלם אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן. ער געדענקט אויך דעם טויטן־מאַרש, וואָס די דייטשן מיט דער פּוילישער פּאָליציי האָבן דורכגעפירט איבער די כעלמער יידן און זיי געטריבן צו פוס צענדליקער קילאָמעטער. ווער ס׳איז אָפּגעשטאַנען — איז דערשאָסן געוואָרן. ביידע זייטן פון וועג זענען פול געווען מיט טויטע. די ביים לעבן־געבליבענע זענען טויט־מידע אָנגעקומען צום ציל און אייניקע פון זיי זענען שפּעטער אַריבער צו די סאָוויעטן.

כּדי נישט צו דינען האָט ער זיך געמאַכט אַ ברוך אין איין זייט, האָט מען אים געשיקט קיין פראַנקרייך זיך היילן. שוין זייענדיק אין מיליטער האָט ער זיך געמאַכט אַ ברוך אין דער צווייטער זייט און מ׳האָט אים אויסגעהיילט אין קראָקע. ער איז געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט, אָבער קיין גרויס נחת האָבן די נאַציס נישט געהאַט פון אים. אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געהעצט און פאָרויסגעזאָגט היטלערס פינצטערן סוף.

אין זומער 1944 זענען זיי אַרומגערינגלט און צעקלאַפּט געוואָרן אין ווייס־רוסלאַנד, אין דרייעק מינסק—באָברויסק—גאָמילאָוו. זיי זענען אָפּגעטראָטן מיט די וועלדער, ווייל דער שאָסיי איז כּסדר באַשאָסן געוואָרן. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט נאָך 24 דייטשן, וועלכע האָבן אויך נישט געגלייבט אין היטלערס נצחון. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט טיף אין וואַלד

און זענען דאָרט געלעגן 2 מעת־לעת, אָן עסן און אָן טרינקען און גע־וואַרט, אַז דער מלחמה־שטורעם זאָל איבער זיי אַריבער.

ווען ס׳איז שטיל געוואָרן זענען זיי דעם דריטן טאָג פרי אַרויס צום ראַנד פון וואַלד, זיך פאַרשטעקט אין אַ ראָוו ביי אַ שאָסיי און געוואַרט, נישט וויסנדיק צו וועמען דער שאָסיי געהערט, ביז זיי האָבן געזען גיין אַ יונגן רויט־אַרמייער אויפן שאָסיי, מיט 2 פענדלעך אין איין האַנט צו רעגו־לירן די באַוועגונג אויפן נאָענטן קרייץ־וועג. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געטראָגן אַן אויטאָמאַט און געפייפט אַ פריילעך לידל. זיי זענען אַלע מיט אַ מאָל אַרויסגעשפּרונגען פונעם ראָוו און אויסגעשריִען צום זעלנער: „רוס! נעם אין פּלען!״ דער צום טויט דערשראָקענער רויט־אַר־מייער, זעענדיק זיך פּלוצלינג אַרומגערינגלט דורך אַזוי פיל באַוואָפנטע דייטשן, האָט אַוועקגעוואָרפן דעם אויטאָמאַט מיט די פענדלעך און אויפ־געהויבן די הענט. דער פאָלקס־דייטש האָט אין אוקראַיִניש און פויליש אים אויפגעקלערט, אַז זיי ווילן ער זאָל זיי נעמען אין געפאַנגענשאַפט. מיינענ־דיק, אַז זיי זענען משוגע געוואָרן, האָט ער זיך געפּרוווט דערווייטערן פון זיי. זיי האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי דער פאָלע פון דער גימנאַסטיאָרקע און אים דערלאַנגט אין דער האַנט דעם אַוועקגעוואָרפענעם אויטאָמאַט. ער האָט ענדלעך פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן. ער איז שטרענג געוואָרן און אַ געשריי געטאָן: „דאָס געווער וואַרפן! די הענט אין דער הייך! אויסשטעלן זיך צו צוויי!״ אים האָט ער באַשטימט אַלס פאָרויסגייער און זיי האָבן מאַרשירט צום שטאַב, וועלכער איז געווען אין זעמליאַנקעס.

זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ זעמליאַנקע און האָבן באַקומען שטיקלעך ברויט און בראָנפן. קיין אַנדער עסן איז נישט געווען. זיי זענען דאָרט געהאַלטן געוואָרן ביז צו מאָרגנס, ווען ס׳איז אָנגעקומען דער קאָנ־וואָי. דורך די שפּאַרונעס פון דער זעמליאַנקע האָבן זיי געזען, ווי מען האָט דעם רויט־אַרמייער אויסגעצייכנט מיט אַ מעדאַל פאַר „העלדישקייט״. דעם זעלבן טאָג האָט מען זיי אָפּגעפירט צו דער באַן־ליניע, פאַרלאָדן אין וואַ־גאָנען און צוזאַמען מיט אַנדערע אָפּגעשיקט אויף אוראַל.

כ׳בין נאָך געווען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון דער דערציילונג פונעם פאָלקס־דייטש און אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַמערקט אַן אַנדערן דייטשן געפאַנגענעם. ער איז צוגעקומען צו מיר און זיך פאָרגע־שטעלט:

— פּאָליטישער קאָמיסאַר פון די דויטשע אינטערנירטע. איך האָבּ די ערע.

אויף מיין פראַגע, וואָס איז זיין אויפגאַבע, האָט ער דערקלערט, אַז ער דאַרף הייבן די מאָראַל ביי די געפאַנגענע, אַז די מפּלות פון די דייטשן אויף די פראָנטן דאַרפן זיי נישט דערדריקן, נאָר זיך פרייען, ווייל דערמיט נעמט אַ סוף צו דער בלוטיקער מלחמה, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעוואָרפן דער גאַנצער וועלט. זייער באַפרייונג איז נאָענט. זיי דאַרפן, דעריבער, וואָס בעסער אַרבעטן, כּדי צו ווייזן, אַז זיי גרענעצן זיך אָפּ פון די שוידערלעכע נאַצישע טאַטן איבער די אונטערדריקטע פעלקער און מיליאָנען קריגס־גע־פאַנגענע.

אויף מיין פראַגע, פאַר וועלכע מעשׂים טובים איז ער אַזוי פּריווי־לעגירט, ווי טראָגן אייגענע האָר, פריי זיך באַוועגן אָן אַ קאָנוואָי און אַזוי עלעגאַנט געקליידט? — האָט ער מיר דערקלערט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז ער האָט עס אייגנטלעך דעצידירט דאָס וואָס די רוסן זיגן און די דייטשן טרעטן אָפּ:

אין זומער 1943, ווען די דייטשן האָבן ביי קורסק געגרייט אַ גרויסע אָפענסיווע, איז ער געווען אַ שאָפער און געפירט הויכע אָפיצירן פון דער באַן־סטאַציע צו די פּאָזיציעס און צוריק. איין מאָל האָט ער באַקומען אַ באַפעל צו פאָרן צום וואָקזאַל און ברענגען אַ הויכן שטאַב־אָפיציר, היט־לערס אַדיוטאַנט וועלכער ברענגט מיט זיך די אָפענסיווע־פּלענער פונעם גענעראַל־שטאַב. ער האָט אויפגענומען דעם הויכן אָפיציר. אָבער אַנשטאָט צו די דייטשע פּאָזיציעס האָט ער אים מיט אומוועגן געבראַכט צו די רו־סישע פּאָזיציעס און זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט, ווינקענדיק צו די רויט־אַרמייער, זיי זאָלן שנעל כאַפּן די טעקע מיט די פּלענער, וועלכע דער אָפיציר האָט שוין אָנגעהויבן פאַרניכטן. די פּלענער האָבן, פאַרשטייט זיך, זייער גוט געדינט די סאָוויעטישע קרעפטן אויף דעם פראָנט.

די געפּלאַנטע אָפענסיווע האָבן די דייטשן דאָך אויסגעפירט. זיי האָבן דורכגעריסן די רוסישע פראָנט־ליניע, אַריין אין אַ טיף פון 30—35 קילאָ־מעטער און ערשט דאָרט באַקומען דעם שווערן קלאַפּ. דאָס איז טאַקע גע־ווען דער לעצטער דייטשער אָנגריף. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי געהאַלטן אין איין צוריקטרעטן.

אויף מיין פראַגע פאַר וואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט, האָט ער גע־ענטפערט, אַז זיין פאָטער איז געווען פון די ערשטע אינטערנירטע אין דאַכאַו־לאַגער און איז דאָרט פאַרפייניקט געוואָרן אַלס קאָמוניסט. די רוסן

שאַצן שטאַרק אָפּ זיין אויפטו און דערפאַר האָט ער די אַלע פּריווילעגיעס.

פון אַן אַנדערן געפאַנגענעם דייטש האָב איך געהערט וועגן נאָך אַ סיבה פון דורכפאַל פון די דייטשן ביי קורסק אין 1943:

דער זומער איז געווען אַ זייער רעגנדיקער און די ערד איז געווען בלאָטיק. פאַר דער אָפענסיווע האָבן ביידע צדדים געעפנט אַ פייער פון גראַנאַטן־וואַרפער. די דייטשע גראַנאַטן האָבן זיך נישט אויפגעריסן ווען זיי זענען געפאַלן אויף דער ווייכער, בלאָטיקער ערד. דאַקעגן די רוסישע גראַנאַטן האָבן זיך אויפגעריסן. די דייטשן האָבן בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. דורכברעכנדיק די פראָנט־ליניע האָבן זיי פאַרכאַפּט רוסישע גראַנאַטן־וואַרפער, אָבער זיי האָבן נישט געוווסט, ווי אַזוי זיי אַנצווענדן. זיי האָבן דאַן געפונען אַ פאַרווונדעטן רוסישן מאַיאָר און פון אים געפאָדערט ער זאָל זיי אויסלערנען זיך באַנוצן מיט די גראַנאַטן־וואַרפער. זיי האָבן אים געפייניקט ביז זיי האָבן פון אים אַרויסגעקריגן דעם סוד.

אין אַ צייט אַרום האָט דער פּאָליטישער קאָמיסאַר מיר דערלאַנגט אַ ניי דערשינענע צייטונג אין דייטש אונטערן נאָמען „פרייעס דויטשלאַנד" (היינט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון מיזרח דייטשלאַנד), אַרויסגעגעבן דורך געפאַנגענע דייטשע אָפיצירן. שפּעטער האָט זיך אין איר אויך באַטייליקט דער פעלדמאַרשאַל פאָן פּאַולוס, וועלכער איז ביי סטאַלינגראַד אַריינגעפאַלן אין סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט.

וועגן אים האָבן מיר דערציילט די געפאַנגענע דייטשן, אַז ווען ער איז אין באַגלייטונג פון הויכע סאָוויעטישע אָפיצירן געפאָרן איבער די שלאַכט־פעלדער פון סטאַלינגראַד צום סאָוויעטישן גענעראַל־שטאַב און געזען די אַזוי פיל געהרגעטע און פאַרפרוירענע דייטשן אין שניי, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געפרעגט זיינע באַגלייטער:

— זאָגן זי מיר ביטע, טאַבאַק איסט אַוף רוסיש „מאַכאָרקאַ?"

נאָר דאָס האָט ער געפרעגט אין אַנבליק פון די טויזנטער, צוליב זיין שולד, אומגעקומענע זעלנער, וועלכע וואָלטן געקאָנט בלייבן לעבן, ווען ער וואָלט נישט אָפּגעוואָרפן 2 רוסישע אולטימאַטומס וועגן אונטערגעבן זיך.

דער זעלבער האָט מיר אויך צוגעזאָגט צוצושטעלן יעדעס מאָל אַ נייעם נומער פון דער צייטונג פון די דייטשע געפאַנגענע. די רוסן האָבן מיך געוואָרנט פאַרן לייענען עפנטלעך אָט די צייטונג. זיי האָבן געטענהט, אַז

דאָס וואָס ס'איז באַשטימט פֿאַר געפֿאַנגענע טאָר קיין „פֿרייער" בירגער נישט נעמען אין דער האַנט.

אַ יונגער קריגס־געפֿאַנגענער פֿון די סודעטן האָט זיך צו מיר דער־נענטערט מיט צוטרוי. ער האָט נישט באַהאַלטן פֿאַר מיר אַז ער איז געווען אַ פּירער פֿון דער היטלערישער יוגנט אין טשעכיע. לויט זיין מיינונג איז נאָר ענגלאַנד שולדיק אין אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אירע אינטריגעס און אומווילן אָפּצוגעבן דייטשלאַנד אירע אַמאָליקע אַפֿריקאַנישע קאָלאָניעס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם „פּירער" פֿון די כּלים און ער האָט אָנגעהויבן דעם צווייטן וועלט־קריג.

— אָבער איצט, גאָט צו דאַנק, האָט ענגלאַנד שוין באַקומען איר פֿאַר־דינטע שטראָף און ווי ער ווייסט קעמפֿן שוין דייטשע טאַנקן אין ענגלאַנד גופֿא און איר סוף איז נאָענט.

אויף מיין פֿראַגע, פֿון וואַנען נעמט ער די דאָזיקע פֿאַלשע אינפֿאָר־מאַציע — גראָד ווען דער צווייטער פֿראָנט אין אייראָפּע איז שוין אַ פֿאַקט און ווען היטלער באַקומט טויט־קלעפּ פֿון ביידע זייטן, האָט ער מיך מיט רחמנות אָנגעקוקט און געזאָגט:

— און זי, הער סאַלאַמאָן, גלאַובען דיזע פֿאַלשע פּראָפּאַגאַנדע? דער רוסישער ראַדיאָ און די צייטונגען פֿאַרשפּרייטן ליגנס. נישט לאַנג איז ביי באַברויסק אַראָפּגעשאָסן געוואָרן אַ דייטשער באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן, דער פּליִער האָט זיך געראַטעוועט און צייטווייליק אינטערנירט געוואָרן אין אַ לאַגער פֿון געוויינטלעכע געפֿאַנגענע און ער האָט עס דערציילט אַלע דעם „אמת" וועגן דער לאַגע אויף די פֿראָנטן: פֿאַרן אַריבערשווימען דעם לאַ־מאַנש האָבן די דייטשן באַשאָסן ענגלאַנד מיט „וווּנדער־וואָפֿע", וואָס היט־לער האָט ביים קריגס אויסברוך צוגעזאָגט צו באַנוצן דעמאָלט ווען ער וועט שוין קיין אַנדער ברירה נישט האָבן.

איך האָב אים אויסגעלאַכט און אויפֿגעקלערט, אַז די וואָפֿע איז נישט מער ווי די ראַקעטעס 1v און 2v, פֿאַר וועלכע ענגלאַנד האָט זיך דערפֿאַר נישט דערשראָקן. אַ פֿרייד האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן:

— דאָס איז נאָר אַן אָנהייב, הער סאַלאַמאָן — האָט ער אויסגערופֿן — דער „פּירער" האָט נישט אָפּגענאַרט; זי זאָגען אוויאָנען אָנע פּילאָטן — דאָס איסט פּרעכטיק! עס וועלן קומען נאָך אַנדערע וווּנדער־וואָפֿע. איין זאַך איז זיכער: אויב מיר וועלן מוזן אַוועקגיין, וועלן מיר אַזאַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר, אַז די גאַנצע וועלט וועט אונטערגיין!

איך האָב שטרענג רעאַגירט אויף זיינע בייזע חלומות: — שוויַיג בע־סער, דו פאַרשאָלטענער!

ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, גענומען צוריקדרייען און געשווירן, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז אַ היטלעריסט מיט בלוט און פלייש, האָט ער אַלס קאַטאָליק קיין מאָל נישט מסכּים געווען מיט היטלערס מעטאָדן פון פאַרפאָלגן די קאַטאָליקן און ייִדן.

וועגן דעם געשפּרעך האָב איך דערציילט מיין נאַטשאַלניק און גע־היים אָנגעוויזן אויף אים. זעענדיק אַז איך בין אַנטוישט פון זיין שוואַכער רעאַקציע, האָט ער געזאָגט:

— סאַלאָמאָן, זיי נישט אַזוי אומעטיק. דאָס איז אַ חלום פון אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ.

דער דייטש פון די סודעטן האָט באַקומען ביי דער אַרבעט אַ זעץ מיט דער קאָלבע פון דער ביקס פון סטרעלאָק, אַן אוקראַיִנער, וועמען די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט זיין גאַנצע פאַמיליע, דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך האָב וועגן אים דערציילט די רוסן. איך האָב אים, אַ פאַרבלוטיקטן, אַריינגעפירט צו ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן און אים איבערגעזעצט זיין אָנ־קלאַגע.

דער סטרעלאָק האָט אָפן געזאָגט, אַז ס'געפעלט אים נישט זיין פּרצוף און אין זיינע אויגן דערקענט ער, אַז ער איז אַ פאַנאַטישער היטלעריסט. ער האָט באַקומען אַ שאַרפן פאָרוווּרף פון זיין סערזשאַנט און מער האָט מען אים נישט געזען באַוואַכן די געפאַנגענע.

מען האָט פיל דערציילט וועגן רוסישע און ייִדישע וועכטער, וועלכע האָבן זיך נוקם געווען אויף פאַרשיידענע אופנים אין געפאַנגענע דייטשן פאַר זייערע אויסגעמאָרדעטע משפּחות.

איך ווער מאָביליזירט

די מפּלה פון די דייטשן אין סטאַלינגראַד איז געווען דער אָנהייב פון ווייטערדיקע מפּלות פון די היטלעריסשע אַרמייען און זייערע פאַרבינדעטע לענג־אויס די פראָנטן וואָס האָבן זיך געצויגן פונעם באַלטישן ים ביזן שוואַרצן ים. די אָקופּירטע טעריטאָריעס פון ראַטן־פאַרבאַנד זענען שריט נאָך שריט באַפרייט געוואָרן און די זיגרייכע רויטע אַרמיי האָט מאַרשירט צו די באַלטישע לענדער און צו פּוילן, רומעניע און בולגאַריע.

די באַציונג צו די פעלקער פון די דערמאָנטע לענדער און צו די פּוילישע ייִדן האָט זיך קאַרדינאַל געענדערט. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן די אַלע וואָס זענען זיינער צייט איבערגעפירט געוואָרן פון פראָנט אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. עס האָבן זיך אויך געשאַפן נאַציאָנאַלע אַרמייען פון די פּליטים און קריגס־געפאַנגענע פון די לענדער צו וועלכע די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט. אַזוי אַרום האָבן ביי דער זייט פון דער רויטער אַרמיי געקעמפט אויך די פּוילישע דיוויזיעס אויפן נאָמען פון קאָשטשושקאָ, די רומענישע דיוויזיע אויפן נאָמען פון טודראָ וולאַדימירעסקו, אַ ליטווישע און אַ טשעכישע בריגאַדע.

אין דער ערשטער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס זענען נאָך געווען פיל פּוילישע ייִדן. די גאַנצע אַרמיי איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין פּערסיע און פון דאָרט קיין ארץ ישראל. זי האָט שפּעטער געקעמפט אין איטאַליע. דאַקעגן אין דער קאָשטשושקאָ דיוויזיע זענען קיין סך ייִדן נישט אָנגענומען געוואָרן, צוליב עווענטועלע נעגאַטיווע אָפּקלאַנגען אין פּוילן. פיל ייִדן האָבן זיך דאָן פרייוויליק געמאָלדן אין דער דיוויזיע אונטער פּוילישע נעמען. צווישן זיי אויך מיינער אַ ברודער. זיי האָבן העלדיש געקעמפט און זיך דערדינט צו הויכע מיליטערישע ראַנגעס און אויסצייכענונגען. פיל פון זיי זענען געפאַלן און זייערע קברים זענען צעשפּרייט אויף די פילצאָליקע פראָנט־אָפּשניטן.

איך האָב זיך אויך צוויי מאָל געמאָלדן פרייוויליק. איין מאָל אין דער פּוילישער אַרמיי און אַ צווייטן מאָל אין דער רויטער אַרמיי.ביידע מאָל האָט מען מיר געהייסן גיין צוריק צו מיין אַרבעט, מיט אַ צוזאָג, אַז מ׳וועט דאַרפן וועט מען מיך רופן.

דערווייל האָט מען די צוגעגרייטע טיילן פון דער פאַבריק „קאָמאינ־טערן" אויפגעלאָדן אויף פּלאַטפאָרמעס און אַוועקגעפירט אויפן אָרט. מיך האָט מען נישט מיטגעשיקט מיט מיין אָפּגעטוענער אַרבעט. די רוסן, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט מיך מקנא געווען מיט מיינע דערפאָלגן אין דער אַר־בעט, האָבן זיך איצט געגרייצט מיט מיר: סאַלאָמאָן! — האָבן זיי געזאָגט — אַנדערע וועלן דאָרט ענדיקן דיין אַרבעט און באַקומען די פּרעמיע.

מיך האָט טאַקע גוט פאַרדראָסן וואָס מיינע נאַטשאַלניקעס ווילן באַ־קומען די פּרעמיע און מיך עלימינירן פון דער גראַנדיעזער אַרבעט. איך האָב זיך געמאַכט גלייכגילטיק, אָפּגעענטפערט, אַז עס איז נישט וויכטיק וועמ ס'וועט די אַרבעט צואַמענשטעלן, וויכטיק איז אַז די פאַבריק וועט אײַ־בערגעבויט ווערן, נישט אָפּשטעלנדיק די אַרבעט. מיט דערלייכטערונג האָב איך אויפגענומען די מעלדונג, אַז אין אַ וואָך אַרום דאַרף איך זיך צושטעלן אין אַסבעסטער וואָיענקאָמאַט. די רוסן, באַזונדערס די פרויען, האָבן מיך געוואָלט אויספרווון און געעצהט איך זאָל גיין צום הויפּט־אינזשעניר, ער זאָל אָפּרופן מיין מאָביליזאַציע. איך האָב זיך, אָבער, אָפּגערופן, אַז איך בין העכסט צופרידן, אַז נאָך צוויי אָפּזאָגן האָט מען ענדלעך באַווילִיקט מיך צו מאָביליזירן. איך גיי אין דער אַרמיי און וועל האָבן די געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין די דייטשן פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן מיט מיין פאָלק.

בעת מיינע צוגרייטונגען צו גיין אין מיליטער איז אָנגעקומען אַן אַלאַרם־רוף פון דער פאַבריק „קאָמאינטערן" מען זאָל באַלד שיקן אַ מענטש, וועלכער אָריענטירט זיך אין די צייכנס פון די צענומענע טיילן. קיינער פאַרשטייט נישט די צייכנס און מען קאָן נישט צוזאַמענשטעלן די פאַבריק.

עס איז גראָד געווען דער לעצטער זונטיק וועלכן איך האָב געוואָלט פאַרברענגען אין דער היים מיט יענער דוסיען, וואָס האָט זיך זייער צייט געלאָזט אָנרעדן פון איר שוועסטער ניוראַ, זי זאָל זיך נישט חברן מיט אַ ייִד, ווייל היטלער וועט דערגרייכן אויך קיין אַסבעסט און ער ברענגט אום אַלע ייִדן, ווי אויך די רוסישע פרויען וואָס ווינען מיט ייִדן. איצט האָט זי באַדויערט וואָס זי האָט געהערט איר שוועסטער. מיר זענען ביידע געזעסן ביי אַ געדעקטן טיש, אין די געגעבענע באַדינגונגען, מיט אַלעם גוטן. אַ פלעשל וואָדקאַ, שוואַרץ ברויט אָנגעריבן מיט קנאָבל, געקאָכטע קאַרטאָפל אין די שאָלן און מילך. מיר האָבן זיך געלאָזט ווילגיין. פּלוצ־לינג האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען די סטאַראָזשיכע פון דער סטאָליערײ און מיר באַפוילן באַלד גיין אין קאַנטאָר, ווו עס וואַרט

אויף מיר דער הויפּט־אינזשעניר מאַרטאָוו. מיר זענען שוין געווען אַ ביסל בגילופינדיק און דוסיאַ האָט אָנגעהויבן שעלטן די נאַטשאַלסטווע מיט טויטע קללות, פּאַר וואָס אַפּילו אין רו־טאָג לאָזן זיי נישט צו רו.

איך האָב זיך גוט דערשראָקן געפינענדיק אין קאַנטאָר, חוץ דעם הויפּט אינזשעניר, אויך מיין נאַטשאַלניק ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש און נאָך אַן עלעגאַנט געקליידעטן מאַן. דאָס איז געווען פיאָדאָר וואַסילעוויטש, דער לייטער פון דער פאַבריק „קאָמאינטערן". ער איז געקומען מיך נעמען אַהין, כדי איך זאָל צונויפשטעלן די טיילן פון דער פאַבריק. קיינער פון די ברי־גאַדירן קען זיך נישט אויס אויף די צייכנס מיט וועלכע איך האָב ספּעציעל באַצייכנט די טיילן, און קיינער חוץ מיר וועט צוליב דעם נישט קאָנען צוריק צונויפשטעלן די פאַבריק. איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס זע־נען נישט קיין שום אויסטערלישע צייכנס, נאָר רוימישע ציפערן מיט וועלכע מען באַצייכנט האָלץ.

„איצט פּאַק איין דיינע זאַכן. דו פאָרסט מיט מיר אין פאַבריק" — האָט ער אין אַ פריינדלעכן טאָן געזאָגט.

— „און די פּאָוויעסטקע", האָב איך זיך געפּרוווט אַרויסדרייען. „איך בין דאָך מאָביליזירט. ווילסט מיך מאַכן פאַר אַ דעזערטיר?"

— „מאַרטאָוו וועט עס שוין דערליידיקן אין וואָיענקאָמאַט, די אַרבעט איז וויכטיקער ווי דיין גיין אין דער אַרמיי" — האָט ער געענטפערט.

איך בין אַוועק אַהיים זיך געזעגענען מיט דוסיען און זי געטראָפן טויט־שיכור. זי האָט פאַר כּעס אויסגעליידיקט דאָס פלעשל.

אין זעלבן טאָג בין איך מיטן דירעקטאָר אָנגעקומען אין דער פאַבריק „קאָמאינטערן". אַ קליינער ייִשוב פון אַ צוואַנציק הייזקעס אין וועלכע עס האָבן געוווינט די פאַבריק־אַרבעטער און די באַדינונג. צו דער פאַבריק האָט געפירט אַ באַן־ליניע, אַן אָפּצווייג פון דער ליניע אַסבעסט־באַזשאַנאָ־וואָ־סווערדלאָווסק.

אין דעם איינציקן גאַסט־הויז ווו דער דירעקטאָר האָט פאַר מיר באַ־שטעלט אַ בעטל צום שלאָפן איז מיין שותף צום צימער געווען אַ ייִדישער פּאָלקאָווניק. ער האָט געהאַט ביי זיך די איינציקע ייִדישע צייטונג „איינ־קייט" וואָס איז דאַן דערשינען אין מאָסקווע. אין דער צייטונג האָב איך געפונען אַ סטאַטיסטיק, אַז אין 44סטן יאָר זענען געווען אין דער רויטער אַרמיי 54 טויזנט אויסגעצייכנטע מיט אָרדנס ייִדישע זעלנער און אָפי־צירן. זיי זענען געווען אויפן פערטן אָרט צווישן די פיל פעלקער אין גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד. צום ענדע פון קריג האָבן די ייִדן פאַרנומען דאָס צווייטע

אַרט מיט זייער צאָל אויסגעצייכנטע שלאַכטלייט אין דער רויטער אַרמיי, נאָך די רוסן.

ער איז געקומען פון דער גרויסער טאַנק־פאַבריק אין ניזשני טאַגיל, וועגן אַסבעסט־טאָוולען צו שיצן די מאָטאָרן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען פאַרשיקט אין די 30ער יאָרן, בעת סטאַלין האָט מיט אַ ווילדן אייפער ליקווידירט די פאַרדינסטפולע פירער פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע און די פעיִקסטע אַרמיי־קאָמאַנדירן. נאָכן ערשטן מאָסקווער פּראָצעס אין 1936 זענען פון די 16 פאַרמשפּטע און דערשאָסענע געווען 14 ייִדן. אין אָנהייב קריג, נאָך די גרויסע מפּלות און פאַרראַטן אויף אַלע פראָנטן, איז סטאַלין געווען געצווונגען צו באַפרייען צענדליקער מאַרשאַלן, גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס, וועלכע ער האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן אומצוברענגען. ער האָט זיי איצט, אַן וואַקלעניש, אָנפאַרטרויט די געפער־לעכסטע פראָנט־אָפּשניטן און זיי זענען פאַקטיש געווען די הויפּט־פאַקטאָרן פון גרויסן נצחון איבער היטלער־דייטשלאַנד.

ווען איך בין אין דער פרי געקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אין בײדע זייטן פון די באַן־רעלסן זענען געלעגן אָנגעוואָרפן און אויסגעמישט גרויסע קופּעס פון בעלקעס, ברעטער, קראָקוועס און אַנדערע האָלץ־טיילן. בעתן אויפלאָדן האָב איך געזאָרגט, אַז די טיילן זאָלן סאָרטירט ווערן און יעדע טייל זאָל זיך געפינען אויף אַן אַנדערער פּלאַטפאָרמע. ווען איך וואָלט געווען דערביי, וואָלט איך גע־זאָרגט, אַז אויך דאָס אויסלאָדן זאָל זיין גענוי סאָרטירט.

די „משונהדיקע” צייכנס, ווי זיי האָבן גערופן די רוימישע ציפערן, זענען אייגנטלעך נישט געווען די סיבה פון נישט קאָנען צוריקשטעלן די טיילן. אויך מיר האָט עס געדויערט גאַנצע צוויי וואָכן ביז עס איז מיר געלונגען, מיט דער הילף פון צוויי בריגאַדעס רומעניש קריגס־געפאַנגענע, צוריק צו סאָרטירן און קאָמפּלעטירן די טיילן און אָנהייבן אויפשטעלן די פאַבריק.

דאָס איז געווען דער טייערסטער פּרייז וואָס זיי האָבן באַצאָלט פאַר וועלן מיך עלימינירן פון דער אַרבעט. די רומענישע געפאַנגענע זענען געווען גוטע טעסלער און האָבן די אַרבעט אויסגעפירט מייסטערהאַפט. זייערע בריגאַדירן האָבן גוט פאַרשטאַנען מיין צעבראָכענעם רומעניש. איך האָב זיי דערפאַר צוגעשריבן גרעסערע פּראָצענטער און זיי האָבן באַקו־מען צוגאָב־מיטאָגן אין דער פאַבריקס־קיך צוזאַמען מיט די פרייע אַרבע־

טער. מאַכאָרקע האָב איך זיי געמוזט קויפן פאַר מיין געלט, ווייל אָן רויך איז די אַרבעט ביי זיי נישט געגאַנגען.

איך האָב זיך, ביי דער געלעגנהייט, באַקאַנט מיט זייער דאָקטערין, אַ ייִדיש מיידל פון אַ יאָר 30, וואָס איז קאָנטוזירט געוואָרן פון אַ באָמבע אין אַ שפּיטאָל־זעמליאַנקע אויפן קורסקער פראָנט, בעת זי האָט באַנדאַזשירט פאַרווונדעטע. פון לופט־דרוק איז זי אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף אַ בוים און פאַרלוירן דעם געהער און דאָס לשון. 6 מאָנאַטן איז זי געלעגן אין שפּיטאָל. זי האָט שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו קאָנען רעדן. מיט דער צייט איז זי צוריק געקומען צו זיך. איצט באַדינט זי דעם קליינעם לאַגער פון די קריגס־געפאַנגענע. זי נעמט אויף די קראַנקע אידער זיי גייען צו דער אַרבעט און ווען זיי קומען צוריק. זי קומט אויך צוויי מאָל אין וואָך צום אַרבעטס־פּלאַץ, קאָנטראָלירן צי מען היט אָפּ די אַרבעטס־פאַרשריפטן. זי פילט זיך נישט גוט, ווען זי דאַרף יעדע 2 וואָכן באַטראַכטן אַלע געפאַנגענע. זיי שטייען דאַן אַלע נאַקעטע אין אַ ריי און זי דאַרף מיט אַ פּינצעט באַטראַכטן דעם געשלעכט־אָרגאַן, צי איז ווער פון זיי נישט אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישער קראַנקייט. אָט די גראָבהויטיקע אַרבעט, ווי זי האָט באַצייכנט, איז איר געוואָרן דערווידער. זי מוז וואַרטן ביז מען וועט די געפאַנגענע אָפּשיקן אַהיים. נאָך דער מלחמה וועט מען זי איבערפירן צו אַן אַנדערער אַרבעט.

זי האָט געוווינט אין אַ באַזונדערן צימער און איך פלעג זי באַזוכן כמעט יעדן אָוונט. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פיינפילנדיקע פרוי, וואָס האָט ליב איינזאַמקייט און פּאָעזיע. זי פלעגט פאַר מיר רעציטירן מיט טאַלאַנט און פּאַטאָס אויסנווייניק גאַנצע לידער פון פּושקין און לערמאָנטאָוו. דעם לעצטן האָט זי ממש פאַרגעטערט. מיר האָבן זיך דערנענטערט. זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פאַרשרייבן זיך אין אָפיציעלן חתונה־אַמט. זי וויל האָבן פון מיר אַ קינד. איך בין דעמאָלט געווען זיכער, אַז מיין אומגליקלעכע פרוי און 2 קינדער זענען אומגעקומען פון די דייטשן און אַז איך מעג נאָך אַ מאָל חתונה האָבן, אָבער דאָך אַלס פרוי און הויזווירטין האָט זי מיר נישט אימפּאָנירט. איך האָב זיך דעריבער געפּרווט אַרויסדרייען מיט פאַרשיידענע תירוצים. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין שוין פאַרבונדן מיט אַן אַנדערער פרוי, מיט דוסיען, צו וועלכער איך פאָר יעדן שבת־צו־נאַכטס און קום צוריק מאָנטיק פרי. איך האָב איר דערציילט,

אַז איך בין פּאַקטיש מאָביליזירט און עס איז בעסער מיר זאָלן צוואַרטן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

די אַרבעט איז דערווייל געגאַנגען פּאָרויס. די ווענט אַרום דער אַלטער פּאַבריק זענען שוין געווען פאַרטיק, אויך די קראַקוועס צום דאַך זענען שוין געשטאַנען. עס איז נאָר געבליבן צו באַדעקן מיט ברעטער. דאָ האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז מען קאָן זיך שוין אָן מיר באַגיין. אַ געוויסן שבת נאָך האַלבער נאַכט ווען איך בין געקומען אין אַסבעסטער וואָקזאַל, האָט מיך דאָרט אָפּגעוואַרט דער נאַטשאַלניק פון טאַרטאַק „באַלין", אַ מלחמה־אינוואַליד מיט אַ געליימטער האַנט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָוויעסט־קע, לויט וועלכער איך דאַרף מאָרגן, זונטיק, זיך מעלדן אין וואָיענקאָמאַט, ווייל איך בין מאָביליזירט אין מיליטער. איך האָב אים געפרעגט, פּאַר וואָס דווקא האָט ער מיך אָפּגעוואַרט און נישט קיין אַנדערן, האָט ער מיר געענטפערט מיט רוסישער אויפריכטיקייט, אַז געמיינט האָט מען גראָד אים, נאָר דער דירעקטאָר האָט געהאַלטן, אַז ער האָט שוין גענוג געשמעקט פּולווער און אויך איך דאַרף פאַרזוכן דעם טעם. אויף מיין פראַגע, וואָס פאַר אַ נוצן קאָן מען האָבן פון אַן אינוואַליד אין דער אַרמיי? האָט ער געענטפערט, אַז ער איז אַ לייטענאַנט און ער האָט געוואָלט איבן די רעקרוטן. דערביי האָט ער מיך שאַרף אַנגעקוקט, ווי איך וועל רעאַגירן אויף מיין מאָביליזאַציע, אין מיטן דער נאַכט אין אַ ליידי־קער באַן־סטאַציע, אָן אַפילו עטלעכע טעג אויף צו דערלידיקן מיינע לויפנדיקע ענינים. איך האָב געהאַט רעכט נישט נעמען די פּאָוויעסטקע און זיך נישט אונטערשרייבן. איך האָב אָבער זיך אונטערגעשריבן און אַוועק צו דוסיען איר אָנזאָגן, אַז מיר פאַרברענגען די לעצטע נאַכט. זי, ווי איר שטייגער, האָט געשאָלטן די נאַטשאַלסטווע און געליאַרעמט אַז עס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן מען זאָל אַזוי וועמען מאָביליזירן. מאָרגן לויפט זי אין קאָנטאָר פּראָטעסטירן. איך האָב זי באַרויִקט און אויפגע־קלערט אַז ס'איז נישט שיין פאַר אַ רוסישער פרוי צו לויפן אָפּבעטן איר מוזשיק פון דער אַרמיי, בפרט אַז איך האָב זיך 2 מאָל געמאָלדן פרייוויליק און מען האָט מיך נישט געוואָלט אָננעמען.

אין וואָיענקאָמאַט האָב איך געפּרוּווט בעטן אַ פּראָלאָנגאַציע אויף איין טאָג, איך זאָל באַוויזן צופאָרן צו דער פּאַבריק אָפּצאָלן די חובות און אָפּנעמען דאָס געלט וואָס עס קומט מיר. איך האָב אויך געוואָלט נעמען מיינע זאַכן וועלכע איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט. אָבער אָן דערפאָלג.

דער מאַיאָר האָט מיר דערקלערט, אַז די ליסטע איז שוין פאַרטיק און היינט אָוונט דאַרף איך זיין אויפן וואָקזאַל און אָפּפאָרן. ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל גיין אין קאַנטאָר אָפּנעמען וואָס עס קומט מיר, נעמען פּראָדוקטן, געזעגענען זיך מיט דער „באַבען" אויב איך האָב אַזאַ, און זיין גרייט אין אָוונט. אין קאַנטאָר האָב איך באַקומען אויסגעצאָלט פאַר דער אַרבעט ווי אויך פאַר די יערלעכע אורלויבן וואָס איך האָב צוליבן קריג נישט אויסגענוצט. אין מאַגאַזין ביים וועגן די פּראָדוקטן, וואָס יעדער מאָביליזירטער באַקומט אויפן וועג, האָבן ווידער די פרויען מיך געוואָלט אויספרווון און געטרייסט, אַז דער נצחון איז זיכער און ביז איך וועל אָנקומען אויפן פראָנט, וועט זיך די מלחמה ענדיקן.

ביים געזעגענען זיך מיט דוסיען, האָט זי מיך באַשווירן איך זאָל נישט זיין קיין „דוראַק" און זען זיך אַרויסדרייען פון פראָנט, אַזוי ווי אַלע יידן טוען. איך האָב זי, דאַקעגן, פאַרזיכערט פאַרקערט, אַז ווי אַלע יידן וועל איך אויך קעמפן העלדיש קעגן די נאַצישע קינדער־מערדער און וועל צו איר צוריקקומען אַלס העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד און מיט פיל מעדאַלן אויף מיין ברוסט.

אין דער רויטער אַרמיי

אין קליינעם אַסבעסטער וואָקזאַל איז דעם אָוונט געווען טומלדיק. פאַרוויינטע מאַמעס און באָבעס זענען געקומען באַגלייטן זייערע 18־יאָריקע זין און אייניקלעך און האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי איך אַ כמעט 40־יאָריקער קום אַהער צווישן די יונגע צוציקעס. אייניקע פון זיי האָבן מיך געפרעגט, ווי אַזוי מען האָט מיך ביז איצט נישט מאָביליזירט? „עס האָט דיר נישט געקלעקט קיין געלט זיך אויך דאָס מאָל אויסצוקויפן?" איינע פון זיי, אַ מוטער וואָס איז געקומען באַגלייטן איר 23־יאָריקן זון, האָט זיך צעשריגן, אַז זייערע קינדער נעמט מען צום צווייטן מאָל, אַפילו מיט נאָך נישט פאַרהיילטע ווונדן. נאָר ייִדן, נאַטשאַלניקעס און גרויסע פּאַרטיי־פונקציאָנערן, נעמט מען בכלל נישט. זי האָט מיט כוח אַראָפּגעצויגן די הויזן פון אַ מיטלוועקסיקן בחור און געוויזן אַ נאָך נישט פאַרהיילטע אָפענע ווונד אויף דער לינקער זייט. „זעט, דערבאַרעמדיקע מענטשן, וועמען מען שיקט צוריק אין דער אַרמיי? ער דאַרף נאָך ליגן אין שפּיטאָל כאָטש 3 מאָנאַטן. דער בחור, אַ פאַרשעמטער, מיט אַן אַנטבלויזטן הינטן, האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן און אויסגעשריִען: „שווייג! ווי שעמסטו זיך נישט? איך האָב זיך צעקריגט מיטן הויפּט־דאָקטער, האָט ער מיר ווי אַ שטראָף פריצייטיק אויסגעשריבן פון שפּיטאָל".

אויפן וואָקזאַל האָט ממש געהערשט אַ פּאָגראָם־שטימונג און איך בין געווען צופרידן ווען דער צוג האָט זיך ענדלעך געריִרט. דער בחור האָט דאַן אַרויסגענומען פון קעשענע אַ ליסטע און געזאָגט: „הערט, חברה. אַלס געוועזענער פראָנט־קעמפער האָט מען מיך באַשטימט אַלס אייער קאָמענדאַנט. איר זענט שוין סאָלדאַטן און איר דאַרפט מיר זיין געהאָרכזאַם. איך וועל אויסרופן די נעמען און איר דאַרפט זיך אָפרופן".

צוקומענדיק צו מיין נאָמען האָט ער פאַרוונדערט געפרעגט: ווי קומסטו אין דער אַרמיי? נאָר שרעק זיך נישט. אין מעדיציניִשן פונקט וועסטו זיך קאָנען אָפּבעטן".

— „מיר וועלן נאָך זען ווער עס וועט זיך אָפּבעטן", — האָב איך מיט כעס רעאַגירט. — „אויך דו לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע?"

דער בחור האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן ערשטקלאַסיקער פּאַרזאָרגער. צוזאַמען מיט נאָך אייניקע רעקרוטן האָט ער אַראָפּגעוואָרפן אַלע ציווילע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן פאַרכאַפּט די אייבערשטע פּריטשעס. אויף זייער אָרט האָט ער אונדז איינציקווייז אַוועקגעלייגט. אויך אין סווערדלאָווסק האָט ער, ווי אַ דערפאַרענער סאָלדאַט, אונדז קודם כּל געפירט אין באָד אַריין ווו מען האָט אונדז אָפּגעשוירן די טשופּרינעס מיט אַ מאַשינקע ביזן ביין. מיר האָבן זיך אויסגעבאָדן, געטוישט די וועש, באַקומען איינשפּריצונגען און באַשטעטיקונגען. ער האָט אונדז געפירט אין פאַרשיידענע אַמטן, אַרויסגענומען פאַרשיידענע דאָקומענטן אָן וועלכע מען וואָלט אונדז נישט אָנגענומען אין מאָביליזאַציע־פּונקט.

אַהין זענען מיר אָנגעקומען מידע און הונגעריקע. דער בחור האָט באַלד באַקומען פאַר אונדז פּראָדוקטן און אַ ווינקל צו רוען. עס האָט דאָרט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אַלע מאָל זענען דערשינען סערזשאַנטן מיט ליסטעס, אויסגערופן נעמען, אָפּגעפירט די גרופּן צו דער באַן און זיי צעשיקט אין די לאַגערן.

ענדלעך איז געקומען אונדזער ריי צו דער מיליטערישער מעדיצינישער קאָמיסיע. ביי אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן 10 דאָקטוירים, ס׳רוב פרויען. מיך האָט גערופן צו זיך אַ יונגע שיינע יידישע דאָקטערין. קוקנדיק פאַרטיפט אין מיינע דאָקומענטן האָט זי מיך געפרעגט: וואָס טוט אייך וויי? גאָרנישט! האָב איך געענטפערט. אויף וואָס קלאָגט איר זיך? — האָט זי, אַלץ נישט קוקנדיק אויף מיר, ווייטער געפרעגט. — איך קלאָג זיך אויף גאָרנישט — האָב איך איר לאַקאָניש געענטפערט. הייסט עס אַז איר ווילט גיין אין דער אַרמיי? — האָט זי מיר שוין מיט אַ צופרידן שמייכעלע אָנגעקוקט. — „יאָ, איך וויל גיין קעמפן קעגן היטלערן, חברטע מיליטערישע דאָקטערין!“ האָב איך הויך אויפן קול אויסגערופן אַז דער קאָמענדאַנט וואָס האָט זיך צוגעהערט צו מיינע ענטפערס, האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. „איז דען נישט פאַרצייכנט אין מיינע דאָקומענטן, אַז איך האָב זיך 2 מאָל געמאָלדן פרייוויליק אין דער אַרמיי?“ האָב איך זי געפרעגט.

— „אָט אַ העלד!“ — האָט זי אויסגערופן צו אַן עלטערן דאָקטער וואָס איז געזעסן נעבן איר.

די סערזשאַנטן וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר אַז די מאָביליזירטע זאָלן אויף איין מינוט נישט האָבן קיין מנוחה. זיי האָבן זיי געשלעפּט צו פאַרשיידענע אַרבעטן: וואַשן די

פאַלן אין די לאַנגע באַראַקן, שלעפּן וואַסער פון זייער ווייט, זעגן און האַקן האָלץ א.אַ.וו. איך האָב באַמערקט אַז מיך לאָזן זיי צו רו אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן זיי אַפילו גענומען אַ צווייטן מאָל. אויב איינער איז שוין צוגעקומען און מיך געוואָלט נעמען צו אַן אַרבעט, האָט אַ צווייטער אים געזאָגט, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, ווייל איך בין אַן אינטעליגענטער בחור וואָס האַלט אין איין לייענען ביכער. איך האָב נישט פאַרשטאַנען אין וועלכן זכות איך האָב אַזאַ פּראָטעקציע. די זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן ביי נאַכט, בעת אַלע רעקרוטן זענען שוין געלעגן אויף די נאַרעס און געשמאַק געשלאָפן. איך האָב שוין אויך זיך געגרייט אַ געלעגער, איינגעוויקלט די שיך אין דער פופייקע זיי זאָלן מיר דינען ווי אַ קישן. פּלוצלינג האָט זיך געיאַוועט דער „גוטער" סערזשאַנט, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט נעמען צו דער אַרבעט און מיט אַ שמייכל מיך געפרעגט: „האָסט שוין היינט עפּעס געאַרבעט?" — „ניין, גאָרנישט", — האָב איך אַ דערשטוינטער געענטפערט. — „ווילסט אויך עפּעס טאָן? — „פאַר וואָס נישט, אָבער נישט אַזוי שפּעט ביי נאַכט, פּונקט ווען איך גיי שלאָפן". — „איצט איז נאָך בעסער, אַלע שלאָפן, וועט דיר קיינער נישט שטערן" — האָט ער מיר געענטפערט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ זייער לאַנגן באַראַק, ווו מען האָט נישט געזען דעם צווייטן עק. אויף די צוויי גאָרנדיקע נאַרעס, איןביידע זייטן, האָבן געשמאַק געשנאָרכט אין אַ כאָר שלאָפנדיקע רעקרוטן. דער פּאָל איז געווען באַדעקט מיט אַ היפּשער שיכט בלאָטע, אַז מען האָט אַזש די ברעטער נישט אַרויסגעזען. — „זעסט, דעם פּאָל וועסטו מיר ריין אָפּוואַשן און נאָך אַ קליין פּאָלעכל, אין אַנדערן באַראַק. דאָ האָסטו 2 עמערס, אַ שמאַטע, אַ באַרשט און אַ בעזעם. ווען דו וועסט פאַרטיק ווערן וועסטו קאָנען גיין שלאָפן".

— דאָס אַלץ דאַרף איך איינער אַליין מאַכן? — האָב איך אַ דערשראָקענער אויסגערופן. — אָ, ניין! איך שיק דיר גלייך נאָך איינעם, דערווייל ברענג וואַסער און הייב אָן. איך האָב געזען אַז איך וואַרט אומזיסט אויף דער הילף, האָב איך אַליין אָנגעהויבן. עס איז מיר איצט זייער צו נוץ געקומען די לערע פון וואַשן פּאָלן אין דער פּוילישער טורמע אויפן לובלינער „זאַמעק".

אַרום 3 פאַר טאָג האָב איך געענדיקט די אַרבעט. פּונקט דאַן איז ער דערשינען. — אַ מאַלאַדיעץ! אַלץ אַליין געמאַכט, זיי מיר מוחל וואָס איך האָב נישט געהאַלטן וואָרט. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט געפינען פאַר דיר אַ געהילף. האָסט דאָך אַליין געזען, אַז אַלע האָבן שוין געאַרבעט

צו 2 און אַפילו צו 3 מאָל. איצט וועסטו מאַכן נאָך אַ קליינע אַרבעט און וועסט קאָנען גיין שלאָפן.

— „קיין מאָל נישט!" האָב איך מיט געבײַלטע פויסטן אים געפּאָ־כעט פאַר דער נאָז, איך האָב זיך קוים באַהערשט, איך זאָל אים נישט פאַרפאָרן אין די ציין. — „אַפילו סטאַלין אַליין וועט מיר נישט באַוועגן נאָך עפּעס צו טאָן!" — נו, גוט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — קום שלאָפן!

שלמה שטאַקפּיש אין דער רויטער אַרמיי

אַ טויט־מידער האָב איך זיך געלייגט צווישן צוויי רעקרוטן און בין גלייך איינגעשלאָפן. מיינע שלאָף־שכנים האָבן געהאַט זייער אַן אומרויִקן שלאָף. אַלע מאָל האָט איינער פון זיי פאַרוואָרפן אויף מיר אַ האַנט אָדער אַ פוס. איך האָב זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך זייערע הענט און פיס.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. ביי מיין געלעגער איז ווידער געשטאַנען דער סערזשאַנט: — ווי אַזוי ביסטו געשלאָפן, פריינד? — האָט ער מיך מיט אַ שמייכל געפרעגט. — זייער גוט! — האָב איך געענטפערט. איך בין אויפגעציטערט געוואָרן. עס איז נישט געווען נעבן מיר מיין פּראָוויאַנט-זעקל מיטן בוך. עס זענען נישט געווען די 200 רובל אין דער הויזן-קעשענע. אַפילו דאָס שמוציקע נאָז-טיכל איז ביי זיי געווען אַ סחורה. מיט אַנגסט האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים ברוסט וווּ דוסיאַ האָט מיר איינגענייט אַ זעקעלע מיט 1000 רובל. זי האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל קיין מאָל נישט האַלטן דאָס גאַנצע געלט צוזאַמען. דאָס זעקעלע מיטן געלט איז געווען.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער נאַרע, אָנגעכאַפּט דעם סערזשאַנט פאַר דער פּופּייקע און געשריען: — מען האָט מיך באַגנבעט! — ווער? — האָט ער שטרענג געפרעגט, באַפרייענדיק זיך פון מיינע הענט. — איך ווייס נישט! — האָב איך אַ צעטומלטער געענטפערט, — מעגלעך, די צוויי צווישן וועלכע דו האָסט מיך געלייגט. — זיי זענען היינט באַגינען אַוועק אין זייער אָפּטייל, — האָט ער געזאָגט. — מאַך נישט קיין טומל, ווייל מען וועט דיך נאָך חושד זיין, אַז דו ווילסט אָפּשלעפּן מיטן גיין אין דיין אָפּטיילונג און מען וועט דיך נאָך באַשטראָפן. גיי נעם פּראָדוקטן אויפן וועג, ווייל באַלד וועסטו אָפּפאָרן.

אַ דערשלאָגענער און צעבראָכענער בין איך אין מיליטערישער אָרדענונג צוזאַמען מיט די אַנדערע מאָביליזירטע אָפּגעפירט געוואָרן צום וואָקזאַל.

וואַרטנדיק אויפן צוג האָבן מיר פאַרקויפט פון זיך די לעצטע רעשט-לעך פון די ציווילע קליידער און אַפילו די אונטערוועש, ווייל מיר האָבן געוווסט אַז אין לאַגער וועלן מיר באַקומען נייע. די אויפקויפערס זענען געווען פרויען וועלכע האָבן געצאָלט גאַנץ גוטע פרייזן. זיי האָבן דערציילט אַז אין לאַגער נעמט מען סיי ווי צו די ציווילע קליידער וועלכע די סערזשאַנטן פאַרקויפן אויפן באַזאַר. צווישן די אויפקויפער האָב איך דערקענט אַ יידישן בחור פון לאָדזש, אַ שניידער, וועלכער איז מיט אַ האַלב יאָר צוריק מאָביליזירט געוואָרן אין אַסבעסט און אַלע האָבן געמיינט אַז ער איז געפאַלן אויפן פראָנט, ווייל מען האָט פון אים נישט געהערט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז נישט קריגס-פעיִק און ער איז באַשעפטיקט אין דער אַרבעטס-אַרמיי אַלס שניידער אין צווייטן שיכט.

אין אַ צייט אַרום, נאָך דער מלחמה, האָב איך אים געטראָפן אין אַ די.פּי. לאַגער אין עסטרייך, אויפן וועג קיין ארץ ישׂראל, האָט ער מיר דערציילט, אַז דאָס איבערפירן אים אין דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן האָט אים געקאָסט 5000 רובל.

מיר זענען געפאָרן מיט אַ לאַסט־צוג צום מיליטערישן איבונגס־לאַגער ביי קאַמישלאָוואַ, סווערדלאָווסקער אָבלאַסט. אין מיין וואַגאָן איז געפאָרן אַ פּאַרשוין וואָס האָט נישט פאַרמאָגט ביי זיך קיין קאָפּיקע. מיר האָבן אין די סטאַציעס געקויפט פעקלעך אייז־קרעם און זיי געגעסן מיט שוואַרץ טרוקן ברויט. ער האָט געקוקט אויף אונדז מיט זשעדנע אויגן. ענדלעך האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר און געבעטן איך זאָל אים קויפן אייז־קרעם. אין לאַגער וועט ער מיר צוריקגעבן דאָס געלט. איך האָב אים געגעבן עטלעכע רובל, וויסנדיק, אַז איך וועל זיי צוריק נישט באַקומען.

אין אַ דייטשמערישן ייִדיש האָט ער מיר דערציילט, אַז מען רופט אים היימבערגער. ער שטאַמט פון גאַליציע, האָט געענדיקט לערנען מעדיצין, אין פּראַג פּראַקטיצירט אַלס כירורג אין קליניק פון באַרימטן ווינער פּראָפעסאָר נוימאַן וועלכער איז געוועזן אַ רעליגיעזער ייִד און אַן אינטערנאַציאָנאַלער ספּעציאַליסט פאַר נאָז, אויערן און האַלדז קראַנקייטן. שבת איז דער פּראָפעסאָר נישט געקומען אין קליניק און היימבערגער האָט אים פאַרטראָטן. נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרנומען ווין, האָבן זיי זיך צעשיידט. ער איז אַנטלאָפן צוריק קיין פּראַג און דעם פּראָפ. נוימאַן איז געלונגען אַנצוקומען קיין ענגלאַנד. ווען היטלער האָט פאַרנומען פּראַג איז ער ווי אַ פּוילישער בירגער צוריקגעפאָרן קיין פּוילן. דאָ האָט ער באַקומען אַ בריוו פון פּראָפ. נוימאַן אין וועלכן ער האָט אים מיטגעטיילט, אַז היטלער איז געוואָרן שטאַרק הייזעריק און עס דראָט אים צו פאַרלירן די שטימע. אַלע ספּעציאַליסטן האָבן אויפגעגעבן די האָפענונג ער זאָל אויסגעהיילט ווערן פון דער הייזעריקייט. דאַן האָבן זיי זיך דערמאָנט אין ייִדישן ספּעציאַליסט נוימאַן און בלית ברירה זיך צו אים געווענדט ער זאָל קומען ראַטעווען היטלערן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. זיי האָבן זיך דאַן געווענדט צו דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל אויסאיבן אַ דרוק אויפן פּראָפעסאָר ער זאָל קומען קיין בערלין. איצט מוז ער פאָרן און ער וויל, אַז היימבערגער זאָל אויך קומען אַלס זיין אַסיסטענט קיין בערלין. זיי באַקומען ביידע אַן אייזערנעם בריוו, גאַראַנטירט פון דער ענג־

לישער רעגירונג, אַז זיי וועלן קאָנען אַרויספאָרן פון דייטשלאַנד, אַפילו ווען די אָפּעראַציע וועט נישט געלינגען.

ער האָט נישט מסכים געווען און פּראָפּ. נוימאַן איז אַליין געפאָרן און אים איז געלונגען צוריקקערן היטלערן די שטימע. היטלער האָט ווייטער געקאָנט האַלטן זיינע גיפטיקע רעדעס קעגן דעמאָקראַטיע און קעגן ייִדישן פאָלק. בעת היטלער איז באַפאַלן פּוילן איז ער אַנטלאָפן אין ראַטן־פאַרבאַנד. פאַר נישט וועלן נעמען אַ 5־יערלעכן פּאַס איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף אוראַל, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל אַלס כירורג און באַהאַנדלט אינערלעכע קראַנקייטן. מיט עטלעכע טעג צוריק, פאַרנדי׳ק אין טראַמוויי האָט מען ביי אים צוגעגנבעט דעם פּאָרטפעל מיטן געלט און אַלע דאָקומענטן ווי אויך די דיפּלאָמען, איז ער געגאַנגען אין וואָיענקאָמאַט בעטן אַן אַנדערן פּאַנצער־דאָקומענט ער זאָל קאָנען אומגעשטערט זיך באַוועגן און נישט געכאַפּט ווערן אין די אָפּטע אָבלאַוועס, האָט מען אים דאָרט גלייך פאַרהאַלטן, נישט געלאָזט אַהיימגיין נעמען עפּעס מיט זיך און אונטער אַ קאָנוואָי צוזאַמען מיט אַ גרופּע געכאַפּטע דעזערטירן אָפּגעשיקט אין סווערדלאָווער מאָביליזאַציע־פּונקט. זיי האָבן אים נישט געגלייבט, אַז ער איז אַ כירורג. זיי האָבן געפאָדערט ער זאָל זיי צייגן זיין דיפּלאָם וועלכן מען האָט ביי אים געגנבעט. זיי האָבן אים געטרייסט, אַז אויב ער איז אַזוי נייטיק אין שפּיטאָל, וועלן זיי אים צוריקברענגען אַפילו פון פראָנט.

איז מיר געווען באַשערט צו דינען אין איין ראָטע מיט אים, מיט איינעם פון די גרעסטע שלימזלען וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיליטער. טראָץ זיין הויכער בילדונג האָט ער געהאָט אייגנשאַפטן פון אַ פאַרזעסענעם ישיבה בחור אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. אין פּריוואַטן לעבן און בעת די פעלד־איבונגען איז ער געווען אומבאַהאָלפן ווי אַ קליין קינד. ער האָט זיך תמיד טועה געווען צווישן רעכטס און לינקס. בעתן אויספירן באַפעלן צו אויסדרייען זיך אויף רעכטס אָדער לינקס פלעגט ער אַפילו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט. ער האָט צוגעשטעלט אומצאָליקע קאָמישע מאָמענטן בעת אַלע פאַרשידנאַרטיקע איבונגען.

אין די יעליאַנסקע לאַגערן

אין לאַגער זענען מיר אָנגעקומען ביי נאַכט און געשטאַנען אין די רייען ביז פאַר טאָג. אין באָד האָבן מיר ווידער געמוזט וואַרטן ביז עס האָבן זיך באַפרייט הילצערנע שעפלעך צו שעפן וואַסער. מיר האָבן זיך ווידער אויסגעבאָדן און געטוישט די וועש, צום דריטן מאָל אין איין וואָך. אין דער פרי האָט מען אונדז אין סטראָי געפירט דערליידיקן באַדערפענישן. פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען עסן פרישטיק וואָס איז באַשטאַנען פון אַ טעלער הייסע גרויפּן־זופּ, אַ קאַשע, 200 גראַם שוואַרץ ברויט און אַ טעפּל זיסע טיי. דאָס טרינקען טיי איז געווען אַ פליכט אין דער רויטער אַרמיי. נאָכן עסן האָט מען אונדז צוגעפירט צו איינער פון די צענדליקער זעמ־ליאַנקעס (איינגעגראָבענע באַראַקן אין דער ערד) און געמאָלדן, אַז מיר זענען צוגעטיילט צו דער 44סטער זאַפּאַסנער אָרלאָווסקער פוסגייער־דיוויזיע, צום 45סטן פּולק, 3טן באַטאַליאָן, 7טער ראָטע, 4טער זוואָד. דאָס האָבן מיר געדאַרפט געדענקען אַפילו אין שלאָף. 5 זעלנער וועלכע האָבן דורכגעמאַכט מיליטערישע אויסשולונג אין די אַרבעט־פּלעצער און האָבן זיך געמאָלדן אַלס אַזעלכע זענען גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. צווישן זיי זענען געווען צוויי ייִדן.

אין זעמליאַנקע פון דער 7טער ראָטע האָב איך געטראָפן עטלעכע סאָל־דאַטן ליגן באַרוועסע אויף די פּריטשעס. עס האָט אויסגעפעלט פאַר זיי שיך, האָט מען זיי נישט געקאָנט שיקן אויפן פראָנט. זיי זענען נישט גע־גאַנגען אויף קיין איבונגען, נישט געגאַנגען עסן אין סטאָלאָווע, מען האָט פאַר זיי געבראַכט דאָס עסן אין באַראַק.

אין דעם ריזיקן לאַגער ווו מען האָט די פיר מלחמה־יאָרן אויסגעאיבט מיליאָנען זעלנער האָט געהערשט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט. האַלב אויסגע־שולטע סאָלדאַטן זענען געשיקט געוואָרן צו די פראָנטן. אויף זייער אָרט זענען געקומען אומאויפהערלעך נייע רעקרוטן. מען האָט אויסגעליידיקט טורמעס און לאַגערן פון פאַרברעכער, זיי מאָביליזירט און געשיקט אויפן פראָנט. דערפון לאָזט זיך דערקלערן די גרויסע צאָל פאַרברעכנס, מאָרדן, רויבערייען און פאַרגוואַלדיקונגען, וואָס די רויט־אַרמייער זענען באַגאַנגען ביים סוף און נאָכן קריג אין די „באַפרייטע" און דעראָבערטע לענדער. די

פאַרברעכנס האָבן פאַרפלעקט און באַשמוצט דעם ראַטן־פאַרבאַנד און די רויטע אַרמיי.

עס איז געווען אומפאַרשטענדלעך פאַר וואָס מען האָט צום סוף פון דער מלחמה, ווען דער נצחון איז געווען זיכער, נאָך אַלץ אַזוי פיל מאָבי־ליזירט אין מיליטער. עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס עס האָט געהערשט אין אַלעמען אַ מאנגל. עס האָבן אויסגעפעלט מונדירן, שיך, כּלים צום קאָכן און עסן און אַפילו געווער. עס האָבן אויך געפעלט איבונגס־אָפיצירן. זיי האָבן, דעריבער, צוריק מאָביליזירט פון לאַנג באַפרייטע אָפיצירן אינוואַ־לידן, איינאויגיקע, איינהענטיקע, האַרץ־ און לונגען־קראַנקע.

אין אונדזער זיבעטער ראָטע זענען געווען פאַרטראָטן פיל פעלקער. די מערהייט איז באַשטאַנען פון מאָלדאַוואַנער. עס זענען געווען עטלעכע אוק־ראַינער, ווייסרוסן, איין ציגיינער, איין רוס, 6 פּאָליאַקן, 3 בעסאַראַבער און 9 ייִדן. די ייִדן האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיר האָבן געטוישט צווישן זיך די אַדרעסן, מען זאָל קאָנען איבערגעבן די משפחות אין פאַל ווען ווער פון אונדז וועט פאַלן. אַ שניידער פון בעלז, אַ פרומער ייִד, האָט שטאַרק באַ־דויערט וואָס מיר זענען נאָר ניין און עס פעלט איינער צו אַ מנין, ווייל ער האָט געדאַרפט זאָגן קדיש. ער האָט באַמערקט אַ סאָלדאַט מיטן נאָמען אַקערמאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ייִד. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן פון דער ווייטנס פון אונדז און זיך געחברט מיט די מאָלדאַוואַנער. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם אַקערמאַן און אים געפרעגט אויף ייִדיש, פאַר וואָס ער דערווייטערט זיך פון אונדז? האָט ער מיר געענטפערט אַז ער פאַר־שטייט נישט קיין ייִדיש. איך האָב אים דאַן געפרעגט אין רוסיש, פאַר וואָס קלינגט זיין נאָמען ווי אַ ייִדישער? דאָס איז נישט קיין ייִדישער נאָמען, האָט ער געלייקנט. אין בעסאַראַביע איז דאָ אַ פּראָווינץ „אַקערמאַן", הייס איך לויטן נאָמען פון דער פּראָווינץ. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין ייִד.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין טעות. אין גאַנג פון די איבונגען האָבן מיר זיך אַריבערגעשיפט אין פּאָנטאָן־שיפ־לעך איבער אַ טייך. אַ קאָלכאָז־פאַרזיצער פון יענער זייט טייך האָט גע־בעטן אונדזער עלטסטן מיר זאָלן אַריבערפירן פאַרן קאָלכאָז אַ פעסל הערינג. בעת מיר זענען געווען אין מיטן טייך האָט זיך אַ זעלנער פאַר־גלוסט כאַפּן אַ טויטן פיש וואָס איז געשווומען אויפן וואַסער. ער האָט זיך האַסטיק אַריבערגעבויגן, אויסשטרעקנדיק די האַנט. דאָס פעסל הערינג איז אומגעפאַלן אויפן באָרט פונעם שיפל און עס איבערגעדרייט. מיר זע־

נען צוזאמען מיטן פעסל הערינג אריינגעפאלן אין וואסער. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען בייקומען דעם שטארקן שטראם. מיט די מלבושים און אין די שווערע זעלנערישע שיך בין איך קוים א לעבעדיקער צוגעשווומען צום ברעג און געבליבן ליגן אן אטעם. פלוצלינג האב איך דערהערט א געשריי: שמע ישראל, ראַ־טע־ווע! איך האב זיך האסטיק אויפגעזעצט און געזען אקערמאנס קאפ פארשווינדן אונטערן וואסער. ווייטער פון אים איז דערטרונקען געווארן נאך א זעלנער. 5 אנדערע האט אונדזער העלדישער עלטסטער אליין באוויזן צו ראטעווען. אבער אקערמאנען האבן מיר מער נישט געזען...

אין מאגאזין האב איך באקומען א מונדיר און מלבושים פונקט לויטן העכסטן וווקס, כאטש איך בין א נידעריקער. איך האב געבעטן מען זאל מיר טוישן די זאכן, עס האט אבער נישט געהאלפן. דער בעלזער שניידער האט מיר געקירצט די מלבושים פארן פרייז פון די ציגארעטן וואס איך האב באקומען און זיי נישט גערויכערט. ערגער איז געווען מיט די שיך. איך האב באקומען 45קער און מיין מאס איז העכסטנס 40קער. איך בין ארומגעגאנגען ווי אויף נארטעס. ענדלעך איז צו מיר צוגעקומען א ווייסרוס און מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן איך זאל זיך מיט אים טוישן. מיט אים איז געשען פונקט פארקערט. ער האט באקומען 40קער און דארף 45קער. ער האט אבער באמערקט מיין צופרידנקייט פון דעם טויש, האט ער געוואלט איך זאל אים צוצאלן. איך האב אים אבער אויפגעקלערט אז איך מיינע שיך קאן אנטאן און ער זיינע נישט. האט ער עס באגריפן און געטוישט די שיך...

די באציונגען זענען געווען שווערע. יעדע נאציאנאליטעט האט זיך געהאלטן באזונדער. די מערהייט אפגעשטאנענע פויערים פון די באפרייטע געביטן, האבן כמעט נישט פארשטאנען די באפעלן אין רוסיש. נאך ערגער איז געווען מיטן זינגען, וואס פארפליכטעט די זעלנער אין דער רויטער ארמיי ביים מארשירן. ווען עס איז געגעבן געווארן דער באפעל: מארשירן מיט געזאנג, זענען מיר געגאנגען אבער נישט געזונגען. די 4 סערזשאנטן וואס זענען געגאנגען אין שפיץ האבן געפרווט אנהייבן. ס'האט זיי אבער קיינער נישט אונטערגעהאלטן. דער לייטענאנט, א מלחמה־אינוואליד מיט א גלעזערנעם אויג האט געמיינט אז ער האט צו טאן מיט א בונט. ער האט אונדז אריינגעפירט אין א בלאטע און באפוילן שטיין אויפן ארט און הייבן די פיס אין דער הייך. מיר האבן געטאפטשעט אין דער בלאטע און

זיך באַשפּריצט ווי גרויס מיר זענען געווען. דאַן האָט ער געפרעגט: נו, כלאָפּצי, מיר וועלן זינגען? — מיר קאָנען נישט זינגען רוסיש — האָבן זיך עטלעכע מאָלדאַוואַנער, נישט דרייסט, אָנגערופן. — זינגט אין אייער שפּראַך! — האָט ער באַפוילן.

זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען אַ מאַרש־ליד, וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער רומענישער אַרמיי. ער האָט באַמערקט, אַז איך זינג נישט מיט אַלע צוזאַמען, האָט ער מיך געפרעגט פאַר וואָס איך זינג נישט. — ווייל איך קען נישט מאָלדאַוואַניש — האָב איך געענטפערט. — זינג אויף דיין שפּראַך! — האָט ער מיר באַפוילן. „לכו נרננה לה' נריע" — האָב איך זיך צעזונגען מיטן טאַקט פון דער מעלאָדיע און איך האָב אים דערמיט צופרידן געשטעלט.

פון די 9 ייִדן אין דער ראָטע זענען מיר געבליבן נאָר 3: איך, דער דאָקטער און אַ בעסאַראַבער ייִד, אַ קצב. שפּעטער האָט מען אים אויך צוגענומען אַרבעטן אין דער אָפיצירן־קיך. אַזוי בין איך געבליבן אַליין מיטן דאָקטער צוליב וועמען איך האָב געליטן געברענטע צרות.

אַ סערזשאַנט פון אַ מאָנגאָלישן שבט ביים בייקאַל האָט אָפּגענומען ביי אונדז די שבועה. פריִער האָט ער דערקלערט, אַז נאָך דער שבועה וועלן מיר ווערן פולע סאָלדאַטן און עס וועט אונדז פאַרפליכטן די האַרבע מיליטערישע דיסציפּלין און דער שטרענגער מיליטערישער שטראָף־קאָדעקס. אַ טאָג שפּעטער זענען מיר געשטאַנען אין אַ ריי און יעדער האָט געדאַרפט ענטפערן וואָס פאַר אַ פאַכמאַן ער איז. שוסטערס, שניידערס, היטלמאַכערס, און קירזשנערס האָט מען געהייסן אַרויסגיין פון דער ריי. — איך בין אַ סטאָליער! — האָב איך אויסגערופן. — מען דאַרף נישט — איז געווען דער ענטפער.

די אַלע פאַכלייט האָבן שפּעטער באַנייט און באַשוכט דעם לייטענאַנט, וועלכער האָט געוווינט אין אַ זעמליאַנקע מיטן ווייב און 2 קינדער. שפּע־טער האָבן זיי דאָס זעלבע געטאָן פאַר אַלע נידעריקע און העכערע אָפיצירן ביזן קאָמאַנדיר פון דעוויזיע, אַ גענעראַל־לייטענאַנט. זיי זענען געקו־מען אין דער ראָטע נאָר שלאָפן. אין דער פרי זענען זיי געפירט געוואָרן צו דער אַרבעט, ווען מיר אַלע זענען אַרויס אין פעלד אויף איבונגען. נאָר אין אויסנאַם־פאַלן, צו ספּעציעלע איבונגען זענען זיי אויך געגאַנגען. אין די איבונגען זענען זיי געווען ווייט הינטערשטעליק.

דאָס האָט אויך גורם געווען דעם פאַראַכט פון די רוסן, אַז ייִדן דערפאָרן נישט צום פראָנט. כ'האָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז אין דעם

זענען שולדיק געווען די קאָמאַנדירן. זיי האָבן אויסגענוצט די ייִדישע זעל־נער צוליב זייערע פאַכן פאַר זייער נוצן. אַ פריזירער, אַ בעסאַראַבער ייִד, איז פיל מאָל אַרויסגענומען געוואָרן פון דער ליסטע געשיקט צו ווערן אויפן פראָנט אַדאַנק דעם וואָס ער איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן מיט אַן איידעלער האַנט און די אָפיצירן האָבן ליב געהאַט זיך ביי אים צו שערן און ראַזירן.

איך און נאָך 5 זעלנער האָבן באַקומען נייע געלע שיך, ווייל מיר האָבן זיך אויסגעצייכנט פון דער גאַנצער ראָטע. די אַנדערע זעלנער האָבן גע־טראָגן שוואַרצע שיך. דער סערזשאַנט האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די פאַרשטאָפּטע קעפּ פון פיל סאָלדאַטן, האָט ער ביים רויכער־איבעררייס מיר איבערגעגעבן אַזאַ פאַרשוין און באַפוילן איך זאָל אים אין דער האַלבער שעה אויסלערנען וואָס ער האָט נישט געכאַפּט בעת די אַלגע־מיינע איבונגען. מיינע באַמיִונגען זיי עפּעס אויסלערנען האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. עס איז די פויערים בשום אופן נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. דאָס נישט קענען קיין רוסיש האָט זייער באַשווערט זייער דינען. זיי האָבן מער געשטערט אין דער אַרמיי ווי געבראַנגט נוצן. ווען איך האָב מיין דאָקטער פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס ער פאַרשעמט די ייִדן מיט זיין שלימזל־דיקייט, האָט ער מיט כעס געענטפערט: איך האָב זיי אין דער ערד, אין עלטער פון 40 יאָר ווילן זיי מיך לערנען גיין.

אַלס דאָקטער איז ער אָבער שנעל באַרימט געוואָרן אין לאַגער. נאָכן אויסהיילן אַ לייטענאַנט פון אַ שווערן אולקוס.

עס האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מײַ. סטאַלין האָט אַרויסגע־געבן אַ באַפעל, אַז דעם טאָג פייערט די רויטע אַרמיי דאָס פאַרנעמען דעם רייכסטאַג אין בערלין. דער רייכסטאַג איז גענומען געוואָרן ערשט דעם 2טן אָדער 3טן מײַ און מיר אין די יעליאַנסקיע לאַגערן האָבן געמוזט פייערן די צוויי טעג מיט אָנגעשטרענגטע איבונגען. אַפילו שוסטערס און שניידערס האָבן געמוזט אין זיי אָנטייל נעמען.

צוליבן יום־טוב האָבן די אַלע אונטעראָפיצירן באַקומען נייע גימנאַס־טיאָרקעס און ווי געוויינטלעך אין דער רויטער אַרמיי — אָן פראָנט קעשע־נעס. זיי האָבן דעריבער געבראַנגט צו אונדזער שניידער די גימנאַסטיאָר־קעס און אים געהייסן אַראָפּטרענען די טאָפּלטע שטיקער פון די עלנבויגנס און מאַכן פון זיי צוויי קעשענעס אויף דער ברוסט. „כ'דאַרף דאָך אָבער גיין אויף איבונגען" — האָט זיך דער אָרעמער שניידער געבעטן „ניטשעוואָ!"

(ס׳מאַכט נישט), מיר וועלן דיך שוין דעקן. אַזוי האָט ער אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין נייען קעשענעס און אין אָוונט ביים אַפּעל האָט אים דער סערזשאַנט געפרעגט פאַר וואָס ער איז דעם טאָג נישט אַרויס אויף קיין אַי־בונגען. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום פאַרענטפער, אַז אַפילו פאַר אים אַליין האָט ער דאָך אויך גענייט קעשענעס. ער האָט באַקומען אַ שטראָף אָפּצוואַשן דעם האַלצערנעם דיל פון דער זעמליאַנקע. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אויס שניידער און אונטער קיין שום דראָונגען האָט ער מער פאַר קיינעם נישט געוואָלט נייען.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פון נצחון — דער 8טער מײַ. אין די לאַגערן זענען פאָרגעקומען גרויסע פייערלעכקייטן, ספּאָרט־פאַרמעסטונגען פון וועלכע זיי האָבן אַפילו נישט געוואָלט באַפרייען איבער 50־יאָריקע און קראַנקע. מיר האָבן געדאַרפט אויסהערן רעפעראַטן אָן אַ סוף און אָן עק. דערביי זענען אויפגעדעקט געוואָרן פיל סודות, וועלכע מ׳האָט פאַרהוילן פאַר דער עפנטלעכקייט אין פאַרלויף פון קריג, ווי דער טאָפּלטער פאַרראָט פון װלאַסאָװן, די געפאַר וואָס האָט געדראָאָט דעם ראַטן־פאַרבאַנד אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער מלחמה, איבערהויפּט אין זומער 1942.

די שׂימחה האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מען האָט אונדז אָנגע־הויבן שלעפּן צו די ערגסטע און געמיינסטע שוואַרצע אַרבעטן, וואָס קריגס־געפאַנגענע וואָלטן נישט געוואָלט אויספירן. מיר האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע פאַבריקן, טאָרטאַקן, ביי בריקן, בוי אַרבעטן און ביי היי־שניידן. מיר זענען געשטאַנען ביז איבער די קני אין זומפּן און די קאָמאַרן האָבן אונדז געביסן. פרויען פלעגן אַרויסקומען צו אונדז מיט מילך אָדער קעז, און מיר פלעגן דאָס קויפן מיט די לעצטע קאָפּיקעס. מיר האָבן גוט אונטערגעהונגערט, ווייל אויך דאָס עסן האָט זיך פאַרערגערט.

ביים היי־שניידן איז געווען אַ בעסאַראַבער פויער מיט אַ רויטער ברייטער און שיין פאַרקעמטער באָרד פון אַן אַנדער ראַטע, וואָס האָט שטאַרק נושׂא חן געווען ביי די קאָלכאָזניקעס פון דער פאַרוואַסערטער געגנט. זיי האָבן אין אים געזען אַ הייליקן און זיך מיט אים בעראַטן אין פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן, באַזונדערס וועגן זייערע „אומהיילבאַרע״ קראַנקייטן. איינע פון זיי, וועלכע האָט געהאַלטן זייער שלעכט, האָט אים געבראַכט פון אַלעם גוטן און אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים אָפּגילטן, אויב ער וועט זי אויסהיילן פון איר קראַנק. דער פויער האָט ביי איר אַרויס־געצויגן אַן אַ שיִעור געלט און פּראָדוקטן און איר אַלע מאָל געהייסן זאָגן

אַנדערע תּפֿילות. ער האָט איר געגעבן בלעטער און גראָזן און איר געהייסן יעדן טאָג קומען. איך האָב נישט געקאָנט צוקוקן ווי ער נוצט זי אויס. איך האָב זי אָפּגעראַטעוועט און איר געזאָגט אַז דער רויט־באָרדיקער פֿויער איז אַ גרויסער שאַרלאַטאַן, און איך האָב איר געראָטן זי זאָל זיך לאָזן אונטערזוכן פֿון מיין חבר דעם דאָקטער. איך האָב זי צוגעפֿירט צו היימ־בערגערן. עס איז פּונקט געווען בעתן מיטאָג־איבעררייס. ער האָט נישט געוואָלט אַפֿילו הערן, אָבער זעענדיק די צוויי קאַנען מילך, וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך, האָט ער זיך שאַרף איינגעקוקט אין איר פּנים, אויפֿגעהויבן אירע אויגן־לעפּלעך און פֿעסטגעשטעלט אַז זי האָט געלזוכט. ער האָט גע־נומען ביים לייטענאַנט אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, אָנגעשריבן אַ רע־צעפּט. דעם אַנדערן טאָג איז זי געקומען מיט קעז און געזאָגט, אַז נאָך עטלעכע לעפֿל רפֿואה פּילט זי זיך פֿיל בעסער. זי האָט אָבער געהאַט שוועריקייטן מיטן אַפּטייקער, וועלכער האָט איר נישט געוואָלט געבן דעם רעצעפּט, ווייל ער קען נישט דעם דאָקטער.

היימבערגער האָט נאָך דעם אויפֿגעלעבט. ער איז געווען זאַט און גע־האַט געלט. די קאַנען מילך און די קעזלעך וואָס די קאָלכאָזניצעס האָבן אים געבערענגט האָט ער געשטעלט כּיבוד פֿאַרן לייטענאַנט און די סער־זשאַנטן. אויך זיי האָבן גרויסמוטיק אים מכבד געווען מיט אַ חלק פֿון דעם אַלעמען. פֿון דעם גאַנצן כּיבוד האָב איך, דער „אונטערפֿירער" פֿון גאַנצן ענין גאָרנישט באַקומען. דער דאָקטער האָט אַפֿילו נישט געהאַט קיין מוט עפּעס צו נעמען פֿון שלל פֿאַר מיר.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין לאַגער פֿון היי־שניט איז דאָרט געווען אַ נייער סטאַרשינאַ, אַ ייִד, וועלכן מען האָט איבערגעפֿירט צו אונדז פֿון אַ סנייפּער־ראַטע, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אויסגעצייכנט אַלס העלד פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער האָט אונדז דערציילט אַן אומגלייבלעכע געשיכטע: אויפֿן לענינגראַדער פֿראָנט האָבן די דייטשן קאָנצענטרירט אַ שרעקלעך פֿייער אויף אַ קליינעם שטח פֿון די פֿאָרטיפֿיקאַציעס. אונדזער העלד איז געפֿאַלן אַ שווער פֿאַרוווּנדע־טער ביי זיין מאַשין־געווער. די דייטשן האָבן נאָך דעם אַטאַקירט זייענ־דיק זיכער, אַז יעדער ווידערשטאַנד איז שוין געבראָכן. ווען זיי זענען גע־ווען עטלעכע צענדליק מעטער פֿון זיין קוילנוואַרפֿער, האָט ער מיט די לעצטע כּוחות געעפֿנט איינער אַליין אַ פֿייער אויף די דייטשן, זיי איבער־ראַשט און 217 זייערע פּגרים זענען געבליבן ביי זיין פּאָזיציע, אַ טייל נאָר

4—5 מעטער פון זיין בונקער. די פאַרשטאַרקונג פון דער רויטער אַרמיי האָט אים געפונען אַ באַוווּסטלאָזן ביי זיין נאָך רויכערדיקן געווער. ביים אויסצייכענען אים איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז ווען נישט ער וואָלט די דייטשן געווען געלונגען צו ברעכן די פאַרטיידיקונג. די באַפרייטע פון די לאַגערן, באַנדיטן, וועלכע זענען געווען די מערהייט אין זיין ראָטע, האָבן פון אים חוזק געמאַכט און אים געפרעגט אין וועלכן באַזאַר ער האָט געקויפט די מעדאַלן ?...

אין די קאָנוואָי־אָפּטיילונגען פון נ.ק.וו.ד.

דאָס דינען איז מיר מיאוס געוואָרן, ווייל איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ סאָלדאַט אין אַ שקלאַף. איך האָב מיט אומגעדולד אויסגעקוקט די צייט מען זאָל מיך דעמאָביליזירן. באַזונדערס האָט מיך געערגערט דאָס שיקן פון איין אָרט צום אַנדערן אויף עטלעכע טעג. מיר זענען געווען איינקוואַרטירט אין די ערגסטע באַדינגונגען. אָבער אַנשטאָט בשורות וועגן דעמאָביליזאַציע האָבן זיך גאָר אָנגעהויבן הערן מלחמה־טענער, אַז מען ליידיקט אויס דעם לאַגער פון יינגערע יאָרגענג און מען שיקט זיי קיין מאַנדזשוריע. איין מאָל איז געקומען אין ראָטע אַ קאַפּיטאַן און זיך נאָכגעפרעגט אויף פאַכלייט צו בויען באַראַקן. מען האָט זיך געשושקעט אַז דאָס איז עווענטועל פאַר יאַפּאַנישע געפאַנגענע. איך האָב זיך געמאָלדן, פרייוויליק, אַלס בוי־סטאָליער. די באַדינגונגען זענען געווען גוטע, 10 שעה אַ טאָג אַרבעט. 50 מינוט אַרבעטן און 10 מינוט רויכערן, 2 שעה — מיטאָג־איבעררייס, אין דעם אַ שעה צו שלאָפן נאָכן מיטאָג, ווי ס'איז געווען איינגעפירט אין דער רויטער אַרמיי. חוץ דעם נאַרמאַלן פּאַיאָק פון אַ זעלנער, אויך פאַרשיידענע שפּייז־צוגאָבן, געלט און ציגאַרעטן. עס איז אויך צוגעזאָגט געוואָרן, אַז נאָכן אומקערן זיך אין די קאַשאַרן, נאָך דער אַרבעט, וועלן זיי זיך קאָנען אָפּרוען און קיינער טאָר זיי נישט נעמען צו קיין אַנדער אַרבעט.

דעם 1טן טאָג ביי מיין נייעם „פּאַך" האָב איך געשטעלט רושטאָוואַניעס. מיט מיר האָט געאַרבעט אַ ווייסרוס פון פּוילן, מאָביליזירט אין אָנהייב 45טן יאָר. ער איז די גאַנצע צייט געווען מיט די דייטשן און זיך צוגעזען צום חורבן פון ווייסרוסישן יידנטום. איך האָב דערפילט אַז דאָס דערציילן פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן און אים חושד געווען אַז ער האָט אַנטייל גענומען אין די שחיטות. ער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַלס אַ גרויסער אַנטיסעמיט. ער האָט זיך צו מיר געטשעפּעט, אויך געפּרווט פאַרבראַקירן מיין אַרבעט. איך האָב געזען, אַז אַ צוזאַמענשטויס צווישן אונדז איז אומפאַרמיידלעך. איך בין צוריק געקומען אין זעמליאַנקע אַ מידער, זיך צוגעלייגט און לייכט איינגעדרימלט. פּלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז מען שלעפּט מיך ביי די פיס.

אַ פרעמדער סערזשאַנט האָט מיר באַפוילן גיין באַגיסן מיט וואַסער די קרויט. ס'האָט נישט געהאָלפן מיין טענה, אַז איך האָב אַ צוזאָג פונעם קאַפּיטאַן, אַז די אַלע וואָס וועלן אַרבעטן ביים שטעלן די באַראַקן זענען באַפרייט פון יעדער אַנדערער אַרבעט. ער האָט מיר שטרענג באַפוילן — „פּריקאַזיוואַיו” (איך באַפעל). צום ערשטן מאָל אין דער אַרמיי האָב איך זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן אַ באַפעל.

אַנטקעגן מיר זענען געלעגן, שוין וואָכן לאַנג, שקצים אָן שיך, וועלכע האָבן גאַנצע טעג גאָרנישט געטאָן. זיי האָט מען נישט געטשעפּעט. ווען דער לייטענאַנט איז געקומען אויפנעמען דעם אַפּעל, האָט דער סערזשאַנט אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך האָב נישט אויסגעפירט זיין באַפעל צו באַגיסן די קרויט. איך בין געווען זיכער, אַז נאָכן אויסהערן מיין פאַרענטפערונג, אַז לויטן באַפעל פון אַ העכערן אָפיציר טאָר מען מיך נישט נעמען צו קיין אַנדערער אַרבעט, וועט ער מיר געבן רעכט. אָבער צו מיין גרויסער שטוינונג האָט ער הילכיק אויסגערופן: „דעם לעצטן באַפעל דאַרף מען אויספירן! דעם קאַפּיטאַנס באַפעל איז שוין פאַרעלטערט! וואָס מיינט איר זיך, איר זאַפּאַדניקעס? די רויטע אַרמיי האָט איר בלוט פאַרגאָסן. מיר האָבן אייך באַפרייט פון דייטש און איר דאָ מאַכט גאָר אַ בונט און פירט נישט אויס קיין באַפעלן. אויף אַ גאַנצער נאַכט אין אַרעסט!...”

דער אַרעסט איז געווען אין אַ קליין קעמערל פון 4 ווענט, אויף אַ לעכערדיקער ערדענער פּאָדלאָגע מיט נעסטן פון ריזיקע שטשורעס. מען האָט ביי מיר צוגענומען דעם שינעל, דעם רימען, די שנוראָוואַדלעס פון די שיך. אַ האַלב נאַקעטן האָט מען מיך פאַרמאַכט אויף אַ גאַנצער נאַכט. אַלס וועכטער איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן דער שניידער. אין אָנהייב האָב איך זיך אויסגעלאַכט פון דער שטראָף. אָבער ווען די אוראַלער קאַלטע נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן לאָזן פילן און די מייז האָבן דערפילט אין מיינע קעשענעס ברויט און גענומען אויף מיר שפּרינגען אָן מורא — האָב איך ערשט באַגריפן די שטראָף. איך האָב דעריבער געבעטן מיין בעסטן חבר דעם שניידער, וואָס האָט מיך געהיטן, ער זאָל אַריינשפּרינגען אין זעמליאַנקע און מיר ברענגען מיינע צוויי קאָצן. מיין בעסטער פריינד האָט בשום אופן נישט געוואָלט ברעכן דעם געזעץ און פאַר מיר עפּעס טאָן. אַרום 12 ביי נאַכט האָט אים געטוישט אַ באַפרייטער אוקראַינער און די לאַגע האָט זיך געענדערט. ער האָט מיר געבראַכט מיינע און דעם שניידערס 4 קאָצן און געבעטן דערפאַר אַ פּעקל ציגאַרעטן, ווייל ער ווייסט, אַז איך רויכער נישט. איך האָב אים צוגעזאָגט. ער האָט דאָן

אויפגעריגלט פון דרויסן די טיר, מיר געגעבן די קאַצן, געפרעגט אויב איך וויל נאָך עפּעס און געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. איך האָב זיך גלייך איינגעוויקלט אין די קאַצן און טראָץ די אַרומטאַנצנדיקע שטשורעס בין איך איינגעשלאָפן. אַרום 4 פאַר טאָג, ווען מען האָט אים געטוישט, האָט ער מיך אויפגעוועקט, ביי מיר צוגענומען די קאַצן, וועלכע זענען געווען צעביסן און צעריסן פון די מייז. אויך מיינע שאַראַוואַרן האָבן אין פראָנט, ביי די קעשענעס, געהאַט צוויי רונדע לעכער און דאָס ברויט איז נישט געווען...

אין דער פרי, ווען איך בין געשטאַנען סמירנאָ פאַרן לייטענאַנט, האָט ער מיך געפרעגט ווי אַזוי מען האָט מיך געלערנט האַלטן די הענט ביי סמירנאָ? (די גראָבע פינגער אין די פויסטן און ביי די זייטן פון די הויזן אויף די נעט). ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס האָב איך מיט די הענט געפרוווט פאַרשטעלן די צוויי לעכער וואָס די אוראַלער שטשורעס האָבן ביי מיר אויסגעביסן.

איך בין נאָך געווען פאַרשפאַרט, ווען דער קאַפּיטאַן איז מיט אַ ליסטע, באַלד נאָכן פרישטיק, געקומען נעמען די אַרבעטער. איך האָב געזען ווי ער טענהט איין מיטן לייטענאַנט און ווייזט אים, אַז עס פעלט אים נאָך איינער. זעענדיק, אַז ער קלייבט זיך שוין אַוועקגיין מיט דער ברי־גאַדע, האָב איך דורך דער שפּאַרע אַרויסגעשריגן: חבר קאַפּיטאַן! חבר קאַפּיטאַן! איך בין דאָ איינגעשפּאַרט, ווייל איך האָב נעכטן, נאָך דער אַרבעט נישט געוואָלט גיין באַגיסן די קרויט. ער איז צוגעקומען נענטער און געזאָגט, אַז ער קאָן מיר גאַרנישט העלפן, ווייל אַ באַפעל מוז מען פריער אויספירן און שפּעטער זיך באַקלאָגן פאַר די געהעריקע אינסטאַנצן, ד.ה. דורך דעם זעלבן סערזשאַנט, לייטענאַנט, א.א.וו. אַרום 8 אַ זייגער האָט מען מיך באַפרייט.

אין דער זעלבער וואָך האָבן מיר איבערגעלעבט אַ זעלטענעם ספּעק־טאַקל: אַ קריגס־געריכט קעגן אַ דעזערטיר. דער איינציקער רוס אין דער ראָטע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. מען האָט נישט געמאַכט דערפון קיין באַזונדערן ווענז, ווייל עס איז שוין געווען נאָך דער מלחמה. נאָר ווען מען האָט אים געכאַפּט, האָט מען אים געשטעלט פאַר אַן עפנטלעכן משפּט, אין דער אַנוועזנהייט פון עטלעכע ראָטעס. די ריכטער זענען געווען דריי — אַ מאַיאָר, אַ לייטענאַנט און דער סערזשאַנט וואָס האָט אים געבראַכט. דער פּראָקוראָר איז געווען דער יידישער סטאַרשינע, אַ העלד פון ראַטן־

פֿאַרבאַנד אונטער וועמען ער האָט געדינט. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט זיך געלייענט ווי אַ שפּאַנענדער ראָמאַן:

דער אָנגעקלאָגטער האָט נאָכן נצחון, בעת עס האָט אים שוין נישט געדראָט קיין שום געפֿאַר געשיקט צו ווערן אויפֿן פֿראָנט, דעזערטירט. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן ביי אַ קאָלכאָזניצע, אַ קריגס־אלמנה און האָט איר געהאָלפֿן אין דערווירטשאַפֿט, איבערהויפּט אין איר פּריוואַטן גאָרטן. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט דעזערטירט און טראָץ דעם נישט צוויסן געטאָן דער מיליץ. נאָך דעם ווי ער האָט זי פֿאַרלאָזט, ווייל ער האָט געפֿונען אַן אַנדערע, אַ יִנגערע און איז אַריבער צו יענער וווינען, נאָר דאַן, פֿון אייפֿערזוכט און נקמה, האָט זי געמאָלדן אין דער מיליץ און מען האָט דעם בחור געפּאַקט באַהאַלטן אויף אַ בוידעם. זיין פֿאַרברעכן איז נאָך געווען גרעסער אַלס איינציקער רוס אין אַ נישט־רוסישער ראַטע, וואָס האָט דעזערטירט און דערמיט פֿאַרפֿלעקט זיין רוסישן שטאַם.

דער פּראָקוראָר האָט געפֿאָדערט פֿאַר אים טויט־שטראָף. דער פֿאַר־טיידיקער, אַ קאַפּיטאַן פֿון אַן אַנדערן באַטאַליאָן, האָט געשטעלט פֿראַגן דעם אָנגעקלאָגטן: וואָס זענען די אמתע סיבות פֿון דיין טאַט? האָט מען דיך שלעכט באַהאַנדלט? האָסטו נישט געהאַט גענוג עסן? האָט מען דיך באַשטראָפֿט אומגערעכטלעך? אפֿשר האָסטו זיך געפֿילט פֿרעמד, איינער אַליין, צווישן נישט־רוסן? — „אָט דאָס איז עס!" — האָט ער אויס־געשריגן. — „איך האָב זיך געפֿילט ווי אַ קריגס־געפֿאַנגענער צווישן פֿרעמדע מיליטער־לייט. איך האָב פֿאַרלוירן מיין גאַנצע סאָלדאַטסקע ווירדע צוליב די שמוציקע און דערנידעריקסטע אַרבעטן, וואָס ציווילע מייסטערס האָבן מיר באַפֿוילן צו מאַכן. און דער באַגער נאָך אַ באַבע (אַ פֿרוי)... דאָס איז אַלץ און מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן".

דער אורטייל איז געווען אַ מילדער — נאָך 8 יאָר דערציִונגס־אַרבעט. עס קומט אים אייגנטלעך טויט־שטראָף, האָט געזאָגט דער פֿאָרזיצער פֿון דער טראָיקע, דער מאַיאָר, נאָר שיסן אים וועלן מיר קיין מאָל נישט פֿאַר־זוימען. דערווייל וועט ער האָבן 8 יאָר צייט נאָכצודענקען, אַז עס לוינט נישט צו זיין אַ דעזערטיר פֿון דער זיגרייכער און רומפֿולער רויטער אַרמיי.

דאָס איז געווען אין מיטן פֿון קורצן, הייסן אוראַלער זומער, אין יולי 1945. מען האָט אונדזער ראַטע אַוועקגעפֿירט ווייט פֿון לאַגער, אַריינ־געזעצט אין אַ גרויסן באַראַק, יעדן איינעם געגעבן פּאַפּיר מיט אַ בלייער

און געהייסן שרייבן אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע; שרייבן נאָר דעם אמת, קיין זאַך נישט פאַרהוילן, — האָט מען אונדז געוואָרנט. פון די פריִערדיקע אויטאָביאָגראַפיעס איז אַלץ באַוווסט. — דאָס איז צוליבן דעמאָביליזירן! — האָב איך מיט פרייד אויסגערופן. — „פריי זיך נישט אומזיסט. דאָס איז גראָד צוליב אַ נייער דינסט. מען וויל אייך מאָביליזירן אין די קאָנוואָי־אָפּטיילונגען פון נ.ק.וו.ד. און דאָרט נעמט מען אָן נאָר יחידי סגולה, מיט אַ ריינער פאַרגאַנגענהייט, באַזונדערס קאָמסאָמאָלצעס און קאָמוניסטן".

מיט פלייס האָב איך אָנגעשריבן אַ שרעקלעכע אויטאָביאָגראַפיע. איך האָב געשריבן, אַז איך בין געכאַפּט געוואָרן אויף דער גרענעץ אין פריילינג 1940 ביים וועלן אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד (נישט קיין פוילן), פאַר וואָס איך האָב באַקומען 5 יאָר. נאָר אַדאַנק שיקאָרסקיס אָפּמאַך מיט דער סאָוויעטישער רעגירונג האָט מען מיך אַמנעסטירט. אַז מען האָט מיך מאָביליזירט אין דער אַרמיי ביים סוף פון קריג און איך האָב זיך נישט באַוויזן צו באַטייליקן אין קיין שלאַכט, אַז זייענדיק אין מיליטער בין איך באַשטראָפט געוואָרן פאַר נישט אויספירן אַ באַפעל א.אַז.וו. מיט איין וואָרט, פאַר נ.ק.וו.ד. בין איך פּסול.

דאַקעגן די קאָמסאָמאָלצעס האָבן זיך געפּאַטשטט אין די בייכער און געגלעט זייערע פאַרטיי־לעגיטימאַציעס. זיי זענען געווען זיכער, אַז פאַר זיי האָט זיך געענדיקט דאָס נישטיק לעבן אין די יעליאַנסקע לאַגערן און איצט וועט מען זיי נעמען צו קאָנוואָירן געפאַנגענע, מסתמא — יאַפּאַנער. זיי וועלן באַקומען 300 רובל מאָנאַטלעך מיט עסן, וווינונג, גוטע מלבושים און אַ מעגלעכקייט צו אַוואַנסירן. עס איז אָבער אַנדערש געשען. אַלע קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס זענען געפּסלט געוואָרן און נאָר די מיט אַ קרימינעלער פאַרגאַנגענהייט, געזעסענע אין טורמעס און אין לאַגערן האָט מען צוגענומען.

אַז מען האָט מיך אַריינגערופן צום קאַפּיטאַן פון נ.ק.וו.ד. מיר צו מעלדן אַז איך בין געכשרט געוואָרן צו דינען אין דער „הויכגעשעצטער" אינסטיטוציע, האָב איך שטאַמלענדיק געפרעגט, ווי אַזוי קאָן אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן ווי איך מאָביליזירט ווערן אין נ.ק.וו.ד.? האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט: — דווקא אַזעלכע דאַרפן מיר. זאָג, ביסטו טאָקע געווען אין לאַגער יורטישטשע פאַרן קריג? — זיכער — האָב איך געענטפערט. — אויב אַזוי, האָב איך דיך געקאָרמעט. איך בין דאָרט געווען לייטענאַנט פאַר פאַרזאָרגונג. העי! דימיטרי! — האָט ער זיך געווענדט צו אַ צווייטן אָפיציר, — אָט האָסטו נאָך אַן אַרעסטאַנט פון יורטישטשע. נעבן

אים איז געשטאַנען אַ נידעריקער געשטופּלטער טאָטער מיט אַ פּאָר קרומע פיס און גזלנישע אויגן. אַ פּילפּאַכיקער מערדער, וועלכער איז אין קריג באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי און ווי איך נישט באַוויזן צו זיין אויפן פראָנט. מען האָט פון אים געהאַט אויסצושטיין געבערענטע צרות. ער האָט נישט געוווסט פון קיין שום דיסציפּלין. פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער זיך געוואָרפן שלאָגן אָדער שטעכן. די סערזשאַנטן האָבן פאַר אים געציטערט אימת מוות. מיר זענען געווען 50 זעלנער, צווישן זיי 12 ייִדן. מען האָט אונדז אָוועקגעשיקט צו דער באַן־סטאַציע און דורך סווערדלאָווסק זענען מיר אָנגעקומען קיין אַלאַפּאַיעווסק.

אין אַ נישט אויסגעפּאַרטיקטן לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע האָבן מיר געמוזט דורכמאַכן פון אָנהייב אַלע מיליטערישע איבונגען מיט איין רוסישער פּיעכאָטע־ביקס. מען האָט אונדז געלערנט היטן און טראַנספּאָרטירן געפאַנגענע. די באַציונג צו זיי דאַרף זיין העפלעך אָבער פאָדערנדיק. פאַרן לאָזן זיך אין וועג דאַרפן מיר זיי וואָרענען, אַז אויב זיי וועלן פּרוּוון אַנטלויפן וועלן מיר אָנווענדן געווער. מיר טאָרן גלייך נישט שיסן, נאָר פריִער וואָרענען. אין גאַס טאָר מען נישט שיסן, ווייל מען קאָן נאָך טרעפן דורכגייער. מיר דאַרפן אויך וואָרענען די בירגער פאַרן שיסן.

עס האָבן זיך באַקומען גאַנץ פּעסימיסטישע פּערספּעקטיוון. ביז איך וועל שרייען 3 מאָל „שטיי!" און „בירגער, לייגט זיך!" — וועט דערווייל דער קאָנוואָירטער אַנטלויפן. און נאָך אַ טעאָריע: מיט געווער אין האַנט איז ער דיין שונא, אָבער נאָכן וואַרפן ס'געווער און אויפהייבן די הענט, פאַרגעס נישט, אַז ער איז אַ זון פון אַן אַרבעטער, אָדער פּויער און איז דיין ברודער.

נישט ווייניק איבערראַשט בין איך געווען ווען מען האָט מיר געגעבן היטן אַ בריגאַדע פון 25 דייטשן וועלכע זענען געשיקט געוואָרן לעשן אַ שׂרפה. זיי זענען געווען יונגע, פון 18 ביז נישט עלטער פון 25 יאָר. ביי דער שׂרפה האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז מיר האָבן נאָר 4 עמערס פאַר 4 מענטשן. די איבעריקע וואָלטן געדאַרפט שטיין ליידיק. אָבער זייער יונגער בריגאַדיר האָט שנעל זיך אָריענטירט און באַפוילן זיין בריגאַדע — צום שטוינען, גאָר אין... פּויליש. ער האָט געשאַפן פון די געפאַנגענע אַ קייט פון ברענענדיקן באַראַק ביזן טייך. די עמערס האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. עס האָט נישט געפעלט קיין וואַסער און איידער מען האָט אויסגעגאָסן אויפן פייער איין עמער איז שוין דער צווייטער גרייט געווען צום גיסן. און די שׂרפה איז שנעל פאַרלאָשן געוואָרן.

אויפן וועג צוריק צו דער זאַנע, האָב איך טראַץ דעם פאַרבאָט, גע־הייסן דעם בריגאַדיר גיין נעבן מיר, ער זאָל מיר דערציילן ווי קומען פּאָ־ליאַקן אין דער היטלערישער אַרמיי? וועגן פּוילישע פאָלקס־דייטשן האָב איך געוווּסט. אָבער פּאָליאַקן ממש? ער האָט מיר דערציילט, אַז נאָך סטאַלינגראַד האָט היטלער, אין די געביטן וואָס ער האָט צוגעאייניקט צום 3טן רייך ווי אויבערשלעזיע, פּאָמערן, קאַטאָוויץ און אַפילו לאָדזש דער־קלערט אַ מאָביליזאַציע פון 18 ביז 40־יאָריקע. אַזוי אַרום האָט ער באַקו־מען עטלעכע פרישע דיוויזיעס, וועלכע ער האָט גלייך געוואָרפן אויפן מיזרח־פראָנט.

אין אַלאַפּאַיעווסק זענען געווען גרויסע שמעלץ־אויוונס פון אייזן און שטאָל. די אייזן־אַרץ האָט מען געמוזט ברענגען אַזש פון סיעראָוו, איוו־דעלער ראַיאָן, דורך סווערדלאָווסק, לענג אויס טויזנטער קילאָמעטערס. צו פאַרקירצן דעם וועג מיט 500 קילאָמעטער, האָט די ראַטנמאַכט, ביים סוף קריג, אָנגעהויבן בויען אַ דירעקטע באַן־ליניע אַלאַפּאַיעווסק—סיעראָוו, מיט דער אַרבעט פון צענדליקער טויזנטער קריגס־געפאַנגענע, באַזונדערס מיט איטאַליענער און אונגאַרן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוטע באַן־בויער. זייער שווער איז געווען די אַרבעט אין די „שאַטאַן־בלאָטעס", טייוול־זומפּן אין דער טייגע, פונקט אין מיטן וועג פון דער טראַסע.

פוןביידע זייטן ליניע איז שוין דער וועג געווען פאַרטיק, נאָר ביי די זומפּן האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, ביז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ ייִדי־שער פּולקאָווניק אַלס לייטער. ער האָט ממש באַוויזן וווּנדער. אין אַלאַפּאַ־יעווסק האָבן די רוסן דערמאָנט זיין נאָמען מיט פיל אַכטונג. ער איז גע־ווען אַ פעלדשער און געפאַנגען אַ זאַפּטיקן ייִדיש. זיין שוועסטער, אַ הויכע און שיינע פרוי, האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייִדישן בחור פון באָריסלאַוו, אַ גוטער שניידער, וואָס האָט דאָרט געמאַכט אַ פאַרמעגן. איך און נאָך אַנדערע פּוילישע ייִדן וועלכע האָבן געדינט מיט מיר אין נ.ק.וו.ד. פלעגן אַריינקומען צו זיי און זי האָט אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען מיט טיי און וואַרעניע. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז איר מאַן אינטערעסירט זיך מיט אונדזערע פּלענער וועגן צוריקפאָרן קיין פּוילן נאָך דער דעמאָ־ביליזאַציע, דאָס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן כעס. זי האָט אויף אונדז געשריגן, אַז מיר זענען אומדאַנקבאַרע מענטשן לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד וועלכער האָט אונדז געראַטעוועט און באַפרייט. „אַרויס פון מיין שטוב!" — האָט זי אויסגערופן, געדראָט, אַז זי וועט זיך שוין נאָכפרעגן ביים קאָמאַנדיר ווער עס פאַרנעמט זיך מיט אַגיטאַציע צו פאַר־

לאָזן דעם ראַטן־פּאַרבאַנד. מיר זענען אַלע דערציטערט געוואָרן הערנדיק איר שרעקלעכע באַשולדיקונג. מיר זענען אויפגעשטאַנען פון דעם גאַסט־פריינדלעך געדעקטן טיש און שטילערהייט פאַרלאָזט דעם צימער.

אין דער קאַזאַרמע האָב איך אַרויסגענומען אַ „פּראַוודאַ" נומער פון יוני 1943 ווו סטאַלין זאָגט פייערלעך צו די רעכט אַלע אויסגעוואָרצלטע צוליבן קריג, זיך צוריקקערן אין זייערע לענדער. איך האָב דעם נומער די גאַנצע צייט אָפּגעהיט. איך האָב געזאָגט צו מיינע חברים, אַז מיר דאַרפן זיך נישט שרעקן, ווייל קיינער וועט נישט וואַגן זיך קעגנשטעלן דעם מעכטיקן ווילן פון סטאַלינען.

אין פּ.ז.פּ. (פּוילישער פּאַטריאָטישער פּאַרבאַנד) איז געהאַנגען אַ מעלדונג, אַז ווער עס וויל צוריקפאָרן קיין פּוילן דאַרף מעלדן ביזן 31סטן דעצעמבער 1945, אַנישט וועט ער באַטראַכט ווערן ווי איינער וואָס וויל פאַרבלייבן אין רוסלאַנד. מיר אַלע 11 פּוילישע (איינער פון די 12 איז געווען אַ בעסאַראַבער) ייִדן, האָבן באַשלאָסן שרייבן אַ ביטע צו אונדזער קאָמאַנדיר, אַז מען זאָל אונדז אָפּטירן. די רעאַקציע איז געווען אַ באַלדיקע און אַ שרעקלעכע.

מען האָט אונדז אַלע 9 (2 זענען געווען אין שליחות) גלייך אַרויס־גערופן אין נ.ק.וו.ד. און איינציקווייז אונדז געפּאַרשט. מיר האָט דער קאַ־פּיטאַן פּאַרגעוואָרפן, אַז ער ווייסט אויף זיכער (דער בעסאַראַבער ייִד האָט אים עס איבערגעגעבן) דאָס איך בין דער הויפּט־איניציאַטאָר און אָר־גאַניזאַטאָר פון בונט, פון מיליטערישע באַאַמטע אין נ.ק.וו.ד. ווי אַ שוין באַשטראָפטער, ווייס איך דאָך וואָס מיר דראָט פאַר אַזאַ אַגיטאַציע אין דער אַרמיי. פון שרעק בין איך געבליבן ווי געליימט און אַ לענגערע צייט האָב איך נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל. זיין דונערדיקער גע־שריי: — שווייגסט! האָסט נישט וואָס צו ענטפערן! — האָט מיך אויפ־געוועקט פון מיין פאַרגליווערונג. איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך, אַרויסגענומען די צייטונג און אים געזאָגט: — נאַ לייען, חבר קאַפּיטאַן! דעם לייט־אַרטיקל אין „פּראַוודאַ", דעם פייערלעכן צוזאָג פון חבר סטאַלין. איר קאָנט מיך האַלטן נאָך 5 יאָר אויב איך בין אייך נייטיק, אָבער איך האָב רעכט צו אָפּטירן ביזן 31סטן דעצעמבער לויט דעם פּריקאַז פון חבר סטאַלין. פּאַרשפּעטיקן דעם טערמין וועט מיר צונעמען די רעכט ווען עס איז צוריקצופאָרן אַהיים נאָכן ענדיקן די דינסט.

ער האָט פאַרלעגן געשוויגן און שנעל דורכגעלייענט דעם צעקנייטשטן און טיילווייז שוין נישט לעזבאַרן אַרטיקל. ווען ער האָט אויף מיר שוין

אַ ביסל פריינדלעכער אַ קוק געטאָן, האָב איך זיך צו אים צוגעבויגן און אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז צוליב דעם האָט מען אין פוילן אָפּגעלייגט די וואַלן, ווייל די רעאַקציע איז נאָך דאָרט שטאַרק און אונדזערע פערטל מיליאָן שטימען (מיטן אומקערן זיך קיין פוילן) קאָנען דעצידירן, אַז פוילן זאָל בלייבן פאַרבונדן מיטן ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך דעם אַרגומענט איז ער געבליבן אין גאַנצן צעטומלט. — אָבער פאַר וואָס דאַרפסטו אַגיטירן אַנדערע? — האָט ער מיך געפרעגט. — איך אַגיטיר קיינעם נישט, אדרבא, פרעג זיי צי צוליב מיין אַגיטירן, אָדער צוליב זייער אייגענעם פאַרלאַנג ווילן זיי אַהיים.

איך האָב געהאַט גרויס מזל וואָס די איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן פעסט, אַז קיינער האָט זיי נישט אַגיטירט. אָבער דער קאַפּיטאַן פון דער ספּעצ. אָפּטיילונג האָט זיך נישט אונטערגעגעבן אַזוי לייכט. ער האָט אונדז אַלע איבערגעגעבן אין די הענט פון פּאָליטרוק, אַן עלטערע ייִדישע פרוי אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. זי האָט ערשט גענומען אויפווייזן, אַז מיר אַלס ייִדן באַגייען אַן עוולה קעגן דער ראַטנמאַכט. ווו וועלן מיר נאָך געפינען אויף דער וועלט אַזאַ לאַנד, ווו ייִדן זענען אַזוי גלייכבאַרעכטיקט? אַזוי געשיצט קעגן אַנטיסעמיטיזם? ווו זענען זיי אַזוי גליקלעך? און צו וועמען ווילט איר אַהיים? איר וועט דאָך דאָרט קיינעם נישט טרעפן. דער דייטש האָט אַלעמען אויסגעמאָרדעט. זי קומט איצט פון דאָרט און זי האָט עס מיט אירע אייגענע אויגן געזען.

דאָ איז אַרויס מיט לשון דער בעסאַראַבער: — חבר קאַפּיטאַן! פאַר וואָס האַלט מען אונדז אַזוי לאַנג אין מיליטער? דער קריג איז שוין לאַנג געענדיקט און מען שרייבט מיר בריוו און מען פרעגט מיך ווען איך קום אַהיים.

אַ דערצאָרנטער האָב איך איר נאָך אַ מאָל אויפגעקלערט די גאַנצע זאַך. זיך ווידער פאַררופן אויף סטאַלינס צוזאָג און אויפן אַרטיקל און געפאָדערט אונדזער רעכט צוריקפאָרן נאָכן ענדיקן די דינסט.

זי האָט אונדז שוין מער נישט גערופן און די רעכט פון אָפּטירן האָט מען אונדז פאַרלענגערט ביז נאָך דער באַפרייונג פון דער אַרמיי.

אין דער צייט פון מיין דינסט אין נ.ק.וו.ד. האָב איך אויסגעפירט פאַרשיידענע אויפגאַבן, פון שטיין אויף שמירה אויף די הויכע וויזשקעס פון די לאַגערן פאַר די קריגס־געפאַנגענע, געהיט זיי ביי פאַרשיידענע אַר־בעטן, באַזאָרגט די לאַגערן מיט ברויט און מלבושים, נאָך וועלכע איך בין

געפאָרן קיין סווערדלאָווסק, געפירט די רעגיסטראַציע פון די געפאַנגענע, וועלכע גייען אַריין און אַרויס פון לאַגער, דורכגעמאַכט דיזשורן וועלכע האָבן געדויערט אַן איבעררייס אַ גאַנצן מעת לעת.

אין דער צייט איז שטאַרק געשטיגן דער אַנטיסעמיטיזם, איבערהויפּט מצד קריגס־אינוואַלידן, וועלכע האָבן באַפאַלן און געשלאָגן ייִדן און קיי־נער האָט זיי קיין וואָרט נישט געזאָגט.

איין מאָל בין איך געשטאַנען אין אַלאַפּאַיעווסקער באַזאַר און גערעדט מיט אַ שאָפער פון וואַרשע ייִדיש. פון דער ווייטנס זענען געשטאַנען עט־לעכע דעמאָביליזירטע זעלנער און צווישן זיי אַן אינוואַליד מיט איין האַנט און זיי האָבן אונדז אָבסערווירט. שפּעטער האָבן זיי אונטערגעשיקט אַ קליין שייגעצל אונטערהערן אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מיר רעדן. דער אינוואַליד האָט זיך דאַן אָפּגעטיילט פון דער גרופּע, איז צו צו אונדז און מיט זיין איינציקער האַנט אָנגעהויבן שלאָגן דעם וואַרשעווער ייִד מיט אַ דין אייזערן שטעקעלע. ווען איך האָב געוואָלט רעאַגירן, בין איך גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער גאַנצער גרופּע, וועלכע האָבן מיר גע־זאָגט: — דו סאָלדאַט! שווייג און טראָג זיך אָפּ. אויך דער שאָפער האָט פאַרביסן די ליפּן און זיך פאַמעלעך אַוועקגערוקט כדי אויסמיידן די קלעפּ.

ביים צושטעלן ברויט האָב איך יעדן אָוונט באַקומען אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַ ברויט־קאַסטן און אַ בריגאַדע פון 5 דייטשן, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אין דער בעקעריי. און פון דאָרט אין לאַגער, אין וועלכן כ'האָב אָבער נישט געטאָרט אַריינגיין, כלומרשט צוליב זיין באַוואָפנט. זיי האָבן דאָרטן ס'ברויט איבערגענומען און מיר אַרויסגעבראַכט אַ געחתמטע קווי־טאַנציע. אָבער ביים איבערציילן דאָס ברויט אינעווייניק אין לאַגער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'פעלן 2.5 קילאָווע שוואַרצע הייסע ברייטלעך.

איין מאָל בין איך אין מיטן נאַכט געזעסן און געלייענט מיצקעוויטשעס לידער אין פּויליש. דעם בוך האָב איך גענומען אין דער אָרטיקער ביבליאָ־טעק פון די פּוילישע פּאַטריאָטן. פאַרטיפט אין לייענען, האָב איך נישט געהערט, אַז דער פּולקאָווניק דערנענטערט זיך. ער האָט געמיינט אַז איך דרימל. ער האָט אָבער געזען אַז איך לייען „פּאַן טאַדעאוש", האָט ער מיט התפעלות אויסגערופן: — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איך האָב ביי מיר אין דינסט אַ פּאָעט.

— איך בין נישט קיין פּאָעט, נאָר האָב ליב פּאָעזיע — האָב איך פאַר־שעמט געענטפערט, שטייענדיק אויסגעצויגן אויף סמירנאָ. — „זעץ זיך,

סאָלדאַט, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן. זיי וויסן, אַז איך האָב אייער מיצ־קעוויטשן נישט ווייניקער ליב ווי אונדזער טורגעניעוון אָדער פּושקינען. איך האָב אים געלייענט אין אָריגינאַל. ער געפעלט מיר מער ווי אַלע נישט־רוסישע דיכטער וואָס איך קען. וווּנדער זיך נישט, סאָלדאַט, וואָס אַ פּולקאָווניק רעדט מיט דיר ווי מיט זיינעם אַ גלייכן. ערשטנס האָב איך אַ ביסל אויסגעטרונקען. קענסט דאָך די ברייטע רוסישע נשמה וואָס איז נאָר צוגעלאָזט ווען מ׳באַנעצט זי.

— מיין נישט, אַז איך בין אַזוי לייכט געוואָרן צוריק פּולקאָווניק — האָט ער פאַרגעזעצט — אין קריג בין איך שוין געווען דעגראַדירט ביז אַ געוויינטלעכן סאָלדאַט און אַלץ צוליב די פאַרשאָלטענע אוזבעקן. מען האָט זיי מיר צוגעטיילט קעגן מיין ווילן און מיר האָבן געמאַכט אַ לויע־רונג אין טיל פון שונא אין אַ וואַלד. אַ געוויסן טאָג בין איך אַריין טיף אין וואַלד טאָן מיין געברויך. פּונקט אין דער צייט האָט אַ דייטשער קו־כער פאַרבלאָנדזשעט מיט זיין פעלד־קיך צו מיינע אוזבעקן. זעענדיק אַז זיי וויסן אַפילו נישט ווער ער איז און זיי נעמען זיך צו די מענאַזשקעס און לעפל, האָט ער זיך נישט פאַרלוירן, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און גענומען טיילן ריזיקע פּאָרציעס בעבלעך מיט פלייש. די אוזבעקן האָבן זיך אַזש באַלעקט פון דעם גוטן און פרעמדן עסן. דער קוכער האָט זיי מיט די פינגער און מיט עטלעכע רוסישע ווערטער צוגעזאָגט צו ברענגען נאָך. ער האָט זיך באַוויזן אַפּצוטראָגן איידער איך בין צוריק געקומען. צוריק־קומענדיק האָב איך זיך באַלד אָריענטירט וואָס עס איז פאַרגעקומען און איך האָב זיי שנעל אָנגעהויבן טרייבן פון וואַלד, ווייל איך האָב פאַרשטאַ־נען, אַז דער קוכער האָט אַנטדעקט אונדזער פּאָזיציע און אַז די דייטשן וועלן באַלד עפענען אויף אונדז אַ פייער. עס האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. זיי האָבן געוואַרט, אַז דער קוכער זאָל ברענגען נאָך עסן. ענד־לעך האָבן די ערשטע שראַפּנעלן אָנגעהויבן פאַלן און אָוועקגעלייגט עט־לעכע אוזבעקן. איך בין געווען זיכער אַז זיי וועלן שוין איצט וועלן אָפּ־טרעטן. זיי האָבן זיך אָבער אַרומגעשטעלט אַרום די טויטע און אָנגעהויבן זיי צו באַקלאָגן. עס איז מיר קוים געלונגען אייניקע אַליין צו אַנטלויפן. מען האָט מיך אויפגענומען ווי דעם ערגסטן פּחדן און פאַררעטער וואָס האָט איבערגעלאָזט זיינע אומשולדיקע שעפעלעך און געשטעלט פאַר אַ מיליטערישן געריכט. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום פאַרענטפערונג. מען האָט מיך באַשטראָפט מיט פולשטענדיקער דעגראַדאַציע און אַלס געוויינטלעכער סאָלדאַט האָט מען מיך אַנגעשלאָסן אין אַ שטראָף־ראָטע.

איך ווייס נישט ווי די ראַטנמאַכט האָט אַנטדעקט אַזאַ סאַדיסטישן סער־זשאַנט, וועלכער האָט אונדז, 80 דעגראַדירטע און באַשטראָפטע אָפיצירן פון אַ גענעראַל ביז אַ לייטענאַנט כּמעט פאַרפייניקט צום טויט. אייניקע פון אונדז, ווי דער גענעראַל, זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מיך האָט דערהאַלטן ביים לעבן מיין איינציקער זון, וועלכער איז היינט אַדיוטאַנט פון מאַרשאַל קוניעוו, אויך אין דער ראַנג פון אַ פּולקאָווניק. איך האָב נישט געוואָלט, אַז זיין פאָטער זאָל שטאַרבן ווי אַ באַשטראָפטער, וואָס עס האָט אים געקאָנט שאַדן ברענגען צו זיין מיליטערישער קאַריערע. איך האָב דעריבער, ווי נאָך צענדליקער באַשטראָפטע, אויסגעשטאַנען די פּייניקונגען פון טיראַנישן סערזשאַנט.

ער האָט ווייטער דערציילט:

אין אָנהייב 1943סטן יאָר האָט מען אונדז, די שטראָף־ראָטע, אַוועק־געפירט צום לענינגראַדער פראָנט. דאָרט האָט מען אונדז אָנגעוויזן אַ פאַר־פעסטיקטע דייטשע פּאָזיציע און באַפוילן זי איינצונעמען מיט שטורעם נאָכן איינצונעמען זי זאָל איין טייל בלייבן און פאַרענדיקן דעם שונא און דער צווייטער טייל זאָל גיין ווייטער נישט צו דערלאָזן קיין פאַרשטאַרקונג. ווער עס וועט צוריקקומען פון דער אַטאַקע אַ לעבעדיקער אָדער אַ פאַר־וווּנדיקטער באַקומט צוריק זיינע פריִערדיקע ראַנגעס און דעם פולן לוין אַלס אָפיציר פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין שטראָף. די פּאָזיציע האָבן מיר דעראָבערט. אָבער ווייטער גיין האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל פון דער גאַנצער ראָטע זענען געבליבן נאָר 15 מאַן. מיר האָבן אָבער דורכגעבראָכן דעם ערשטן לאָך אין דער דייטש־פינישער בלאָקאַדע אויף לענינגראַד און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט — מקיים געווען זייער צוזאָג...

און דאָ האָט ער אַרויסגענומען אַ בריוו. — נאָ, לייען אַ בריוו וואָס איך האָב היינט באַקומען פון מיין זון דעם פּולקאָווניק.

— טייערער פּאַפּאַ! — האָט ער פאַר מיר געלייענט, — ווי קומסטו, אַזאַ אָרנטלעכער מענטש, זאָלסט אָננעמען אַזאַ חזירישן פּאָסטן?

דער וואָס האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט איז נאָך די זעלבע נאַכט דערשאָסן געוואָרן דורך אַ וועכטער וועלכן ער האָט געכאַפּט שלאָפן. ער האָט פון זעלנערישן ביקס אַרויסגענומען דעם שלאָס און געגאַנגען קאָנ־טראָלירן אין טאָג־בוך, וועלכער סאָלדאַט האָט באַקומען דעם נומער ביקס. אין צווישן צייט האָט זיך דער זעלנער אויפגעכאַפּט און דערזען אַז מען האָט אים צוגענבעט דעם שלאָס. ער איז שנעל געלאָפן צו אַ צווייטן וועכטער, וועלכער איז אויך געשמאַק געשלאָפן און גענומען דאָס זעלבע וואָס

דער פּולקאָווניק האָט פריִער מיט אים געטאָן און אַריינגעשטעלט דעם שלאָס אין זיין ביקס. דער פּולקאָווניק איז אין צווישן צייט צוריקגעקומען און אָנגעהויבן קלעטערן אויף דעם וואַך־טורעמל. טראָץ די וואָרענונגען פון סאָלדאַט האָט ער זיך נישט אָנגערופן, זייענדיק זיכער אַז דער סאָל־דאַט האָט נישט מיט וואָס צו שיסן. איין קויל האָט אים אָוועקגעלייגט אַ טויטן. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון לייטער מיט אַ צעשמעטערטן שאַרבן. דער זעלנער האָט באַקומען נאָר 5 יאָר, ווייל ער האָט אין זיין ביקס געהאַט אַ שלאָס מיט אַן אַנדער נומער.

די זעלבע וואָך איז דערשאָסן געוואָרן אַ לייטענאַנט זיצנדיק ביים שרייבטיש אין מיטן העלן טאָג. אַ זעלנער וואָס האָט געהיט פאַרשפּאַרטע האָט אין קאָרידאָר דערזען לויפן אַ שטשור. ער האָט אים דערהרגעט מיט דער קאָלבע. די געלאָדענע ביקס וועלכע איז נישט געווען פאַרזיכערט ביים ציינגל האָט אויסגעשאָסן און דערהרגעט דעם דיזשורירנדיקן ליי־טענאַנט.

די באַפרייונג פון די קריגס־געפאַנגענע

די פון לאַנג אָנגעצואָגטע סאָוויעטיש־יאַפּאַנישע מלחמה איז ענדלעך אויסגעבראָכן. אָבער נישט ווי אין 1904. דאָן האָבן די יאַפּאַנער איבער־ראַשט די רוסן מיט זייער איבערפאַל אויף פּאָרט־אַרטור. דאָס מאָל האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד אָנגעגריפן, נישט וועלנדיק בלייבן הינטערשטעליק פון די פאַרבינדעטע ביים טיילן דעם נצחון איבער יאַפּאַן, וועלכע האָט נאָך די 2 אַטאָם־באָמבעס אויף נאַגאַסאַקי און הירָאשימאַ שוין געהאַלטן ביים קאַפּיטולירן. אין פאַרלויף פון 6 טעג האָבן זיי, צוזאַמען מיט דער קאַוואַ־לעריע פון אויסערן־מאָנגאָליע, אין סוף אויגוסט 1945, אָפּגערייניקט דעם אַזיאַטישן קאָנטינענט פון די יאַפּאַנער, נעמענדיק הונדערטער טויזנטער געפאַנגענע.

דער ווינטער אויף אוראַל איז שוין געווען אַ סטאַבילער ווען מען האָט מיך געשיקט מיט נאָך אַ גאַליציאַנער ייִד מיט 20 געפאַנגענע עסטרייכער קיין אַסבעסט, צו קאָמפּלעטירן דעם ערשטן עשאַלאָן באַפרייטע געפאַנ־גענע. דער לייטענאַנט, וואָס האָט געדאַרפט קויפן 22 באַן־בילעטן, האָט מיטגעגעבן נישט מער ווי 8 בילעטן. די איבעריקע געלט האָט ער זיך גע־נומען. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב די קאָנדוקטאָרקע וועט פאָדערן די איבעריקע בילעטן, זאָל איך מיט כּוח אַריינשטופן די געפאַנגענע אין וואַגאָן. אַלס נאַטשאַלניק קאָנוואָיאַ האָב איך געהאַלטן די פערזענלעכע אַקטן פון די געפאַנגענע און בין געווען באַוואָפנט מיט אַ ביקס. ער האָט פאַרהאַלטן אַלע פּאַסאַזשירן ביז איך האָב אַריינגעפירט די געפאַנגענע אין וואַגאָן און פאַרנומען די ערשטע 2 אָפּטיילונגען מיט די אייבערשטע נאַרעס. דער קאָנדוקטאָרשע האָב איך איבערגעגעבן די 8 בילעטן און זי האָט זיי אַפילו נישט געפּרוּווט ציילן.

צוליב די טיפע שנייען זענען מיר אָנגעקומען קיין אַסבעסט אַנשטאָט אין איין מעת לעת, אין 3 מעת לעתן און איך האָב נישט געהאַט וואָס זיי צו געבן עסן. אויף יעדער סטאַציע ווו דער צוג איז שטיין געבליבן, צוליב די טיפע שנייען, האָב איך אָנגעבאָטן דעם באַן־נאַטשאַלניק מיינע 20 גע־פאַנגענע זיי זאָלן רוימען דעם שניי. דערפאַר האָב איך געפאָדערט ער זאָל זיך פאַרבינדן מיטן שטאָטישן מיליטערישן קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל פאַר זיי

באַקומען שפּייז־נאָרמעס אין די שפּייז־פּונקטן וואָס זענען געווען כּמעט אויף יעדער סטאַציע פאַר מיליטערלייט. די געפאַנגענע, וואָס האָבן גע־וואָלט וואָס גיכער אָנקומען צום ציל, האָבן געאַרבעט ווי שדים. אַזוי זענען מיר בשלום אָנגעקומען כאַטש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג קיין אַסבעסט.

נאָכן איבערגעבן די געפאַנגענע דעם לאַגער־נאַטשאַלניק, וועלכער האָט שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן, בין איך געגאַנגען באַזוכן מיין דוסיען. זי האָט געווײַנט פאַר פרייד, זעענדיק איר העלד אַלס נאַ־טשאַלניק קאָנוואָיאַ. זי האָט אַרײַנגערופן די שכנה וויעראַ, וואָס איז געווען אַ גרויסע אַנטיסעמיטקע און כּסדר זיך געריצט מיט דוסיען ווען כ'האָב מיט איר געוווינט.

— זאָג מיר, — פלעגט זי פרעגן ביי דוסיען, — איז דיין יעווּרעי שוין געקומען פון דער אַרבעט? איך דאַרף ער זאָל מיר פאַרריכטן אַ טיר.

דוסיאַ האָט דאָס ממש איבערגעקרענקט. זי האָט מיך גערופן צום פּראָקוראָר פאַרקלאָגן וויעראַן, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט שאָוויניזם, אָבער כ'האָב זי באַרויִקט און איר געזאָגט אַז אַמבעסטן וואָלט געווען צו פאַרבינדן וויעראַן מיט אַ ייִד, וואָלט זי שוין פאַרשפּאַרט חוזק.

נאָכן צוריקקומען קיין אַלאַפּאַיעווסק האָבן מיר געהאַט צרות מיטן בוכהאַלטער, וועלכער האָט אונדז נישט געוואָלט באַצאָלן פאַר די איבעריקע 4 מעת לעתן וואָס מיר זענען געווען אין וועג. נאָר דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, קאַפּיטאַן אַרכיפּאָוו, אַ ווילער און דערשלאָגענער גוי, וועמענס פרוי עס האָט זיך אויפגעהאַנגען נאָך דעם ווי זי האָט אים געכאַפּט פאַר־ברענגען מיט זיין סעקרעטאַרשע, האָט פאַראָרדנט אונדז אויסצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט. ער האָט גערימט מיין געלונגענעם איינפאַל צו באַ־שעפטיקן די געפאַנגענע ביים רייניקן דעם שניי.

ענדלעך האָט מען אויך אָנגעהויבן דעמאָביליזירן די עלטערע יאָרגענג פון נ.ק.וו.ד. באַזונדערס די מאָביליזירטע אין אָנהייב קריג. די דיסציפּלין איז זיך צעפאַלן, די וואַכן זענען ס'רוב געשלאָפן אויף די פּאָסטנס. די דיזשור־אָפיצירן און סערזשאַנטן זענען נאָכן צעשטעלן די וואַכן אַוועק אַהיים שלאָפן אָדער פאַרברענגען. אויך מיר איז שוין אַלץ נימאס געוואָרן און איך האָב מיט אומגעדולד דערוואַרט די דעמאָביליזירונג.

אַ טאַרנאָפּאָלער בחור (היינט אין ישראל) האָט באַקומען דער ערש־טער דעם דעמאָביליזאַציע באַפעל. מיט פרייד איז ער אַוועק אין בוכהאַל־טעריע זיך אָפּרעכענען. עס איז אים, אָבער, פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן

ווען ער האָט געהערט, אַז ער איז שולדיק 2400 רובל און אויב ער וועט נישט געבן דאָס געלט וועט ער מוזן דינען נאָך 8 מאָנאַט אָן געלט, צו דעקן דעם חוב.

1000 רובל האָט ער געהאַט אָנגעזאַמלט. די פֿעלנדיקע 1400 רובל האָט ער געבעטן די 12 ייִדן אַז זיי זאָלן זיך באַשטייערן. עס איז אויסגעקומען עפּעס מער ווי הונדערט רובל אויף יעדן איינעם, כּדי ער זאָל קאָנען אַהיימפֿאָרן. איך האָב זיי געוואָרנט, אַז אויב ער וועט באַצאָלן, וועט מען ביי אונדז אַלע אָפּשינדן די הויט פֿאַרן באַפֿרייען. קודם כּל האָב איך געוואָלט וויסן ווי האָט ער זיך אַזוי פֿאַרשולדיקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַן ענלעכן פֿאַל מיט קריגס־געפֿאַנגענע ווי איך. מיט אַ ברי־גאַדע פֿון 8 אונגאַרישע געפֿאַנגענע האָט מען אים געשיקט מיט פּראָדוקטן אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם לאַגער פֿון קריגס־געפֿאַנגענע, מיטגעבנדיק זיי אויפֿן וועגן פּראָדוקטן פּונקט וויפֿל די רייזע האָט געדאַרפֿט דויערן. דערווייל האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט צוליב די טיפֿע שנייען און ער איז געבליבן זיצן מיט זיי אין אַ סטאַציע אַ גאַנצע וואָך. זיי האָבן געגעסן פֿון די פּראָדוקטן וואָס זיי האָבן געהאַט פֿאַרן לאַגער. ער האָט שטרענג אָפּגעהיט די נאָרמע פֿון פּאַיאָק וואָס ער און זיי האָבן געדאַרפֿט באַקומען. נאָכן אָנקומען אין לאַגער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פֿעלן פּראָדוקטן אויף אַ סומע פֿון איבער 200 רובל. דאָס האָט מען דאַן לויט אַ נייעם געזעץ פֿאַר־טאָפּלט אויף 12 מאָל און עס האָט זיך באַקומען די סומע פֿון 2400 רובל. ער האָט זיך אויסגעלאַכט דערפֿון און נישט רעאַגירט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און יעדער אויף זיין אָרט וואָלט אַזוי געהאַנדלט.

איך האָב אים קודם כּל געראָטן נישט באַצאָלן און צוגיין אין ז.פּ.פּ. וווּ עס איז געווען אַ באַראַטונגס־שטעלע מיט אַן אַדוואָקאַט פֿאַר פֿאַרשייַדענע ענינים פֿון די פּוילישע בירגער. דער אַדוואָקאַט האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן צו דערליידיקן די זאַך. ער האָט אויפֿגעוויזן די געצוווּנגענקייט פֿונעם היטער, און דעם אומזין פֿון חשבון. לויטן אויפֿגעוויזענעם חשבון פֿון אַדוואָקאַט האָט זיך באַקומען אַ סומע פֿון 150 רובל, וועלכע ער האָט מיט פֿרייד באַצאָלט. מיר האָבן זיך אַלע געפֿרייט מיטן אָפּגעהאַלטענעם נצחון.

אַ געוויסן טאָג הייסט מען מיך קומען צו דער באַן־סטאַציע זיך מעלדן צו קאַפּיטאַן קווייצעוו און אים מעלדן אַז קאַפּיטאַן אַרכיפּאָוו שיקט דעם סאָלדאַט שטאָקפּיש צו זיין דיספּאָזיציע. עס איז מיר געוואָרן פֿינצטער אין

די אויגן, ווען דער קאַפּיטאַן קווייצעוו האָט מיר געמאָלדן, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס מאַגאַזיניער אין פּראָדוקטן־וואַגאָן פון דעם פאַר־מירנדיקן עשאַלאָן פון באַפרייטע קריגס־געפאַנגענע, זיי אָפּצופירן קיין אונגאַרן. דאָס האָט באַדייט מינימום דינען נאָך 3 מאָנאַטן. איך האָב געשטאַמלט, אַז איך קאָן נישט, איך טאָר נישט, ווייל מען הייבט אונדז אָן דעמאָביליזירן. ער האָט מיך שטרענג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— הער סאַלאָמאָן איסאַקאָוויטש! (— שולימאָוויטש — האָב איך פאַר־ריכט). — אַלץ איינס, איך האָב געהאַט אַ באַדינער איסאַקאָוויטש, זייער אַ ווילער, פון די געציילטע גוטע יעווריען, דעריבער בין איך זיך כּסדר טועה (ער האָט מיך אַזוי גערופן דעם גאַנצן וועג). איך דערלויב דיר איצט גיין אַלץ דערליידיקן. אָבער טאָמער פּרוּווסטו זיך אַרויסדרייען, אָדער זיך באַהאַלטן, וועל איך דיך געפינען פון אונטער דער ערד. מיטן קאַפּיטאַן קווייצעוו פון דער גוואַרדייסקער טאַנקן־דיוויזיע, וואָס האָט נאָך כאַרקאָוו אָפּגעהאַלטן דעם דייטשן פּויסט־אָנגריף נאָכן נצחון ביי סטאַלינ־גראַד, ראָט איך דיר נישט אָנצוהייבן.

איך בין אַוועק צו מיין מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ, ביי וועלכער איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין איר פּריוואַטער וווינונג. זי איז געווען גרייט מיך אויסצובאַהאַלטן 2—3 טעג ביז דער עשאַלאָן וועט אַוועק. דאַן וועל איך זיך מעלדן צו מיין נאַטשאַלניק און אים זאָגן, אַז איך בין פאַרטשאַדעט געוואָרן אין שלאָף און נישט געקאָנט זיך צושטעלן צום עשאַלאָן. דאָס איז אַ קרענק, וואָס לאָזט נישט איבער קיין סימנים און מען דאַרף אויך נישט קיין דאָקטער ער זאָל עס באַשטעטיקן. איך בין געווען אַנטציקט פון דער גוטער עצה. אָבער דער גאַנצער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן ווען עס איז געקומען צו לויפן דער טאַרנאָפּאָלער חבר מיינער און מיר געזאָגט, אַז אַ באַוואָפנטער פּאַטרול זוכט מיך אַרום אין די באַראַקן און פרעגט זיך נאָך אויף מיין פּריוואַטער קוואַרטיר. מעגלעך, אַז זיי זענען שוין אין וועג אַהער. איך האָב שנעל געכאַפּט דאָס בייטיקסטע, זיך געזעגנט מיט מאַניען (אַזוי האָב איך זי גערופן) און אַוועק צום וואָקזאַל, באַגלייט פון טאַר־נאָפּאָלער, אַז ער זאָל איר קאָנען אָנזאָגן צי איך בין בשלום אָנגעקומען. ביי דער באַן האָט מען שוין געלאָדן די פּראָדוקטן אין וואַגאָן און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי איבערנעמען. דער קאַפּיטאַן איז צו מיר צו מיט געביילטע פויסטן. מיט שום אויף די ליפּן האָט ער געררעוועט: — אי־סאַקאָוויטש! ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? שוויג! — האָט ער נאָך העכער געשריִען זעענדיק אַז איך וויל זיך פאַרענטפערן — גיי צייל איבער

די ברייטלעך און פֿאַרשרייב אַלץ וואָס דו באַקומסט. אויפֿן וועג וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען.

דריי טעג האָט געדויערט דאָס קאָמפּלעטירן דעם עשאַלאָן. נישט אַלע פּראָדוקטן זענען געווען אין אַלאַפּאַיעוווסק. אַ טייל פּראָדוקטן, ווי צום ביישפּיל, די גרויסע רויטע פֿיש פֿון דער בייקאַלער אָזערע, האָבן מיר געמוזט אויפֿלאָדן אין סווערדלאָווסק. פֿאַרן אָפּפֿאָרן איז אין שטאַב־וואַגאָן אָנגעקומען טאַטיאַנאַ דימיטריעוונאַ קווויצאָוואַ, דעם קאַפּיטאַנס ווייב, און זיין איינציקע חנעוודיקע 16 יאָריקע טאָכטער, וועלכע איז געקומען זיך געזעגענען מיט די עלטערן, ווייל די מוטער האָט באַגלייט דעם מאַן אין זיין ווייטן וועג. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, כּדי אים צו היטן ער זאָל חלילה נישט פֿאַרקריכן צו דער דאָקטערין אין ראַנג פֿון אַ לייטענאַנט אָדער צו איינער פֿון די צוויי יונגע קראַנקן־שוועסטער וואָס האָבן באַגלייט דעם עשאַלאָן.

זיי האָבן מיך געבעטן איך זאָל דעם טעכטערל געבן אַ ביסל צוקער פֿאַר איר באַבען, ביי וועלכער זי בלייבט איבער. איך האָב אָבער נישט געהאָט אונטער דער האַנט קיין שום זאַך אין וואָס אַריינצושיטן דעם צוקער, האָט זי מיר דערלאַנגט איר נאָז־טיכל...

אייניקע סטאַציעס נאָך סווערדלאָווסק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויפֿצונעמען נאָך קריגס־געפֿאַנגענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די קופּער־גרובן אין רעוודאַ. דאָ זענען איינגעשטיגן אַ גרויסע צאָל סלאָוואַקן אין ציווילע קליידער. צווישן זיי זענען געווען אַ צוויי צענדליק יונגע פֿרויען און מיידלעך. זיי זענען געווען זייער אָנגרייפֿעריש. זעענדיק די נישטיקע צאָל וועכטער — אַ קאַפּיטאַן, אַ לייטענאַנט און 4 שלעכט באַוואָפֿנטע ענקאַוועדיסטן אויף אַן עשאַלאָן פֿון 50 וואַגאָנען מיט איבער צוויי טויזנט געפֿאַנגענע, האָבן זיי זיך געוואָרפֿן ראַבירן די פּראָדוקטן. מיר האָבן עטלעכע מאָל געמוזט שיסן איבער די קעפּ און זיי דערלאַנגען מיט די קאָלבעס.

אַן אַנדער געשעעניש האָב איך צוגעזען בעת איך בין געשטאַנען אין פּראָדוקטן־וואַגאָן און אויפֿגעפּאַסט, אַז די לאָדונג זאָל צוגיין אין אָרדענונג. פֿון דער ווייטנס האָב איך געזען ווי צוויי געפֿאַנגענע אין אונגאַרישע מונדירן דערנענטערן זיך צום פּראָדוקטן־וואַגאָן. איך האָב געמיינט, אַז זיי ווילן אים באַפֿאַלן אָדער גנבענען, האָב איך זיך אָנגעשפּיצט און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז איך זע זיי נישט. זיי זענען צוגעקומען גוט נאָענט און גענומען זיך אַמפּערן אויף מאַמע־לשון — גיי דו זאָג אים!

דער אַנדערער האָט געהויבן מיט די אַקסלען אויף ניין: גיי דו זאָג אים! דו ווייסט דאָך, אַז איך קען נישט גוט רעדן רוסיש!... — זעענדיק, אַז עס נעמט נישט קיין ענדע און ווילנדיק וויסן וואָס זיי האָבן מיר צו זאָגן, האָב איך זיך צו זיי אָנגערופן: — יהודים, בלי פּחד! — זיי האָבן זיך דערפריית, מיך אַרומגענומען און געפרעגט צי איך בין טאַקע אַ ייִד. ווען איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז איך בין אַ פּוילישער ייִד און בין גרייט זיי צו העלפן, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי פאַרלאַנגען פון מיר נישט ווייניקער, נאָר איך זאָל זיי דערמעגלעכן צו באַקומען כּשר עסן.

איך האָב אויף זיי אָנגעשריגן ווי זיי וואָגן פון מיר חוזק מאַכן. ווו זאָל איך אונטערוועגס נעמען כּשר עסן? — וואָס האָט איר געטאָן די דריי יאָר אין לאַגער? מאַרש אַוועק פון מיר! אויב מיין זכרון דינט מיר, האָב איך פון אויפרעגונג איינעם אַפילו דערלאַנגט מיטן שטיוול אין אַקסל. זיי האָבן ביידע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זיך דערווייטערט. איינער האָט שטיל געזאָגט צום צווייטן: — יענער לאַגער־נאַטשאַלניק איז געווען אַ בעסע־רער! איך האָב באַלד חרטה באַקומען אויף מיין כּעס־אויסברוך און אַ גרויס רחמנות האָט מיך באַהערשט. איך האָב זיי צוריקגערופן, אַריינ־געבעטן אין וואַגאָן און געפרעגט צי זיי מיינען עס ערנסט מיט זייער ביטע, און וואָס וועט זיין מיטן פאָרן אום שבת? איר וועט אפשר פאַרלאַנגען מען זאָל צוליב אייך אָפּשטעלן דעם צוג!... זיי האָבן איבערגעוואַרט מיין כּעס און געלאָסן דערציילט:

זיי זענען 36 ייִדן פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, וואָס האָט ביזן קריג געהערט צו טשעכאָסלאָוואַקיע. בעת די דייטשן האָבן אָקופּירט טשעכאָסלאָוואַקיע, האָבן די אונגאַרער אָקופּירט קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. אין קעגנזאַץ צו היטלערס פאַרבינדעטע, האָבן זיי מאָביליזירט ייִדן אין אַרבעטס־באַטאַליאָנען אָן געווער. אין זייער שטעטל, שיינט מיר — מונקאַטש, האָבן זיי פּשוט געמאַכט אַ פּאָגראָם. זיי האָבן מאָביליזירט אַלע יונגע ייִדן, צווישן זיי אַלע כּלי קודש, דעם רבס זון, וועלכער האָט זיך שוין געקליבן פאַרנעמען זיין אַלטן פאָטערס אָרט; דעם שוחט, דיין, חזן, אַלע גבאים א. א. וו. פאָרן צוזאָג, אַז זיי וועלן אויספירן אַלע שווערסטע אַרבעטן געטריי און שנעל האָבן די מאַדיאַרן געשווינט און איבערגעלאָזט די סדורים, טליתים, תפילין און זיי דערלויבט דאַווענען מיט אַ מנין. און ווי ווייט מעגלעך נישט באַשעפ־טיקט זיי אין שבת. זיי האָבן דאָס אָבער שפּעטער, אונטערן דרוק פון די דייטשן נישט אויסגעפירט. זיי האָבן צוגעזאָגט נישט צעשיידן זיי און געהאַלטן וואָרט. זיי זענען נאָכגעגאַנגען דער אונגאַרישער אַרמיי און

אויסגעפירט די שווערסטע אַרבעטן. אַלץ האָבן זיי גענומען פאַר ליב, מען זאָל זיי נאָר לאָזן דינען גאָט. ביי סטאַלינגראַד זענען זיי צוזאַמען מיט זייערע באַצווינגער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. דער לאַגער־נאַטשאַלניק אין רעוודאַ, אַ ייִד, האָט געהאַט פיל פאַרשטענדעניש פאַר זיי. ער האָט זיי אויסגעטיילט טרוקענע פּראָדוקטן און זיי האָבן פאַר זיך אַליין געקאָכט. אַזוי האָבן זיי די גאַנצע צייט געגעסן כּשר עסן. אויך איצט האָט דער אייבערשטער מיט זיי אַ נס געטאָן און זיי צוגעשיקט אַ ייִד. זיי האָפן, אַז זיי וועלן נישט דאַרפן הונגערן דעם גאַנצן וועג. זיי האָבן באַשלאָסן ליבערשט שטאַרבן פון הונגער און נישט עסן קיין טריפה.

איך האָב זיי צוגעזאָגט ווי מעגלעך צו העלפן, און געבעטן זיי זאָלן זיין באַשיידן אין זייערע פאָדערונגען, ווייל איך בין נישט קיין לאַגער־נאַטשאַלניק, נאָר אַ געוויינטלעכער סאָלדאַט. דאָס וואָס איך בין אַ ייִד גיט מיר נישט קיין ספּעציעלע רעכט. פאַרקערט, איך ווער נאָך מער געהיטן פון אַלע זייטן, פון די רוסן און פון די קריגס־געפאַנגענע.

איך האָב געמאָלדן דעם קאַפּיטאַן, אַז דאָס אויפלאָדן דעם שפּייז־וואַגאָן איז פאַרענדיקט און דערלאַנגט אַ גענויע ליסטע פון צאָל און סאָרט פון די פּראָדוקטן. ער האָט זיך גלייך געזעצט מיטן לייטענאַנט מאַכן אַ חשבון: עס געפינען זיך אין עשאַלאָן 2100 געפאַנגענע. די רייזע דאַרף דויערן ביז סעגעד אין אונגאַרן אַ מאָנאַט צייט. פון דאָרט וועט מען די אַלע געפאַנגענע, פּאָליאַקן, טשעכן, יוגאָסלאַוון, עסטרייכער, נאָרוועגן און טערקן, וועלכע האָבן געקעמפט אין דער היטלערישער אַרמיי אַלס פרייוויליקע אָדער ווי מאָביליזירטע, אָפּשיקן אין זייערע לענדער. לייכט וועט זיין מיט די רומענער און אונגאַרער, וועלכע בילדן באַזונדערע אַר־מייען און דורך זייערע לענדער פאָרן מיר דורך. דערווייל דאַרפן זיי באַקומען 600 גראַם ברויט, 20 גראַם צוקער, 100 גראַם פיש אָדער הערינג. צוויי מאָל אין טאָג פון דער עשאַלאָן־קיך, אין דער פרי און פאַר נאַכט, זופּ און קאַשע.

איך דאַרף יעדן פרימאָרגן, ווען דער צוג בלייבט שטיין אויף אַ סטאַציע, באַווייזן פונאַנדערטיילן דעם טרוקענעם פּאַיאָק און שפּעטער אַרויסגעבן פּראָדוקטן פאַר די קוכערס. איך האָב געבעטן מיר דערלויבן אַריינגעמען אין פּראָדוקטן־וואַגאָן צוהילף עטלעכע מענטשן וואָס מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן. נישט קיין גנבים און אַזעלכע וואָס קענען אייניקע

שפּראַכן, ווייל מיר פירן 17 נאַציאָנאַליטעטן. עס איז מיר דערלויבט גע־וואָרן אַריינצונעמען אייניקע קריגס־געפאַנגענע וועלכע איך וועל זיך אַליין אויסקלייבן. איך דאַרף זאָרגן, אַז זיי זאָלן נישט הונגערן און דער גוטער נאָמען פון סאָוויעטסקי סאָיוז זאָל נישט באַפלעקט ווערן דורך זייער שלעכטן אויסזען. איך בין גלייך אַוועק אין וואַגאָן, וווּ די 36 ייִדן זענען געפאָרן צוזאַמען מיט 36 רומענער. איך האָב אויסגעקליבן פיר קלוגע ייִדן, געוועזענע סוחרים, וועלכע האָבן גערעדט אייניקע שפּראַכן ווי דייטש, אונגאַריש, טשעכיש און איינער האָט אַפילו גערעדט רומעניש, פּויליש. דייטש און רוסיש האָב איך אַליין געקענט. פאַרנדיק אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געוויגן און געשניטן די פּאַרציעס. אין דער פרי, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט איז געקומען דער לייטענאַנט זען אויב דאָס טיילן גייט צו אין אָרדענונג. איינציקווייז זענען געקומען די וואַגאָן־עלטסטע, אָנגעגעבן דעם נומער פון וואַגאָן, די צאָל מענטשן און האָבן באַקומען די פון פריער צוגעגרייטע פּראָדוקטן. זיי האָבן זיך אויף אַ ספּעציעלן טאָוול אונטער־געשריבן און מיט זייערע 6 אָדער 8 געהילפן אַוועק צו זיך אין וואַגאָן צעטיילן די פּאַרציעס. מיינע 4 ייִדן האָב איך אָנגעשטאָפּט די טאַשן מיט כל טוב, איבערהויפּט מיט צוקער און הערינג, מערעלעך, זאַלץ און 4 ברייטלעך אַלס צוגאָב צו דעם וואָס עס קומט זיי אין זייער וואַגאָן.

די פרייד פון די ייִדן איז געווען אָן לשער. זיי האָבן נישט געגעסן פון קיך און זענען געווען זאַט. זיי האָבן מיך געבענטשט ווען זיי האָבן מיך נאָר באַגעגנט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פירן ווי ביי זיך אין דער היים, זיך געוואַשן צום עסן און געבענטשט מיט מזומן.

טראָץ דער פינצטערניש אין וואַגאָן האָבן די שאַרפע אויגן פון די הונגעריקע רומענער געזען די סעודות וואָס די ייִדן פּראַווען. זיי האָבן נאָכגעקוקט און געזען, אַז די ייִדן באַקומען מער פון זיי. עס איז אַוועק אַ מסירה צום קאַפּיטאַן, אַז איך פאַרקויף פּראָדוקטן די ייִדן. דער קאַפּיטאַן וואָס האָט מיך געזוכט נאָך פון אַלאַפּאַיעווסק, האָט מיך גערופן און געמאָלדן, אַז ווען מיר וואָלטן נישט געווען אונטערוועגס, וואָלט ער מיך געשטעלט פאַר אַ געריכט. אויף מיר, צו ווען ער האָט געהאַט אַזוי פיל צוטרוי, האָט ער זיך נישט געריכט איך זאָל גנבענען פּראָדוקטן און פאַר־קויפן. אומזיסט האָב איך זיך באַמיט צו געבן צו פאַרשטיין דעם אוראַלער גוי די ייִדישע דינים פון כשר און טריפה. ער האָט בשום אופן נישט געקענט תּופס זיין ווי נעמען זיך ייִדן אין די אַקס־אַרמייען. לויט ווי אים איז באַקאַנט האָבן זיי נישט מאָביליזירט זייערע ייִדישע בירגער אין

מיליטער. וואָס פאַר אַ משוגענע רעליגיע דערלויבט נישט מענטשן צו עסן הייסע שפּייז אין אַזעלכע קעלטן. ביי אים אין די אַקטן זענען זיי רעגיס־טרירט אַלס אונגאַרישע זעלנער. ווי ער האָט מיר געזאָגט, וועל איך גאָכן צוריקקומען געשטעלט ווערן פאַר אַ געריכט, און דערווייל האָט ער מיך אַראָפּגענומען פון פּראָדוקטן־וואַגאָן און געשיקט אויף שמירה. איך האָב סאַלוטירט און מיט אַ טרויעריק געמיט בין איך אַרויס פון וואַגאָן.

אויף מיין אָרט האָט ער באַשטימט אַ רוס וועלכער האָט אַריינגענו־מען אַלס געהילפן 4 יוגאָסלאַוון וועלכע האָבן מער ווי סערביש נישט פאַר־שטאַנען. ער אַליין האָט אויסער רוסיש נישט געקענט און ס'איז געשען ווי ביים טורעם פון בבל... ביז דער רומענער, אונגאַרער, טשעך אָדער פּאָליאַק האָט אים אין זיין לשון דערקלערט פון וועלכן וואַגאָן, וויפל פּאָרציעס א. אַז. וו. האָט ער אַפילו קיין העלפט וואַגאָנען נישט באַוויזן צו דערליידיקן. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי די געפאַנגענע וואַרפן אַוועק פולע הענט פּראָ־דוקטן און באַווייזן קוים אַריינשפּרינגען אין די וואַגאָנען, ווייל דער צוג האָט אין צווישנצייט אָנגעהויבן פאָרן...

אַ הונגער האָט באַהערשט דעם עשאַלאָן. די געפאַנגענע האָבן גענומען באַפאַלן די מיט שניי באַדעקטע פעלדער, פון וועלכע מען האָט נישט באַ־וויזן אַראָפּנעמען די צייטיקע געוויקסן. זיי האָבן פון אונטערן שניי אויס־געגראָבן בוראַקעס, קאַרטאָפל, קרויט, מערן און זיי געגעסן רויע. אין עשאַ־לאָן איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון דיזענטעריע. די זעלבע רומענער, וואָס האָבן מיך פאַרמסרט, זענען איצט אַליין געקומען צום קאַפּיטאַן און מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן ער זאָל מיך צוריק באַשטימען ביים אַרויסגעבן די פּראָדוקטן. אַן סאַלאָמאָנען וועלן מיר נישט דערלעבן אַהיים־קומען — האָבן זיי געטענהט.

ער האָט מיך גערופן צו זיך און געפרעגט, צי איך קאָן אים געבן מיין ערן־וואָרט, אַז איך האָב מיינע יידן נישט פאַרקויפט פּראָדוקטן? „פאַרקערט, מיר זענען זיי נאָך שולדיק געבליבן פּראָדוקטן, ווייל זיי האָבן נישט גענומען קיין עסן פון קיך די גאַנצע צייט", — האָב איך אים געענט־פערט. — „אויב אַזוי, איסאַקאָוויטש, נעם צוריק איבער דעם פּראָדוקטן־וואַגאָן, נעם דיר צו הילף וועמען דו ווילסט. און פאַר דיינע יעווריעיעס שאַף אַן אייזערן אייוועלע און גיב זיי אַרויס טרוקענע פּראָדוקטן, זאָלן זיי זיך אַליין קאָכן לויט זייער משוגענעם זאַקאָן".

די עפּידעמיע האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט אָפּשטעלן. די דאָק־

טורים מיט די צווי שוועסטער, האָבן באַהאַלטן די טייערע רעצעפּטן, וועל־
כע זיי האָבן געטוישט אין רומעניע און אין אונגאַרן אויף זיידענע זאַקן און
די קראַנקע האָבן זיי געגעבן אומווירקזאַמע פּילן. זי האָט באַשטימט אַן
איזאָלאַציע־וואַגאָן אין וועלכן זי האָט געהייסן לייגן די שווער־קראַנקע,
ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען אין שרעקלעכע יסורים.

איך האָב געמוזט אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע באַגרעבער־בריגאַדע וועלכע
איך האָב גוט געשפּייזט. אויף די רחבותדיקע רוסישע סטאַציעס האָבן זיי
באַגראָבן די טויטע נאָר אונטער שניי, ווייל די ערד איז געווען געפרוירן
און פיל צייט צו גראָבן קברים איז נישט געווען. דעם טויטן־שיין האָבן
אונטערגעשריבן דער קאַפּיטאַן, די דאָקטערין און דער נאַטשאַלניק פון דער
באַן־סטאַציע.

די דאָקטערין האָט אויך פאַרוועהרט צו עסן די געזאַלצענע פיש אָדער
הערינג און נישט דערלויבט מער אויסגראָבן פון די פעלדער. איך האָב ווי־
דער געמוזט אָרגאַניזירן אַ מיליץ פון די געפאַנגענע, וועלכע האָבן מיט
שטעקנס געטריבן צוריק אין די וואַגאָנען אויף יעדער סטאַציע. איך מוז
מודה זיין, אַז איך האָב נישט מקנא געווען די סטאַציעס דורך וועלכע מיר
זענען דורכגעפאָרן. ווי דער עשאַלאָן האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט, ס׳רוב אויף
אַ זייטיקער ליניע, האָבן באַלד העכער צוויי טויזנט הינטנס אַרויסגעוואָרפן
פון זיך די לויזע צואה איןביידע זייטן פון צוג, אַזוי אַז עס איז נישט
מעגלעך געווען צוצוטרעטן צו אים. זיי האָבן דערמיט נאָך מער פאַרגרע־
סערט די עפּידעמיע, וועלכע איז שוואַכער געוואָרן נאָכן נישט עסן די
געזאַלצענע פיש, די רויע געמיזן און דאָס נישט טרינקען קיין שמוציק
וואַסער אָדער אָנגעוואַרעמטן שניי. ביזן אָנקומען קיין אונגאַרן זענען גע־
ווען אַ דרייסיק טויטע פון דער עפּידעמיע. אַ טייל פון די געשטאָרבענע,
האָט מען, פאַרנדיק איבער רומעניע, נישט געקאָנט באַגראָבן אויף די סטאַ־
ציעס, וועלכע זענען ס׳רוב געווען ברוקירט, ווי אויך צוליב רעליגיעזע
סיבות. מיר האָבן געמוזט וואַרפן זיי אין וואַסער, בעת מיר זענען דורכגע־
פאָרן בריקן, אָדער ביי נאַכט אויף די פעלדער, נאָכן אַראָפּנעמען פון זיי
די קליידער און די קענצייכנס.

דער עשאַלאָן איז דערווייל געלאָפן טאָג און נאַכט און האָט זיך אָנגע־
הויבן דערנענטערן צו דער רומענישער גרענעץ.

דאָ איז אויף איינער פון די סטאַציעס געשען אַ זאַך, וואָס האָט אין
אַ גרויסער מאָס געשעדיקט די גוטע באַציִונגען צווישן מיר און די 36 ייִדן.

זינט מען האָט מיך אַראָפּגענומען און שפּעטער צוריק באַשטימט אויפן פּראָדוקטן־וואַגאָן, איז די קאָנטראָל איבער מיר און מיינע באַציִונגען מיט די געפאַנגענע ייִדן געוואָלדיק פאַרגרעסערט געוואָרן מצד די אַנטיסעמיטן פון די קריגס־געפאַנגענע, ווי אויך מצד זייערע וועכטער און מיינע רוסישע חברים. די קינאה צוליב מיין דערפאָלג ביים אַרויסגעבן און טיילן די פּראָדוקטן מיט דער הילף פון מיינע ייִדישע געהילפן האָט זיי נישט געלאָזט שלאָפן.

אין דעם האָט זיך אויסגעצייכנט דער באַזייטיקטער רוס און אַ סערב, אַ געוויסער אַנטאָן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס עלטסטער איבערן גאַנצן עשאַלאָן געפאַנגענע. ער איז געפאַנגען געוואָרן מיט געווער אין אַ מונדיר פון אַ נאַצישן סאָלדאַט. ער איז איבערגעגאַנגען פון מיכאַלאָוויטשעס פּראָ־נאַצישער פאָרמאַציע דירעקט אין דייטשן מיליטער. אַנטאָן האָט די גאַנצע צייט שפּיאָנירט נישט נאָר נאָך מיר, נאָר נאָך אַלע ייִדן. ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, ביז ער האָט געכאַפּט איינעם פון די ייִדן פאַרקויפן אויף אַ סטאַציע אַ שינעל פאַר 150 רובל. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק און מיטן געלט אין דער האַנט, אים צוגעשלעפּט צום קאַפּיטאַן. צו מיין שלימזל בין איך גראָד געשטאַנען נעבן אים. דער קאַפּיטאַן האָט זיך זייער אויפגערעגט און געשריגן, אַז דער־מיט שעדיקט ער דעם גוטן נאָמען פון ראַטן־פאַרבאַנד אין אויסלאַנד. מיר האָט ער געהייסן אויסטאָן דעם ייִד נאַקעט און אין אַ פערטל שעה אַרום קומען צו אים מיט זיין פּעקל אַנטוועכץ. איך האָב גענומען דעם ייִד אין וואַגאָן און באַגלייט פון אַנטאָנען און אַנדערע האָב איך אים געהייסן זיך אויסטאָן. ער האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אויסטאָן. ער האָט גע־קוקט אויף מיר און געמורמלט: — איין ייִד דעם אַנדערן טוט אַזאַ זאַך, איין ייִד דעם אַנדערן? — שוטה — האָב איך צו אים געשריען — ווייסטו נישט אַז אַ באַפעל מוז אויסגעפירט ווערן? זעסט נישט ווי זיי אָבסערווירן ציִ איך פיר אויס דעם באַפעל. אַלע איבעריקע ייִדן האָבן זיך אַרומגעשטעלט און געבעטן: — איר, אַזאַ גוטער מענטש, זאָלט אַזוי האַנדלען מיט אַ ייִדן? ער וועט דאָך ביי נאַכט געפרוירן ווערן פון קעלט. איך האָב מיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת, צווישן אויפרעגונג און צווישן רחמנות. זיי זענען גערעכט געווען. ער האָט טאַקע געקאָנט געפרוירן ווערן. איך האָב אָבער קיין ברירה נישט געהאַט. איך האָב אים געלאָזן אין די אונטערוועש, גע־נומען זיין פּעקל מלבושים און זיינע גוטע לעדערנע שטיוול און געבראַנגט צום קאַפּיטאַן. ער האָט מיר באַפוילן, נעמען דאָס פּעקל אין פּראָדוקטן־

וואַגאָן, עס אַפּהיטן ביזן אָנקומען קיין אונגאַרן און נאָר דאָרט עס אים צו־ריקגעבן.

איך בין אָוועק מיטן פּעקל אין פּראָדוקטן־וואַגאָן און געפונען אין טאַש 350 רובל, ד.ה. אַז ביים פאַרקויפן דעם שינעל, האָט ער געהאַט 200 רובל ביי זיך. איך פאַרשטיי נישט, וואָס עס האָט אים באַוויגן צו פאַרקויפן דעם שינעל פאַר אַזאַ נישטיקן פּרייז, בעת ער אַליין האָט אים באַדאַרפט האָבן פאַר זיך. איך בין אָוועק מיטן געלט צום קאַפּיטאַן און מיט זיין דער־לויבעניש אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג דאַרף מען אים דאָס געלט, וואָס איך האָב ביי אים געפונען צוריקגעבן, ווייל דאָס איז דאָך זיין פּרי־וואַט אייגנטום. דער קאַפּיטאַן האָט מיך באַרעכטיקט. אַ צופרידענער האָב איך אים געברענגט דאָס געלט און געזאָגט די יִדן, אַז האַפנטלעך וועט ער אויך צוריק באַקומען זיינע מלבושים. אָבער דער געליטענער און די איבע־ריקע יִדן האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט. איך האָב דערזען, אַז מיין רע־פּוטאַציע ביי זיי איז אין גאַנצן געפאַלן. זיי האָבן מיט אַ מאָל אַלץ פאַרגעסן וואָס איך האָב פאַר זיי געטאָן, ריזיקירנדיק מיט מיין פרייהייט. זיי האָבן נאָר געזען דעם לעצטן טאַט וואָס איך האָב געמוזט אויספירן אונטער אַ באַפעל. זיי האָמן מיך אויפגעהערט גריסן און ביזן סוף פון דער רייזע זענען די באַציִונגען צווישן אונדז געוואָרן פרעמדע.

איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און געקלערט ווי אַזוי אים צוריקגעבן זיין אָנטועכץ. אין דער פרי בין איך געגאַנגען צו דער דאָקטע־רין און זי געבעטן זי זאָל מיט מיר מיטגיין אין פּראָדוקטן־וואַגאָן און זען ווי אויף זיין פּעקל מלבושים ראַיען לייז און איך קאָן עס נישט האַלטן צווישן שפייז. — ווו ווילסטו עס אַהינטאָן ? — האָט זי מיר געפרעגט. — נעם עס אין שטאַבס־וואַגאָן — האָב איך געענטפערט. — וואָס ? — האָט זי אויסגעשריגן — אין וואַגאָן ווו איך שלאָף, ווילסטו מיר ברענגען לייז־זיק אָנטועכץ ? סאַראַ חוצפּה ! מיר זענען געגאַנגען צום קאַפּיטאַן. ער האָט זיך לאַנג געקראַצט אין קאָפּ און געפרעגט וואָס טאָן מיטן אָנטועכץ ? איך האָב אים פאַרזיכערט און געלאָסן געצויגן יעדעס וואָרט און געזאָגט, אַז מען דאַרף עס אים צוריקגעבן. — דאָס קיין מאָל נישט ! ער וועט עס באַלד פאַרקויפן — האָט ער מיט כעס אויסגערופן. איך האָב אים מיטן ערן־וואָרט פון אַ שלאַכטמאַן פאַרזיכערט, אַז נאָך דעם נסיון וועט ער מער נישט פאַרקויפן נישט זיינע און נישט עמעצנס מלבושים. ער האָט מיך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם און געהייסן אים צוריקגעבן די קליידער. מיט פרייד האָב איך געכאַפּט דאָס פּעקל און דעם יִד גלייך אַריינגעטראָגן אין

וואַגאָן. ער איז געלעגן צוגעדעקט מיט שינעלן, וואָס די חברים האָבן אים געגעבן. ער האָט מיר אַפילו נישט געדאַנקט. אַזוי בייז איז ער געווען אויף מיר.

איצט האָב איך געזוכט נקמה פאַר אַנטאָנען. אין איינער פון די סטאַציעס האָט ער פאַרשפעטיקט דעם עשאַלאָן. איך האָב באַלד געבעטן דעם קאַפּיטאַן ער זאָל באַשטימען אַן אַנדערן עלטסטן, ווייל מען וועט אים זיכער אַרעסטירן און צוריקשיקן אין אַ לאַגער. זיין רענצל האָב איך געגעבן אַ רוס צו היטן און איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט עס שוין גוט באַאַרבעטן. איז עס טאַקע אַזוי געווען. ער האָט דאָס רענצל קונציק געעפנט און געפונען 2 פּאָר לעדערנע זוילן, וועלכע ער האָט גלייך פאַרקויפט אויף אַ סטאַציע. די איבעריקע שמאַכטעס האָט ער געלאָזן. ווען אַנטאָן האָט אונדז שפּעטער דעריאָגט מיט אַ שנעלצוג און זיך פאַרקלאָגט אויף דער גנבה, האָט אים דער קאַפּיטאַן באַוויזן, אַז דער שלאָס איז גאַנץ און קיינער האָט אים נישט געעפנט.

אויף זיין אָרט אַלס עלטסטער איז באַשטימט געוואָרן אַ טשעכישער געוועזענער אָפיציר, וועלכער האָט זיך מיר שפּעטער פאַרטרויט, אַז ער איז אַ געשמדטער ייִד פון סודעטן־לאַנד. נאָך אַדאַנק דעם היטלערישן מונדיר וועלכן ער האָט פרייוויליק אָנגעטאָן האָט ער זיך געראַטעוועט פון טויט. איך האָב זיך שפּעטער מיט אים באַפריינדעט. ער האָט באַהויפּטעט, אַז זיין שמדן זיך איז געווען באַרעכטיקט. אַ סימן, אַז אויך גאָט האָט פאַרלאָזט זיין פאָלק און דערלאָזט, אַז רשעים זאָלן אים פאַרטיליקן. איך האָב אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

אַ געוויסן טאָג איז די דאָקטערין געקומען אַ באַזאָרגטע. איינע פון די סלאָוואַקישע פרויען, אַ בלאָנדע שיינהייט, איז קראַנק געוואָרן און זי האָט זי נישט ווו צו איזאָלירן. זי האָט אַ חשד, אַז זי איז קראַנק אויף דיזענטעריע. דער קאַפּיטאַן וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ פאַרדאַכט אויפן מעדיצינישן פּערסאָנאַל, האָט זי געפרעגט אויב זי איז נישט קעגן דעם מען זאָל זוכן אַנטיביאָטישע מעדיקאַמענטן, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל באַקומען אויפן וועג. זי איז רויט געוואָרן און געענטפערט, אַז זי איז נישט קעגן דעם, ווייל די עפּידעמיע האָט אַלץ איינגעשלונגען. אָבער מעגלעך אַז פּאָר דער פרוי וועט זיך נאָך עפּעס געפינען. זי האָט זי טאַקע שנעל אויסגעהיילט און זי נישט איזאָלירט.

איך האָב גענומען אָפּטער באַזוכן דעם וואַגאָן מיט די ציווילע סלאָ־

וואַקן, מענער און פרויען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער שפּראַך איז ענלעך צו פּויליש און קלינגט ווי אַ דאָרפישער דיאַלעקט. איך האָב פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט, וואָס זיי האָבן גערעדט. זיי, אַ קליין פאָלק, האָבן זיך דאָך אַרויסגעוויזן אַלס העלדיש אין קעגנזאַץ צו די טשעכן, וועלכע האָבן פיינט געהאַט מלחמה. זיי, די סלאָוואַקן, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד היטלערן ווען ער האָט אין 1944 זיי צוגענומען די אויטאָנאָמיע. זייערע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען האָבן אויך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער זיך דערנעענטערנדיקער רויטער אַרמיי. זיי זענען אַלע איינוווינער פון איין דאָרף אין וועלכן די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרפעסטיקט און באַשאָסן די רויט־אַרמייער. זיי זענען שפּעטער אַנטלאָפן. דער פראָנט־קאָמאַנדיר האָט גענומען אַלע יונגע איינוווינער פון דאָרף אַלס קריגס־געפאַנגענע און אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד. איצט פירט מען זיי צוריק. מען האָט זיך צו זיי גוט באַצויגן, נאָר זיי האָבן געליטן הונגער.

שפּעטער, ווען איך בין אויפן וועג קיין ישראל דורכגעפאָרן אין 1946 סלאָוואַקיע, האָט זיך אונדזער צוג נישט געקאָנט אָפּשטעלן אין בראַטיסלאַווע, ווייל עס זענען דאָרט דאַן פאָרגעקומען אַנטי־ייִדישע עקסצעסן. פון מיטגלידער פון דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין וואַרשע האָב איך געהערט וועגן זייער גרויסן אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבן דערטרונקען אין טייכן די אַנטלאָפענע ייִדן פון די היטלערישע געגל. 8 ייִדן האָבן זיי דערטרונקען שוין נאָך דעם קריג, בעת זיי האָבן פאַרהאַלטן אַן אויטאָבוס מיט פּאַסאַזשירן פון פוילן קיין עסטרייך.

וואָס נעענטער מיר זענען געקומען צו דער רומענישער גרענעץ אַלץ מער האָב איך געזען עשאַלאָנען מיליטער אין פולער קריגס־אויסשטאַטונג. אויף פּלאַטפאָרמעס איבערגעדעקטע מיט ברעזענטן שווערע טאַנקן, קאַטיושעס, אַנדערע מינים אַרטילעריע, שווער געווער און טראַנספּאָרט־מיטלען זענען געפאָרן אין דער זעלבער ריכטונג ווי מיר. אויף דער צווייטער פּאַראַלעל־לויפנדיקער באַן־ליניע. טייל מאָל האָט אונדזער צוג מיט די געפאַנגענע איבערגעיאָגט זייער צוג, טייל מאָל זייער צוג — אונדזערן. צו מאָל זענען מיר געפאָרן פּאַראַלעל און מ'האָט ממש געקאָנט זיך דערלאַנגען די הענט. איך האָב געברענט פון נייגעריקייט: מיט וועמען גייען די רוסן קעמפן אַ קנאַפּ יאָר נאָכן קריג?

אויף איין סטאַציע זענען די זעלבער באַפאַלן די גוט געקליידעטע קריגס־געפאַנגענע און געפּרוווט אַראָפּציִען פון זיי די קליידער. טייל האָבן זיך אויך געפּרוווט אַריינרייסן אין פּראָדוקטן־וואַגאָן. דאָס איז געווען אַ ראַטע,

וואָס איז צוריקגעפאָרן פון ווין. איך האָב ריזיקירט מיטן לעבן. און מיט 2 פוס־שטויסן צוריקגעוואָרפן 2 סאָלדאַטן מיט מעסערס אין די הענט, וועלכע האָבן געוואָלט זיך אַרויפכאַפּן אין וואַגאָן, ווו איך בין געשטאַנען. דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געפּרוווט רעאַגירן, איז באַפאַלן און געשלאָגן גע־וואָרן, צוליב זיינע רויטע שליפעס פון נ.ק.וו.ד. וואָס האָבן אַרויסגערופן צו זיך שינאה מצד די פראָנט־זעלנער. ער האָט זיך געמוזט פאַרשטעקן אין קאַבינעט פון סטאַציע־נאַטשאַלניק, וועלכער האָט איילִיק אַלאַרמירט אַ באַ־וואָפנטן פּאַטרול פון 12 מאַן, און מיט דער הילף פון סערזשאַנטן און אָפי־צירן איז זיי געלונגען די זעלנער צוריק איינצושפּאַרן אין די וואַגאָנען. דערביי איז זייערער אַ סערזשאַנט, וועלכער האָט גראָד געהאָלפן פאַרטרייבן די זעלנער פון דער סטאַציע, געכאַפּט געוואָרן דורך 4 ענקאַוועדיסטן און זיי האָבן אים גענומען שלעפן אין אַרעסט. ער האָט געוווסט, אַז דעם גאַנצן צאָרן וועט מען אויסגיסן אויף זיין קאָפּ און ער וועט שוין אין זיין לעבן פריי נישט זיין. ער האָט דעריבער מיט איבערמענטשלעכע כּוחות געקעמפט מיט די 4, זיך פון זיי אַרויסגעריסן און באַוויזן אַריינשפּרינגען אין זיין אָפּגייענדיקן צוג.

איבער רומעניע און אונגאַרן

נאָך צוויי וואָכן פון שנעלן פאָרן איבער רוסלאַנד זענען מיר ענדלעך אַריבערגעפאָרן דעם דניעסטער און אָנגעקומען קיין יאַס. דאָ האָבן מיר זיך געמוזט איבערלאָדן אין אַן אַנדערן צוג אויף שמעלערע רעלסן (די רוסישע באַן־ליניע איז מיט 8 סמ. ברייטער פון די אייראָפּעישע). דער צוג איז איצט אויסגעוואַקסן צו 70 וואַגאָנען. די רומענישע לאָקאָמאָטיוון זענען נישט אימשטאַנד געווען צו שלעפּן אַזאַ צאָל וואַגאָנען. ווען מיר האָבן געדאַרפט אַדורכפאָרן דאָס דאַטשע־אָרט סינאַיאַ, ווו דער וועג פירט אַ ביסל באַרג־אַרויף, האָבן 4 רומענישע לאָקאָמאָטיוון נישט געקאָנט שלעפּן דעם עשאַ־לאָן און מע האָט אים געמוזט צעטיילן אין צווייען. אַלץ האָט דאָ געהונקען, איבערהויפּט דאָס באַן־וועזן. רומענישע פּויערים, וועלכע האָבן זומער און ווינטער געטראָגן באַראַן־היטלען און אויף די פיס שטרויענע לאַפּטשעס, האָבן זיך באַוועגט אויף גרויסע וואָגנס געשפּאַנט אין 2 גרויסע אָקסן מיט ריזיקע הערנער, מיט דער שנעלקייט פון אַ שילדקרעט. נעבן עלעקטרישע באַנען פון הערמעטישע לוקסוס־וואַגאָנען, וואָס זענען געלאָפן בליץ־שנעל. נישט איין רוסישער זעלנער, וועלכער איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון אַזאַ וואַגאָן, מיינענדיק, אַז ס׳איז אַ שפּילכל, האָט פאַרלוירן זיין לעבן, נישט קאָנענדיק זיך האַלטן אויפן גליטשיקן דאַך און איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פונעם ווינט־דרוק אין דער גרויסער שנעלקייט. די באַנען האָט מען דורכגעלאָזט אין דער ערשטער ריי און זיי זענען געווען רעזערווירט נאָר פאַר הויכע סאָוויעטישע אָפיצירן און רעגירונגס־באַאַמטע. אויך די באַן־באַאַמטע האָבן געטראָגן נייע היטלען מיט גרויסע דענקעס און אָפּגעריסענע, אַפילו פון זעק געניטע מונדירן. אויך די רומענישע אַרמיי איז געווען זייער אָרעם געקליידט. די רוסן האָבן זיך צו זיי באַצויגן מיט ביטול. פאַר מיינע אויגן האָבן רוסישע זעלנער אַרויסגעטריבן פון באַן רומענישע באַ־וואָפנטע זעלנער און אָפיצירן. רויב, מאָרד, גנבה און פאַרגוואַלדיקונגען זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי אין אַן אָקופּירט לאַנד.

אַ ייִדישע קעלנערין אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן אין יאַס, מיט וועלכער איך האָב נאָר־וואָס גערעדט ייִדיש, האָט אויף דער פראַגע פון אַנדערע

רויט־אַרמייער, אויב זי איז אַ „יעווריעיקע״, געוועזן? אַז נישט. איך האָב זי צוגערופן און געפרעגט, פאַר וואָס זי פאַרלייקנט איר ייִדישקייט? זיי זענען דאָך נישט קיין דייטשן! האָט זי געענטפערט, אַז לײדער פירן זיי זיך טייל מאָל אויף ערגער פון די דייטשן, באַזונדערס קעגן ייִדישע מיידלעך. די פרוי פונעם רעסטאָראַטאָר, וועלכער האָט באַגעגנט די רויט־אַרמייער מיט טיי און קיכלעך, פרייענדיק זיך וואָס זיי זענען ענדלעך פּטור געוואָרן פון די דייטשן, האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן זי העפלעך געפרעגט ווי שפּעט עס איז, און ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל האָבן זיי עס פּשוט אַראָפּגענומען.

עס איז געווען אַ שאַרפער מאַנגל אין צוקער, אין ברויט און אין פיש. 2 טעג אין וואָך זענען דערקלערט געוואָרן אַלס ברויטלאָזע און מען האָט געגעסן נאָר מאַמעליגע. דער רומענישער ליי האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. ווען מיר זענען געפאָרן אַהין האָט מען פאַר אַ רובל געצאָלט 80 ליי און אין אַ קנאַפּן מאָנאַט אַרום, ווען מיר זענען צוריקגעפאָרן, איז דער רובל געשטיגן ביז 200 ליי. אין אונגאַרן האָט מען פאַר אַ רובל געצאָלט 10,000 פּענגאָ, און אַ שאַכטל שוועבעלעך האָט געקאָסט 1,000 פּענגאָ.

די סעקרעטאַרין פון שטאָטישן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט אין יאַס איז אונדז געקומען באַגריסן. זי האָט געזאָגט, אַז זי באַגריסט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי דעם ערשטן טראַנספּאָרט קריגס־געפאַנגענע רומענער. זיי האָבן אונדז און די רומענער, 400 אין צאָל, מכבד געווען מיט ציגאַרעטן און „טשויקאַ״, אַ זיסער און שטאַרקער רומענישער בראָנפן. דערביי האָט זי מיך אין געהיים געפרעגט, צי איך קאָן איר געבן אַ ביסל צוקער. די רומענער האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. פאַרנדיק, זענען פאַר זייערע אויגן דערשינען די שטעט און דערפער, אין וועלכע זיי זענען געבוירן געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן. טייל האָבן אַפילו נישט געוואַרט ביז דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן. זיי זענען געשפּרונגען פון לויפנדיקן צוג, און מיר האָבן באַוויזן צו זען ווי זיי האַלדזן און קושן זיך מיט זייערע קרובים. דער קאַפּיטאַן איז געווען פאַרצווייפלט און נישט געוווּסט ווי אַזוי ער וועט דעקן די צאָל פון די 400 רומענער און די 30 טויטע. דעם קאַפּיטאַנס ווייב און דער לייטענאַנט האָבן זיך געריבן די הענט פון פרייד, ווייל עס וועלן אונדז בלייבן פיל פּראָדוקטן.

צוליבן פאָרן אין אַ פרעמדער טעריטאָריע, האָט מען אונדז צוגעגעבן אַ באַוואָפנטע וואַך פון אַ לייטענאַנט און 4 זעלנער, אַלע כראַנישע שיכּו־

רים און כוליגאַנעס. אַנשטאָט זיי זאָלן אונדז היטן, האָבן מיר כּסדר געדאַרפט זיי היטן. אויף יעדער סטאַציע האָבן זיי געוויזן וואָס זיי קאָנען. ווען אַ פּויערטע איז געקומען טוישן היימישן בראָנפן אויף שיך אָדער מלבושים, האָט איינער פון זיי איר געגעבן אַ פּאָר זעלנערישע שיך און ביי איר צוגענומען די פלעשער „טשויקאַ" מיט 2 ווייסע קוילעטשן צום פאַרבייסן. אָבער באַלד האָט ער זיך באַוויזן מיט אַ רויטן באַנד אויפן אָרעם און איניציאַלן זש. אַ. (זשעלעזנאַ דאָראָזשנאַיאַ אָכראַנאַ — באַן־וואַך) און זי כּלומרשט אַרעסטירט פאַר האַנדלען מיט זעלנער. ער האָט ביי איר קאָנפיסקירט די שיך און האָט זי באַפרייט. ווען זי האָט אים נאָך צוגעגעבן איר לעצטן ליי, וואָס זי האָט געהאַט. זיי זענען דעם גאַנצן וועג געווען שיכּור. איינער פון זיי האָט זיך אַפילו געוואָרפן אויף דער דאָקטערין מיט די פויסטן. איך האָב דאַן פון אונטן אים אָנגעכאַפּט פאַר די אָרעמס און אים געמוסרט: „פע, אַ רויט־אַרמייער וואַרפט זיך שלאָגן אַ פרוי, דערצו אַן אָפיציר!" — „אַ פרוי נישט" — האָט ער געדישעט צווישן די ציין — „אָבער די אָפיצירישע ראָסע דאַרף מען אומברענגען".

אין אַ צייט אַרום, בעת איך בין געלעגן אויף די נאַרעס אינעם שטאַבוואַגאָן, ווּהין מיר האָבן זיך איבערגעטראָגן, איז אַריין זייער לייטענאַנט, מיך אָנגעקוקט און געפרעגט: „זשיד!" — „ניין, יעוורעי!" — האָב איך געענטפערט. — „און איך זאָג זשיד!" — האָט ער זיך איינגעעקשנט. — „אין סאָוויעטסקי סאָיוז זאָגט מען נישט זשיד, נאָר יעוורעי" — האָט זיך אָנגערופן איינער פון אונדזערע זעלנער. „און איך זאָג זשיד! הער נאָר, דו זשיד! שפּרינג אַראָפּ! איר, וואָס האָט געעפנט אַ צווייטן פראָנט אין טאַשקענט, האָט זיך דאָרט באַהאַלטן און מיר האָבן אונדזער בלוט פאַרגאָסן, קומט איר אונדז לערנען מאָראַל? זעץ זיך! — האָט ער צו מיר אַ געשריי געטאָן. איך בין געבליבן שטיין און אים שאַרף אָנגעקוקט. מיט די הענט היגטערווייַלעכץ האָב איך אָנגעטאַפּט אַ שווערע ביר־פלאַש און זי געהאַלטן גרייט, אויב ער וועט מיך פּרוּוון פיזיש אָנגרייפן. עס האָט מיר פאַרדראָסן וואָס קיינער פון אונדזעריקע רופט זיך נישט אָן מיט קיין וואָרט מיר צו הילף. ער האָט נאָך אַ מאָל געשריִען: „איך באַפעל! זעץ זיך!" איך בין אַלץ געשטאַנען. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און איך בין געווען גרייט אים צו דערלאַנגען מיט דער פלאַש. מיט אַ בעטנדיקער שטים האָט דעם קאַפּיטאַנס פרוי מילד צו מיר געזאָגט: „סאָלאָמאָן, זעץ זיך". איך האָב זיך פאַמעלעך אָוועקגעזעצט. דער לייטענאַנט איז דאַן אַרויסגעשפּרונגען פון לויפנדיקן צוג, און טראָץ דעם וואָס זיין וואַגאָן איז

געווען דער ערשטער, האָט ער אים באַוויזן אָנצויאָגן און אין אים אַרייַנגעשפּרונגען.

אַלע אין וואַגאָן האָבן שפּעטער מיר אויסגעדריקט באַדויער און באַוואונדערונג פאַר מיין „העלדישער" האַלטונג. איך בין אָבער געבליבן אין אַ דערדריקטער שטימונג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין פאַל פון אַ סכנה, האָב איך נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. צו מאָרגנס איז דער לייטענאַנט דורכגעגאַנגען אין אונדזער וואַגאָן און איך האָב אים אַפילו נישט סאַלוטירט. ער האָט צו מיר געזאָגט: „נו ווי? זיך אַ ביסל צעוועוערטלט?" „עס מאַכט נישט אויס" — האָב איך אים געענטפערט. פון דאַן אָן זענען מיר געבליבן די בעסטע גוטע ברידער.

עס איז אויך געווען אַ קאָמישע פּאַסירונג. אויף אַ געוויסער סטאַציע זענען צו מיר צוגעקומען דער קאַפּיטאַן און לייטענאַנט מיט 2 פאַרשוינען אין הויכע שטיוול און אין קורצע קורטקעס מיט שפּיציקע קוטשמעס אויף די קעפּ און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיי פאַרקויפן פיש וואָס זענען אונדז געבליבן, ווייל די דאָקטערין האָט פאַרווערט זיי אויסצוטיילן. די צוויי האָבן גערעדט זייער אַ שלעכטן רוסיש. מיר זענען דורכגעקומען אויף 6 טויזנט ליי אַ קילאָ. איך האָב אָפּגעוויגן די עטלעכע פודן פיש און זיי האָבן מיר באַצאָלט אַרום אַ האַלבן מיליאָן ליי. פּלוצעם רופט זיך אָן איינער צום אַנדערן אין ייִדיש: „ער נעמט ביי אונדז צו טייער. פאַר 6000 ליי קאָן מען דאָך באַקומען אַ קילאָ ווורשט". „איך האָב אים אין דער ערד דעם ערל" — זאָגט דער אַנדערער — „איך האָב אים באַצאָלט מיט פאַלש געלט". איך בין זיך מודה, אַז אין ערשטן אויגנבליק האָב איך זיי געוואָלט אָנלערנען, אַז איך האָב זיך אָבער דערמאָנט וואָס עס דראָט זיי פון מיינע אָפיצירן, האָב איך זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק און זיי געלאָזט אַוועקגיין מיט די פיש.

מען האָט מיך געדראָט מיט אַ משפּט פאַר מכלומרשט פאַרקויפן פּראָדוקטן. מען האָט איצט געדריקט אויף מיר איך זאָל וואָס מער פּראָדוקטן פאַרקויפן, ווייל עס בלייבט אונדז אַ פאַרמעגן פון פּראָדוקטן. אַפילו אין מיטן דער נאַכט, בעת דער צוג פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ סטאַציע, פלעגט מיך שוין דער קאַפּיטאַן, אָדער דער לייטענאַנט שלעפּן ביי די פיס, אויפרייסן פונעם בעסטן שלאָף און שרייען: „וואָס פּאַפּסטו אַזוי פיל? פאַר וואָס טוסטו נישט אין דער „זאַך"? (געמיינט, פאַר וואָס איך גיי נישט פאַרקויפן קיין פּראָדוקטן). איך האָב פאַרקויפט פיש, צוקער, און אין אונגאַרן — אויך זאַלץ. דעם לייטענאַנט האָט פאַרדראָסן, פאַר וואָס איך

טייל דאָס געלט פאַר די פּאַרקויפטע פּראָדוקטן, אויף דריי גלייכע חלקים, און איך, אַ געוויינטלעכער זעלנער, נעם דעם זעלבן חלק, וואָס איך גיב זיי — די אָפיצירן.

איבערהויפּט האָט געהעצט קעגן מיר טאַטיאַנאַ אַנדרעיעווּנאַ, דעם קאַפּיטאַנס פרוי. איך האָב זיי געזאָגט, אַז זיי טוען אין דעם מסחר גאָר־נישט, און איך אַליין ריזיקיר מיט מיין פריהייט. די באַן־וואַכן האָבן מיך שוין 2 מאָל געהאַט פאַרהאַלטן פאַר האַנדלען מיט ציווילע אויף די סטאַציעס.

דעם 7טן נאָוועמבער 1945, בעת די אָקטאָבער־פייערונגען אין בוקאַ־רעשט, האָט אַ וואַנזיניקער רומענישער סערזשאַנט געעפנט אַ פייער פון אַ מאַשין־געווער, פאַרשטעקט אינעם גאָרטן פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, אויף די מאַרשירנדיקע רויט־אַרמייער, פון וועלכן עס זענען געפאַלן 10 טויטע און פיל פאַרוווּנדעטע. די שפּאַנונג איז געוואָרן אַנגעצויגן צום פּלאַצן. אונדז האָט מען געוואָרנט צו זיין וואַכזאַם, ווייל מעגלעך, אַז עס גרייט זיך אַן אויפשטאַנד. אַזוי זענען מיר אַנגעקומען קיין קלוש (קלויזענבורג) אָדער זיבנבירגען אין טראַנסילוואַניע, וועלכע איז נישט לאַנג צוריק געגעבן געוואָרן רומעניע פון אונגאַרן, וואָס האָט עס פריִער געהאַט באַקומען „גוט־וויליק" פון רומעניע מיט היטלערס פּאַרמיטלונג. די שטאָט האָט מיר אויס־געזען ווי אַ ייִדישע שטאָט, ווו עס איז אַפילו דערשינען אַ ייִדישע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך. צוליב מורא פאַר צוזאַמענשטויסן מיט פּראָנט־זעלנער, וועלכע האָבן שרעקלעך פיינט געהאַט די נ.ק.וו.ד., האָבן מיר אונ־טערוועגנס אַראָפּגעטרענט פון די שינעלן די רויטע פּאַגאָנעס און אַנגע־נייט אויף זיי גרינע אינפאַנטעריע צייכנס. אויף די גימנאַסטיאָרקעס האָבן מיר איבערגעלאָזט די רויטע שליפעס.

גייענדיק אין שטאָט, האָב איך געהערט, ווי 2 פרויען רעדן ייִדיש הינ־טער מיר: „מען דאַרף פרעגן דעם זעלנער, אפשר האָט ער אַ ביסל צוקער צום פאַרקויפן". — „קומט מיט מיר צו דער באַן־סטאַציע, וועל איך אייך פאַר־קויפן". זיי זענען געגאַנגען מיטגעגאַנגען. דערווייל איז מיר געוואָרן הייס און איך האָב אויסגעטאָן דעם שינעל. ווען זיי האָבן געזען אויף מיר די רויטע שליפעס, האָבן זיי זיך דערשראָקן און איך האָב געהערט: „ס'איז דאָך אַן ענקאַוועדיסט, אַ בראָך צו אונדז". ווי אַ פייל־פון־בויגן האָבן זיי זיך אָפּ־געטראָגן.

פאַר נאַכט זענען צו מיר אין פּראָדוקטן־וואַגאָן געקומען 2 ייִדן און

בסוד־סודות דערציילט, אַז אין שטאָט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ייִדישער „געהיימער" אָרגאַניזאַציע פֿאַר בריחה, וואָס פֿירט אַריבער ייִדן איבער גרענעצן און לענדער קיין ארץ־ישראל. זיי זענען גרייט שיקן אַלע 36 ייִדן קיין קאָנסטאַנצאַ און פֿון דאָרט מיט אַ שיף קיין חיפה אָדער תּל־אָבֿיבֿ. זיי ווילן, למען־השם, אויך מיך מיטנעמען, ווייל יעדער ייִד איז נאָכן חורבן טייער, בפֿרט אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס וועט גלייך קאָנען אַרייַנטרעטן אין דער הגנה. כּדאַי איך זאָל מיטברענגען מיין געווער. כאָטש עס האָט מיך שטאַרק געצויגן באַלד גיין מיט זיי, האָט אָבער מיין שׂכל־הישר גובֿר געווען דעם יצר־הרע. איך האָב זיי העפֿלעך באַדאַנקט פֿאַר דער עצה און זיי דערקלערט, אַז סיי ווי זאָגן די רוסן אויף ייִדן, אַז זיי דרייען זיך אַרויס פֿון מיליטער־דינסט, און ווילן נישט קעמפֿן, איצט וועט נאָך צוקומען, אַז זיי זענען אויך דעזערטירן. ניין, איך וויל נישט פֿאַרפֿלעקן דעם גוטן נאָמען פֿון ייִדישן פֿאָלק. איך וועל נאָך אויסהאַלטן עטלעכע מאָנאַטן און וועל קודם־כּל צוריקפֿאָרן קיין פּוילן, זען ווער פֿון מיין פֿאַמיליע איז געבליבן ביים לעבן. און דאַן, וואָס ס'וועט זיין מיט מיינע צוויי ברידער און אייניציקער שוועסטער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, וועט אויך זיין מיט מיר. ווער עס וויל קאָן גיין ווען ס'וועט נאָר צופֿאַלן די נאַכט. איך האָב זיי מיטגעגעבן צידה לדרך און אייניציקוייז זענען זיי פֿאַרשוווּנדן אין דער נאַכט־פֿינצטערניש. אַז איך בין געקומען אין דער פֿרי בעטן ביים קאַפּיטאַן עטלעכע געהילפֿן, אַנשטאָט די וואָס זענען ביי נאַכט פֿאַרשוווּנדן, איז ער צוגעגאַנגען צום וואַגאָן פֿון די ייִדן און געפֿינענדיק אים ליידיק, האָט ער איראָניש געזאָגט: „קאָנסט זיך שווערן, איסאַקאָוויטש, אַז דו ווייסט נעבעך נישט ווו דיינע יעווריעס זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן?"

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין אונגאַרן. רומעניע און אונגאַרן, 2 שכנותדיקע לענדער און אַזאַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד צווישן זיי. אונגאַרן — אַ קולטורעל אייראָפּעיש לאַנד אין וועלכן דער קאָנטראַסט צווישן אָרעם און רייך איז נישט געווען אַזוי קענטיק ווי אין רומעניע. איך האָב באַוווּנדערט די פּרעכטיקע אַרכיטעקטאָנישע באַן־בריקן. עס איז געווען אַ שפּע פֿון אַלעמען. עס האָט אָבער געפֿעלט זאַלץ, וואָס אונגאַרן האָט באַקומען פֿון טראַנסילוואַניע. גוטע און מאָדערנע קליידער זענען געווען לרובֿ. אויף די סטאַציעס האָבן פּויערים און פּויערטעס פֿאַר אַ שיסעלע זאַלץ געגעבן גאַנצע געקאָכטע אינדיקעס, וואָס כ'האָב שוין יאָרן נישט פֿאַרזוכט.

די באַציִונג פֿון די רוסישע אָפֿיצירן און זעלנער צו דער ציווילער באַ־

פּעלקערונג איז דאָ געווען אַ קאָרעקטע. זיי האָבן נישט פאַרגעסן, אַז ביים נעמען בודאַפּעשט, האָבן זיי געדאַרפט קעמפן 40 טעג און געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך רומעניע אונטערגעגעבן באַלד נאָכן פאַלן פון יאַס. עס האָבן נאָך גראַסירט באַוואָפנטע פאַשיסטישע באַנ־דעס, וועלכע האָבן נאָכן קריג נישט איין סאָוויעטישן זעלנער אָפּגערוימט. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל: נישט גיין איינציקווייז אין גאַס, איבער־הויפּט ביי נאַכט. די אונגאַרישע וואַלוטע, די פּענגאָ, איז אָבער געלעגן טיף אין דער ערד. זייגערלעך זענען גראָד געווען זייער ביליק און רוסישע זעלנער האָבן איינגעהאַנדלט גרויסע מציאות.

ביים איבערגעבן די קריגס־געפאַנגענע, האָבן געפעלט ביי אַ 500 מאַן. פאַרן פרייז פון אַ זעקל אַמעריקאַנער מעל־צוקער פון 50 קילאָ, האָט דער פּולקאָווניק באַשטעטיקט, אַז ער האָט באַקומען דעם גאַנצן עשאַלאָן, אַפילו די טויטע, די אַנטלאָפענע רומענער און ייִדן, אין דער צאָל פון 2100 מאַן. אויפן קאַפּיטאַנס פראַגע, ווי אַזוי וועט ער דעקן די פעלנדיקע 500 געפאַנגענע, האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט: „איך שיק אַרויס פּאַט־רולן און זיי ברענגען מיר שוין די צאָל מענטשן, שפּעטער וועל איך זיי באַפרייען. איך מוז דאָך העלפן מיינע ברידער — די סאָוויעטישע אָפיצירן. עס איז נאָך קיין איין עשאַלאָן נישט אָנגעקומען אין אָרדענונג, תּמיד פעלן געפאַנגענע". מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן שיכּורן לייטענאַנט און מיט זיינע 4 פּסיכאָפּאַטן. אַהיים געשיקט די 3 זעלנער, די דאָקטערין און די 2 קראַנקן־שוועסטער. מיר האָבן אויסגעליידיקט דעם פּראָדוקטן־וואַגאָן פון די פּראָדוקטן. איך בין געבליבן זיי העלפן פאַרקויפן, ווייל אויך אין אונגאַרן האָב איך פאַרקויפט די פּראָדוקטן צו די ייִדן און באַקומען פון זיי די בעסטע פרייזן. אָבער דאָ האָב איך געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט דער מאַדיאַרן־שפּראַך, וואָס איז נישט ענלעך צו קיין שום שפּראַכן אין אייראָפּע.

די ייִדן זענען דאָ געווען זייער אַסימילירט און אויסער עטלעכע ווער־טער אין דייטש, האָבן זיי פאַרשטאַנען נאָר אונגאַריש. ווען מיר האָבן אָנ־געזאַמלט גענוג געלט האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט קויפן זייגערלעך. ביי אַ יוועליר אין געשעפט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ געשמדטער ייִד, און האָט גערעדט אַ גאַנץ גוטן דייטשמערישן ייִדיש, האָבן מיר איינ־געקויפט פאַרשיידענע „גאָלדענע" פינגערלעך, בראָשקעס און זייגערלעך. ער האָט דערציילט, אַז אַדאַנק זיין קאַטוילישן גלויבן, זיין קריסטלעכע פרוי און 4 קינדער, האָבן נישט די דייטשן און נישט זייערע אונגאַרישע העלפער געהאַט איבער אים אַ שליטה. נישט האָרטי פריִער און נישט שאַ־

לאָסי שפּעטער, האָבן נישט געטשעפּעט ייִדישע משומדים פוןביידע געשלעכטער, אין דער צייט ווען אין פּוילן האָט מען געדאַרפט זיין אַ משומד ביזן 4טן דור, אַז מ'זאָל ניצול ווערן פון דער שחיטה. מיר האָבן געקויפט פאַרשיידענע גאַרדעראָב־זאַכן און זיך געלאָזט צוריק קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

צוריק זענען מיר געפאָרן דורך יוגאָסלאַוויע. פאַרן אָפּגיין פון צוג, איז צו אונדז צוגעקומען אַן אַלט און גראָ פאַרפאַלק. אין אַ גוטן דייטש האָבן זיי אונדז געפרעגט, צי מיר זענען די וועלכע האָבן געבראַכט די קריגס־געפאַנגענע. אויב יאָ, האָבן זיי צו אונדז אַ ביטע: זייער איינציקער זון געפינט זיך אין רוסישער געפאַנגענשאַפט, בעטן זיי אונדז, אַז מיר זאָלן אים אויפזוכן און וואָס פריִער ברענגען אַהיים צו זיי. אַזוי און אַזוי איז זיין נאָמען. זיי פאַרלאַנגען דאָס נישט אומזיסט. אין אַ פאַרבונדן טיכעלע האָבן זיי מיר געשטופּט אין דער האַנט ביזשוטעריע פאַר אונדזער טרחה, און מיטן איבעריקן זאָלן מיר שטיצן זייער זון, ער זאָל נישט ליידן קיין הונגער און קעלט. ווען איך האָב זיי צוריקגעגעבן די ביזשוטעריע, האָט דער קאַפּיטאַן מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געפרעגט: „וואָס ווילן זיי?" ער האָט זיך צעלאַכט פון דער נאַיִווער ביטע פונעם פּאָרל און מיר געהייסן נעמען דאָס פּעקעלע. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און זיי דערקלערט, אַז זיי דאַרפן אונדז דערפאַר נישט באַצאָלן פאָרויס, נאָר ווען מיר וועלן ברענגען זייער זון צוריק, וועלן זיי אונדז קאָנען באַצאָלן.

אַלע אָפיצירן (איך בין געווען צווישן זיי דער איינציקער סאָלדאַט) האָבן זיך גרופּירט אין איין וואַגאָן. מען האָט זיי געוואָרנט, אַז רוסישע זעלנער, אין מונדירן פון יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנער, באַפאַלן די צוריק־פאָרנדיקע אָפיצירן און זעלנער. דאָך זענען מיר בשלום אַדורך דער יוגאָסלאַווישער טעריטאָריע.

איבער רומעניע האָבן מיר זיך געשלעפּט אַרום 2 וואָכן. יעדע עטלעכע קילאָמעטער האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. דער פּראָוויאַנט איז אונדז אויסגעגאַנגען און מען האָט געמוזט קויפן עסן פאַר אייגן געלט.

איך בין געווען אַן עדות פון אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך צווישן 3 סאָוויעטישע קאַפּיטאַנען. איך בין געלעגן אויף אַן אייבערשטער פּאָליצע און נאָר־וואָס געהאַט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. מיין קאַפּיטאַן קווייצעוו האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער אַ טאַנקן־דיוויזיע, וועלכע איז געשיקט געוואָרן קיין כאַרקאָוו, אָפּהאַלטן אַ דייטשישן פראָנטאַלן אָנגריף, נאָך דער מפּלה ביי סטאַלינגראַד. די דייטשן

איז דאָן געלונגען דורכרייסן דעם רוסישן פראָנט און פאַרנעמען 12 שטעט. די טאַנקן־דיוויזיע איז געשיקט געוואָרן אָפּהאַלטן די דייטשן און פאַר־שטופּן אַ בלויז, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער רוסישער פראָנט־ליניע. דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר, אַ פּולקאָווניק, איז געהרגעט געוואָרן פון אַ באָמ־בע, נאָך איידער דער עשאַלאָן איז אָנגעקומען אויפן אָרט. קווייצעוו האָט דאָן איבערגענומען די קאָמאַנדע, האָט פאַראָרדנט די עקיפּאַזשן צו באַזעצן די טאַנקן ווען זיי זענען נאָך געווען אויף די פּלאַטפאָרמעס, געהייסן אָפּ־שטעלן דעם צוג און פון די פּלאַטפאָרמעס פאַראָרדנט די טאַנקן אריין אין אָנגריף. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נישט־גלייכע שלאַכט מיטן שונאס איבערוויגנדיקער צאָל טאַנקן. ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט זענען ביידע צדדים געווען אויסגעשעפּט. קיין איין טאַנק און קיין איין מענטש זענען נישט געווען גאַנץ. אַ שווער־אָפּגעבריטן האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון אַ ברענענדיקן טאַנק. די רוסן האָבן פאַרלוירן די פּאַנצער־דיוויזיע, אָבער אויך די דייטשן זענען געבליבן אָן כוחות און זייער אָפענסיווע איז אָפּגע־שטויסן געוואָרן. היינט, זאָגט ער, לאַכט פון מיר יעדער סאָלדאַט, אַז איך בין אַ „טיל״־אָפיציר, דין אין נ.ק.וו.ד. און בין אויפן פראָנט נישט געווען.

אַ צווייטער קאַפּיטאַן, וועלכער איז די גאַנצע 4 מלחמה־יאָרן געווען כמעט אויף אַלע פראָנטן, האָט זיך אָפּגערופן: „איך ווייס נישט ווי אַזוי מיר האָבן געזיגט, אַז קיין איין אויפגאַבע, קיין איין פּלאַן, קיין איין אָפענסיווע אָדער צוריקטריט איז נישט אויסגעפירט געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט. תמיד זענען אָנגעקומען אַנדערע באַפעלן און צונישט געמאַכט די ערשטע.״

דאָ האָט זיך אָנגערופן דער דריטער קאַפּיטאַן: „איר זייט גליקלעכע מענטשן, איר האָט געדינט אונטער רוסן, מיין פראָנט־קאָמאַנדיר איז אָבער געווען אַ ייִדישער פּולקאָווניק. ווי נידעריק פילט זיך אַ רוסישער קאַפּיטאַן, ווען ער פירט אויס באַפעלן פון אַ ייִד. איך האָב דאָס פּאַלק שרעקלעך פיינט, און איך ווייס נישט, פאַר וואָס אונדזער פּאַרטיי און רעגירונג לאָזן זיך אַזוי פון זיי באַאיינפלוסן״.

דאָס געשפּרעך האָט זיך אָפּגעהאַקט, ווייל דער צוג האָט זיך אָפּגע־שטעלט. איך בין דאָן פאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון דער נאַרע, זיך צוגע־זעצט און ווען דער צוג האָט גערירט, האָב איך זיך נישט דרייסט גע־ווענדט צו מיין קאַפּיטאַן, אויב מיר איז דערלויבט שטעלן דעם לעצטן אָפיציר אייניקע פראַגן. — עס איז דיר דערלויבט, איסאַקאָוויטש, אויב דער קאַפּיטאַן וועט דיר וועלן ענטפערן. „חבר קאַפּיטאַן, דערלויב מיר דיר פרעגן אַ פראַגע״. — „פרעג״ — האָט ער געזאָגט. — „אַלס ייִד, וועלכער האָט

געהערט דיינע רייד, בין איך נייגעריק צו וויסן, וואָס האָבן דיר ייִדן אַזוי שלעכטס געטאָן, וואָס דו האָסט זיי אַזוי פּיינט ?"
אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:
— „פּאָר 3 עוולות, וואָס זיי האָבן מיר געטאָן. איינס: ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, האָב איך זיך געשלאָגן מיט אַ ייִדיש ייִנגל, האָט ער אין קעגנזאַץ צו די אָנגענומענע כּללים, מיר אונטערגעשטעלט אַ פוס און מיך אומגעוואָרפן. 2: ווען איך בין שוין געווען אַ סטודענט האָב איך ליב געהאַט אַ מיידל, האָט אַ ייִדישער סטודענט זי ביי מיר צוגענומען. 3: נאָך דער רעוואָלוציע, אין בירגער־קריג, איז ביי אונדז אין שטאָט געווען אַ גרויסער הונגער. דער איינציקער ביי וועמען מען האָט אַלץ באַקומען פאַר גוט געלט, איז געווען אַ ייִדישער סוחר. ער האָט פון הונגער נישט געליטן".
— „דערלויבט מיר, חבר קאַפּיטאַן, נאָר איין ייִדיש געשעפט איז געווען ביי אייך אין שטאָט, ווו מען האָט אַלץ באַקומען?" — האָב איך אים געפרעגט. — „למען האמת מוז איך צוגעבן, אַז אין נאָך איין געשעפט פון אַ טאַטאַר האָט מען אַלץ באַקומען".
— „איך הער אָבער נישט, אַז איר זאָלט עפּעס האָבן קעגן די טאַטאַרן".
— „דער באַיעץ איז גערעכט", האָבן זיך די איבעריקע 2 קאַפּיטאַנען אָנגערופן.

ענדלעך זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון פאַרשאָלטענעם רומעניע, ווו די באַן איז מער געשטאַנען ווי געפאָרן. אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע האָט אַלץ געקלאַפּט ווי אַ זייגער: די באַנען זענען געפאָרן שנעל און לויטן פּלאַן. אויף די סטאַציעס האָט מען באַקומען ביליק עסן און ביר אָן שום באַגרענעצונג. די געמיטער פון די צוריקקומענדיקע זעלנער און אָפיצירן זענען געוואָרן אויפגעלייגטער, ווייל אין קורצן וועלן זיי זען זייערע קרובים, וועלכע אַ טייל האָט נישט געזען גאַנצע 6 יאָר. 2 יאָר האָבן זיי געדינט אין רעגולערן מיליטער און פאָרן באַפרייען איז אויסגעבראָכן די פאָטער־לענדישע מלחמה און זיי זענען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין גרויסן בלוטיקן קריג.
אין קיִעווער וואָקזאַל איז אויפגעשטיגן אַ מאַיאָר מיט אַ באַדינער. אין ענדע פון קריג איז דערלויבט געוואָרן העכערע סאָוויעטישע אָפיצירן צו האָבן באַדינער. זיי זענען צוריקגעפאָרן פונעם צעטיילטן בערלין זיך דעמאָביליזירן, און געפירט מיט זיך פיל אָנגעפילטע וואַליזעס מיט טראָ־

פעען. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ זילבערנע ציגאַרעטן־פּושקע מיט אַ הערב און אַ מאָנאָגראַם מיט גאָטישער שריפט, אויסגעזעצטע מיט איידלשטיינער. די פּושקע האָט דער מאַיאָר כּסדר באַנוצט, ווען ער האָט געוואָלט רויכערן, אָדער ווען ער האָט מכבד זיין מיט אַ ציגאַרעט. ער האָט זי געהאַלטן אין קעשענע פון שינעל און זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. איך בין גראָד געזעסן און געגעסן ברויט מיט וואורשט, ווען דער מאַיאָר איז צוריקגעקומען פון קלאָזעט און געמאַכט אַ געוואַלד אַז עס פעלט אים די פּושקע פונעם שינעל, וועלכן ער האָט געלאָזט הענגען אין וואַגאָן. ער איז גלייך באַפאַלן זיין באַדינער מיט קללות און דראָונגען, ער זאָל אים צוריקגעבן די ציגאַרעטן־פּושקע. דער באַדינער, אַן עלטערער סאָלדאַט, האָט זיך געשווירן, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. — „אויב דו ווילסט וויסן ווער עס האָט ביי דיר געגנבעט די פּושקע, וועל איך דיר ווייזן". אויגנבליקלעך איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע פון מיין שינעל, אַרויסגענומען די ציגאַרעטן־פּושקע און אַלע־מען געוויזן: „זעט, ווער עס האָט געגנבעט די פּושקע! און ער האָט גאָר מיך באַשולדיקט!" — האָט ער אויסגערופן מיט אַ טריומף־מינע.

נישט נאָר איך, נאָר אַלע אין וואַגאָן זענען געבליבן ווי געליימט. פיל זענען מיט מיר געפאָרן פון אונגאַרן אַן און האָבן אין מיר קיין שום שלעכטס נישט באַמערקט, פאַרקערט, מיט אַ סך האָב איך זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן, ווען עס האָט עמעצן אויסגעפעלט. און דאָ פּלוצלינג אַזאַ בילבול. די ערשטע האָט זיך אָנגערופן די קאַפּיטאַנשע: „פע, סאַלאָמאָן, אויף דיר האָב איך זיך נישט גערעכנט, אַזאַ שמוציקע טאַט. זעסט, געראַסים, און מיר האָבן אים אַזוי פיל געטרויט", — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן, — „ווער ווייסט וויפל ער האָט אונדז באַגנבעט". קוווייצעוו איז רויט גע־וואָרן ווי אַ בוראַק. ער האָט זיין ווייב אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן, זי זאָל אַזוי פיל נישט רעדן, ווייל זי קאָן נאָך פאַרשיטן די געשיכטע מיט די פאַרקויפטע פּראָדוקטן און זיך צו מיר אָנגערופן: — „איסאַקאָוויטש! פאַר דעם טאַט דיינעם בעט איך דיר, זיך אָפּטיילן פון אונדז און מיט אייגענע כּוחות זיך דערשלאָגן צו דעם לאַגער 200, ווו דו דינסט. אויף דער קומענ־דיקער סטאַציע פאַרלאָזטו דעם וואַגאָן און גייסט איבער אין אַן אַנדערן. פאַרשטאַנען?"

— „איילט אייך נישט, חבר קאַפּיטאַן", — האָט זיך דער מאַיאָר אָנגע־רופן — „ס'וועט דעם סוואָלאַטש, מיין באַדינער, גאַרנישט העלפן, נאָר ער האָט געגנבעט די פּושקע. דעם גאַנצן וועג קוקט ער אויף איר מיט גייציקע

אויגן. דאָס וואָס ער האָט זי אַרויסגעצויגן פון דעם שלאַכטמאַנס קעשענע, באַווייזט מיר אַן איבעריק מאָל, ווי נידעריק געפאַלן דער מענטש איז, האָט ער געפרוּווט וואַרפן אַ חשד אויף אַן אָרנטלעכן זעלנער. איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען, ווען איך וועל קומען אויפן פּלאַץ". טרערן האָבן מיר געשטיקט אין האַלדז פון פאַרדראָס אויף מיין קאַפּיטאַן און זיין פרוי, ווי לייכט זיי האָבן געגלייבט אין דעם בילבול אויף מיר.

איך האָב אָפּגעזוכט דעם לייטענאַנט און אים שטיל געזאָגט: — „זי האָט רעכט, טאַטיאַנאַ אַנדרעיעווּנאַ, דעם גאַנצן וועג אַהין און צוריק עסט זי אונדזער פּאַיאָק, ווייל זי פאַרט אַן אַ קאָמאַנדיראָווקע". איך האָב שוין געוואָלט זיך פון זיי אָפּזונדערן, אָבער די שווערקייטן פון אַן איינזאַמען סאָלדאַט צו פאָרן מיט די באַנען, האָבן מיך אָפּגעהאַלטן דערפון.

אויף איינער פון די גרעסטע סטאַנציעס, צווישן קיִעוו און מאָסקווע, איז מיט כּוח איינגעשטיגן אין אונדזער וואַגאָן אַ ייִדישער זעלנער, וועמען מען האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איך האָב זיך מיט אים זייער דער־פרייט. איך וועל שוין נישט זיין איינזאַם, ווי איין ייִד צווישן אַזוי פיל גוייִם. ווען איך האָב געוואָלט מיט אים שמועסן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער מוז דאַווענען מינחה, ווייל די נאַכט פאַלט שוין צו און ער וועט אין מעריב דאַרפן זאָגן 2 שמונה־עשרהס. ער האָט אַ וויש געטאָן די שויב מיט די שפּיצן פינגער און, צו אַלעמענס שטוינען, אָנגעהויבן זאָגן אויפן קול „אשרי". בעת ער האָט זיך געשאָקלט אין שמונה־עשׂרה, איז אַריינגעקו־מען אין וואַגאָן אַ גענעראַל מיט אַ גראָער פלאַכער פּאַפּאַכע מיט אַ רויטער דענקע און גאָלדענע פּאַסן. אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געבליבן שטייף שטיין. דער גענעראַל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז אַלע קאָנען זיך צוריק זעצן. ער איז געשטאַנען און גע־וואַרט, ביז דער פרומער ייִדישער סאָלדאַט איז אויסגעשטאַנען שמונה־עשׂרה און געפרעגט: „סאָלדאַט, ביסטו אַ גייסטלעכער, יאָ?" — „ניין", — האָט דער זעלנער געשטאַמלט, זעענדיק פאַר זיך דעם גענעראַל, וועלכן ער האָט פריִער מיט די פאַרמאַכטע אויגן נישט באַמערקט. — „אַ יעוו־רעיסקי דוכאָווני?" — האָט אים דער גענעראַל איבערגעפרעגט. — „ניין", — האָט ווידער דער סאָלדאַט געשטאַמלט. — „נעם דיינע זאַכן און קום מיט מיר אין מיין וואַגאָן". איך וועל אין מאָסקווע אויספועלן, מען זאָל דיך באַשטימען אַלס יעווריעיסקי דוכאָווני אין דער רויטער אַרמיי, אַזוי ווי עס איז איינגעפירט ביי אונדזערע פאַרבינדעטע. דער געדאַנק איז מיר געקומען, ווען איך האָב דיך געזען דורכן פענצטער דאַווענען צו גאָט.

אַלזאָ, ריר זיך". מיט דערשראָקענע אויגן האָט דער ייִדישער סאָלדאַט גע־נומען זיין פּעקל און איז אים נאָכגעגאַנגען. די אַנוועזנדיקע אָפיצירן האָבן אויסגעשאָסן אין אַ כאָראָלן געלעכטער. „אָדער ער איז משוגע, דער גענעראַל, אָדער ער איז שיכּור. אין קרעמל וועט מען אים שוין לערנען וועגן גייסטלעכע אין דער רויטער אַרמיי". — „וווּנדערט זיך גאָרנישט, חברים" — האָט זיך אָנגערופן דער מאַיאָר פון דער ציגאַרעטן־פּושקע — „איך בין געווען אין דינסט אין צעטיילטן בערלין עטלעכע מאָנאַטן און איך האָב באַמערקט, אַז אין אַלע 3 פאַרבינדעטע אַרמייען זענען טעטיק גייסטלעכע פון די פאַרשיידענע רעליגיעס. אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי האָב איך אַפילו געזען אַ פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ". — „דינען דען רוסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי ?" — האָבן די אָפיצירן געפרעגט. — „זייער עלטערן זענען געווען רוסן, זיי זענען שוין עכטע אַמעריקאַנער, אָבער פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן". — „אויב אַזוי וועט מיין חבר מאַכן אַ קאַריערע" — האָב איך זיך דרייסט אָנגערופן". — „אָדער אַ קאַריערע, אָדער אַ תּליה" — האָט דער מאַיאָר אין געלעכטער געענטפערט. — „כאָטש מיר באַמיִען זיך ווי ווייט מעגלעך נאָכצוטאָן אונדזערע פאַרבינדעטע אין פיל געביטן, קאָנען מיר אָבער נישט דערלויבן קיין זאַכן וואָס זענען אין קעגנזאַץ צום פּראָגראַם פון אונדזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דאָ האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי וועלן מיר איבערפירן דעם ריזיקן באַגאַזש, וואָס יעדער איינער האָט געהאַט מיט זיך, פון קיִעווער צום סווערדלאָווסקער וואָקזאַל. ענדלעך האָט זיך געפונען אַ שאָפער מיט אַ לאַסט־אויטאָ פון אַ זאַוואָד און גע־מאָלדן, אַז פאַר אַן אָפּצאָל איז ער גרייט איבערפירן אונדז אַלע מיטן באַ־גאַזש פון איין וואָקזאַל צום אַנדערן איבער דער גאַנצער שטאָט. מיר מוזן, אָבער, זיך אַראָפּזעצן מען זאָל אונדז נישט זען, ווייל אין אַ לאַסט־אויטאָ איז אים נישט דערלויבט צו פירן קיין פּאַסאַזשירן. איך בין כמעט געפרווירן געוואָרן פאַרנדיק אין אָפענעם לאַסט־אויטאָ אין דער מאָסקווער קעלט. צום אומגליק האָט אים די וואָכזאַמע מאָסקווער מיליץ פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אין ראַיאָן־מיליץ. אין פאַרלויף פון 2 שעה האָבן די אָפיצירן געבעטן אין מיליץ מען זאָל דעם שאָפער באַפרייען. איך בין די גאַנצע צייט געבליבן זיצן אויפן אויטאָ אין דער שאַרפער קעלט און אָנגעהויבן פיבערן. ענדלעך האָט מען דעם שאָפער באַפרייט מיטן באַדינג, אַז נאָכן אָפּפירן די זאַכן, דאַרף ער מיטן אויטאָ צוריקקומען אין מיליץ.

איך ווער דעמאָביליזירט

2 מעת־לעתן בין איך געלעגן אַ קראַנקער אין וואָקזאַל און געוואַרט אויף אַ צוג קיין סווערדלאָווסק, וואָס פאָרט יעדן דריטן טאָג. פון צייט צו צייט האָט זיך דער לייטענאַנט מיט מיר אינטערעסירט, דאַקעגן האָט זיך נישט באַוויזן דער קאַפּיטאַן מיט זיין פרוי, וועלכע האָבן געהאַט אין וואָקזאַל אַ ספּעציעלן וואַרטע־זאַל פאַר אָפיצירן. פאַר נאַכט, פאַרן אָפּגיין פון צוג, האָט מיר דער לייטענאַנט געמאָלדן, אַז עס איז דעם קאַפּיטאַן נישט געלונגען צו באַקומען פאַר מיר אַ בילעט, ווייל די פרייע פּלעצער זענען געווען נאָר פאַר אָפיצירן. קוים מיט צרות איז אים געלונגען קויפן פאַרן לייטענאַנט אַ בילעט. פון דעסטוועגן זאָל איך צוקומען צום צוג, וועלן זיי מיך פּרוון מיט כּוח אַריינשלעפּן אין וואַגאָן. מיט די לעצטע כּוחות האָב איך קראַנקערהייט גענומען מיינע צוויי רענצלעך און צוגעקומען צום וואַגאָן. דער קאַפּיטאַן, זיין פרוי און דער לייטענאַנט האָבן שוין געהאַט איינגעשטיגן. זיי האָבן געפּרוווט איבערצייגן דער קאָנדוקטאָרשע, זי זאָל מיך אַריינלאָזן אָן אַ בילעט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון און זיך גלייך געווענדט צו די 2 מיליציאָנערן, וועלכע זענען געשטאַנען ביי די טרעפּ פון וואַגאָן. ווען איך האָב געפּרוווט מיט כּוח זיך אַריינרייסן אין וואַגאָן, האָבן די מיליציאָנערן מיך געשטופּט צוריק און איך בין אַראָפּגעפאַלן פון די שטיגלעך אויפן שניי. די מיליציאָנערן האָבן זיך, זעט אויס, אַ ביסל דערשראָקן און מיר געהאָלפן אויפשטיין. איך האָב צוריק גענומען מיינע 2 רענצלעך וואָס זענען שוין געווען אין וואַגאָן און זיך דערווייטערט לענג־אויס דעם צוג.

אַלע וואַגאָנען זענען געווען געפּאַקט מיט זעלנער, וועלכע זענען צוריקגעפאָרן זיך דעמאָביליזירן. די מיליציאָנערן האָבן צו מיר אונטערגעשיקט די מיליטערישע באַן־וואַך, זי זאָל מיך באַזייטיקן פון וואָקזאַל. איך בין, דעריבער, אַריין אין ערשטן בעסטן דורכגאַנג פון וואַגאָן און געפּרוווט עפענען אַ טיר, אָבער אָן דערפאָלג. אַלע טירן זענען געווען פאַרשפּאַרט. דערווייל האָט מיך אָנגעיאָגט אַ יונגער ענקאַוועדיסט פון דער באַן־וואַך און מיך גענומען אַרויסשטופּן פון וואַגאָן. איך האָב אַרויסגענומען 3 טשערוואָנצעס (30 רובל) און אַ פּעקל מאָסקווער ציגאַרעטן, אים אַריינגעשטופּט

אין האַנט און געבעטן ער זאָל מיך צו רו לאָזן, ווייל איך בין קראַנק און פאַר פון פראָנט זיך דעמאָביליזירן.

— ווו איז דיין טשאַסט ? — האָט ער געפרעגט. — אַן איינצלנער זעלנער קאָן דאָך נישט פאָרן זיך דעמאָביליזירן.

— איך קאָן נישט געפינען מיין וואַגאָן, — האָב איך געשעפטשעט, — ווייל איך האָב גרויסע היץ.

— אויב אַזוי, בלייב דאָ אין קאָרידאָר, און איך נעם נישט פון דיר גאָרנישט.

— אַ גרויסן דאַנק — האָב איך געשטאַמלט, פילנדיק, אַז די לעצטע כוחות פאַרלאָזן מיך. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַ סאָלדאַט, אָנגעקלאַפּט אין טיר פון וואַגאָן און אַ געשריי געטאָן:

— סטיאָפּקאַ, מאַך אויף!

— ציגאַרעטן האָסטו געבראַכט ? מיר האָבן שוין נישט צו רויכערן — האָט סטיאָפּקאַ געענטפערט פון יענער זייט טיר.

— ניין. איך האָב נישט באַקומען. — האָט דער סאָלדאַט געשריען.

— הייס אים עפענען, איך האָב ציגאַרעטן — האָב איך געזאָגט.

— גוט, קום אַריין.

די טיר האָט זיך געעפנט און איך האָב סטיאָפּקען דערלאַנגט דאָס שאַכטל ציגאַרעטן.

— קום צו אונדז, וועלן מיר דיר מאַכן אַ פּלאַץ, — האָט סטיאָפּקאַ אַ זאָג געטאָן. אין דער פינצטער האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ פול געפאַקטער קופּע. איך האָב קוים באַוויזן אָוועקשטעלן די 2 רענצלעך און בין גלייך אויף זיי געפאַלן, פילנדיק אַז איך פאַרליר די חושים.

איך בין אַזוי געלעגן אַ גאַנצן מעת-לעת. די זעלנער האָבן מיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק, ביים פענצטער, ווייל איך האָב זיי געשטערט אין דורכגאַנג. איינער פון זיי וואָס האָט זייער געשטאַמלט, האָט זיך מיט מיר פאַרנומען. איך בין כסדר געשלאָפן און דאָס האָט אים באַאומרויקט. אויף אַ סטאַציע האָט ער מיר געבראַכט אַ מענאַזשקע מיט געדיכטער קאַשע. צוויי זעלנער האָבן מיר אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ און מיט כוח האָבן זיי מיר געשטופּט אין מויל אַריין דאָס עסן.

איך האָב זשעדנע אויפגעגעסן די קאַשע און פאַרביסן מיט עטלעכע עפּל, וועלכע איך האָב געקויפט אויף אַ סטאַציע אין אוקראַינע. איך האָב זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ און געפילט, אַז איך בין אויפגעשטאַנען תחית-המתים. איך האָב זיי דערציילט, אַז איך האָב אין קיעוו פאַרלוירן מיין

אָפּטיילונג, ווייל איך האָב פאַרשפּעטיקט דעם צוג און איך וויל זיי אָנ־יאָגן. איך האָב זיך באַמיט דעם גאַנצן וועג נישט אויסטאָן דעם שינעל, זיי זאָלן נישט באַמערקן די רויטע פּאַגאָנעס.

אויף אַ סטאַנציע האָב איך באַמערקט דורכן פענצטער מיין לייטענאַנט, ווי ער גייט לענג־אויס די וואַגאָנען און קוקט אין די פענצטער. אַפּנים, אַז ער האָט מיך געזוכט. איך האָב זיך אָבער באַהאַלטן ער זאָל מיך נישט זען. אין וועג האָבן די זעלנער דערציילט וועגן זייערע העלדישקייטן, באַזונדערס אויף דער טעריטאָריע פון דייטשלאַנד. בעת דער שטאָמלער האָט דער־ציילט האָבן אַלע געלאַכט. איך האָב אים געפרעגט פאַר וואָס מען האָט אים בכלל גענומען אין דער אַרמיי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט אים אַבסאָלוט נישט געשטערט צו דינען און קעמפן. ער איז גראַד געווען דער בעסטער זינגער („זאַפּיעוואַלאַ" — פאַרזינגער, סאָליסט), אין זיין ראָטע. אין זינגען האָט ער נישט געשטאָמלט...

אין סווערדלאָווסק האָבן מיר זוכה געווען צו אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פון פאַרשיידענע שטאַטישע קאָמיטעטן אויפצונעמען די צוריקגעקומענע פראָנט־זעלנער. ספּעציעלע לאַסט־אויטאָס האָבן געוואַרט אָפּצופירן אַהיים די זעלנער. מען האָט געטיילט אומזיסט ציגאַרעטן און יונגע שיינע מייד־לעך האָבן גענומען געלט אָפּצושיקן טעלעגראַמעס פאַר די, וועלכע האָבן געוווינט אין אָבלאַסט, ווייל ווידער האָט מען געמוזט וואַרטן אויף אַ צוג 2 טעג. איך האָב געשיקט אַ טעלעגראַמע צו מיין מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ, אַז זי זאָל פאַר טאָג אַרויסקומען מיט אַ שליטעלע צום וואָקזאַל, מיר העלפן אָפּפירן דעם באַגאַזש. אָבער, ווען איך בין אין 2 טעג אַרום פאַר טאָג אָנגעקומען קיין אַלאַפּאַיעווסק האָט מיך קיינער נישט אָפּגעוואַרט. די טעַ־לעגראַמע איז ערשט אָנגעקומען אויפן דריטן טאָג. איינער פון די פאַבריק־אַרבעטער, וועלכער האָט נאָך דער נאַכט־שיכט, צוליב אַ זייטיק פאַרדינסטל צוגעאַרבעט אַלס באַגאַזש־טרעגער אין וואָקזאַל, האָט פאַר עטלעכע רובל מיר געהאָלפן טראָגן דעם באַגאַזש צו מאַריאַס וווינונג. מאַריאַ איז געווען אָנגענעם איבערראַשט פון מיין פּלוצלינגדיקן צוריקקומען.

אין לאַגער 200, ווו איך האָב געדינט, האָט מען מיר אויסגעצאָלט פאַר 1 און אַ האַלב מאָנאַט לוין פּלוס קאָמאַנדיראָוועטשנע פאַר דער גאַנצער צייט. אַ העלפט פון מיינע חברים זענען שוין געווען דעמאָביליזירט אין דער היים. אויך אַ העלפט פון די קריגס־געפאַנגענע אויסער דייטשן, זענען שוין געווען אָפּגעשיקט אַהיים, און מען האָט אַלץ מער גערעדט, אַז אויף זייער אָרט וועלן קומען יאַפּאַנער.

אַזוי האָב איך באַגעגנט דאָס יאָר 1946. דאָס דינען איז מיר געוואָרן אומדערטרעגלעך, בפרט אַז איך האָב געפילט, אַז מיר זענען שוין דאָ איבעריק.

עס זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן וואַלן צום העכסטן סאָוויעט, וועלכע זענען שוין 2 מאָל אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דער מלחמה. די וואַלן זע־נען באַשטימט געוואָרן אויפן 22סטן פעברואַר. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ביז נאָך די וואַלן האָב איך נישט וואָס צו וואַרטן אויף קיין דעמאָבילי־זאַציע. מען האָט אונדז פאָטאָגראַפירט און אַרויסגעגעבן ספּעציעלע דאָ־קומענטן. די מיליטערישע ביכלעך זענען געווען אָן פאָטאָגראַפיעס.

6 פאַר טאָג האָט מען אונדז געפירט אין מיליטערישער אָרדענונג שטימען. דאָס שטימען איז צוגעגאַנגען לויט אַלע כּללים. ווער עס האָט געוואָלט האָט געקאָנט אַריינגיין אין אַ מיט קאָצן פאַרהאַנגענעם ווינקל און אויסמעקן פון דער ליסטע די קאַנדידאַטן, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט ווילן. אַנדערע האָבן דעמאָנסטראַטיוו אויף אַ בולטן אופן געוויזן דער וואַל־קאָמיסיע ווי אַזוי זיי שטימען, און די איבעריקע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ. אַ גאַנצן טאָג האָבן לאַסט־אויטאָס מיט גוטן און מיט בייזן גע־שלעפּט די אַלאַפּאַיעווסקער בירגער צו די וואַל־אורנעס. אַרום 6 פאַר נאַכט זענען זיי געפאַלן אויף אַ נייער המצאה ווי אַזוי ברענגען די בירגער צום שטימען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן טאַנץ־אָוונטן אין די דערבייִיקע צימערן פון די וואַל־אורנעס, באַגלייט מיט מוזיק. בופעטן האָבן געטיילט כּיבוד יעדן איינעם, וואָס איז געקומען שטימען. עס זענען אויך געקומען טאַנצן אַפילו די, וועלכע האָבן נאָך ביי טאָג געשטימט. אויך אין די באַנען, וועלכע פאָרן לאַנגע שטרעקעס, זענען געווען וואַל־אורנעס, ווי אויך אין די שפּי־טאָלן. אַזוי איז די באַטייליקונג געווען 98,7 פּראָצענט.

עטלעכע טעג נאָך די וואַלן האָבן מיר באַקומען די דעמאָביליזאַציע־קאַרטן. איך האָב געהאַט דערביי צרות און שרעק. מען האָט מיר, נעמלעך, געמאָלדן, אַז איך דאַרף צוצאָלן אַרום 3000 רובל פאַר געגנבעטע אָדער פאַרקויפטע קרויט, וואָס איך זאָל מכּלומרשט האָבן געבראַכט אַזש פון ריגע. די זאַך האָט זיך נאָך גרויס מי און מאַטערניש אויפגעקלערט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין נאָמען איז שטאָקפיש און נישט שטאָפּי־שין, אַן אוקראַיִנער מיט דעם נאָמען, מיט וועלכן איך האָב געהאַט פיל צוזאַמענשטויסן צוליב דער ענלעכקייט פון די נעמען. מיינע בריוו פלעגט

מען אים אָפּגעבן, און ער האָט זיי מיר נאָכן עפּענען געברענגט, ווייל זיי זענען געווען געשריבן דאָס רוב אין ייִדיש, אָדער פּויליש. דאַקעגן זיינע בריוו, וואָס מען האָט מיר על־פּי־טעות אָפּגעגעבן, פּלעג איך ספּעציעל עפּענען און לייענען, טראָץ דעם וואָס איך האָב באַלד באַמערקט דעם טעות. בעת איך בין געווען אונטערוועגנס ביים אָפּפירן די קריגס־געפאַנגענע, האָט מען 4 ענקאַוועדיסטן מיט שטאָפּישינען, אַלס נאַטשאַלניק, געשיקט קאָנוואָירן אַ וואַגאָן קרויט פון ריגע. זיי האָבן דערפירט ביז אַלאַפּאַיעווסק אפשר אַ האַלבן וואַגאָן און געטענהט, אַז מען האָט זיי אין לאַנגן וועג באַגנבעט. מען האָט זיי אָבער נישט געגלייבט און באַפוילן צו באַצאָלן 12 מאָל אַזוי פיל. זיי זענען אַלע נאָך דעם דעמאָביליזירט געוואָרן און ביי די 3 האָט מען אָראָפּגערעכנט זייער חלק. אָבער שטאָפּישין האָט, ווייזט אויס, כיטרע זיך אַרויסגעדרייט, ענדערנדיק זיין נאָמען אויף מיינעם און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין מערב־אוקראַינע. איצט האָבן זיי געוואָלט פון מיר איך זאָל באַצאָלן פאַר אים די שטראָף. עס איז מיר שווער אָנגעקומען אויפקלערן די זאַך.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע מיט מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ. זי האָט שוין געשוואַנגערט אין צווייטן מאָנאַט. און נאָר אַלס געזעצלעך פאַרשריבענע פרוי האָב איך זי געקאָנט מיטנעמען מיט זיך קיין פּוילן. מיר זענען, דעריבער, אַוועק אין „זאַגס" (וווּ מען רעגיסטרירט די ציווילע חתונות), זיך צו פאַרשרייבן אַלס מאַן און פרוי. אָבער ווען דער באַאַמטער האָט געהערט, אַז איך בין שוין 39 יאָר אַלט און מאַריאַ — 27, האָט ער דערקלערט, אַז עס איז אוממעגלעך מיר זאָלן נישט זיין פון פריִער פאַרהייראַט. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז איך ווייס שוין אויף זיכער, אַז מיין ערשטע פרוי מיטביידע קינדער זענען אומגעקומען ביי היטלערן. איצט וויל איך מיטנעמען די בירגערין קיין פּוילן אַלס מיין געזעצלעכע פרוי, באַזונדערס ווען זי דאַרף פון מיר געבוירן אַ קינד. עס האָט נישט געהאָלפן. ער האָט געפאָדערט איך זאָל ברענגען פון לובלינער מאַגיסטראַט אַ באַשטעטיקונג, אַז מיין פרוי לעבט נישט מער. איך האָב אים געפּרוווט איבערצייגן, אַז דער דעמאָביליזאַציע־דאָקומענט איז אויסגעשטעלט נאָר אויף איין מאָנאַט, און איך קאָן נישט וואַרטן אויף קיין ענטפער, ווייל דאָן בלייב איך שוין אין אַלאַפּאַיעווסק. מיר זענען אַוועק מיט גאָרנישט. איך האָב איר געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל אַלץ טאָן, כדי איר ברענגען קיין פּוילן. מיר האָבן זיך געזעגנט און מער זיך שוין נישט געזען.

ביים אויסשטעלן דעם באַן־בילעט האָב איך געפאָדערט ער זאָל זיין גילטיק ביז לובלין. דאָקעגן זיי האָבן געטענהט, אַז אויסער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד קאָנען זיי קיין באַן־בילעט נישט אויסשטעלן. זיי וועלן מיר געבן אַ באַן־קאַרטע ביז לעמבערג. דאָרט פאַרמירן זיך שוין עשאַ־לאָנען קיין פוילן.

איך בין געפאָרן קודם קיין מאָסקווע, ווו איך האָב געדאַרפט וואַרטן 2 מעת־לעתן אויף אַ צוג קיין לעמבערג. איך האָב געהאַט צייט צו באַזוכן די שטאָט „פון הערשאַפט און גבורה״, און קודם כל דעם באַרימטן מעטראָ מיט די באַוועגלעכע שטיגן. דאָרט האָב איך פאַרזען און נישט סאַלוטירט אַ לייטענאַנט. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ טישל אין מעטראָ־סטאַציע און געפאָדערט דאָקומענטן. זעענדיק, אַז איך בין אַ דעמאָביליזירטער סאָל־דאַט, האָט ער אויסגערופן: „כּל־זמן דו טראָגסט נאָך דאָס שטערנדל מיט די פּאַגאָנעס, ביסטו נאָך אַ סאָלדאַט אין דער „טעטיקער אַרמיי״ און דו מוזט סאַלוטירן יעדן אָפיציר. דעם לעצטן פריקאַז פון סטאַלינען האָסטו געוויס געלייענט, אַז אַפילו סערזשאַנטן, ווען זיי באַגעגענען זיך — דאַרפן זיי זיך קעגנזייטיק סאַלוטירן. געגוג מיט די מלחמהדיקע ווילדע זיטן. איצט פירן מיר צוריק איין די אמתע דיסציפלין אין דער רויטער אַרמיי״. אומזיסט האָב איך זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן, אַז כ׳בין געווען באַצויבערט פון דעם מאָסקווער מעטראָ, פון די מאַרמאָרנע ווענט, פון די יונגע און שיינע קאָנ־דוקטאָרשעס, און דער עיקר פון די באַוועגלעכע שטיגן, אויף וועלכע איך בין ביים ערשטן באַטרעטן זיי אומגעפאַלן און די העפלעכע מאָסקווער האָבן מיך געמוזט אויפהייבן. ווי אַ דעמאָביליזירטן זעלנער האָט ער מיך נישט געקאָנט באַשטראָפן. האָט ער מיט אַ זשילעטקע אַראָפּגעטרענט פון מיין היטל דעם רויטן פינפעקיקן עמאַלירטן שטערנדל און פון שינעל און גימ־נאַסטיאָרקע די רויטע פּאַגאָנעס. ער האָט זיי צוגענומען און געזאָגט: „איצט מעגסטו אַפילו אַ גענעראַל נישט סאַלוטירן, ביסט שוין אויס זעלנער״.

איך האָב באַזוכט אייניקע מאָסקווער מוזעומס. אין איינעם פון זיי האָב איך געזען 2 בילדער אין נאַטירלעכער גרייס פונעם גענעראַליסימוס סטאַ־לין און פון מאַרשאַל זשוקאָוו.ביידע געמאָלן פון באַרימטע קינסטלער אין זייערע גאַלאַ־מונדירן מיט אַלע אָרדנס און מעדאַלן. אויף זשוקאָווס ברוסט האָב איך אָפּגעציילט מיט איין מעדאַל מער ווי אויף סטאַלינס און געזאָגט צו מיין באַגלייטער, אויך אַ דעמאָביליזירטער זעלנער פון לעמבערג:

— סטאַלין וועט אים נישט שענקען דעם איינציקן מעדאַל, וואָס ער האָט מער פון אים. און אַזוי איז טאַקע געווען. איין יאָר נאָכן זיג איז מאַר־

שאָל זשוקאָוו פאַרשווונדן געוואָרן פון האָריזאָנט און צוריק דערשינען נאָך סטאַלינס טויט.

מיר האָבן באַזוכט די פוילישע אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, אויף דער גאַס אויפן נאָמען פון שרייבער אַלעקסיי טאָלסטאָי. דאָרט האָבן מיר געטראָפן פיל פוילישע בירגער, די מערהייט ייִדן, וועלכע זענען געווען אין וועג קיין פוילן. איך מוז מודה זיין, אַז די באַציִונג צו אונדז פון די אַמבאַסאַדע־באַאַמטע איז געווען אַ קאָרעקטע, באַזונדערס צו די דעמאָביליזירטע זעלנער. מיר האָבן באַקומען הלוואות פון אייניקע הונדערט רובל און אַן אָפיציעלן דאָקומענט מיטן הערב פון דער אַמבאַסאַדע, אין וועלכן זיי האָבן געבעטן אַלע קאָנסולאַטן און פוילישע רעפּאַטריאַציע־אַמטן צו פאַרלייכטערן די 2 דעמאָביליזירטע זעלנער שלמה שטאָקפּיש און ברוך חיים אַנצוקומען קיין פוילן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין לעמבערג, אין שטאָט האָט גע־הערשט אַ באַנייטע מלחמה־שטימונג צוליב אַ רעדע, וואָס טשערטשיל האָט געהאַלטן ערגעץ אין ענגלאַנד, אַז מען דאַרף צוימען רוסלאַנדס אַפּעטיטן און נישט לאָזן איר זיך אויסשפּרייטן איבער גאַנץ אייראָפּע. זעלנער און אָפיצירן זענען אַרומגעגאַנגען ווי אַן קעפּ, ווייל זיי האָבן דערוואַרט אַ שאַרפע שטראָף פאַר פאַשיסטישע אוקראַיִנישע באַנדיטן, די באַנדעראָוו־צעס, וועלכע האָבן באַוויזן אין לעמבערג צו דערמאָרדן סאָוויעטישע זעלנער און אָפיצירן, צו וועלכע זיי האָבן געשאָסן פון באַהעלטענישן. עס זענען, דעריבער, פאַרשאַרפט געוואָרן די געזעצן וועגן וווינונגען אין לעמבערג. אין לעמבערג זענען געווען מער צוגערייזטע סאָוויעטישע ייִדן, ווי לעמבערגער ייִדן, וועלכע זענען ביי היטלערן, פאַרניכטעט געוואָרן. עס האָבן געדראָאָט גרויסע שטראָפן פאַר לאָזן נעכטיקן צוגערייזטע, נישט מעלדנדיק דער מי־ליץ. מיין לעמבערגער חבר איז קוים געלונגען צו באַקומען ביי זייער הויז־וועכטערין אַן איינמאָליקן נאַכטלעגער אין איר קליין צימערל פאַר אונדז ביידן.

אין דער פרי האָבן מיר באַזוכט די פּילצאַליקע פוילישע אַמטן פאַר רעפּאַטריאַציע. זיי זענען אַליין געזעסן אויף די וואַליזעס און געוואָרט, אַז זיי זאָלן קאָנען פאָרן קיין פוילן. צוזאַמען מיט אַנדערע שוין פון פריִער אָנגעקומענע ייִדן האָב איך זיך געדאַרפט רעגיסטרירן צו פאָרן קיין פוילן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן צו באַווייזן, אַז איך בין אַ געוועזענער פוילישער בירגער. עס זענען געווען שטרענגע אָנווייזונגען

פון די סאָוויעטן, אָן אַזעלכע דאָקומענטן נישט שיקן מענטשן קיין פּוילן, ווייל פּיל סאָוויעטישע בירגער און מיליטער־לייט האָבן זיך געהאַט פאַרשריבן און אַפילו אַריבערגעפאָרן די גרענעץ קיין פּוילן און אַזוי אַרום זיך אַרויס־באַקומען פון סאָוויעטישן גן־עדן. אַדאַנק מיין גוטן פּויליש רעדן, און אַנ־געגעבענע סיבות פאַר וואָס איך האָב נישט קיין שום פּוילישן דאָקומענט, האָט מען מיך רעגיסטרירט און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע הונדערט ייִדן זענען מיר אַריבער די פּוילישע גרענעץ אין ראַוואַ־רוסקאַ. מיר האָבן זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף די מוראַדיקע גרוסן וועגן די מאָרדן, וואָס די פּוי־לישע באַנדיטן באַגייען קעגן ייִדן און סאָוויעטישע בירגער.

די גרענעץ־קאָנטראָל איז געווען זייער אַ שוואַכע און איך האָב באַ־דויערט, וואָס איך האָב נישט מיטגענומען מיט זיך מיין מאַריען. איך וואָלט זי געווען זייער לייכט אַריבערגעפירט די גרענעץ.

אַ סאָוויעטישער לייטענאַנט איז אַריינגעקומען אין יעדן וואַגאָן, נאָך דעם ווי דער צוג איז אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט סאָוויעטישע באַוואָפנטע זעלנער. ער האָט געפרעגט וויפל מענטשן זענען דאָ, צי מען פירט נישט מיט זיך קיין וואַלוטע, גאָלד אָדער אומלעגאַלע מענטשן. ער האָט אַריינ־געקוקט אין אַ ליסטע און אַלעמען דורכגעלאָזט, נישט זוכנדיק אַפילו צווישן די פּעקלעך. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין קראָקע, ווו עס האָבן שוין עקסיסטירט קיבוצים פון פאַרשיידענע ציוניסטישע ריכטונגען (חוץ פון די רעוויזיאָניסטן). זיי זענען טאָג און נאַכט געווען באַוואַכט דורך אייגענע באַ־וואָפנטע וועכטער, אַזוי ווי מען וואָלט געלעבט אין אַ פיינטלעך אָקופּירט לאַנד.

צו מאָרגנס זענען סטודענטלעך פון קראָקעווער הויכשול באַפאַלן מיט שטעקנס און שטיינער ייִדן, וואָס זענען געקומען קויפן אויפן מאַרק. ייִדישע זעלנער פון דער פּוילישער און רויטער אַרמיי, האָבן צוריקגעשלאָגן און ווען די מיליץ האָט געזען, אַז די סטודענטן כאַפּן קלעפּ, האָבן זיי צע־טריבן דעם עולם.

פון קראָקע האָט מיין וועג געפירט קיין וואַרשע... צו די חורבות, ווו ייִדן האָבן געפּרוווט אָנהייבן אַ ניי לעבן...

אינהאַלט

מיטן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה 7
די דייטשן פאַרנעמען לובלין 17
אויף יענער זייט בוג 25
אין קאָוועל 29
אין קיִעוו 37
צוריק אין קאָוועלער טורמע 55
אויפן וועג צו די דערציִונגס־לאַגערן פון דער נ.ק.וו.ד. 73
אין די דערציִונגס־לאַגערן 89
דער קריג־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד 107
אויף דער פריי 124
ייִדישע קריגס־געפאַנגענע 141
אויסטערלישע טיפּן פון קריגס־געפאַנגענע 156
איך ווער מאָביליזירט 169
אין דער רויטער אַרמיי 176
אין די יעליאַנסקע לאַגערן 183
אין די קאָנוואָי־אָפּטיילונגען פון נ.ק.וו.ד. 191
די באַפרייונג פון די קריגס־געפאַנגענע 204
איבער רומעניע און אונגאַרן 219
איך ווער דעמאָביליזירט 232